STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09176

HEYM UN VELT

Raphael Posner

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

רפאל פאָזנער

היים און וועלט

רפאל פאָזנער

היים און וועלט

פאַרלאַג איקוף ניו־יאָרק

RAFAEL POZNER

HEIM UN WELT

הילע: ערכאָוו
טעכנישער רעדאַקטאָר: ש. ליכטענשטיין
רעד. ל. ברענער

Copyright © 1966 by ICUF

Printed in Poland

Wydawnictwo „Idisz Buch" Warszawa, Nowogrodzka 5

Druk. RSW „Prasa", Tarczyńska 8. Zam. 5217

שרהן געווידמעט

פאַר מיטגיין דעם שווערן וועג באַרג־אַרויף

אַרײַנפֿיר

וואָס פֿאַרלאַנגען לייענער פֿון אַ פּראָגרעסיוון שרייבער? זיי ווילן, אַז ער זאָל געבן דאָס רעאַלע, דיווירקלעכקייט, דאָס אַלגעמיין מענטשלעכע, סאָציאַלע קאָנפֿליקטן, דאָס אמתע, ערנסטע, דאָס סאַטירישע און הומאָריסטישע; דער לייענער וויל נישט קיין פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון לעבן, ער וויל נישט, אַז אויך דער מאָלער זאָל אונדז געבן אַ פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון דעם, וואָס ער זעט און שאַפֿט.

דער לייענער וויל, אַז דער קינסטלער זאָל זען דעם מענטש; און די נאַטור אַנדערש ווי עס זעט דאָס דער טאָג־טעגלעכער מענטש.

אַ פּראָגרעסיווער שרייבער, אַפֿילו דער, וואָס מאַכט אַ לעבן פֿון אייגענער אַרבעט און פּראַצע, זעט די וועלט און די מענטשן אַנדערש ווי די פֿון גרויס־קאַפּיטאַל. יעדער פּראָגרעסיווער שרייבער, קינסטלער, מאָלער און פּלאַסטיקער, טראָגט עפּעס צו צום לעבן פֿון זײַט צײַט און זײַן דור, צום קיום און המשך.

ערגעץ אין זײַנע „רייזעבילדער“ זאָגט היינריך היינע: ...„דער אַלטער ליגט דאָרט באַגראָבן (אין דיסעלדאָרף ביים רייהן), ווען איך האָב אים געזען צום לעצטן מאָל, האָט ער (נאָך אויפֿן טויטן בעט) שטודירט טאָג און נאַכט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, טאָמער וועלן די ווערעם אויסגעפֿונען, אַז אים פֿעלן נאָך עטלעכע אידייען אין קאָפּ“...

דער פּראָגרעסיווער לייענער און שרייבער לייענט נישט און שטודירט נישט ווי דער אַלטער, וואָס ליגט דאָרט באַגראָבן. מיר זעען אַ רייך און רחבותדיק אַמעריקע. עס איז אָבער אויך אָרעם און פֿאַרוואָרלאָזט... און דאָס ברענגט אַרויס דער פּראָגרעסיווער שרייבער אין זײַן שאַפֿן.

אַ בוך פֿון אַ פּראָגרעסיוון שרייבער ברענגט אַרויס דעם אומיושר און די אומגערעכטיקייט, דערמוטיקט און וואַרעמט דעם האָרעפּאַשניק, דערוועקט האָפֿנונגען, ברענגט צו אים די פֿרילינג־פֿרייד און דאָס געלייטערטע ייִדישע וואָרט.

מיט חדשים שפּעטער ווי עס איז דערשינען מײַן בוך „אַ מענטש אין וועג“ האָבן איך באַקומען בריוו פֿון בראַזיל, קאַנאַדע, אויסטראַליע, מעקסיקע, פֿראַנקרייך, פּוילן און פֿון פֿיל שטעט אין לאַנד גופֿא. אייניקע בריוו האָבן אַנטהאַלטן בלויז עטלעכע ווערטער, אַנדערע — געציילטע שורות — יעדער בריוו האָט מיך דערפֿרייט, אַפֿילו די גאָר לאַנגע בריוו, וואָס האָבן אַנטהאַלטן קריטישע באַמערקונגען.

מענטשן, וועלכע איך האָב קוים געדענקט פון מיינע קינדער- און יוגנט-יאָרן, האָבן זיך אָפּגערופן, דערמאנט וועגן אינטערעסאנטע איבערלעבונגען, געווען שטאָלץ מיט מיין דערגרייכונג „ווי קומט דאָס צו אים? ווי ער איז דאָס אויסגעוואקסן"...

א סך געשטאלטן האָב איך פאראייביקט. די אלע צענדליקער בריוו ליגן ביי מיר אין אַרכיוו, ווייל זיי האָבן מיך געווארעמט און אָנגעפילט מיט שטאָלץ, וואָס א וועבער-ייִנגל פון „באַלוט" האָט פאַרצייכנט נישט נאָר אייגענע איבערלעבונגען, נאָר ארויסגעבראכט לעבנסבילדער פון מענטשן, וואָס דער נאציזם האָט פארגאזט.

אַ גאָר לאַנגן בריוו איז מיר אָנגעקומען פון ישראל פעפער, פון שיקאַגאָ, „מיר האָבן זיך פריער קיינמאָל נישט באגעגנט" — שרייבט ער — „איצט זענען מיר צוויי טויזנט מייל צעשיידט, איך האָב פיל ביכער געלעזן: קארל מארקס, שלום אַש, פראנצויזישע און דייטשישע, פון אמעריקאנער און פון אנדערע בארימטע פערזענלעכקייטן אין דער וועלט. אין חדש תחת השמש, מיר איז אָבער קיינמאָל נישט איינגעפאלן, אז איך וועל טרעפן מיין טאַטן און מיין שוועסטער אין אייער בוך באשריבענע. ווען איך האָב אָפּגעטראָגן אין דער שיקאַגער ביבליאָטעק שלום אשס א בוך, האָב איך גענומען „א מענטש אין וועג" און האָב פלוצעם באגעגנט מיין שוועסטער און פאָטער..."

„איר שרייבט אז באַלוט איז געווען א מדינה פאר זיך... האָרט שילדערט איר זיי אין נישט קיין שיינער ליכט..."

מיין פאָטער איז געווען א יודע ספר נישט אזוי ווי איר שילדערט אים... דאָס וואָס ער האָט געהאנדלט מיט נאפט, מילך און ווייַן מינערט נישט זיין — כבוד... מיין פאָטער איז נישט געווען אזא ווי איר באשרייבט אים, מיר האָבן געלעבט אין דחקות, מיין מוטער איז געווען א צדקת, מיין פאָטער קאָן מען אָבער נישט פארגלייכן צו מענטשן פון אָפּגרונט. מיין שוועסטער צווילינג, זי איז געבוירן געוואָרן מיט פינף מינוט פאר מיר — היטלער האָט זי דערהרגעט. איי, ווען דאָס געזונט דערלויבט מיר וואָלט איך געפלויגן צו אייך און זיך א ביסל אויסגעטענהט... נאָר אזוי ווי מיין זון געפינט זיך אין סאַן פראנציסקאָ, ער איז א גרויסער מענטש ביים אָנקל סעם, ער וועט קומען צו אייך".

„אין אייער צווייטן בוך זאָלט איר דערמאנען, אז מיין פאָטער איז אין יאָר 1896 געווען א דעלעגאַט אין באזעל צום קאָנגרעס. איך האָף, אז איר וועט מיין פאָטער בעסער באשרייבן..."

דעם 10 יוני שרייבט מיר קלמן מרמר.

[illegible]

[illegible]

טײַערער חבר רפאל פעדער,

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

פּראָפ. א. א. ראָבאַק שרייבט:



י. קאַציק פון פּעטערסאָן שרייבט:

„כ׳שיק דיר א האַרציקן דאַנק פאַר די פיינע דערינערונגען פון מיינע ברוינדיקע יוגנט־יאָרן אין לאָדזש — וואָס האָבן ווידער אויפגעוואַכט לייענענדיק דיין בוך“.

אין 1951 איז אין ניו־יאָרק אַרויס א בוך „געזאַמלטע שריפטן“ פון פּרץ אָפּאָטשינסקי. דאָס בוך האָט אַרויסגעגעבן זיין שוועסטער דינה אַפּער מיט איר מאַן אַרנפעלד. נאָכן דערשיינען פון מיין בוך „א מענטש אין וועג“ שרייבט זי צו מיר:

„איך האָב געלייענט אייער בוך און דורך דעם אויסגעפונען, אז דאָס שטעטל ליטאָמירסק — ביי לאָדזש האָט אַרויסגעגעבן צוויי שרייבער. איך האָב אַלעמאָל באַוויינט מיין שטעטל דערפאַר, וואָס איך האָב נאָך קיינמאָל נישט באַגעגנט קיין ייִדן פון ליטאָמירסק — פון זייט נאָכן חורבן... אין אייער בוך האָט איר שוין פאַראייביקט דאָס שטעטל אין דער ליטעראַטור“.

פּרץ אָפּאָטשינסקי איז געווען אן אָנגעזעענער ייִדישער שרייבער אין פּוילן, געבוירן מיט מיר אין איין שטעטל, דער נאַציזם האָט אים אומגעבראַכט.

פּרץ אָפּאָטשינסקי, דער מחבר פון „טעג אין דעם וואַרשעווער געטאָ“ איז מיינער א לאַנדסמאַן, געבוירן זענען מיר ביידע אין א פּיצינקע שטעטעלע ליטאָמירסק, פופצן וויאָרסט פון לאָדזש. אָפּאָטשינסקי איז אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ. אין זיינע שריפטן דערציילט ער וועגן די האַלץ און קוילן־סוחרים, וואָס ווערן נתעשר, וועגן שמוגלער, וואָס ווייסן נישט וואָס צו טאָן מיטן אָנגעקליבענעם געלט — „אין דער צייט, ווען קינדער גייען אויס פאַר א כזית ברויט“.

פון אלע בריוו, ווען זיי ווערן פאַרעפנטלעכט וואָלט אַרויסגעקומען א דיק אינטערעסאַנט בוך. שוין צען יאָר ווי דאָס בוך „א מענטש אין וועג“ איז דערשינען, די בריוו זענען אן אוצר, וואָס וואַרעמען און דערמוטיקן צום שרייבן דאָס, וואָס זאָל אַריינברענגען אין א סך ייִדישע היימען איבער דער גאָרער וועלט אויסדרוק פון פרייד, האָפענונג, דערמאַנונג און מאָנונג...

נסיעות און אימפרעסיעס

פרילינג און שניי

לאָס אַנדזשעלעס האָט געפרילינגט. ס׳האָט געשמעקט מיט פריש־אויפגעאַקערטער ערד און גרינגראָז. אַ גרינג מילד ווינטל האָט געשאָקלט די דינע צווייגן אויף די ביימער, וואָס האָבן זיך שלאַנק געצויגן צום טיף־בלוי פון הימל. די בלעטער אויף די ביימער האָבן געשורשעט, און איבער דער גאַנצער שטאָט האָט דאָס ווינטל אָנגעוויינט שמעקנדיקע ריחות. די קאַליפאָרניער פייגעלער זענען געשפרונגען פון צווייג צו צווייג, ווי זיי וואָלטן טאַנצנדיק און פריידיק געפראַוועט זייער געבוירנטאָג.

אין אַזאַ טאָג האָט אַ מענטש פאַרלאָזט די פרילינגדיקע שטאָט פון דער „גאָלדענער קאַליפאָרניע“ און איז אַרויפגעשטיגן אויף דער באַן, כדי אָנהייבן אַ רייזע איבער לענדער, אָקעאַנען און קאָנטינענטן. פריינד האָבן באַגלייט, געפאָכעט מיט טיכעלעך, געוואָרפן קושן און ווי דער מנהג איז — אָנגעזאָגט: פאָר געזונטערהייט און קוק מיט אָפענע אויגן אויף פעלקער, שטעט און לענדער! קום צוריק געזונט און וועסט דערציילן וועגן די מרחקים, וועגן מענטשן און וועלטן.

און אַז די באַן האָט גערירט און אַלץ איז געבליבן הינטער איר, האָבן אָנגעהויבן האַסטיק פאַרבייפליען אָזיערעס, לאָנקעס, דערפער, בערג און טאָלן. אינאיינעם מיט דער נאַכט איז אָנגעקומען אַ געדיכטער רעגן, וואָס האָט צום אָנהויב געגאָסן אָן אויפהער און איז באַלד פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ האָגל, וואָס האָט געקלאַפט אין די פענצטער פון וואַגאָן מיט אַ מאָדנעם מאָנאָטאָנעם ריטם. די אויגן האָבן זיך געקלעפט ביז זיי האָבן זיך געשלאָסן.

ווען מען האָט שפּעטער געעפנט די אויגן האָט זיך שוין אנטפלעקט אַ נייע פאַנאָראַמע: אין דרויסן, דורך די פענצטער פון וואַגאָן, האָט זיך געזען אַ ווייסער שניי וואָס האָט געבלאַנקט קעגן דער זון, באַהעלט די נידעריקע דעכער פון הייזער און ווייסער געמאַכט די ווייסע פרעירים.

אינגעווייניק, אין וואַגאָן, האָט אַ שלאַנקער מאַן געוועקט די האַלב=און גאַנץ=איינגעשלאָפֿענע פּאַסאַזשירן און אויפֿגעריסן די וויעס פֿון די דרעמלענדיקע פֿרויען אין זייערע שלאָף=שטולן. דער אַטלעטיש=געבויטער מאַן האָט געשריגן צום קאָנדוקטאָר: אָדער גיב מיר אַ געלעגער אָדער — מיין געלט צוריק! איך בין אַ מלחמה=וועטעראַן, געווען אין יאַפּאַן. מער גיי איך נישט אויפֿן פֿראָנט! ער האָט אַרויסגעזאָגט נאָך עטלעכע גראָבע ווערטער, ביז דער קאָנדוקטאָר האָט פֿאַר אים געגרייט אַ ווייך געלעגער. זיין צאָרן איז אָבער נישט איינגעשטילט געוואָרן. ער האָט אַלץ געשריגן: איך בין אָן אַרבעט, שוין זעקס חדשים ווי איך זוך אַ „דזשאָב“. גענוג! מער גיי איך נישט אין קריג!

די רייזע פֿון מערב קיין מזרח איז שנעל פֿאַרפֿלויגן. אויפֿן דריטן טאָג האָבן זיך דערזען די בישופֿנדיקע ניו=יאָרקער הימל=קראַצערס, א בלייענער הימל איז געהאָנגען איבער דער שטאָט, אַלץ פֿאַרכמאַרעט. מענטשן האָבן זיך געיאָגט מיט אימפּעט און מיט אומעט פֿאָרויס צום סוף טאָג, וואָס איז אָפּגעטראָטן פֿאַר דער נאַכט.

ניו־יאָרקער מיניאַטורן

ביים איסט ריווער

לויט דער געשיכטע פון אַמעריקע, פון ניו־אַמסטערדאַם און ניו־יאָרק האָבן מיט דריי הונדערט יאָר צוריק ביים ברעג פון מזרח טייך „איסט ריווער" — געוווינט אינדיאַנער, וואָס האָבן געלעבט פון יאַגד און זיך באַשעפטיקט מיט אויסאַרבעטן פּרימיטיווע כלים און געצייג. נאָכדעם זענען דאָ פאָרגעקומען שווערע שלאַכטן, וואָס האָבן אויסגעשמידט די זיגן פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע און די אָפּהענגיקייט פון די שטאַטן.

פריער האָט דאָ געהערשט דער האָלענדישער לאָמער טיראַן און אַנטיסעמיט פּיטער סטייוועסאַנט, וואָס האָט נישט געוואָלט אַריינלאָזן קיין ניו־אַמסטערדאַם די ערשטע 23 יידן, וואָס זענען געקומען אַהער מיט דער „סט. טשאַרלס" שיף פון רעסיפאַ, בראַזיל...

שפּעטער איז איסט ריווער פאַראייביקט געוואָרן אין דער יידישער ליטעראַטור פון דעם קלאַסיקער שלום אַש. יידישע לייענער געדענקען נאָך ווי די געגנט ביים איסט ריווער איז געווען פון די אָרעמסטע און אָפּגעלאָזנסטע טיילן. אין שטויב און אין קויט האָבן זיך דאָ געמערקט און געפּרוכפּערט פאַרוואָרלאָזטע קינדער פון אָרעמע עלטערן.

היינט טרעפט איר ביים ברעג מענטשן פון פאַרשידענע פעלקער, וואָס גייען אָנגעטאָן אין זייערע נאַציאָנאַלע קליידער און רעדן אויף זייערע לשונות... דאָ געפינט זיך די פּרעכטיקע געביידע פון די פאַראייניקטע פעלקער — „יונייטעד נעישאַנס".

אַ געביידע מיט אַ סך זאַלן. יעדער זאַל אויסגעשטאַט פון אַן אויסלענדישער מלוכה: און „דעזיינט" (אַרכיטעקטאָריש אויסגעבויט און אויסגעצירט) לויט זייער נאַציאָנאַלן אייגנאַרט. דאָ זעט איר: גריכישע סטאַטועס, פראַנצויזישע טעפּיכער, פאָרהאַנגען, מתנות פון שוועדן, דענעמאַרק, ישראל.

אָט זענען די פּרעכטיקע זאַלן פֿון „טראַסטישיפּ“, פֿון סאָציאַלן און עקאָנאָמישן ראַט, דער הויפּט־זאַל פֿון דער „אַסעמבלי“ (אַלגעמיינע פֿאַר־זאַמלונג) און אַלץ ברייט און גראַם.

קונסט־מאָלעריי, „מיוראַלן“, פֿרעסקעס. דער נאָרוועגישער מאָלער פּער קראָהאָ, אַ מאָלעריי פֿון צען קאַפּיטלען, וואָס שטעלן פֿאָר די גע־רעכטע און פֿרידלעך־פֿאַראייניקטע וועלט פֿון מאָרגן...

מיוראַלן פֿון שפּאַנישן קינסטלער כאָסע וועלאַזאָנטי, וואָס געפֿינען זיך אין דער קאָנפֿערענץ־געבײַדע, פֿאַרכאַפּן מיט זייער קאָליר און מיט די אידעען, וואָס זיי דריקן אויס. דאָס זענען בילדער וואָס סימבאָליזירן די מידע אַנגעשטרענגטקייט פֿון אַ צערודערטער וועלט, וואָס גאַרט נאָך שלום. מען זעט בולט און אין דער וויזיע צעבראָכענע פֿאַמיליעס דורך דער מלחמה, אַ מאַרש פֿון לעבנגעבליבענע אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן. אַן אײַנדרוקספֿולער „פּאַנעל“ ווײַזט אײַך ווי די „אַרבעטער בויען אַ נײַע וועלט“ מיט דער הילף פֿון דער „יוען“.

די וועגווײַזעריז, וואָס פֿירט אַרום די טוריסטן דערציילט: די „יוען“ פֿאַרנעמט אַ שטח פֿון 18 אַקער לאַנד, פּופּצן באַרימטע אַרכיטעקטאָרן האָבן פּלאַנירט די פּרעכטיקע און מאַסיווע בנינים. אויפֿן ווינקלשטיין פֿון דער „יוען“ זענען אויסגעקריצט די ווערטער „יונייטעד נעישאַנס“ אין רוסיש, שפּאַניש, כינעזיש, ענגליש און פֿראַנצויזיש. (די שפּראַכן פֿון די פֿעלקער מיט „וועטאָ־רעכט“) דאָס אויפֿבויען פֿון דער „יוען“ האָט אָפּגע־קאָסט אַכט און זעכציק מיליאָן דאָלאַר, וועלכע ס'האָבן בײַגעשטײַערט אַלע מיטגלידער.

דער זאַל פֿון דער אַסעמבלי האָט מער פֿון צוויי טויזנט זיץ־פּלע־צער; קאַרגע דרײַ הונדערט פֿאַר ספּעציעלע חשובֿע געסט, 234 פֿאַר דער פּרעסע און אַכט הונדערט פֿאַר באַזוכער.

אויף יעדן בענקל געפֿינען זיך טרײַבלעך, וואָס „רעדן“ אין אַלע פֿעל־קער־שפּראַכן. אין סעקרעטאַריאַט קומען אָן טויזנטער בריוו אויף אַלע שפּראַכן. מענטשן פֿון דער גאָרער וועלט שרײַבן, קומען מיט עצות און פֿאָרשלאָגן, מערסטנס זענען די עצות וועגן אויסמײַדן קריג...

טויזנטער פּרויען און מענער דינען אין סעקרעטאַריאַט פֿון די פֿאַר־אייניקטע פֿעלקער. דאָ איז אויך דאָ אַ טעלעוויזיע, וואָס טראַנסמיטירט צו די פֿעלקער פֿון דער וועלט. אַלץ איז אונטערן אויפֿזיכט פֿון „יוען“.

די דעקלאַראַציע פֿון דער יוען:

„מיר, די פּאַראייניקטע פעלקער פון דער וועלט זענען אנטשלאָסן צו ראַטעווען די קומענדיקע דורות פון מלחמה, פון אומגליק, וואָס האָט צוויי מאָל אין אונדזערע יאָרן געבראַכט אַזויפיל ליידן דער מענטשהייט“.

מען הערט דאָ אויך די „רעדע“ פון גענעראַל־סעקרעטאַר האַג האַמערשעלד (ער איז שוין נישטאָ, נאָר זיין שטים הערט מען): „איך האָף, אַז איר וועט פון דעם באַזוך אַוועקטראָגן אַ גרעסערן אינטערעס פאַר דער אָרגאַניזאַציע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן פאַר דעם נאָבלסטן ציל פון דער מענטשהייט“.

אין פראָנט פון די געביידעס באַלויכט די זון די פיל־פעלקערלעכע פאָנען, וואָס פלאַטערן קעגן זון־באַגאָסענעם „איסט ריווער“. דאָס אויג פאַלט אויף אַ „פאַנטאַן, „אַ מתנה פון אַמעריקאַנער קינדער פאַר דער „יו.ען“.

ווען מען פאַרלאָזט די פרעכטיקע זאַלן ווערט מען פול מיט שיינקייט, וואָס האַרמאָניזירט מיטן דרויסן.

נאָך עטלעכע גאַסן ווייטער און מען געפינט זיך אין סאַמע קאָך פון מאַנהעטן־אינדזל ראַדיאָ סיטי, מוזיק האָל, ראָקפעלער צענטער, ריזיקע געשעפטן, וויטרינעס. ווידער אַ געלויף און אַ געדראַנג פון מענטשן. אַלע יאָגן זיך נאָך געלט און גליק.

נישט ווילנדיק ווילט זיך אויסשרייען: מענטש אייגער! וואָס יאָגסטו, פאַרוואָס רוסטו זיך נישט אָפּ אויפן אינדזל פון קונסט? מענטש אייגער, באַטראַכט די פרעכטיקע מיוראַלן פון לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי, מייקל אַנדזשעלאָ, ראַפאַעל, פון מעקסיקאַנער דיעגאָ ריוועראַ! זייערע ווערק באַצירן די ווענט פון טעמפּלען וואָס געהערן צו מאַגנאַטן, זיי זענען רייכער פון מיליאָנערן, אייביקער פון זיי, ווייל זיי האָבן קינסטלעריש געגעבן און פאַראייביקט דעם מענטש פון פראַצע און מי, מענטשן געבונדענע אין קייטן, געשמידטע אין רינגען און מיט געבויגענע רוקנס, אָבער מענטשן פון אַרבעט, מיט מוטיקע און ליכטיקע אויגן, וואָס קוקן, ווייט, ווייט און זעען די גליקלעכע צוקונפט.

„אין סאבוועי“

אַ שפּעטע נאָכמיטאָג=שעה. די גאַסן זענען געפּאַקט מיט לאַסטאויטאָס. דער גערודער אויף די גאַסן ווערט אַלץ געדיכטער. דער גרויסער און פאַרביקער כרך פאַרענדיקט אַ שווערן טאָג פון פּראַצע און די פאַרהאָרעוועטע מענטשן איילן זיך צו זייער היים און רו.

די סאבוועי איז אָנגעפּראַפּט מיט מענטשן, וואָס זענען צענויפגעפּרעסט, ווי בינטלעך שטרוי. אין וואַגאָן איז די לופט טוכלע. ביי יעדן אָפּשטעל אויף אַ סטאַנציע בייט זיך די טוכלעקייט און באַקומט אַן אַנדער ריח. איין קופּע מענטשן שטופּט זיך ארויס דורך די טירן און אַן אַנדער קופּע שטופּט זיך אַריין. מענטשלעכע אויגן זוכן אַ זיץ=פּלאַץ. אָט לויפן אַ מאַן און אַ פרוי צו אַ ליידיקן פּלאַץ און אַן אַנדערער פאַרכאַפּט אים...

דאָס אויג פאַלט אויף אַ יונגער עלעגאַנט=געקליידטער פרוי. אירע שיכעלעך — דורכזיכטיקע ווי פון גלאָז=פּאַפּיר. אַ גאָלדן קייטעלע גלאַנצט אַראָפּ פון איר פוס. אין איין האַנט האַלט זי אַ בייטל פון בעסערן סאָרט. וואָס טוט אַזאַ אין דער סאבוועי? פאַרוואָס פאָרט זי נישט אין אַ לימוזין? אַ מידקייט ליגט אויסגעגאָסן אויף איר קערפּער און אירע „אונטערגעפירטע“ אָדער אונטערגעמאָלענע אויגן קלעפּן זיך. אָט עפענען זיי זיך און אָט פאַלן זיי צו מידע. זי איז מסתּם מיד פון אַ טאָג ארבעט אין אָפיס. זי זיצט פון איין זייט נעבן אַ יידן אין אַ רבנישן קאַפּעליוש, וואָס קוקט אין אַ יידישער צייטונג און ביי איר צווייטער זייט — אַן אַרבעטער, וואָס קוקט אַ צופרידענער אויף אירע בלאָנדע בלישטשענדיקע האָר, ווען זי, די דרימלענדיקע, שפּאַרט אָן נישט ווילנדיק איר קעפּל אויף זיינע פּלייצעס. דער ייד ווידער שאָקלט מיט זיין שוואַרץ=זיידענער באָרד, בעת דער וואַגאָן גיט זיך אַ שאָקל און זי באַרירט אים מיט אירע זיידענע האָר=פּעדים, וואָס כוואַליען זיך אין דער טוכלער לופט פון דער עלעקטרישער „פּען“.

די סאבוועי=באַן יאָגט אין פינצטערן טונעל פאַרביי שוואַרצע ווענט. אַמאָל רייסט זיך אַריין אַ גרויער ליכט=פאָדעם און פארשווינדט ווי אַ בליץ. אַז די באַן שטעלט זיך אָפּ מיט אַ גריליץ, ווערן די נערוון צעשרויפט. די פרוי מיט די זיידן=בלאָנדע האָר עפנט די וויעס, רייסט זיך אָפּ פון דער באַנק און לויפט אַרויס איידער די טיר פאַרהאַקט זיך.

אין וואגאָן שלייכט זיך אַריין אַ יונגער מענטש מיט אַן אָפּגעהאַקטן פוס, קאָנטיק פאַרלוירן דעם פוס אין לעצטן קריג. דער ליידיקער הויז וויגט זיך הין און צוריק. ער טאַנצט אונטער מיט דער קוליע און טיילט יעדן פאַסאַזשיר קאַרטלעך, היסטאָרישע בילדער, פאַנאָראַמעס, און „טאַנצט" אַוועק אין צווייטן וואגאָן. ווען ער קערט זיך אום צוריק און באַקומט אַ מטבע, באַווייזט זיך אַ צופרידענער שמייכל אויף זיין פנים. אויב ער באַקומט גאָרנישט, באַווייזט זיך אַ קרומע גרימאַסע ארום זיינע מויל=ווינקלען.

נאָך אים קומט אַ בלינדער, וואָס שיקט זיין שטעקן פאָראויס און עס דאַכט זיך, אַז ער וויל שרייען: מאַכט א ווארע פאַר אַ מענטשן, וואָס האָט אויגן און קאָן נישט זען די שיינקייט פון וועלט און באשאף! ער איז הויך, דער בלינדער, דאַר, און טראָגט שוואַרצע ברילן. די אויגן — ווי זיי וואָלטן געווען אָפּן און קוקן שטאַר... ער האַלט אין האַנט א בלעכן קווערטל, קלאַפּט, קלימפּערט מיט די מטבעות און אַז העגט ווארפן אַריין דאָס קופּער אָדער זילבער שעפּטשעט ער עפּעס דאַנק=ווערטער.

יעדעס מאָל ווען די באַן האַלט זיך ביים אָפּשטעלן באַהאַלט דער בלינדער דאָס קווערטל, שטופּט עס אַריין טיף אין קעשענע און פאַרשטעלט די קעשענע מיט דער רעכטער האַנט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט פאַר אַן עין הרע... און אַז די באַן בלייבט שטיין שאַרט ער זיך ווידער מיט פאַמעלעכע טריט, שיקט דעם שטעקן פאָראויס און קלאַפּט מיט דער פאַרזשאַווערטער קוואָרט ביז ער דערפילט בחוש, אַז די באַן האַלט זיך ביים אָפּשטעלן און ער באַהאַלט זיין בלעכן „בעטערל", וואָס דאַרף אים ברענגען „גליק" און איז דער קוואַל פון זיין חיונה...

„טאַימס סקווער"

„טאַימס סקווער" איז פּאַריז, בערלין, רוים — פּליוס אַמעריקע! באַגאָסן מיט פאַנטאַסטיק און כישוף, אַ רעגנבויגן פון נעאָן-ליכט און אַ געמיש פון לשונות און דיאַלעקטן.

דאָ ברידערן זיך פעלקער און נאַציעס, ראַסן און לשונות. עס הודזשעט און ס'ברויזט. לאַסטאויטאָס טראַסקען אין די אויערן פון מענטשן-געווירבל. מען שפּאַצירט דאָ געמיטלעך און מען יאָגט זיך נישט.

דורך מיין האָטעל-פענצטער זע איך אַ שטיק טאַימס סקווער. ס'איז שפּעט אין דער נאַכט. באַדינער פון רעסטאָראַנען שטעלן אַרויס אין גאַס שווערע קאַנען. צו די אויערן דערטראָגט זיך ס'געקלאַנג פון לעפל-גאָפּל, מעסער-טעלער, אַז מען קוקט אַרויס זעט מען אַ ברעקל הימל, וואָס שלייכט זיך דורך די הויכע מויערן און די מאַסיווע ווענט. ווען ס'אויכאַפּט אויף אַ ברייטערע שפּאַרע צווישן איין מויער און דעם אַנדערן זעט מען שוין אַ שטיק ניו-יאָרק...

טאַימס סקווער לאָזט נישט שלאָפן. גייט מען אַראָפּ אויף אַ שפּאַציר און מען קוקט אויף אַלץ מיט נייגער. דער מוח זאַפּט איין פּאַסירונגען, שאַרכן, וויבראַציעס. אַ טאַקסי לאָזט אַרויס פון טיר אַ גרופּע מענער און פרויען, וואָס זעען אויס שיכור און פריילעך... ביים ראָג 24-טע גאַס ליגט אַ מענטש אין אַ ווינקל פון אַ פאַרמאַכט געשעפט, מענטשן גייען פאַרביי און קוקן זיך אַפילו אויף אים נישט אום...

זיין צוקאָפּנס — אַן אַלטע צייטונג. דער גוף איז אויסגעצויגן אויפן האַרטן טראָטואַר און די פיס דערגרייכן דעם ברודיקן אַספאַלט. ער איז נישט שיכור ווי די טאַקסי-פּאָרער נאָר מיד, עלנט, איינזאַם...

מען שפּאַנט ווייטער און מען ווערט פאַרכאַפּט פון צויבערדיקן בלענד עלעגאַנט-געקליידעטע מענער און פרויען שטייגן אַרויס פון אַ לאַנגן שווארצן לימוזין און לאָזן זיך קאָקעטיש צו דער טיר פון נאַכטקלוב. אַ באַדינער פּראַלט פאַר זיי אויף די טירן, אינעווייניק הערט זיך דאָס קול פון זינגער און דער נעקלאַנג פון ווין און שאַמפּאַן-גלעזער... ס'שמעקט דאָ מיט נאַכט און מיט לוקסוס...

צווישן דער עמיגראַנטישקייט

וועסט עווענױ. בײַ די 64־65 גאַסן. אָפּגערוקט פֿון רױשיקן טאַימס סקווער און פּאַרק עווענױ, וווּ שוואַרץ־גלאַנציקע לימוזינען, פֿירן „אײדעלע דאַמען און הערן“. דאָ וווינט שוין די געדיכטע האָראָפּאַשנע אָרעמקייט. אין קעלערן, עטלעכע משפּחות אין אָנדערהאַלבן אָדער אין איין צימער און זײ רעדן זייערע היימישע שפּראַכן, איטאַליעניש, שפּאַניש... לעבן די הײַזער גראַשנדיקע געוועלבלעך, וואָס דערמאָנען אין אייראָפּע פֿון פֿופֿציק יאָר צוריק.

דער טאָג איז הייס און שטיקנדיק, האַלב־נאַקעטע קינדערלעך רויען זיך אין מיסט־קאַנען. פֿרויען קוקן אַרויס פֿון די פֿענצטער, באַגריסן אײנע די אַנדערע און דערציילן זיך נײַעס פֿון טאָג. אײנע ברעכט מיט די הענט... אן אנדערע טײַטלט מיט די פֿינגער אויף אַ מיידל, בײַ דער שוועל, וואָס ווינקט זיך קאָקעטיש אין די היפּטן. דאָס פּנים פֿון דער אָנצײַגערין דער־ציילט אויס א סוד, וואָס איבערראַשט איר צוהערערין...

אויפֿן ראָג בײַ א „קענדי סטאַר“ שטייען עטלעכע יונגעלײַט, זוכן עמעצן צו פֿאַרטשעפּען. אַ שווער־לײַביקע פֿרוי גייט פֿאַרבײַ. זי פֿראַכט ווי אַ דיקע גאַנדז, פּאָכעט מיט אַ פֿעכער און ווישט זיך דעם שווייס. עמע־צער פֿון דער כאַפּטע יונגעלײַט זאָגט עפּעס און זי שיט אויס אַלע אירע צרות אויף זייערע קעפּ...

דורך די אָפֿענע פֿענצטער און אויפֿגעפּראַלטע טירן טראָגן זיך ריח'ת פֿון געווירצטע מאכלים און טוכלע לופֿט. עלטערע מענער און פֿרויען, וואָס זיצן אויף די „סטופּס“ רעדן מיט נאָסטאַלגיע וועגן „גוטן“ לעבן, אַמאָל, אַמאָל, אין דער אַלטער היים.

אַ רייזע אין דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט

טעג אין פראַנקרייך

די פּלאַטפאָרמע, וואָס פאַרבינדט דעם דרויסן מיט דער שיף, איז שוין האַלב אָפּגעבונדן. אַ פּאָרל לויפט נאָך פאַרסאַפּעט און שרייט: „האַלט!“ נאָך אַ רגע און זיי וואָלטן פאַרשפּעטיקט.

עס איז אַ שיינער, וואַרעמער טאָג. פונעם פּאָרט, ווו די שיפן שטייען געאַנקערט, פילט זיך אַ זויערקייט. די מוזיק, בעת די שיף פאַרלאָזט דעם האַפן, גרילצט הויך, הויך און לוסטיק. באַלד דערהערט מען דעם ערשטן, צווייטן און דריטן סיגנאַל. מענטשןווישן די טרערן, וואָס קומען פון עמאָציאָנעלער אויפרודערונג און פון מחשבות, וואָס טויכן אויף. די שיף רירט און פּאַמעלעך רוקט זי זיך אָפּ פון האַפן. די הימלקראַצערס ווערן קלענער, קלענער. די שלעפּ-שיפלעך, וואָס האָבן די „פּלאָנדער“ אַרויסגעפירט פונעם פּאָרט, געזעגענען זיך און די מעכטיקע שיף אקערט די כוואַליעס. מעוועס פליען נאָך, קראַקען מיט גרויס געפילדער יאָגנדיק זיך נאָך שפּייז, וואָס ווערט אַרויסגעוואָרפן פון דער שיף. איינע רייסט דעם ביסן פון מויל ביי דער אַנדערער.

די קאַבינע איז באַקוועם — א בעט אויבן, אַ בעט אונטן, הייס און קאַלט וואַסער, געצוים, ליכטיק און ציכטיק. די קאַבינע איז אויפן נידעריקסטן שטאָק. דורך דעם רונדיקן פענצטערל זע איך די שוימיקע כוואַליעס, וואָס ווערן געשניטן מיט דער שאַרף פון דעם שיף-שנאָבל.

איך האָב זיך געקאָנט אויסקלייבן צו זיצן ביים טיש מיט אמעריקאַנער אָדער פראַנצויזן. כ'האָב זיך געזעצט מיט די לעצטע. ביים טיש האָבן מיר אין אָנפאַנג גערעדט מיט די הענט, נאָר אַזוי שנעל, ווי איך האָב געלאָזט פאַלן דאָס ערשטע וואָרט אין דער פראַנצויזישער שפּראַך, האָט מען מיך דערמוטיקט, אינספּירירט אַזוי, אז מיט יעדן טאָג איז מיין וואָקאַבולאַר געוואָרן רייכער, און דרייסטער איז געוואָרן מיין רעדן.

א הויכער, ברייטפּלייציקער, גוטמוטיקער איטאַליענער רעדט אָפּט וועגן דער שיינקייט פון די איטאַליענישע פרויען, וואָס אין אַמעריקע זעט מען עס נישט, ווייל „דאָס וואָס זיי אין אמעריקע פאַרלירן אין שיינ־קייט, געווינען זיי אין וואָג...“ ער פאָרט צוריק אהיים. ער איז שטאַרק פאַרביטערט.

ניו־יאָרק איז „מיזעראבל“ — זאָגט ער, שוין א האַלב יאָר ווי ער איז אָן אַרבעט, קוים געבליבן געלט אויף א שיף־בילעט. מער וועט ער די שוועל פון אַמעריקע נישט אריבערטרעטן. די פרויען — נאָר גיב זיי געלט, וועלן זיי חתונה האָבן. דאָרט, אין איטאַליע, קאָן ער קריגן די פיינסטע פרוי, וואָס וועט ארבעטן, האָבן קינדער. ניו־יאָרק — פע...

אַ דייטשקע און אַ דייטש

די זון גייט־אויף, פּאַמעלעך קומט זי אַרויס פונעם אַטלאַנטיק. דער ים איז רואיק און עס מיניען זיך נייע קאָלירן: אַט זענען זיי בלוי־גרין, אָט קרישטאָל־לויטער, אָט פּורפּור־וויים, און אָט איז דאָ דער הימל אין בלויקייט איינגעטונקען. צאַרטע, שטילע מוזיק הערט זיך אינעם פרימאָרגן דורך די עמפּליפּאיערס.

אויפן צווייטן טאָג האָב איך שוין געוווסט, אַז דאָ געפינט זיך אַ שפּיטאָל, דאָקטוירים, קראַנקן־שוועסטער, אַ „רעדאַקציע", וואָס גיט אַרויס יעדן פרימאָרגן אַ „צייטונג" אין צוויי שפּראַכן און אַ דעפּאַר־טאַמענט־סטאַר, וו מען קאָן איינקויפן די טייערסטע זאַכן און די בעסטע געטראַנקען...

דער ים האָט שפּעט אין דער נאַכט זיך צעשטורעמט, איבערגעקערט אַלץ וואָס איז נישט געווען צוגעפּעסטיקט. איך האָב זיך פּאַמעלער, דורך אַן אויסרייד, אַריינגעגנבעט אין ערשטן קלאַס. אַזאַ לוקסוס האָבן מיינע אויגן נאָך קיינמאָל נישט געזען. „דאָס איז דאָך דער שענסטער פּאַלאַץ", האָב איך צו זיך גערעדט. גרויסע פּרעכטיקע זאַלן, מיט די טייערסטע טעפּיכער אויף די דילן, מיוראַלן און טייערע שפּיגלען אויף די ווענט. אַלץ שמעקט מיט די טייערסטע פּערפומען. נאָר מיר ווייזט זיך אויס, אַז דאָ לאַנגווייליקט מען זיך. אין דעם „באַר" איז גאָר פרייליך. עס גיסן זיך די פלעשער שאַמפּאַניער, די בעסטע ווייִנען. אַ שיף איז אַ שטאָט פאַר זיך. די פון רייכן קלאַס הולטאַיעווען און די פון אָרעמען טוריסטן־קלאַס, טראַכטן: „וואָס וועט זיין נאָך דער רייזע?..."

נעבן מיר וואַקסט־אויס אַ פרוי, אַ דייטשקע. זי איז געווען אויף אַ באַזוך אין אַמעריקע. זי איז באַהאָנגען מיט אוירינגלעך, מיט אַ האַלדזבאַנד פון די טייערסטע שטיינער, בריליאַנטן און דיאַמאַנטן. עס טראָגט זיך פון איר דער גערוך פון ליקער. „איך בין נישט באַזויפן", זאָגט זי און לאַדט מיך איין אויף אַ טרונק... פון פּאַריז פאָרט זי אַהיים נאָך דייטשלאַנד.

ווען איך באַטראַכט די שמאַראַגדן, וואָס זי טראָגט אויף זיך, דער־מאָנט זיך מיר אין עפּעס... „איך ווייס גאָר נישט פון דעם וואָס דו זאָגסט, אַז די דייטשן האָבן אומגעבראַכט ייִדן. מ׳האָט זיי נישט אויפ־געגעסן... אייכמאַן, דאָס איז א פאַרשווערונג. וואָס וועט שוין זיין, אַז מ׳עט אים הענגען?“

עס שטעלט זיך צו אַ דייטש, אַ „האַנדלס־מאַן“ מיט אַ רויט־רונדיקן פּנים, קליינע אייגעלעך, וואָס שטעכן ווי שפּיזן, מיט אַ נידעריקן גראָבן האַלדז, פעטע קורצע הענט, רויט־פאַרלאָפענע אויגן און רעדט נישט קיין שיינע רייד אויף ייִדן...

— „אַז דו וועסט נישט פאַרמאַכן דיין פעטן חזירישן פּיסק, וועל איך דיר צעקלאַפּן די מאָרדע! דאָ ביסטו אויף אַ פראַנצויזישער שיף. איינס און צוויי פליסטו אין ים אַריין, ווו די פיש וועלן דיך האָבן פאַר א געשמאַקן ביסן. שוין טראָג זיך אָפּ פון דאַנען, דו...!“

אַזוי האָט גערעדט צו אים דוד, דער ברייט־פּלייציקער, הויכער בייטל־מאַכער פון פאַריז, וואָס איז געווען מיט מיר. געמיינט האָט ער ביידע...

די שיף האָט זיך א וואַקל־געטאָן, דער ים האָט זיך צעברויזט, איך בין אַן אויפגערעגטער אַריין אין מיין קאַבינע און דערציילט וועגן דעם לעבן און לוקסוס אינעם ערשטן קלאַס. דער איטאַליענער האָט געביילט א פּויסט און געזאָגט:

„איך האָב דאָרט באַדאַרפט זיין...!“ די שיף האָט שוין דורכגע־מאַכט אַ האַלבן וועג. א געדיכטע כמאַרע האָט באַדעקט דעם הימל. אַ טייל פּאַסאַזשירן באַפאַלט א שרעק. דער האָגל קלאַפּט ווי שטיינער. דער שיף־קאַפּיטאַן האַלט אין איין סיגנאַליזירן. ער האָט מסתמא מורא עס זאָל נישט אָנקומען עפּעס אנטקעגן... די כוואַליעס וואַרפן די דריי־סיק טויזנט־טאָניקע שיף ווי אַ שפּילעכל, ווייניק מענטשן באַווייזן זיך צו די מאָלצייטן. עס בליצט און עס דונערט. אין עס־צימער איז אַלץ צוגעפּעסטיקט און צוגענאַגלט — די טישן און בענקלעך צום דיל, און דאָס עס־געשיר צו די טישן. עטלעכע פלעשער ווייַן און גלעזער פאַלן מיט אַ בראַזג די „גאַרסאָנס“ קומען אָן מיט זייער באַדינונג ווי די זון וואָלט געשיינט און דער ים — לויטער.

די שיף־ציַיטונג האָט אָנגעזאָגט, אַז דער סאָוויעטן־פאַרבאַנד האָט ארויפגעשאָסן דעם ערשטן מענטש אין די הימלישע רוימען. עס איז געוואָרן א וואַרעמע דיסקוסיע. די אַמעריקאַנער זענען בייז! „פאַר־

וואָס האָט אונדזער לאַנד דערלאָזט צו אַזאַ פאַרשוועכונג?" דער, וואָס האַלט אין האַנט אַ בוך „אַנאַ קאַרענינאַ" איז זייער בייז און קריטיש: „זיי, דאָרט, האָבן דערפונדן דעם ערשטן „ספוטניק" און איצט האָבן זיי אַרויפגעשאָסן דעם ערשטן מענטשן אין די הימלישע ספערן". אַ צווייטער, וואָס האַלט אַ בוך „בערלין—האיערי" פון וויליאַם ל. שאירער זאָגט: „ווי עס זעט אויס, האָבן מיר פאַרשפּילט מיט די רוסן אין דער וויסנשאַפט, ווייל אין אַמעריקע לייגט מען נישט קיין אַכט אויף דער שטודירנדיקער יוגנט. די וואָס ווילן לערנען האָבן נישט די מעגלעכקייט, און די וואָס האָבן געלט און אַלדאָס גוטס, ווילן נישט לערנען, מיר וועלן זיי קיינמאָל נישט אָניאָגן".

ווײַערא

אַ נײַער טאָג, אַ קלאָרער זון־אויפגאַנג, אַ שטילער ים, אַ בלויער הימל. אַלץ איז אויסגעוואַשן, אויסגעצוואָגן. דער אַטלאַנטיק גלאַנצט ווי אַ שפּיגל, ריזיקע פֿיש „טאַנצן" אַרויס אין דער לופֿטן, מאַכן קונצן, ווי זיי וואָלטן זיך אויך געפֿרייט מיט דער געמיטלעכקייט פֿונעם פֿרימאָרגן.

נעכטן איז דאָ געווען אַ מאַסקאַראַדן־באַל, האָט באַמערקט אַ געגערישע יונגע פֿרוי, וועלכע האָט פֿאָרגעשטעלט די אַמעריקאַנער פֿרײַהייט־סטאַטוע. מיר האָבן זיך באַלד דערמאָנט, אַז נעכטן, אין אַ וויכוח, איז זי געשטאַנען אין אַ זײַט, זיך צוגעהערט מיט בײדע אויערן, באַוועגט מיט די ליפּן, ווי זי וואָלט געוואָלט עפּעס זאָגן, און האָט געשוויגן. נאָך דער צערעמאָניע האָבן מיר זי אײַנגעלאַדן צו אונדזער טיש. ווען מיר האָבן שפּעט אין דער נאַכט פֿאַרלאָזט דעם זאַל און אַרויפֿגעגאַנגען אויפֿן דעק אויסצולופֿטערן די קליידער פֿון אײַנגעזאַפּטע שאַרפֿע געטראַנקען און די לונגען — פֿון אײַנגעאָטעמטן רויך, האָבן נאָך דאָרט געטאַנצט און געליאַרעמט פֿרויען און מענער אָנגעטאָן אין די מאַסקאַראַדן־קליידער. אַן אינסטרומענט מיט סטרונעס האָט געצימבלט „העי דאַ אוכניעם". אין אַן אַנדער ווינקל האָט אַ גרופּע יונגטלעכע זיך געהאַלטן אַרומגענומען ווי אין אַ קאַראַהאָד און געזונגען אַזוי האַרציק „מאָסקווער נעכט". עס איז שוין געווען גאָר שפּעט. ווען די עלטערע „פֿרײַלעך־מאַכערס" האָבן געזאָגט „באָנס־וואַר, אַ דומאַ!"

אַ שאָד געווען צו פֿאַרלאָזן דעם קלאָרן אויסגעשטערנטן הימל, דעם פֿאַרכישופֿטן לבנה־האָריזאָנט. פּלוצעם הויבט אָן די נעגערישע פֿרוי־רעדן... מיר קוקן אויף איר פֿײַן־געשניצטן אָוואַל־פּנים. שוין אין די פֿערציקער יאָרן, צוואַנציק יאָר פֿאַרהייראַט, האָט דרײַ קינדער, אָבער זעט אויס אויף אַ יאָר פֿינף און צוואַנציק. זי רעדט אַזוי איידל. אַלע בלײַבן שטיל, זי וויל עפּעס זאָגן וועגן ראַסיזם און דעם נעגערישן לעבן אין דרום־אַמעריקע, אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. אַלע ווערן פֿאַראינטריגירט.

— „איך בין נישט קיין סקול-טיטשער, איך אַרבעט נישט אין קיין אָפיס ביים שרייב-טיש. איך בין אַ „פאַקטאָרי-ליידי“ און אַ שאַפּ“. איינמאָל קומט אַריין אַ יונגע פרוי, וויעראַ הייסט זי, בעטן אַרבעט, ווייז איך איר, אַז מיר מאַכן אַ בעסערן סאָרט קליידער פאַר פרויען. וויעראַ זעצט זיך אַרבעטן, עס געפעלט מיר איר אַרבעט און איר פערזענלעכקייט. ווען איך וואָלט באַמערקט פריער, אַז איר האַנט איז טאַטואירט, וואָלט איך זי נישט באַשעפטיקט, ווייל פרויען וואָס זייער לייב איז „אויסגעשטאָכן“, ווערן פאַררעכנט פאַר נישט לייטישע...“

— אַ לאַנגע צייט האָב איך געקוקט אויף איר מיט פאַראַכט... אַ שטאַלטנע פיגור, ליכטיקע אויגן, רעדט מיט הרך וארץ, איז אינטעליגענט. נישט אַנדערש, האָב איך געטראַכט, זי לעבט 2 לעבנס... ווען ס'איז געקומען אַן איבערחזרה אין שאַפּ פאַר קאַווע אָדער לאַנטש, האָט זיך וויעראַ אָפּגעזונדערט. נאָכדעם ווי זי האָט אָפּגעאַרבעט אַ לאַנגע צייט, האָבן מיר אַלע זי ליב באַקומען. דער באַלעבאָס מאיראַן ווינטער, האָט מיך איינמאָל געפרעגט: „ווי קומט עס, וואָס אַלע פרויען זיצן און רעדן צוזאַמען בעתן עסן, נאָר די איינע וויעראַ איז אָפּגעזונדערט?“

מאיראַן ווינטער פלעגט פאַרבייפליען דעם שאַפּ ווי אַ דזשעט. מיר האָבן געמיינט, אַז ער זעט נישט און הערט נישט... אַלץ וואָס ער רעדט — דורכן טעלעפאָן — הערט מען נאָר וועגן „באַשטעלונגען“, „ביזנעס איז שלעכט“, „פּראָדוקציע“, „מאַרקעט“... „די אַרבעטער גיבן מיר קאָפּווייטיק“... און דאָ גאָר דערזעט ער מיטאַמאָל אַן איינזאַמע פרוי.

געמיינט האָב איך, אַז ער זעט וויעראַן מער ווי ער זעט אַנדערע, ווייל זיין פרוי איז מיט אַ האַלב יאָר צוריק אומגעקומען אין אַן אויטאָמאָביל-קאַטאַסטראָפע, ווען זי מיט איר זון מילטאָן זענען געפאָרן קיין ניו-יאָרק צו אַ שוועסטערס חתונה. איינמאָל, ווען כ'בין געבליבן שפּעט צוצוגרייטן פרישע אַרבעט (ער איז אַליין געווען אין אָפיס), רופט ער מיך אַריין. ס'האַרץ האָט מיר עפּעס אַ שטאַרקן קלאַפּ געטאָן, געטראַכט: אפשר... „מערי, זאָגט ער צו מיר, „דו האָסט באַמערקט אַ בלויען נומער אויף וויעראַס אָרעם?“ — יאָ, זאָג איך, ווייסטו, אַז זי איז אַ קרבן פון היטלערס צייטן? דאָס איז אַ צייכן פון אוישוויץ, וויעראַ איז אַ יידישע“.

מר. ווינטער, אין די אַפּליקאַציעס, וואָס די אַרבעטער פילן אויס, איז נישטאָ די פראַגע צי עמעצער איז אַ ייד אָדער קאַטאָליק. איך נעם אַריין די, וואָס ווייסן ווי אַזוי אויפצונייען אַ גוט שטיקל אַרבעט.

איינמאָל האָב איך וויעראַן געהייסן וואַרטן, איך וועל זי צופירן מיט מיין אויטאָמאָביל. אויפן וועג האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט. איך האָב איר פונדירט אַן אייז־קרעם, געקוקט אויף איר האַנט. „עפּעס האָב איך געהערט, אַז דער אייכמאַן, וואָס זיצט אין אַ גלעזערנער שטייג אין ישראל, ווו ער ווערט געמשפּט, האָט געהאַט עפּעס צו טאָן מיט דעם, וואָס דו טראָגסט א פּאַטואירטן נומער“, האָב איך אַ זאָג געטאָן. אירע באַקן האָבן אַ צוק געטאָן. וויעראַס אויגן זענען פול געוואָרן, זי האָט גענומען דערציילן וועגן שוידערלעכע גרוילן, וואָס זי האָט איבערגעלעבט, ווי אַזוי איר מאַן און זייער צוויי־יאָריק קינד זענען פאַרשוונדן אָן אַ שפּור, און ווי רוסישע געפאַנגענע זענען אַרויסגעפירט געוואָרן פון באַראַקן אין אַ מוראדיקן פראָסט. עס־עס־לייט האָבן געצוווּנגען די לאַגערניקעס, די געפאַנגענע, צו באַגיסן זיי מיט וואַסער און אַזוי זענען זיי געבליבן פאַרשטאַרט ווי סטאַטועס פון אייז...

מערי האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף א רגע, אונדזער גרופּע פון פיר נאַציאָנאַליטעטן האָט באַהערשט א טיפע שטילקייט און מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם האָבן מיר געוואָלט הערן...

אין א געוויסער צייט ארום איז אַריינגעקומען אין שאָפּ אַ יונגע, געזונטע, בלאָנדע מויד, הילדאַ האָט זי געהייסן. איך ווייז איר, אז דאָ ווערט געניייט בעסערע אַרבעט. אויב זי דענקט, אז זי קאָן אַזאַ אַרבעט מאַכן, קאָן זי אויספילן דעם אינפאָרמאַציע־בלאַנק, וואָס איז אבליגאַטאָריש פאַר אַלע אָנגעשטעלטע, און זיך זעצן נייען. זי האָט אָפּגעאַרבעט אַ האַלבן טאָג, די אַרבעט איז געווען צו דערלייזן. ביים איבעררייס האָב איך הילדאַן אַריינגערופן אין אָפיס — אַזוי פירן מיר זיך — און געפרעגט, פאַרוואָס זי איז אַוועק פון יענער פירמע, ווו עס ווערט געמאַכט אַ בעסערע אַרבעט און די פאַרדינסטן זענען נישט קיין שלעכטע. איך ווייס אויך, אַז עס איז אַן אָפּען־שאָפּ.

— איך וויל נישט אַרבעטן ביי קיין יידישן באָס! — האָט זי אַרויסגערעדט מיט אַ שטאַרקן אַקצענט, פון וועלכן ס'האָט זיך געהערט אַ שווערער „ר־ר־ר“...

וואָס האָסטו געזאָגט? — האָב איך איבערגעפרעגט. איך האָב באמת זיך באַלד נישט געכאַפּט און נישט קלאָר פאַרשטאַנען, ווייל דאָס איז געקומען אַזוי אומדערוואַרט...

— איך וויל נישט ארבעטן ביי קיין יידישן באס — האָט זי ווידערהאָלט.

איצט האָב איך שוין קלאָר פאַרשטאַנען וואָס זי מיינט... מיט מיין גאַנצן צאָרן, אָנגעווייטיקט פון דעם, וואָס וויעראַ און מר. ווינטער האָבן מיר דערציילט, האָב איך זי אָנגעכאַפּט פאַר דער לינקער האַנט, זי צוגעשלעפּט מיטן גאַנצן כּוח צו וויעראַן און היסטעריש געשריען: „אילזאַ קאָך! זעסט אָט דעם נומער? אַרויס, אַרויס, דו געמיינע נאַציכע!“

מיר זענען געבליבן שטיל, געפּלעפּט פון דעם, וואָס מערי האָט דערציילט אַזוי פּשוט און מענטשלעך. באַלד האָבן אויסגעבראָכן ספּאָנטאַנע אַפּלאָדיסמענטן, וואָס האָבן אָפּגעהילכט איבער דעם גרויסן אָקעאַן. אַ פרוי האָט מערין האַרציק געקושט.

עס האָט אָנגעהויבן טאָגן און די מאַטראָסן האָבן זיך ווידער גענגרייט צו א שווערן טאָג אַרבעט. די רייזע האָט זיך געהאַלטן ביים פאַרענדיקן. די מאַשטן פון דער שיף האָבן זיך אויפגעהויבן. פּאַסאַזשירן פעדערן זיך, יעדער דערוואַרט פרייד, איבעראַשונג. באַלד, באַלד וועלן מיר זיין אין האַוור, און מיט אַ פּאָר שעה שפּעטער — אין פּאַריז.

אין בערלין — פאַר פּאַריז

אין סאַמע מיטן ברען פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָב איך מערסטנס געוווינט אין בערלין לעבן אַלעקסאַנדער־פּלאַץ. געאַרבעט אין אַן אמוניציע־פאַבריק און נאָך נישט פאַרשטאַנען די צעטיילונג פון וועלט און לעבן...

אין בערלין זענען מיר געווען דריי חברים, די ברידער אברהם, לוי, שפּעטער איז צוגעקומען דער דריטער ברודער חנא, אַלע לאָדזשער וועבער. דעם ברודער חנא האָבן מיר אַרויסגענומען פון געפאַנגענשאַפט, ווען ר׳איז געווען אַ מלחמה־געפאַנגענער.

עס איז אָנגעקומען אַ בריוו, דורך א זייטיקן וועג, אז חנא אלעקסאַנדער געפינט זיך אין געפאַנגענשאַפט, אין אַ דאָרף ווייט פון בערלין, מיט נאָך רוסישע סאָלדאַטן, וואָס אַרבעטן אויף פּריצישע פעלדער. מיר האָבן נישט געוווסט ווו דאָס דאָרף געפינט זיך. דאָרט ווו מיר האָבן געוווינט, אין זעלבן הויף איז געווען א „קנייפּע". כאָטש אַלץ איז געווען אויף „באַצוג־שיינען" האָט מען דאָרט באַקומען פון שענסטן און בעסטן...

צו דער טאָכטער פון דער קאַפּע — גרעטכען, איז אריינגעגאַנגען א הויך־ראַנגיקער מיליטערמאַן. דורך אונדזער פּאָרשן און זוכן האָבן זיך געוויזן סימנים, אַז מיר זענען אויפן ריכטיקן שפּור...

מיר האָבן זיך געלאָזט אין וועג אים אַרויסצונעמען. ווען מ'איז אָנגעקומען שפּעט אין דער נאַכט, איז געווען שטאָק־פינצטער אין דאָרף, מען האָט געקאָנט די פינצטערניש ממש אָנטאַפּן. דריי זענען מיר געווען, איינער האָט געהאַלטן וואך... צוויי האָבן זיך גערוקט צום שייער, ווו עס האָט זיך געהערט א שווער כראָפּען דורך די הילצערנע ווענט. קעציש־שנעל האָבן מיר אראָפּגענומען דעם הילצערנעם פּרענט, וואָס האָט געהאַלטן פאַרמאַכט די טירן פון שטאַל. א פּאָר הינער האָבן א קוואָקע געטאָן. אין שטאַל האָט זיך געפילט דער אראָמאַט פון פרישן היי און שטרוי, נאָר איינצושלאָפן...

אברהם האָט דערקענט זיין ברודער חנא צוליב דעם האַלבן אויער, וואָס האָט אים געפעלט פון דער רעכטער זייט, אים אַ שטאַרקן שטורכע געטאָן. אַ דערשראָקענער האָט ער זיך אויפגעזעצט, אַ קליין, עלעקטריש טאַשן־לעמפּעלע האָט באַלויכטן דאָס ווינקל, וווּ ער איז געלעגן, ש... ש... שנעל ווי אַ פּייערלעשער, האָט ער אראָפּגעוואָרפן די סאָלדאַטסקע קליידער מיט ברוינע לאַמפּאַסן...

ווען דער גרויער טאָג האָט גענומען פאַרטרייבן די שטילע דאָרפישע נאַכט, ווען די לבנה האָט פאַרלוירן איר גאָלד־קאָליר און געוואָרן מאַט, האָבן מיר געשפּאַנט אויף דער הילצערנער בריק, אונטער וועלכער ס'איז געפלאָסן א קלאָר טייכל, וואָס האָט ארויסגעגעבן שטילע מוזיקאַלישע קלאַנגען. דער וועג איז געווען געזיכערט. נאָך איידער מיר זענען צוריקגעקומען קיין בערלין האָט דער קאיזער אָפּגעדאַנקט...

מיינע חברים, די דריי ברידער, האָבן זיך נישט געוואָלט צעשיידן; בין איך, איינער אַליין, אין אַ שיינעם העלן טאָג, אָנגעקומען קיין פאַריז און זיך באַלד געלאָזט גיין צום אייפעל־טורעם און צו דער בריק פון אַלעקסאנדער דעם דריטן.

געזען האָב איך, אַז אומעטום, אין פראָנט פון די אָרעמע קוואַרטאַלן, פעלט אַביסל גראָז, א בוים, א בלום. דער סען איז געווען נאָענט, דאָ זענען געשטאַנען שערענגעס ביימער. נישט ווייט איבער א בריק, איז געווען סעינט מישעל־בולוואַרד מיט זיינע צענדליקער קאַפעען איינגעלעבן אַנדערן, וווּ עס איז געזעסן די פּראַקטישע יוגנט, געזופט געטראַנקען, הנאה געהאַט. איך בין אויך געווען יונג, האָבן מיר געלייענט וועגן דער גילאָטינע, פראַנצויזישער רעוואָלוציע, דאנטאָן, ראבעספּיער, מאַרי אנטואַנעט, אַלץ האָט זיך אויסגעמישט אין אַ קנויל... אין פרייער צייט איז מען געגאַנגען צום „לוווּר", שפּאַצירן, פּלוידערן, אמאָל „אריינגעשמעקט" אין דער „ראָטאָנדע", וווּ מען האָט געטייטלט מיטן פינגער, אַז דאָרט געפינט זיך אַ מאָלער, אין יענעם ווינקל אַ ליטעראַט, באַרימטע מענער און פרויען פון דער קינסטלערישער וועלט.

פאַלאַצן, געציילטע בולוואַרן, מוזעאומס, אַלטע הייזער זענען נאָך ביז היינט־צו־טאָג אָביעקטן, וואָס לאָקן און ציען דעם טוריסט קיין פאַריז. אַפילו ענג־שמאָלע, לאַבירינטן־געסלעך, קומען טוריסטן באַוווּנדערן... מיינע אמאָליקע חברים האָב איך אין 1961 מער נישט געטראָפן; אַלע, אַלע, זענען דעפּאָרטירט געוואָרן און אומגעקומען אין די גאַז־קאַמערן. אויב איינער איז געבליבן לעבן איז ער אַוועק אויף אנדערע

וועגן, אַפילו „מיני קרומקאָפּ“, וואָס פלעגט אַלס יונגערמאַן קדיש זאָגן נאָך זיין מאַמען און גיין אין די „פּארכטיקע“ טעג זיך קלאַפּן על חטא, וויל שוין מער פון גאָר נישט וויסן און זאָגט „היום הרת עולם“...

די בריק פון אַלעקסאנדער דעם דריטן מיט אירע משונהדיקע דע־קאָראַציעס, אָרנאַמענטן, פיש־סקולפּטורן, קלענערע און גרעסערע באַפּו־צונגען אָן א טאָלק האָט זיך אויך נישט געביטן פון אמאָל ביז היינט.

פּאַריז — אַ ביסל געשיכטע

די געשיכטע דערציילט, אַז פּאַריז האָט זיך גענומען אַנטוויקלען פּופּציק יאָר פאַר דער נייער צייט־רעכענונג. דעמלט האָבן אהער אריינגעדרונגען די רוימער. די פּויערים האָבן אונטערגעצונדן אייגענע דערפער און געשטעלט א העלדישן ווידערשטאַנד. די רוימישע לעגיאָנערן האָבן צום סוף געזיגט, געשטורעמט בערג און טאָלן פון מאנטמארט. (דאָרט זענען נאָך פארבליבן סימנים ביז היינטיקן טאָג).

שפּעטער האָבן די „פראַנקס" געמאַכט אַן אינוואַזיע און געבליבן ביי זייער לאַנד שוין צוויי טויזנט יאָר.

אין פינפטן יאָרהונדערט ווערט פּראָקלאַמירט דער ערשטער קעניג קלאָוואס איבער גאַנץ פראַנקרייך.

אין יאָר 870 האָבן „נאָרמען" פון דענעמאַרק דורכגעפירט עקספּעדיציעס, געפּלינדערט, געראויבט, ביז פּאַריז איז אַרומגעבויט געוואָרן מיט ווענט און פעסטונגען, געשטעלט א שטאַרקן ווידערשטאַנד און פאַרטריבן די אריינדרינגער.

די „נארמען" פּארטריבענע, האָבן זיך באַזעצט אין נאָרמאַנדי, געלעבט פון האַנדל, אגריקולטור־אַרבעט און אויפגעהערט צו זיין קריגער...

אויף דער ערד, וו פּאַריז שטייט היינט, איז געפלאָסן דער ים. פּאריז אַלס א הויפּטשטאָט פון פראַנקרייך, איז ערשט טויזנט יאָר אַלט. דער „סעין" איז אמאָל געווען דריי טויזנט פיס ברייט, פישערלייט האָבן געשעפּט זייער היונה פון פיש־פאַנג, אַזוי דערציילט די געשיכטע.

אין יענער צייט זענען אויפן נאקן פון פאָלק געוואלדיק אויסגעוואקסן פּרינצן, קעניגן, מיליטער־לייט און אַריסטאָקראַטישע „דאַמען און הערן". אין יאָר 1789, ווען די פּאַראַזיטן זענען געוואָרן צו שווער אויפן קאַרק, און די מענטשן האָבן מער נישט געקאָנט טראָגן דעם שווערן יאָך, איז אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע.

מיטן וווקס פון פּאַריז, מיט די געדיכטע הייזער און קליינינקע ענגע געסלעך איז אַלץ מער געוואַקסן דער כּוח פון האָראָפּאַשניק, און ממילא אויך די מורא ביים הערשנדיקן קלאַס. דעמלט האָבן די אַדל-לייט מיט זייערע משרתים זיך פאַרקליבן הינטערן שטאָט, געבויט פאַר זיך פעסטונגען, שלעסער, כּדי ווען ס'וועט זיין נייטיק, צו קענען אַנטלויפן דורך אַ הינטער-טיר...

קלעריקאַלן האָבן געבויט וואָס מער קירכן.

ענגלאַנד האָט פּלאַנירט ארייננצודרינגען אין פראַנקרייך, און טאַקע אין אָנהייב פון פופצנטן יאָרהונדערט האָבן די ענגלענדער פאַרנומען פּאַריז. אַ נייער קעניג איז געקרוינט געוואָרן אין יאָר 1429, דער נייער קעניג, הענרי דער זעקסטער, איז געגאַנגען אין די וועגן פון די פריערדיקע הערשער...

דאָס פּאָלק איז נישט געווען צופרידן. אין 1461 האָט זיך אָנגעהויבן קרישלען דער פעאָדאַלער סיסטעם, וואָס האָט זיך איינגעווערעמט אין משך פון פופצן הונדערט יאָר.

די ענגלענדער האָבן פאַרלאָזט די שטאָט, עס האָט זיך אָנגעהויבן די רענעסאַנס-עפּאָכע. אין 15-טן יאָרהונדערט האָט פּאַריז אָנגעהויבן אַרויפציען אויף זיך אַ נייע הויט.

קריגס-פירער און העלדן זענען צוריקגעקומען פון מלחמה, נאָבל-לייט האָבן אימפּאָרטירט מאָלער, פּלאַסטיקער, אַרטיסטן, טעכניקער, אַרכיטעקטן. עס איז אַנטשטאַנען אַ באַוועגונג אויף צו בויען בריקן, סקווערן, מאָנומענטן, הייזער, פון אומגעלומפּערטע און אייגנאַרטיקע סטילן. ווען כ'בין צום ערשטן מאָל אַריינגעפאַלן אין פּאַריז איז שוין אַלץ געווען פאַרטיק... דעריבער ווען מען פרעגט מיך איצט — „ווי זעט אויס פּאַריז?" זאָג איך — „אַזוי ווי עס האָט אויסגעזען מיט הונדערט, אָדער דריי הונדערט יאָר צוריק". ווייל פּאַריז ענדערט זיך נישט אין תּוך...

איך האָב ליב צו זיין אין פּאַריז, פאַרן אויג איז עס רייך, פאַרכאַפּנד. איך האַלט זיך נאָענט צו די דע ריוואָלי, ווייל פון דאַנען איז באַקוועם צו שפּאַצירן צו „נאָטר דאַם", „סעינט מישעל". „באַסטיל", „רעפּובליק" סאַראַ בערנאַרד-טעאַטער, „האָטעל דע וויל", צום סעין, נישט ווייט געפינט זיך „פּלאַץ דע וואָזש", דאָ האָבן אַמאָל געוווינט פירשטן, נאָבל-לייט, היינט געפינט זיך דאָ דער וויקטאָר הוגאָ-מוזעאום. איצט ווערט דאָס פאַררעכנט פאַרן אָרעמען שטאָט-טייל.

אויף רי וואלטא שטייט אַ הויכע פיר־שטאָקיקע געביידע, וואָס איז שוין באַלד טויזנט יאָר אלט, פרויען מיט פיצלעך קינדער שפּירן זיך דאָרט גאַנץ „באקוועם“, זיי צאָלן דירה־געלט... אַלע זייטיקע געסעלעך זענען שמאָל, קורץ, אביסל פאַנטאַסטיש אין אויסזען. טוריסטן קומען באַוואונדערן די „שיינקייט“, קויפן מתנות, גייען אַרום, גאפן. עס איז דאָ וואָס צו באַוואונדערן, דאָ האָבן „העלדן“ געפּאָכעט מיט שווערדן, דועלירט, איצט שטייען נאָך אַלע הייזער אייגנאַרטיק געבויט. ווען די פענצטער זענען אָפן זעט מען אויף די ווענט הענגען גרויסע מאָלערייען. יעדער הויף איז הערמעטיש פאַרמאַכט, ברוקירט מיט שפּיציקע שטיינער, די טויערן זענען שווערע, דער שונא זאָל נישט קאָנען אריינדרינגען... ווייניק גראָז, אַן אַלטע סטאַטוע, אַ טרוקענער בוים, אין די הייזער וווינען נאָך איצט „לייטישע מענטשן“, דער גאַנצער ארום איז פול מיט געשיכטע פון הונדערטער יאָרן. פּאַריז היט אָפּ די אלטערטימלעכקייטן...

דער באַרימטער פּלאַץ קאנקאָרד, איז געבויט געוואָרן אין דער צייט פון לואי דעם 15־טן, יעדעס יאָרהונדערט איז דער סעין געוואָרן קלע־נער, די שטאָט ברייטער, גרעסער, און מלחמות זענען אָנגעגאַנגען אַזוי לאַנג — אין פראַנקרייך — ביז האָט פאָלק האָט אין 1789 רעוואָלטירט, די מאָנאַרכיע האָט פארלוירן דאָס גלויבן פון פאָלק, און אלץ צעשטערט וואָס די קעניגן און הערשער האָבן אויסגעבויט פאַר זייער אייגן נוצן.

סטאַטועס, „הייליקייטן“, עשאפאָטן, באסטיליע, סקולפּטורן פון הערשער, צו אַלץ האָט זיך אויסגעלאָזט דער צאָרן פון פאָלק..

די דע ריוואלי, זאָגט מען, איז די לענגסטע גאַס אין פּאַריז, דאָס איז צו פאַרדאַנקען נאַפּאָלעאָנען. דאָס איז אַ האַנדלס־גאַס, מיט געשעפטן און הונדערטער „פּושקארטס“, שטופּ־וועגעלעך מיט צוויי גרויסע רע־דער — מיט גרינצייג ווו די „מארשאנעם“ שטעלן אויס יעדער פרימאָרגן אַלערליי פרוכטן, פרישינקע עפּל, בארן, אַלץ, וואָס די מאַמע־ערד גיט אַרויס, זיי רייצן דעם גומען און פארשמעקן די קאָלירפולע גאַסן.

דאָס גאָלדענע שעפּסעלע

פיר חברים האָב איך געהאַט אין פּאַריז. די פיר און נאָך פופצן האָבן געוווינט אין א „זאַל", וווּ ס'זענען געשטאַנען צוואַנציק אייזערנע בעטלעך, געווען איז דאָס אין די אָנהייב צוואַנציקער יאָרן לעבן סט. פּאול־מעטראָ. פיר חברים מיט אן אייגנארטיקער פיזיאָגנאָמיע: דאָס „קעצעלע", דער „כוואַזשניק", דער „באַלעט־טענצער" און דער „פרעסער"... דאָס „קעצעלע" איז געווען דאַר און קליין, שנעל, מיט קינדערישע קלייניגקע הענט און שאַרפע אייגעלעך, וואָס האָבן געלויכטן אין דער פינצטער.

איינמאָל, צוריקקומענדיק שטאַרק אנטוישט פון א ראַנדעווו אויף בולוואַר מאַדלען, האָט ער אויפגעשפּילט די „פרומע קאַץ", דאָס איז געווען זיין סאַטירישער אויסדרוק „צוליב דעם מיידל"... דער עולם האָט זיך גוט אָנגעלאַכט און פון דער פּאַסירונג — איז ער שוין אויף אייביק פאַרבליבן דאָס „קעצל"...

דער באַלעט־טענצער, איז געווען הויך און שלאַנק, מיט קוטשעראווע, געדיכטע שוואַרצע האָר, פיינע געשניצטע געזיכט־שטריכן, א גלאַטיק פּנים, א שלאנקע פיגור, זיך געפּוצט, אָפּגעקליבן אַלע פיצינקע פעדערן פון זיין גראַנאַטן אָנצוג, נאָך פון דער היים געבראַכט, געשפּיגלט זיך צען מאָל איידער ער האָט זיך געלאָזט גיין אין טאַנץ־זאַל.

זיינע באַוועגונגען זענען געווען עלאַסטיש, „שיק", און „שלאָף־זאַל" האָט ער געהאַט אָנערקענונג אַלס דער בעסטער טענצער.

איינמאָל, ווען מיר זענען צוריקגעקומען פון „קאַפּע דע לא פּעי", שוין שפּעט אין אָוונט, איז געבוירן געוואָרן א פּאַרלאַנג, מ'זאָל עפּעס אויסטאַנצן.

שנעל זענען די בעטלעך צונעשטופּט געוואָרן צו די ווענט, דער זאַל איז געוואָרן גרויס, דער באַלעט־טענצער איז געוואָרן דער כאָרעאָגראַף. מאָמענטאַל איז געשאַפן געוואָרן אן „אָרקעסטער" פון בלעכענע שיסל,

גאָפּל, קאָך־לעפל און אַנדערע שטוב־כלים. די „אינסטרומענטן" האָבן געמאַכט אַ רושם, דער באַלעט־טענצער האָט אַרויסגעוויזן זיין מייסטער־שאַפט. יענעם אָוונט האָבן די יידן אויפן „פּלעצל" אים געקרוינט מיטן נאָמען „באַלעט־טענצער".

דער בעסטער און ביליקסטער שפּאַציר איז געווען די דע ריוואָלי. אויף דער גאַס געפינען זיך אַ סך קאַפעען, רעסטאָראַנען, געשעפטן פון כל המינים. דער „פּרעסער" האָט געאַרבעט ביי האַמען־פעלצן און האָט מער פאַרדינט פון אַלעמען. ער האָט נישט ליב געהאַט קיין געלט. פלעגט ער אונדז „פּרייהאַלטן". אָפּגעגעסן, אָפּגעטרונקען די רויטע און ווייסע וויינען, וואָס האָבן געקאָסט א מאַיאָנטעק, רופט ער זיך אָן — חברה, גייט, איכ'ל שוין באַצאָלן. ער איז געווען א גרויסער עסער, ער האָט געקאָנט אָפּעסן אַ מאָלצייט מיט אַלעמען צוגלייך און אַ זאָג טאָן „חברה", איידער מיר גייען בענטשן קאָן איך אָנהייבן פון „מה־טובו" און האָט טאַקע אויפגעגעסן אויפסניי אַ גאַנצן מאָלצייט. אָבער ווען עס איז געקו־מען צום באַצאָלן האָבן מיר זיך דערוווסט דעם גרויסן סוד...

דער פּרעסער, איז געווען רונדיק, ברייטפּלייציק, קיינמאָל נישט גע־ווען ערנסט, געזאָגט וויצן, גלייכוועהטלעך, אַליין געלאַכט מיט אַ פיל מויל און אונטערגעטאַנצט ביים לאַכן. ער האָט נישט געוווסט קיין צלם פאַר קיין אַלף, אָבער דעם גרעסטן חשבון האָט ער געמאַכט „אויפן קאָפּ", איינס און צוויי.

דער „כודאָזשניק" האָט זיך ארומגעטראָגן מיט פאַרשידענע בליי־ערס, „מיינע קונסטן וועלן נאָך אַמאָל זיין אין גרעסטן מוזעאום פון ווערסאַיל", האָט ער געזאָגט אין שפּאַס, ער פלעגט צייכענען אַלע בריקן און סקווערן. אויף האָטעל דע וויל האָט ער פאַרבראַכט טעג און וואָכן. „דאָ, זאָגט ער, האָט נאַפּאָלעאָן אין יאָר 1810 חתונה געהאַט מיט איינער פון עסטרייך, א „וווילהאַבענדע" דאַמע פון דער גרעפישער דינאַסטיע. דאָ זענען פאָרגעקומען ווילדע הוליאַנקעס, און איצט איז דאָס אונדזערס... מיר מעגן דאָ שלאָפן אין פראָנט פון די היסטאָרישע הייזער, צוזאַמען מיט די בעטלער, אויף די עפענונגען פון די אייזערנע קראַטעס, וו עס גייט אַרויס די וואַרעמע לופט פון דער מעטראָ"...

ער האָט געקאָנט פאַריזער געשיכטע און יעדעס מאָל, ווען ער האָט געמאַכט א שטריך מיטן בלייער אויף פּאַפּיר, וואָס ער האָט אונטערגע־שפּאַרט מיט אַ דין ברעטל, האָט ער ליב געהאַט צו דערציילן וועגן לעבן פון האַרן און קנעכט...

„דאָ האָט מען געהאָנגען מענטשן, אומגעבראַכט מיט פאַרשיידענע טויטן“. דאָס האָט דער „כודאָזשניק“ שוין געוווסט נאָך איידער ער איז געקומען קיין פאַריז שלאָפן מיט צוואַנציק מענטשן אין איין „זאַל“. שעהן לאַנג איז ער געזעסן ביים סעין, דערציילט וועגן מאַסן מענטשן, וואָס זענען דאָ געפּייניקט געוואָרן. עס איז געווען א ווארעמער טאָג, דער „כודאָזשניק“, האָט געלייענט היינריך היינעס „האַרדרייזע“. איבער'ן סעין זענען געפאָרן באַרזשעס, פּלעזשור־שיפן. מיר האָבן אויסגעזוכט א רואיקן פּלאַץ, אונטערן ברוק, נישט ווייט פון נאָטר דאַם. די זון האָט זיך געשפּיגלט אין וואַסער און באַלויכטן די קופּאָלן, די שפּיצן פון באַגילדטע און בראָנזענע טורעמס.

אָרעמע מענטשן זענען געזעסן מיט אראָפּגעהאָנגענע פיס, איינגע־טונקטע אין וואסער און זיך גערייניקט ס'לייב... אויבן איבערן בריק איז אָנגעגאַנגען א געמיטלעכער שפּאַציר. מענטשן האָבן זיך אָפּגעשטעלט, געקוקט איבערן אָנשפּאַר פון בריק, הנאה געהאַט פון דער אידיליע, וואָס האָט געשטעקט אין דעם גאַנצן אַרומיקן לעבן.

— יעדע תקופה, יעדער פעריאָד, האָבן זייערע אויפגאַבן... די מענטשהייט גייט פאָרויס... דער פעאָדאַלער סיסטעם אין פראַנקרייך איז געווען נייטיק פאַר דעם פאָרשריט פון דער ציוויליזאַציע, איצט איז זי אין וועג...

זיי, די הערשער, האָבן אָפּגענאַרט דאָס פאָלק, פאַר זיך געבויט פּאַ־לאַצן, פאַר אַנדערע — פעסטונגען, אָנשטאָט ברויט — גיליאָטינעס... די רוסישע רעוואָלוציע איז געווען דער סיגנאַל פאַרן באַפרייונגס־גייסט פון דער מענטשהייט...

— נאָסקע, צערגיבעל, שיידעמאַן האָבן אויך פאַרראַטן דאָס פאָלק, אָבער סוף כל סוף וועלן די אויסטערלישע ברואים דערקענט ווערן, דעמלט וועלן מיר נישט דאַרפן לויפן פון איין גרענעץ צו דער צווייטער, זוכן ברויט, אַרבעט און פרייהייט פאַר דעם האָרעפּאַשנעם מענטשן.

אַזוי האָט דער כודאָזשניק געלייענט און גערעדט צו מיר.

זיינע רייד האָבן געקלונגען ווי דאָס וווּנדער־מעשהלע פון דער גרי־בישער מיטאָלאָגיע וועגן גאָלדענעם שעפּסעלע מיט די צוויי אָפּגעראַ־טעוועטע קינדער...

די פראַנצויזישע קלאַסיק, ליטעראַטור און קונסט, וויקטאָר הוגאָ

אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור שפּיגלט זיך אָפּ דאָס לעבן פון אלקאָהאָליקער, פון פּראָסטיטוציע, — ביים האָרעפּאַשניק צוליב נויט און צוליב וווינען אין אָרעמע טונקלע הייזער, ביים בורזשואַזן קלאַס — פון וווילטאָג. עס ווערט דאָרט געשילדערט די דעגענעראַציע פון די „איידעלע" קלאַסן און פון די אַריסטאָקראַטישע קאסטעס. די גרעסטע פּאָעטן און ראָמאַנען-שרייבער האָבן געדינט דער רעאַקציע.

וויקטאָר הוגאָ האָט געלעבט אין דער רעאַקציאָנערער עפּאָכע, אָבער ער האָט אונדז געגעבן בילדער פון נאָטער דאם, („דער הויקער") וו ער האָט געשילדערט די גאָטישע קאַטעדראַלע און דעם מיטלאלטער-לעבנסשטייגער. כמעט אַלע שרייבער אין זיין צייט האָבן געדינט די אינטערעסן פון קעניגטום און פּריצנטום. די גרויסקייט פון וויקטאָר הוגאָ ליגט אָבער אין זיין שילדערן „די פראַנצויזישע קעניגן, אַלס שוואַכזיניקע אידיאָטן". ער שטעלט זיי אַרויס ווי נאַראָנים, וואָס קריכן אין די שמוציקע נאַכטהייזער. די דעספּאָטן קומען ביי אים אַרויס אדם-נאַקעט. ער שאַנעוועט אויך נישט די פּיליסטער, וועלכע זוכן אַרויסצודראַפּען זיך און ווערן הערשער איבערן פאָלק. ער גיט אונדז די בורזשואַזע אינטעליגענץ, וועלכע איז גרייט צו דינען דעם גאָלדענעם קאַלב, ער ברענגט פאַר אונדז ארויס די דעקלאַסירטע, וועלכע זענען צעטומלט און וויסן נישט צו וועלכער גרופּע זיי זאָלן צושטיין. דער שרייבער גיט אונדז די געפאַלענע און פארשטויסענע. אין דער יולי-רעוואָלוציע, ווען אַרבעטער פאַרגיסן בלוט אויף די באַריקאדן פאַר פרייהייט און ברידערלעכקייט, באַטייליקט זיך נישט די בורזשואַזיע. די רייכע ווילן פריער זען דעם אויסגאַנג, זיצן זיי אין פּאַלאַצן און וואַרטן...

טויזנט מוזעאומס געפינען זיך אין פראַנקרייך. עטלעכע הונדערט אין פּאַריז. אין איינעם פון די הייזער אויף פּלאַץ דע וואזש, אָדער פּלאַץ

ראַיאַל, ווו ס'האָבן געוווינט גראַפן און אַנדערע אדעליקע, האָט אויך גע־וווינט וויקטאָר הוגאָ פון 1832 ביז 1848. דאָס הויז איז אין א מוזעאום פאַרוואַנדלט געוואָרן. דאָ זעט מען אַלץ, וואָס ער האָט געשאַפן. דאָ ליגן זיינע ערשטע ביכער. זיי ליגן אָפן, באַשריבענע מיט אויסבעסערונגען, שוין נאָכן דרוק, גאַנצע צוגעשריבענע זאַצן, ביי די זייטן פון געדרוקטע בלעטלעך, רעצענזיעס, קריטיק, קאַריקאַטורן, סקולפּטורן, מאָלערייען, אַלערליי בריוו, אַלץ האָט א שייכות צו די העלדן פון זיינע קלאַסישע ווערק. דאָס אַלץ געפינט זיך אונטער גלעזערנע שאַפקעס, אויסגעשטעלט כראָנאָלאָגיש.

דאָס מעבל, די שרייבטישן, מתנות, אָרנאַמענטן, קופּערס פאַר קליי־דער, זיינע קליידער אַלס גענעראַל, ווען ס'איז אים געגעבן געוואָרן די דערלויבעניש צו פאָרן קיין מאַדריד אין 1811. אַ בילעט ווען ער איז געפאָרן אויף „די רייניקע דאַמף־שיף“. און קייטן, וואָס זיינער א העלד האָט געטראָגן אין אַ דראַמע.

דער קלאַסיקער — רעאַליסט אַנרעי באַלזאַק, גייט נישט אַוועק א סך ווייטער. אויך ער שילדערט די בורזשואַזע געזעלשאַפט אין ליכט פון דעמאָראַליזאַציע און אויסגעלאַסנקייט. ער זעט ווי דער האָרעפּאַשניק ווערט באַשווינדלט און באַרויבט. ער אַליין איז געקומען קיין פּאַריז אומ־דערפּארן. איז אַריינגעפאַלן אין אַן אָרעמען קוואַרטאַל, געהונגערט און געציטערט פון קעלט. האָט גענומען שרייבן, ווייל ער האָט געזען אין דעם אַ מיטל רייך צו ווערן. פאַר זיין ערשטן ראָמאַן האָט ער באַקומען אַ גרויסע סומע געלט. ווען באַלזאַק האָט זיך באַקאַנט מיט דער וועלט פון טעאַטער, קונסט, איז ער אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער סביבה פון די, וועלכע לעבן און שאַפן מיט דער פען. ער האָט זיך איבערצייגט, אז אַלע טוען די אַרבעט — צוליב געלט און כבוד. באַלזאַק האָט איינגעזען, אַז פון שרייבן וועט ער נישט אַרויף אויפן הויכן לייטער, ווי ער האָט גע־טרוימט, הייבט ער אָן פּלאַנירן אַלערליי געשעפטן, פון דעם אַלעם לאָזט זיך אויס ווי פון שלום עליכמס מנחם מענדל־פּלענער...

באַלזאַק האָט געגעבן די „מענטשלעכע קאָמעדיע“. הונדערטער טיפּן, מענטשן פול מיט ציניזם, אויסגעלאַסנקייט, אָן וועלכער ס'נישט־איז מאָראַל, אָן פּרינציפּן, ער גיט אונדז די שטאָט מיט קליינע מענטשן. מיר געפינען ביי באַלזאַקן טיפּן, וועלכע האָבן זיך דערשלאָגן צו רייכטום פון שווערער פּראַצע, פון אָפּגעשפּאָרטע „קישקע־געלט“,

דאָס פאָלק בעט דעם ריכטער, דעם געזעצמאַכער זיך אָנצונעמען פאַר דער פּראָסטיטוטקע, פאַר דעם אונטערדריקטן.

באַלזאַק און הוגאָ האָבן די מאָטיוון ארויסגעהויבן און זיי געבראַכט צו די פוריעריסטן, סענסימאָניסטן, צו דער אינטעליגענץ. אין זייערע סאָציאַלע ווערק, אין ליד, סקיץ און ראָמאַן האָבן זיי געשילדערט די שטאָט און דאָס דאָרף, דאָס שטעטל און די גאַס, אַפילו דער ייד פיגורירט שוין אין יענער עפּאָכע.

נאָכן יוני־אויפשטאַנד, נאָכן יאָר 1848, ווען אַ טייל פון דער אינטעליגענץ האָט געמיינט, אַז דער אַרבעטער־קלאַס וועט זיגן, זענען זיי טיילווייז צוגעשטאַנען; שפּעטער — האָבן זיי זיך אָפּגערוקט אין א זייט..

טשאַרלז דיקענס און וויקטאָר הוגאָ

טשאַרלז דיקענס און וויקטאָר הוגאָ האָבן ליב געהאַט די גרויסע שטאָט פּאַריז, קיין גרויסע ליבע האָבן זיי אָבער נישט אַרויסגעוויזן צו די קניייפּעס און הייזלעך, צו די קאַבאַרעטן, אַלפאָנסן, גנבים און אלקאָהאָליקער. עס זענען אָבער געווען אַנדערע פּאָעטן און פּראָזאַיקער, וואָס האָבן גערופן די אומגליקלעכע, צו מאַכן אַ סוף צו די גלחים, צו די רויבפייגל, צו דעם קלאַס, וואָס האָט פאַרמאָגט פּאַלאַצן און גאָלד און געמאַכט פון מענטשן אַ שקלאַף, אים דערנידעריקט.

דער גייסט פון ארבעטער-קלאַס איז דאָך אַריינגעדרונגען אין דער ליטעראַטור, וואָס איז געשאַפן געוואָרן פון דעם אינטעליגענטן סוחרישן קלאַס.

קומענדיק קיין פּאַריז, באַלד נאָך דער ערשטער וועלט-מלחמה, האָבן מיר זיך צוגעכאַפּט ווי דאָרשטיקע צו דער נייער און אלטער פראַנצויזישער ליטעראַטור, וואָס איז געווען אַזוי אַנדערש פון דעם וואָס מיר האָבן געהאַט געלייענט אין די פריערדיקע יאָרן. אַזוי ווי אין פּאַריז, האָבן די קינסטלער, צוליב וויין און ברויט באַדינט די אדעליקע — אַזוי איז אויך געווען אין פּוילן.

אָנהייבנדיק פון 16-טן יאָרהונדערט, באַווייזן זיך איבער פּוילישע שטעט גראַווירער, גאָלדשמידן, שניצער, מאָלער, וועלכע דינען דער רעליגיעזער קונסט. למשל, די הילצערנע שול אין לוטאָמירסק נעבן לאָדזש, וווּ איך בין געבוירן געוואָרן, איז געווען אַ ביישפּיל מיט אירע אייגנאַרטיקע אַרכיטעקטור-אָרנאַמענטן, שיינקייט און קינסטלערישקייט.

די יידן אין פּוילן האָבן געבויט קונסט-טעמפּלען פאַר די העררשער און העררשנדיקע קלאַסן. ווען עס זענען אָבער פאָרגעקומען די אויפשטאַנדן אין פּוילן האָבן די יידישע קינסטלער זיך אידענטיפיצירט מיט די אויפשטענדלער און געווען אַקטיוו... שפּעטער האָבן זיי געמאָלן דעם גיהנום... די פאַרשיקטע קיין סיביר, די קרבנות פונעם אויפשטאַנד.

אַ חוץ קראָקע און ווארשע, האָט שפּעטער לאָדזש, וווּ איך בין אויפגעוואַקסן, געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין דער פּוילישער קונסט, טראָץ אַלע שטערונגען מצד די אַנטיסעמיטן. די פּוילישע אינטעליגענץ האָט דאָך אָפּגעשאַצט די יידישע קינסטלער, צווישן זיי דעם גאָר באַרימטן קופּער־שטיכער הערשקע לייבאָוויטש, וועלכער האָט געלעבט אין אכצנטן יאָרהונדערט. שפּעטער, צום סוף ניינצנטן יאָרהונדערט, שפּילען די יידישע קינסטלער אָפּ די יידישע רעאַקציע. פּונקט ווי די פּאַריזער קינסטלער, שרייבער און דיכטער האָבן אין זייערע צייטן צום ערשט געדינט דער גאָטישער קונסט און שפּעטער געגאַנגען מיטן האַרעפּאַשניק און אויפגעדעקט די מיאוסקייטן פון די הערשער, אַזוי האָבן דאָס געטאָן די יידישע קינסטלער אין פּוילן.

פּאַריז האָט געלאָקט מיט אירע לאָזונגען „ליבערטי איגאַליטי פראטערניטי". פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט, וואָס האָט אראָפּגעשריגן פון אַלע רעגירונגס־אינסטיטוציעס און פון אַלע גאַסן און סקווערן.

עס איז געווען הונדערט און איינאונדרייסיק יאָר (1791) נאָך דער פראנצויזישער רעוואָלוציע און נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג אין פּאַריז, וווּ עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די ווייטגייענדיקע עמאַנציפּאַציע, וואָס האָט אומגעוואָרפן די געטאָס און באַגרענעצונגען פאַר יידן אין פראַנקרייך און האָט אויפגעטרייסלט אַלע הערשער, וואָס האָבן אָנגעהאַלטן די יידישע געטאָס אין איראָפּע.

אין יאָר 1921 — הונדערט און דרייסיק יאָר נאָך דער עמאַנציפּאַציע, אין באסטיליע־טאָג, „קאטארז זשוע", ווען מ'האָט געטאַנצט אין די גאַסן אַ טאָג מיט אַ נאַכט ווי אין אַ מעכטיקער קארנאַוואַל־נאַכט — בין איך אָנגעקומען קיין פּאַריז.

פּאַריז, מאָנמאַרטר און פּער לאַשעז

שפּאַצירנדיק איבער די אָרעמע קוואַרטאַלן אין פּאַריז זעט מען צוגעגאָגלטע אין פראָנט פון הייזער מעלדברעטלעך מיט אויפשריפטן: „דאָ איז געפאַלן אין קאַמף קעגן נאַציזם אין יאָר 1944 דער העלדישער מישעל מאַרטין". מיר שטעלן זיך אָפּ פאַר אַ הויז, נישט ווייט פון נאטרדאַם, ביים סעין, וווּ עס איז צוגעפעסטיקט אַ גרויסער מאַרמאָרנער טאָוול מיט אן אויפשריפט: „פון דעם הויז האָבן די נאַציס אַרויסגענומען הונדערט און צוואַנציק יידן, צווישן זיי פערציק קינדער"... אין יעדן יידישן הויז אין פּאַריז פעלט אַ טאַטע, אַ מאַמע, אַ שוועסטער, ברידער, קינדער... „הונדערט מיט צוואַנציק טויזנט יידן פון פּאַריז האָט אייכמאַן אויפגעפרעסן"... דערקלערט אַ פאַרבייגייענדיקע פרוי, וואָס פירט אַ ברונעט מיידעלע ביים האַנט.

דער טרויער און די זאָרג, אַז עס זאָל זיך מער נישט איבערהזרן, שפּיגלט זיך אָפּ אויף די פּראָטעסט־פאַרזאַמלונגען, וואָס ווערן גערופן פון דער יידישער באַפעלקערונג ביי די מאָנומענטן צום אָנדענק פון די נאַציישע רציחות. אין די פאַרזאַמלונגען באַטייליקן זיך: הענרי לאוזשער, געוועזענער געהילף, סעקרעטאַר פון די פאַראייניקטע פעלקער, וואגסען אריאל, געוועזענער פרעזידענט פון דער פראַנצויזישער רעפּובליק, פּ"ו ראָמען ראָלאַנד, פּראָפעסאָר יאַנקעלעוויטש, סואַן קאלעט, מאן, גענעראַל סעקרעטאַר פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פעדעראַציע פאַר מענטשן־רעכט, פיע פאַראַף, רעדאַקטאָר פון „פראָנט גאוועל", דזשאַן מאוריץ, הערמאַן, אַרויסגעבער־רעדאַקטאָר פון „ליבעראַסיאָן", פּיער קאָט, דעפּוטאַט פון לינקע סאָציאַליסטן, דזשאק דיוקלאָ, פירער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, שאַרל דוטהעילו, וויקטאָר סאבלע, הענרי טאָרעז, פּיער דרייפוס און אַנדערע פון רעכטן לאַגער. הענרי אטלאן, פרעזידענט פון דער סטודענטן־באַוועגונג אין פראנקרייך, הענרי סינזשאַן, גענעראל־סעקרעטאַר פון די פאַראייניקטע קריסטלעכע סינדיקאַטן. באַרימטע גייסטלעכע

ווי אַנדרו דיומאַן, מאָורים וואַדזשעי, דזשיי ראַזאָפּימינאָוו, פּרעזידענט פון דער פּאַראייניקטער אַסאָסיאַציע פון נעגער און אויך פיל אַנדערע פון אַרבעטער־קערפּערשאַפטן, באַרימטע מענטשן, וואָס פילן מיט דעם טיפן יידישן צער.

אין זעלבן פּאַרק שטייט די סטאַטוע פון גרעסטן מייסטער פון דער קורצער דערציילונג — גי דע מאָפּאַסאַן. אויף אַ הויך־געבויטן פּיעדעסטאַל שטייט מאַיעסטעטיש זיין ביוסט. ער קוקט אַריין אין דער טיפקייט פון מענטשן אין פּאַריז, ער זעט אַלץ און טראַכט... אונטן ביי זיינע פיס זיצט אַ פרוי, וואָס איז געווען דער לייט־מאָטיוו פון זיינע שאַפונגען.

גאַסן, פּאַרקן, מוזעאומס, פּאַריז לעבט מיט דער אוראַלטער געשיכטע, מיט דער רענעסאַנס־עפּאָכע, מיטן פּלאַץ טראָקאַדעראָ, סיען זשאַרמען, סט. מישעל. דאָ איז דער פּאַריזער אוניווערסיטעט, מיט בוך־געשעפטן, סטאַטועס, פּאָנטאַנען, גערטנער, פילם־הייזער, קליינינקע, קורצע און שמאָלע געסלעך, אָריענטאַלישע רעסטאָראַנען, קליינינקע טעאַטערלעך, אַריינצוגיין דורך אַ טיר אין אַ הויף, וואָס זעט אויס מיסטעריעז. מיינע מיטגייער האָבן זיך געשראָקן צו שפּאַצירן אין די לאַבירינטן.

דער בולוואַר, לעבן די „מיסטעריעזע“ געסלעך, איז טאָג און נאַכט פול מיט יוגנט פון פאַרשידענע ראַסן און פעלקער. די סטודענטן — פריילעכע, אינטערעסאַנטע, שאַפן פאַרברידערונג מיט זייערע געשפּרעכן. ווי בוקעטן בלומען זעען זיי זיך אָן ביי די טישלעך, אויף די טראָטואַרן, הילכיק — ווי קוואַליק וואַסער.

מיר טיילן זיי איין די סטודענטן אין גרופּן, לויט זייערע רייד געפינען מיר אויס, אַז אַ טייל לערנען און אַרבעטן, ספּעציעל די, וואָס אַרבעטן שווער, קינדער פון אָרעמע עלטערן לערנען גוט, פלייסיק און די וואָס לעבן פון דעם — וואָס רייכע טאַטע־מאַמע שיקן געלט אויף לערנען, שטודירן ווייניק, נאָר לאָזן זיך ווילגיין.

אסתר איז אַ געוויסע צייט געווען אין לאָס אַנדזשעלעס, געקומען צו אַ פאַרמעגלעכער שוועסטער, האָט זי איבערגעלאָזט דאָס רייכטום און צוריק — קיין פּאַריז.

דער בית עולם פּער לאַשעז, די דענקמעלער און מצבות זעען אויס ווי אַן אינטערעסאַנטער מוזעאום. דאָ ליגט אָסקאַר ווײַלד, מאַרסעל קאַשען, קוטעריע, מאַרסעל ווילאַרד, וואָס האָט פאַרטיידיקט דעם אַרבעטער־פירער געאָרג דימיטראָוו, איזידאָראַ דאַנקאַן, לעבן קבר פון אַנרי באַרביוס. פּונקט אַנטקעגן שטייט אַן אַרבעטער מיט אַ לאָפּאַטע, ער זעט

ווי איך בין פאַראינטערעסירט און מאַך גאָטיצן. קוקט ער זיך אַרום, לייגט אַוועק די לאָפּאַטע, ער קומט צו, ווען איך שטיי מיטן פּנים צו דער מצבה און ציט מיך ביים ארבל. איך באַמערק באַלד, אַז ער איז אַ שטו־מער. ער איז נאָך גאָר יונג, אַ שלאַנקער, מיט שווערע אַרבעטער־הענט, אַ רויט־האָריקער מיט שאַרפע, גרויסע העלע אויגן. זיין פּנים איז פול מיט זון און זומער־שפּרינקעלעך. ער טרעט נישט אָפּ פון מיר, רעדט מיט די הענט, וווּנדערט זיך, וואָס איך, אַן אויסלענדער — אן אמערי־קאַנער, זאָג אים, אַז מיר ווייסן ווער עס זענען די אַרבעטער־העלדן און אַרבעטער־פירער, וואָס ליגן דאָ. ער פירט מיך צו צו אַ צווייטן מאָנו־מענט, וואָס דערציילט די געשיכטע פון זעקס מיליאָן יידן און טרעט צוריק צו צו זיין אַרבעט. ווען איך דערווייטער זיך שליסט ער זיינע הענט אַלס אַן אויסדרוק פון חברשאַפט און סאָלידאריטעט.

די טוריסטן, וועלכע קומען קיין פּאַריז, גייען צום קבר פון „אומבאַ־קאַנטן זעלנער", צו די קברים פון די נאַפּאָלעאָנס, צו דעם „פּאַנטעאָן" אָדער „טעמפּל", וווּ עס ליגט וויקטאָר הוגאָ, וואָלטער, עמיל זאלא, זשאַן זשאָרעס.

אויפן מאָנמאַרט, לעבן פּער לאשעז, זענען אויך פאַראַן היסטאָרישע קברים און מאָנומענטן. זיי ווערן אָפּגעהיט, עס איז אַ טייל פון דער פראַנצויזישער געשיכטע.

אויפן מאָנמאַרט שפּרייזן מיר אַריבער א בריק, הינטער דער בריק ליגט אַן אלטער בית עולם מיט איינגעפאַלענע אַנטיקן־שטיינער, דאָ איז דער קבר פון הייגריך היינע. די גאַסן זענען לעבעדיק, עס רוישט און ברויזט מיט לעבן און לוסט. מיר קומען צו צום פּאַרק „מאָנסו", ער איז פול מיט קינדערלעך פון דער „בעסערער געזעלשאַפט". ס'רוב קינדער ווערן דאָ געהיט פון באָנעס און רייך־געקליידעטע מאַמעס מיט באַגליי־טערינס. דערציילן די מאַמעס זייערע קינדער, אַז דער דייטש איז געווען אין פּאַריז?... אין דעם פּאַרק, ווי אסתר דערציילט, האָבן זיך פאַר דער מלחמה געפונען סטאַטועס, סקולפּטורן פון וועלט־באַרימטע קינסטלער, דער דייטש האָט אַלץ צעפּלינדערט. עס האָט זיך נאָך אָפּגעהיט די בערב־טיקע סקולפּטור פון שאָפּען, וואָס שטעלט פאָר, ווי ער זיצט ביי דער פּיאַנאָ מיט די פינגער אויף די קלאַווישן, און אַ מלאך שוועבט איבער אים מיט אויסגעשפּרייטע פליגל. שאָפּען קוקט מיט טרוימערישע אויגן אויף אַ פרוי, וואָס זיצט אַנטקעגן אים; זי ווערט באַצויבערט פון זיינע טענער, וואָס פליסן פון דער פּיאַנאָ דורך זיינע פינגער־וויבראַציעס. שאָפּען זיצט

מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן, חלומות טראָגן אים אַוועק אין ווייטע וועלטן. אונטן איז אויסגעקריצט 1810 — 1849.

פאַריזער יידיש לעבן איז מיר ליב צוליב דעם, וואָס ס'איז אַנדערש ווי אין אַמעריקע, וועלכע איז פול מיט גלאַנץ, רייכטום, ווו אַלץ איז אַזוי גיי, קלאָר ווי אַ שפּיגל... דאָס יידישע לעבן איז דאָ אַנדערש, מען זעט דאָ נישט דעם אַמעריקאַנער אָנשטעל צו געפעלן דעם שכן. דאָס יידישע לעבן דאָ איז מער ליבעראַל, איז נישט אַזוי צעריסן. די פּראָטערנאַלע אָרגאַניזאַציע „אוניאָן" מיט אירע אָפּטיילונגען איבערן לאַנד האָט גרויס אָנזען. זי איז א כוח אין קאַמף קעגן ראַסיזם און ווערט געשטיצט פון די אָנגעזעענסטע פּערזענלעכקייטן אין לאַנד. די „נייע פּרעסע" האָט א סך יידישע לייענער, זי איז פּראָגרעסיוו, שפּיגלט אָפּ דאָס לעבן פון יידישן אַרבעטער, קליין־הענדלער, פאַרטיידיקט די רעכט פון די אונטערדריקטע און קעמפט פאַר די רעכט פון יידישן פאָלקס־מענטש. אירע ענערגישע מיטאַרבעטער: ספּערא, קעניג, ביל אראָן, גראַנט, ווילנער, פורמאַנסקי, ל. מילער, גאָרדאָן, א. יודין, זענען אין שטענדיקן קאָנטאַקט מיט די ברייטע יידישע מאַסן.

אינאיינעם מיט ביל אראָן, סאָניע שעכטער — ניו־יאָרק, משה ראַהינסקי, מיין לאַנגיאָריקער חבר פון ניו העיוון, איצט מיאַמי, זענען מיר געווען אויף פער לאַשעז. ביים אוישוויץ־מאָנומענט, וואָס איז געבויט פון גראַניט מיט טרעפּ אַרויפצוגיין. אין פראָנט פון דעם איינדרוקספולן מאָנומענט, שלעפּט זיך אַ פיגור אויף די טרעפּ, ער גייט אין הרייען געבויגן, אויף זיין נאַקן א שווערע מאַסע. דער מענטש, ברעכט זיך איין אונטער דער שווערער לאַסט... פון אַ זייט עפנט זיך אַ טירל, ווו די נאַציס האָבן אַריינגעשטופּט מענטשלעכע גופים צו פאַרברענען... ביי אַ צווייטן מאָנומענט זענען די פאַריזער יידן געקומען פאָדערן שטראָף פאַר אייכמאַנען, גלאָבקען, הויזינגערן. איך בין געווען איינער צווישן די מאַרשירער. מיר זענען צוגעקומען צו דעם מאָנומענט אויף יענער זייט רי דע ריוואָלי. מיר איז דאָ קלאָר געוואָרן פאַרוואָס הונדערט טויזנט יידן פון פראַנקרייך האָבן יאָ אויפגעבויט אַזוינס, וואָס וועט בלייבן אויף דורות לאַנג אין דער געשיכטע, און דער 5—6 מיליאָניקער יידישער ישוב אין אַמעריקע האָט פאַרגעסן... שטעלן אַן אייביקן אָנדענק.

דער מאָנומענט, דאָס איז די מויזי־געביידע פון יידישע מאַרטירער, וואָס רופט „פאַרגעסט נישט!"

צוריקבליק

אין פּאַריז דערמאָנט זיך ווידער ווי תיכּף נאָך דער מפּלה פון נאַציזם, ווען מיר האָבן שוין געוווסט וועגן דעם גורל, וואָס האָט געטראָפן אַ דריטל פון יידישן פאָלק, האָבן מיר געוואַנדערט איבער די אַרבעטער קוואַרטאַלן, וווּ פאַר יעדן הויז איז געהאָנגען אַ בינטל פרישע בלומען און אַן אויפשריפט: „אין אָנדענק פון אַן אנטינאַצי־קעמפער, וואָס איז געפאַלן אין פראָנט פון דעם הויז". מיר האָבן געוואַנגלט איבערן „פּלעצל", געזוכט אונדזער טאָכטער סעסיל.

זעקס וואָכן האָבן מיר געגישטערט אין יעדן אָרט, וווּ מען האָט אונדז אָנגעוויזן. מיר האָבן געוואַנדערט גאַס־איין, גאַס־אויס, אויף קרומע טרעפּ, פון איינגעפאַלענע הייזער, אויפן מאָנמאַרט, בעלוויל, רעפּאַבליק, באַסטיל. אומעטום, וווּ נאָר עס האָבן אַמאָל געוווינט קאָמפּאַקטע יידישע משפּחות, איז געווען ליידיק... ס'האַרץ איז שיעור צעריסן געוואָרן פון דעם, וואָס דער נאַציזם האָט איבערגעלאָזט... אין באַקאַנטע גאַסן און הייזער, וווּ נאָר פאַריז אַן עק האָט — האָבן מיר געפרעגט: „האָט איר געזען אונדזער טאָכטער?" „ווייסט איר עפּעס וועגן מיין ברודער משה און שוועסטער איידל מיט זייערע פאַמיליעס?"...

מיר זענען געפאָרן פון פאַריז קיין וואַרשע, לאָדזש, טשענסטאָכאָוו, וואַלבזשיך. שטעט און שטעטלעך זענען געווען חרוב, וואַרשע האָט גישט געהאַט קיין איין גאַנצן ציגל אין די פאַרבליבענע ווענט. „ריינקייטן" ספרים, האָבן זיך געוואַלגערט אין די גאַסן, דאָרט וווּ עס איז געווען דער „יודענראַט" האָבן זיך געוואַלגערט מענטשלעכע ביינער... גענעראַל ד. אייזענהאַוער האָט דערמלט אין סעפּטעמבער 1945, ווען ער האָט געבראַ־זשעט איבער דעם צעשטערטן וואַרשע געזאָגט: „וואַרשע איז אַ מיך טראַגישער פון דעם אַלעם, וואָס איך האָב ביז איצט געזען. דאָס פאַר־ברענען אַ גאַנצע שטאָט דורך די דייטשן שטעלט פאָר — אָדער זעט אויס צו זיין — אַ בייזוויליקע נקמה — פאַרניכטונג".

אונדזערע אייגענע זענען געווען „אַוועק מיטן רויך"... מיר האָבן זיך אָנגעזאַפּט מיטן גאַנצן ביטערן צאָרן. איבער אַלע גאַסן איז אונדז נאָכגעגאַנגען דער שאָטן פון די פּוילישע ייִדן און פון וואַרשעווער געטאָ. מיר זענען אַרויס פון פּוילן אויפן וועג צוריק נאָך פּאַריז און פּאָרגע־זעצט דאָס זוכן...

יענעם טאָג איז געגאַנגען אַ געדיכטער שפּיזיקער רעגן, וואָס האָט געשטאָכן ווי מיט נאָדלען. דער טריבער טאָג איז געווען לויטן געמיט און האָט געפּאַסט צו די רעיונות, וואָס האָבן זיך געמישט אין קאָפּ פון דעם, וואָס מיר האָבן דורכגעלעבט אין וואַרשע, לאָדזש, טשענסטאָכאָוו, וואַל־בזשיך, א. א. וו....

ביי מיין ברודער אויף סעינט אַנאַסטאַס, האָט דער רעגן געוואַשן די שויבן. די דינינקע טראָפּנס האָבן אויסגעקלאַפּט אַן אומהיימלעכן ניגון... איך בין געווען מיד און כ'האָב איינגעדרימלט. אַ שטאַרקער קלונג אין טיר האָט מיך אויפגעוועקט. די „קאָנסיערזש" האָט געבראַכט אַ בריוו, וואָס האָט זיך געלייענט אַזוי:

„מיר האָבן דעם פאַרגעניגן אייך צו פאַרבעטן צו דער פייערלעכער אויפנאַמע... מאָרגן אוונט אין „פּאַלעי שייעא". די דיפּלאָמאַטישע געסט פון דעם נייעם דעמאָקראַטישן פּוילן, וועלן ערן די אומגעקומענע פון ייִדישן פאָלק — די העלדן פון ווידערשטאַנד און אויפשטאַנד אין וואַר־שעווער געטאָ.

דער זאַל איז געווען איבערפולט פון אָנגעזעענע געסט. קאַנדע־לאַבערס האָבן געלויכטן אין שטראַלנדיקער פייערלעכקייט. דאָס איז געווען אַ דערפרישונג פון דעם, וואָס מיר האָבן דורכגעלעבט אין פּוילן. די רע־דעס און צערעמאָניעס, האָבן זיך פייערלעך פאַרענדיקט. פרייד, טרערן און חברשע האַנט־דרוקן האָבן זיך אויסגעמישט... עס זענען געווען צער־פולע און פריידיקע טאָאַסטן...

„אוי, סעסיל!" — האָט זיך פּלוצלינג אַרויסגעריסן אַ געשריי פון גאַנצן אינגעווייד... מיר האָבן פאַרלאָזט דעם זאַל, סעסיל האָט אונדז אַריינגעפירט אין הויז, פריער גאָרנישט גערעדט. אין אַ ציכטיק וויגל האָט זיך געשפּילט דאַניעל, דאָס זעקס־חדשימדיקע קינד האָט געהאַלטן אַ פּוכיק פּיסל אין מויל, ווי עס וואָלט גאָרנישט געווען איבעראַשט פון די אַמעריקאַנער געסט...

איך האָב ליב די פּאַריזער מענטשן, מיט זייער היימישקייט. די היימישקייט איז מיר אויך אַנטקעגנגעקומען אין מדינת ישראל, ספּע־

ציעל איז דאָס געקומען צום אויסדרוק ביים פאַרבעטן שבת צום „טשאָלנט“, וואָס איז געבראַכט געוואָרן פון בעקער. דאָס האָט ווידער דערמאָנט אין דער אַלטער היים — אין פוילן און אַוועקגעפירט צו דעם געוועזענעם שפרודלדיקן לעבן... און — צו די גאַסן און הייזער, שטעט און אינסטיטוציעס...

אין פאַריז, אין הויז פון אסתר און דוד וראָצלאַווסקי, האָב איך זיך באַגעגנט מיט רחל לעוואַרטאָווסקאַ, די פרוי פון יוסף לעוואַרטאָווסקי, דעם העלד פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. רחל וווינט אין וואַרשע, לעבט אויף פענסיע, האָט פריער אָנגעפירט מיט דער אַרבעט אין אַ ביבליאָטעק. עס איז געווען גוט צו זיין אין איר געזעלשאפט און רעדן וועגן געשעענישן...

ווען מיר זענען געזעסן ביים טיש און געשמועסט, האָב איך אין אירע אויגן און אין איר פנים געזען איר מאַן... וואַרשע אין פלאַמען... מענטשן שפרינגען פון ברענענדיקע הייזער... טרערן זענען מיר אָנגעלאָפן אין די אויגן, דער ביסן איז געבליבן שטעקן אין האַלדז...

אין „אוניאָן“ איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ פייערלעכע אויפנאַמע, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט משה ראַהינסקי און סאָניע שעכטער. דאָ האָב איך אויך באַגעגנט דעם פיינעם יידישן זשורנאַליסט א. קוואַטערקאָ פון וואַרשע, וואָס איז נאָר-וואָס געווען צוריק פון לאָנדאָן און געשריבן „שלום אַש אין לאָנדאָן“. ער האָט מיך פאַרבעטן קיין וואַרשע. קוואַטערקאָ, איז אַ ליבטיקער, געלאַסענער, פריינדלעכער חבר, נעט אָנגעטאָן, אַזוי איז ער אויך אין זיין שרייבן: נעט, געלאַסן, קלאָר, און אינטערעסאַנט. מיר האָבן געהאַט צייט צו שמועסן וועגן דעם אַלגעמיינעם און יידישן לעבן אין פוילן און וועגן „יידישע שרייבער אין אַמעריקע“.

יאָ, עס איז גוט צו זען ווי די פאַריזער זיצן געמיטלעך ביי טישלעך אין פראָנט פון די קאַפעען, קוקן נאָך פאַרבייגייער, רעדן הויך, מיט א מוזיקאַלישן אונטערטאָן...

אין פאַריז געפעלן מיר נישט די שוואַרצע הייזער, אן גראָז, נישטאָ קיין בוים, קיין בלומען-בייטן — אין די אָרעמע קוואַרטאַלן.

קינדער פאַרברענגען דאָ ווייניקער ביי טעלעוויזיע. פאַריז פאַרמאָגט בלויז איין טעלעוויזיע-סטאַציע אָן קאָמערציעלע רעקלאַמעס. יידישע און נישט יידישע קינדער ווייסן וועגן די דייטשישע אכזריותן לגבי די יידן...

פראַנקרייך — אַלט און ניי
אין אָרלעאַן

אין פראַנקרייך, ווו מען זאָל זיך נישט א קער טאָן און אַ ווענד טאָן, שטויסט מען זיך אָן אויף דענקמעלער — אויסקריצונגען אויף ווענט, שטיינער, און פלאַקן. א טייל שריפט איז שוין אַלט, געוואַשן פון שניי, ווינט און רעגן, אַז עס איז שווער איבערצולייענען די שריפט. די קונסט-טעמפּלען פון מאָזאַיק, פּרעכטיקע אַרכיטעקטורן, צעראַמיקס, מוראַלן, דאָס אַלץ איז פאַרשריבן אין טויזנטער היסטאָרישע ביכער, וואָס ווערן אָפּגעהיט פאַר דער אייביקייט...

די מאָלערייען און קונסט-פיגורן, וועלכע באַצירן די געביידע-ווענט פון אינעווייניק און פון דרויסן זענען געבויט געוואָרן אין אַ צייט ווען ס'זענען נישט געווען קיין מאָדערנע מאַשינען, וואָס הייבן אויף די מענטשן און מאַטעריאַלן ביז צום העכסטן טורעם. די אַרבעטער און די קינסטלער האָבן זיך געמוזט דראַפּען אויף גלייכע ווענט. דאָס האָט געקאָסט טויזנטער מענטשלעכע לעבנס, וואָס האָבן געאַרבעט פאַר אַ לאַבן ברויט און אַ פלאַש ווייַן...

איך געפין זיך איצט אין דער שטאָט אָרלעאַן, וואָס ווערט באַצייכנט ווי דאָס „האַרץ פון פראַנקרייך". אין דער שטאָט האָט זיך אויסבאַהאַלטן דאָס לעגענדאַרע פאַסטוך-מיידל דזשאַן דע אַרק; דאָ שטייט נאָך דאָס הויז פון זשאַק בושער, וואָס האָט אין דער צייט ווען די שטאָט איז געווען באַלאַגערט פון די ענגלענדער אין יאָר 1429 אויסבאַהאַלטן די העלדן. איך בין אַריין אין דער קירך, ווו דזשאַן דע אַרק האָט אָפּגעריכט תפילות, געדאַנקט גאָט פאַרן זיג איבער די ענגלענדער.

אין מיטן סקווער שטייט אַ ריזיקע פיגור, וואָס פאַרהערלעכט און דערציילט די געשיכטע פון אירע זיגן איבער פרעמדע אריינדרינגער. אין דער שטאָט וווינט מיין ברודערס טאָכטער מיט איר מאַן און צוויי געראָטענע קינדער: רעני און לאָורענס. די פלימעניצעס, ראָזע און

דזשאָרזש פֿאַרוואַלטן דאָ מיט אַ קליין געשעפֿטל פֿון מלבושים פֿאַר קינדער און דערוואַקסענע. דאָס הויז האָט דריי שטאָק, אַ שמאָל הויז, אַריינגעפּרעסט צווישן צוויי העכערע מויערן, וואָס דערציילן געשיכטע... מען פֿירט מיך אַרום איבער די שטיבלעך, וועלכע זענען קליין ווי הינערשטייגן, אָבער ריין, ליכטיק און ציכטיק, טרעפּ אַראָפּ, טרעפּ אַרויף, אונטן אין קעלער זענען לאַבירינטן. מיר גייען טיף, מיט אַן עלעקטרישן לעמפּל ביז... עס באַפֿאַלט מיך אַ שרעק, כ'בלייב שטיין און קוק שטאַר אין דער טיפֿקייט, וואָס ציט זיך ווייט, ווייט... די ווענט זענען נאַס, אונטן איז שמאָל, געדיכטס־פֿינצטער. געווען מסתּמא אַמאָל אַ הייל, אַ פֿעסטונג קעגן שונא און האָט געפֿירט צום אַרויסגאַנג פֿאַר אַן אָנגריף...

אין שטאָט זעט מען נאָך צעשטערטע הייזער פֿון די נאַצישע „מערדער־שמידטס“. אַ לויפֿנדער טייך ציט זיך איבער דער לענג פֿון שטאָט, פֿליסט אַריין ערגעץ אין טיפֿע ימען. בריקן, וועלכע דער היטלעריזם האָט צעשטערט צוזאַמען מיט אַ טייל פֿון דער באַפֿעלקערונג, זענען צוריק אויפֿגעבויט. מיר גייען איבער שמאָלע געסלעך, וווּ מער ווי דריי מענטשן אין דער ברייט קאָנען נישט שפּאַצירן. פֿון אַ וואַנט שטעקט אַרויס אַ ריקער פֿאַרזשאַווערטער דראָט, צוגעפֿעסטיקט צו אַ „הענטל“ פֿאַר די וואָס ווילן אַריינגיין, עס לויפֿט אָן אַ מיידעלע, ציט דעם דראָט מיט איר קליין, דאַר הענטל, עס קלינגט אַ גלעקל, די מאַמע עפֿנט אַ שמאָלע, מאַסיווע טיר, ס'קינד לויפֿט אַריין, ווי עס וואָלט זיך געשראָקן פֿאַר די פֿרעמדע מענטשן.

די קליינינקע געסלעך זענען פֿאַרדרייט ווי אַ פּראָפֿנציער. קינדער שפּילן, טאַנצן איבער אַ געפֿלאָכטענעם שטריק, ס'איז היינט זונטיק, פֿרייען זיי זיך. די זון שיינט טאַקע, אָבער דאָ דרינגט זי נישט אַריין. בלויז ווי אַ שאָטן באַווייזט זי זיך אויף דער פֿאַבריק, וווּ עס שמעקט מיט ריחות פֿון עסיק. אַפֿילו דאָס האָט דער אַרבעטער־קלאַס נישט געוואָלט אָפּגעבן די נאַצישע אַריינדרינגער, ווי אַמאָל אין דער ערשטער דייטשישער אינוואַזיע, אין 1870.

אָרלעאַן איז אַן אַלטע היסטאָרישע שטאָט, וואָס ליגט ביים דורכגאַנג פֿון צפֿון־דרום־וועג ביי אַ פֿליסיקן טייך. דער צענטער שטאָט איז פּרעכטיק, מוזעאומס, קירכן, היסטאָרישע פּלעצער, ס'רוב וועגן זשאַן דאַרק. יעדעס יאָר אין מאַי ווערן דורכגעפֿירט גרויסע פּאַראַדן און הערלעכע פֿייערונגען צום אָנדענק, ווען די שטאָט איז באַפֿרייט געוואָרן פֿון די ענגלענדער אין יאָר 1429.

פאָרנדיק פון פאַריז קיין אָרלעאַן ווערט מען פאַרכאַפּט פון דער פּרעכטיקער פעלדער־פּאַנאָראַמע, וואָס ציט זיך גאַנצע מײַלן. דער „דאַטש“, וואָס פירט אונדז איבער דעם געפּלאַסטערטן שליאַך, גיט אַ מעגלעכקייט צו איינזאַפּן די שיינקייט פון די פעלדער, וואָס ליגן אַזוי רחבותדיק אויסגעשפּרייט צווישן פאַריז און דער שטאָט ווו די נאָבל־לייט פון פראַנקרייך האָבן צו ערשט נישט געוואָלט אָנערקענען די געוואַגט־קייט פון אַ פּויערשער טאָכטער. ערשט, ווען זי האָט באַוויזן איר העלדן־טאַט, האָט איינער פון די קריגס־פירער זי געקושט.

אין פּאַריז — 1961

אין 1961 געפֿין איך זיך ווידער אין פּאַריז. די גאַסן און בולוואַרן זענען געפּאַקט מיט „מיליאָנען‟ אויטאָס, דורכגיין אַ גאַס איז אַ גרויס געפֿאַר, אַז מען קומט אַריבער אויף „יענער‟ זייט און עס פּאַסירט גאָר־נישט איז מען געראַטעוועט... אַ שפּאַציר איבער דעם ראַשיקן, אינטערעסאַנטן פּאַריז וועקן זכרונות פֿון עטלעכע און פֿערציק יאָר צוריק, ווען איך האָב געוווינט אויף די זשפּרעלאַנגעי.

איך בין אָנגעקומען אין אַ מאָמענט, ווען ס׳איז אויסגעבראָכן דער אויפֿשטאַנד אין אַלזשיר... איך האָב געמאַכט אַ שפּאַציר איבער די גאַסן, וווּ עס געפֿינען זיך די רעגירונגס־אַנשטאַלטן און אומעטום געזען די פּאָליציי באַוואָפֿנט מיט מאַשין־געווער. באָמבעס האָבן אויפֿגעריסן, און די שטאָט האָט זיך געשראָקן...

עס איז דער אַרבעטער־יום־טוב, דער ערשטער מאַי. אַ בלייענער הימל הענגט איבערן שטאָט. אַרבעטער־לאָקאַלן זענען דעקאָרירט מיט פּאָדערונגען... אויף פּלאַץ רעפּאָבליק, לעבן „בורז דע טראַוואַי‟ הייבן זיך אָן פֿאַרזאַמלען גרויסע מאַסן אַרבעטער און אינטעליגענץ. נישט ווייט דרייט זיך אַ קאַרוסעלע. קינדער פֿון האָרעפּאַשניקעס ווייסן אויך, אַז הייַנט איז דער טאָג פֿון זייערע אַרבעטנדיקע טאַטעס און מאַמעס, וואָס שטעלן אַרויס פּאָדערונגען און רופֿן די וועלט צו ברידערשאַפֿט און שלום.

די רעדער דרייען זיך נישט, בענק און אינסטיטוציעס זענען געשלאָסן. צווישן דער מאַסע וואַקסן אויס טראַנספּאַרענטן. עס איז אַ פֿאַרבאָט פֿון דער רעגירונג צו מאַרשירן... דער טראַפֿיק־פֿאַרקער ווערט אָפּגעשטעלט, גאַסן געשלאָסן פֿון פּאָליציי... דער הימל ווערט געדיכטער פֿון די שווערע אָנגעגאָסענע וואָלקנס. מענטשן גייען און גייען ביז עס וואַקסט אויס אַ מעכטיקע צוזאַמענגעפּרעסטע מאַסע פֿון אַרבעטער, וואָס קומען פֿון סינדיקאַטן, לערן־אַנשטאַלטן און רעגירונגס־אינסטיטוציעס. פֿאַבריקן זענען געשלאָסן, הויז־פֿרויען פֿאַרלאָזן זייערע הייזער. אַלע דע-

מאַנסטרירן קעגן מלחמה... פּאָליציי-„קעטשלעך“ שטייען גרייט... די זייטיקע גאַסן אַרום זענען פֿול מיט די „בלויע פּעלערינעס“...

עס טריפט אַ דריבנער רעגן, קיינער רירט זיך נישט פֿון אָרט. מעכטיקע שטימען הילכן איבער גאַסן און סקווערן פֿון און אַרום פּלאַין רעפּאַבליק: באַפֿרייט די אַרבעטער-קעמפֿער פֿון קאַזעמאַטן אין פֿראַנקאָ-שפּאַניע! סאָלידאַריטעט מיטן אַרבעטער-קלאַס פֿון דער גאָרער וועלט! אַ גרוס די סאָציאַליסטישע לענדער! אָפּשאַפֿן אַטאָמיש געווער!

„אָה מאַנדיו“, זאָגט אַ פֿרוי און קוקט מיר גלייך אין די אויגן, — „דאָס ביסטו?“ מיט פֿערציק יאָר צוריק איז זי געווען מיין שכנה, דאָ האָבן מיר ביידע זיך דערקענט. מיר האָבן אַוועקשפּאַצירט, פֿאַרנומען אַ טישל אין אַ ווינקל פֿון אַ קאַפֿע און זיך דערציילט וועגן לעבן אין משך פֿון פֿערציק יאָר אויפֿן אַמעריקאַנער און אייראָפּעישן קאָנטינענט...

די פֿרוי קריסטיני און איר מאַן זשאַקליו האָבן מיך צוגעפֿירט צו אַ פֿירשטאָקיק הויז, וואָס איז שוין אַריבער גייענהונדערט יאָר אַלט, „דאָ וווינען מיר“... דאָס הויז איז אונטערגעשפּאַרט מיט שווערע הילצערנע קלעצער, קינדערשע ווינדעלעך פֿלאַטערן איבער דער ברייט און לענג פֿון צוויי פֿענצטער, אויפֿגעהאָנגען אויף אַ דינעם דראָט, אַ פֿרוי קוקט אַרויס צום הימל „ווען די זון אַרויס?“, ס'האַרץ פֿאַלט איין עס זאָל עפּעס נישט פּאַסירן, ווען איר האַלבער קערפּער בייגט זיך אַרויס...

די זון איז אַרויס, אויפֿגעשיינט און באַלויכטן די שווערע, מאַסיווע, פֿינצטערע געביידעס. קינדערלעך זענען אַרויס מיט ליאַרעם און געפּילדער, געטאַנצט איבער שטריק, זיך געפֿרייט מיט דער זון, וואָס האָט אויפֿגעשיינט אין דעם ענגן שמאָלן געסל.

מיר זענען געגאַנגען צום סעין, ווו צענדליקער „בוקענירס“ פֿאַרקויפֿן ביליקע און זעלטענע מאָלערייען, היסטאָרישע דאָקומענטן, אַלטע ביכער פֿון נאַפּאָלעאָנס צייטן. ביי יעדן „סטענד“ שטייען קונים, די אַנטיקן-פֿאַרקויפֿער שרייען אויס הויך אויפֿן קול זייער סחורה, אַנדערע — שווייגן און וואַרטן געדולדיק... נישטאָ קיין פּאָרנאָגראַפֿישע זשורנאַלן, אין דעם „אויסגעלאַסענעם“ פּאַריז... אויב יאָ, זענען זיי ערגעץ פֿאַרשטעקט, ווו קיין לייטישער מענטש זאָל זיי נישט זען. עס דרייען זיך יאָ אַרום נעבן די פּלעצער ווו עס קומען טוריסטן מענער מיט פּאָרנאָגראַפֿישע בילדער און רעדן צו אייך אינדערשטיל, באַהאַלטענערהייט...

אָט, געפֿינען מיר זיך אין סאַמע האַרץ פֿון די גרעסטע אַנטיקן-הענדלער. יעדעס „זאַכעלע“ האָט הינטער זיך אַ לאַנגע געשיכטע, וואָס

דער פֿאַרקויפֿער ווייסט צו דערציילן: פֿון קעניגן, פֿירשטן, נאָבל־מענער, דענקער, העררשער, זינגער און באַזינגטע... אַלץ קאָנט איר קויפֿן פֿאַר שפּאָט־ביליק, מ׳דאַרף נאָר זיין אַ מבין.

די קאַפֿעען, אויף די שענסטע בולוואַרן זענען טאָג און נאַכט איבערפֿולט, מיר האָבן קוים אָפּגעזוכט א טישל. קריסטיני און זשאַקליו דערציילן וועגן זייער אַרבעט אין דער „רעסיסטאַנץ“... ביים לוקסעמבורגער גאָרטן האָבן מיר זיך געזעגנט און צוגעזאָגט ווייטער גיין אינאיינעם מיט די, וואָס האסן מלחמה און האָבן ליב פֿעלקער־פֿריינדשאַפֿט — ערעוואַר, אויף ווידערזען ביי אַ צווייטער באַגעגעניש אין פּאַריז...

אוי, גאָט איז מיט אייך...

יענעם אָוונט, ווען ס'האָט אין פּאַריז געקלונגען דער טעלעפאָן אין הויז פון מיין ברודער, איז געפאַלן אַ שלאָגס-רעגן, איך האָב זיך שטאַרק דערפרייט, ווען כ'האָב דערהערט סעם טראַפּאָוערס שטימע: „איך בין גאָר-וואָס אָנגעקומען, מיר זענען שלעכט איינקוואַרטירט, דאָס געמיט איז ווי דאָס וועטער, מיין פרוי דאָרע, איז גאָר אַנטוישט, מיר געפינען זיך אויפן מאָנמאַרט, נישט ווייט פון „פּאַלי בערזשעי“, דאַכט זיך, אַז מאָרגן פאָרן מיר אַוועק, כאָטש מיר האָבן פּלאַנירט דאָ בלייבן עטלעכע טעג“...

— הערט, נעמט אַ טעקסי, קומט צופאָרן אין „האָטעל מאָדערן“, אויפן פּלאַץ רעפּאַבליק, איך וועל דאָרט היינט רעדן צו די מיטגלידער פון „סאָסאַיטי“ פון „לאָדזשער פריינד“, כ'וועל אייך מאָרגן ווייזן די שטאָט, איך בין אין פּאַריז שוין אַן אַלטער תושב, אַ האָטעל וועלן מיר געפינען לעבן אונדז, א בעסערן, די וועלט גייט נישט אונטער, היינט רעגנט, מאָרגן וועט שיינען די זון...

איך האָב געפונען אַ צימער אין האָטעל „דע לאַ-פּע“. דער „האָטעל פון פרידן“ געפינט זיך אויף בולוואַר סט. מאַרטין, אַנטקעגן ווינט מיין טאָכטער, פון פענצטער זעט מען „פּלאַץ רעפּאַבליק“. דער טאָג איז געווען פייערלעך שיין, אויסגעוואַשן פון רעגן, די געמיטער אַביסל מער אויפגעהייטערט. אין דרייען האָבן מיר געמאַכט דעם ערשטן שפּאַציר. אויטאָמאָבילן זענען געלאָפן איבער גאַסן און סקווערן מיט אַ בלייז-שנעלקייט. פּאָליסלייט האָבן רעגולירט דעם פאַרקער און זענען געווען זייער העפלעך, ספּעציעל צו טוריסטן, וואָס רעדן מיט די הענט... זיי ווייזן אייך אַגאַוש, טודואַר, אַדואַט, רעכטס, לינקס, גלייך, און אויב איר ווילט וועלן זיי אייך צופירן...

מיר ווילן אַריבערגיין צו דער סטאַטוע פון פּלאַץ רעפּאַבליק און דערזען א שיינעדיקע מטבע ליגן אין רינשטאָק. בייג איך זיך איין און זאָג: „נישט נאָר אין אַמעריקע ליגט געלט אין די גאַסן, אַפילו אין פּאַריז וואַלגערט זיך געלט אין רינשטאָק, גוטע צייטן, נישט ווי אַמאָל...“

הינטער די פּלייצעס רופט זיך אָן אַן אומבאַקאַנטע פרוי:
— איר זענט יידן?
— דער בעסטער סימן, מיר רעדן יידיש...
— פון אַמעריקע?
— געטראָפן...
— וווהין גייט איר איצט?
— מיר ווילן צום באַסטיל, וו ס'איז אַמאָל געשטאַנען די גי־לאָטינע...
— מיר האָבן געהאַט די גילאָטינע ווען דער דייטש איז דאָ געווען. גייען מיר און שמועסן וועגן דער דעפּאָרטאַציע פון יידן...
— פון וואַנען זענט איר?
— פון פּוילן.
—פון וועלכער שטאָט?
— איך בין פון לאָדזש, מיין פריינד סעם פון אָסטראָווע.
— איך בין אויך פון אָסטראָווע, זאָגט די פרוי.
ביי מיין פריינד סעם האָט זיך אָנגעצונדן אַ פלאַמיק פייערל אין די אויגן... — אַמעריקע איז א גוט לאַנד פאַר יידן, פון קיין לאַנד פאָרט מען נישט אַזוי־פיל איבער דער וועלט ווי פון אַמעריקע, האָט געזאָגט די פרוי, אריבערגייענדיק צו דער סטאַטוע פון רעפּאַבליק, וואָס פאַר־נעמט א היפּשן שטח אין מיטן סקווער.
— מ'אַרבעט אָפּ אַ גאַנץ לעבן אין שאָפּ אין ניו־יאָרק, אַזוי ווי סעם און דאָרע, מ'שפּאָרט אָפּ פון דעם נייטיקסטן, מען איז זיך מקריב און מען פאָרט זען שוועסטער, ברידער, משפּחה, וואָס מען האָט איבערגע־לאָזט אין דער היים. איצט האָט מען קוים אויסגעפונען, אַז עמעצער איז לעבן געבליבן נאָך דעם חורבן... אַזוי פאָרן טויזנטער אַרבעטער. אַוודאי האָבן מיר נישט איבערגעלעבט דאָס, וואָס איר אין פּאַריז, אין פּוילן און אין אַנדערע אייראָפּעישע לענדער...
— איבערגעלעבט זאָגט איר? דאָרט ביי אייך האָט מען אַפילו קיין פענצטער נישט אויסגעהאַקט...
די זון האָט געוואַרעמט. האָבן מיר אויסגעטאָן די מאַנטלען, געוואָרפן בליקן אין אַלע זייטן, באַוווּנדערט דאָס געמיטלעכע שפּאַצירן פון מענטשן. אויפן ראָג גאַס איז געשטאַנען א יונג פּאָרל, זיך שטאַרק,געהאַלטן אַרומ־גענומען, גערעדט אַזוינע ליבלעכע ווערטער. חוץ אונדז ביינעריקע האָט זיך קיינער נישט אומגעקוקט. דער פּאָליסמאַן אין ווייסע הענטשקעס,

מיט דער בלויער פּעלערינע פּאַרוואָרפן אויפן אַקסל, האָט-רעגולירט דעם פּאַרקער. אַ גרויסער הונט איינגעשפּאַנט אין אַ וועגעלע האָט געפירט אַ באַרג מיט בלומען, אַ פרוי אָרעם אָנגעטאָן איז נאָכגעגאַנגען, גערעדט צו דעם הונט אַזוי ווייך און מעגטשלעך ווי צו אַן אייגן קינד...

מיר זענען שטיין געבליבן וואַרטן אויפן אָנקומענדיקן אויטאָבוס, וואָס פאָרט צו באַסטיל. ביי סעמען האָט זיך עפּעס געמישט אין קאָפּ, זינט די פרוי האָט דערמאָנט, אַז זי קומט פון זיין שטאָט אַסטראָווע, וועלכע איז געווען אַ יידישע שטאָט האַרט ביי דער דייטשישער גרענעץ, ווו יידן און נישט יידן האָבן געלעבט פון „גיין אַהין און צוריק“...

— וואָס האָבן אייערע עלטערן געטאָן אין אַסטראָווע, ווו האָבן זיי געוווינט? האָט איר געהאַט ברידער און שוועסטער? איך וואָלט שווערן, אַז איר קוקט אויס ווי שמעונס אַ שוועסטער...“ — זאָגט סעם.

„אוי, גאָט איז מיט אייך! ווער זענט איר? אַזאַ צופאַל, עס גלייבט זיך נישט“...

מיט פופציק יאָר צוריק איז שמעון געווען דער געטרייער חבר פון סעמען, באַלאַנגט צוזאַמען אין אַ דראַמאַטישן „קרוזשאָק“, געשפּילט טעאַטער, קוים פערצן יאָר אַלט געווען און שוין פאַרשטאַנען, וואָס עס איז רעכט און וואָס מיינט פאַלש, געפילט די אונטערדריקונג פון פרייען געדאַנק דורך די צארישע זשאַנדאַרן און דער דעספּאָטישער מאַכט.

— יאָ, שוין פופציק יאָר ווי איך האָב זיך צעשיידט מיט אייער ברודער שמעון, צוזאַמען האָבן מיר געטרוימט... געקעמפט... ווו איז ער איצט?

— מיין ברודער איז צוזאַמען מיט די זעקס מיליאָן יידן פאַרפּײַ־ניקט געוואָרן. גוט איז כאָטש, וואָס איך האָב על פּי נס באַגעגנט מיין ברודערס חבר, מיט פופציק יאָר שפּעטער...

— פליז, „סיוואו פּלע“, קומט מאָרגן צו מיר אין הויז, איך פיל עפּעס אַזאַ דערלייכטערונג, קומט אַלע, „מיין ברודער שמעונס חבר“ — האָט זי געהאַלטן אין איין איבערחזרן...

דער גרויסער סוד

אין דעם שטעטל אָסטראָווע, נישט ווייט פון דער דייטשישער גרענעץ, האָט געטראָפן אַזאַ געשעעניש: ס'איז געווען פאַרנאַכט. די זון איז שוין פאַרגאַנגען. דער הימל האָט זיך אָנגעצונדן צונטער־רויט, ווי אַ שרעקלעך פייער וואָלט געפלאַקערט הינטער די טיפע וואָלקנס, „אַ גרויסע סכנה גרייט זיך"... באַלד איז די זון פאַרשוווּנדן ווייט הינטערן וואַלד און פאַמעלעך מיטגענומען דעם פייערדיקן הימל... ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט. אַ געדיכטע פינצטערניש האָט איינגעהילט די שטאָט, מען האָט קוים אַרויסגעזען פון הייזער די פייערלעך פון די נאַפט־לאָמפּן.

געווען איז דאָס דאָנערשטיק פאַרנאַכט אין הויז פון ר' אַהרן ליפּמאַן דעם שניט־קרעמער האָט מען געשאָבן גרויסע העכט, קאַרפּן און געפליקט הינער. מ'האָט זיך געגרייט צום הייליקן שבת, ווען ס'וועלן קומען די אָנגעזעענסטע שטאָט־באַלעבאַטים הערן די בר־מצווה דרשה פון זיין מוזיניקל. אי וועט דאָס זיין אַ יום־טוב, שוין לאַנג האָט די שטאָט אַזוינס נישט געזען! דאָס פּאַס וואַסער מיט די מעשענע, גלאַנציקע רייפן האָט זיך אויסגעלייזדיקט, האָט דבורה די קעכין גענומען צווייג „וויאַדרעס", געגעבן אַ לאַמטערן „מירעלע קאַלב", וואָס האָט ערשט געהאַט פאַרענדיקט וואַשן די פּאָדלאָגעס, אַז זי זאָל מיטגיין באַלייכטן דעם וועג... זיי זענען צוגעקומען נעענטער צום ברונעם און האָבן ביידע אַרויסגעלאָזט אַ שרעקלעכן, ווילדן געשריי, אַז עס האָט געשפּאָלטן דעם הימל...

אויף פּאַרבלוטיקטע שטיינער איז געלעגן דער צוועלף־יאָריקער אַנטאָן טשעזליאַר, דער זון פון קוטשער סטעפּאַן. די גאַנצע נאַכט איז די שטאָט נישט געשלאָפן. די יידן זענען אַריינגעפאַלן אין גרויס שרעק, פּאָליאַקן האָבן זיך געבונטעוועט, זיך „געגרייט"... ס'איז פאַרשפּרייט געוואָרן אַ קלאַנג, אַז אַהרן ליפּמאַנס זונדל האָט דערשטאָכן אין אַ געשלעג... זיין חבר אַנטאָן.

די מעשה איז געווען, אז אנטאָן און חיים, ביידע אין זעלבן עלטער, האָבן זיך געלאָזט אויף א שפּאַציר. אַנטאָן האָט געזאָגט, — לאָמיר גיין צום וועלדל, לעבן דער הילצערנער בריק, דאָרט ביים וואַסערל טרעפט מען מיידלעך וואַשן די פיס און זינגען, מירן ביי זיי צונעמען די קאָ־ לירטע לענטעס און קעמלעך, וואָס זיי טראָגן אין די צעפּ... — גיי אליין, האָט אים חיים געזאָגט, יידישע יינגלעך טוען נישט אַזעלכע זאַכן. אויב דו גייסט נישט, וועל איך דערציילן, ווי דו האָסט געקושט מיין שוועסטער. דערהרגענען יעזוסן מעגסטו יאָ און גנבענען לענטעס נישט? — ביסט א ליגנער, מאַכסט א בלבול, ווי אויף ביילים... קינדער האָבן זיך געקריגט, זיך אַריינגעזאָגט...

די קינדער זענען שוין געווען שטאַרק צעקריגט. חיים האָט אָנגע־ הויבן שפּאַנען אליין, לאָזנדיק הינטער זיך זיין צעקריגטן חבר...

אַנטאָן האָט אים אָנגעיאָגט און אַרויסגעכאַפּט אַ גלאַנציק קניפּיקל... צווישן די קינדער איז אויסגעבראָכן אַ געשלעג, איינער איז געפאַלן אויפן צווייטן... חיים האָט דערזען בלוט אויף די שטיינער, איז ער שנעל מיט א קלאַפּנדיק הערצל, אַריינגעלאָפן, דערציילט וועגן געשלעג...

היימס עלטערן האָבן פאַרשטאַנען, אז דאָס וועט ברענגען א צע־ שטערטן שבת, און קיין גוטס וועט פון דעם נישט אַרויסקומען...

איינס און צוויי, האָט מען דעם יונגן בחורל אַריבערגעפּעקלט אויף יענער זייט גרענעץ. ווען דער אויפגערייצטער המון איז אים געקומען זוכן איז שוין חיימל אין דער היים נישט געווען. חיימל איז פארשוואונדן. אין דער וועלט איז געבליבן אַ גרויסער סוד...

קיינער האָט נישט געוווסט, אז פון דעם קליינעם שטעטל, איז ער, נאָך יאָרן וואַנדערן, אָנגעקומען קיין פּאַריז, דאָ האָט ער געלערנט, געאַרבעט, אינגאַנצן פאַרגעסן פון דעם „וואָס עס איז געווען“, זיין פרוי אינקע האָט אים געבוירן אַ יינגל מיט אַ מיידל. זיי זענען שיין געווען, געראָטן „ווי גאָט האָט געבאָטן“. דאָס גאַנצע הויזגעזינד האָט געלעבט בכבודיק און געווען אָנגעזען אין דער געזעלשאַפט.

דער אַריינמאַרש פון די נאַצישע רוצחים האָט דאָס אידילישע לעבן צעשטערט.

אין אויגוסט 1945 איז שוין חיים געווען צוריק אין זיין אייגענער היים, ער איז אָבער געווען איינער אַליין צווישן פיר גרויע ווענט...

ווען איך בין אין 1961 געווען אין פּאַריז, איז געקומען צו מיר ליאָן מעליכאָוויטש. אָפּנעמען א גרוס פון זיין יוגנט־פריינד ס. בערנשטיין. אויך

סעם און זיין פרוי דאָראַ, וואָס האָבן נאָך געהאַט אַ באַשרענקטע צייט צו פאַרברענגען אין פאַריז, זענען אין דער זעלבער צייט געקומען זיך זען מיט מיר.

עס איז געווען אַ שיינער זוניקער טאָג. מיר פאַרלאָזן שנעל מיין ברודערס הויז, גייען צוזאַמען און שמועסן, הערט מעליכאָוויטש ווי איך רוף אָן סעמען ביים צווייטן נאָמען, וועקט ער זיך אויף ווי פון דרימל, טוט עפּעס אַ טראַכט, און רופט זיך אָן — הערט: „אַזאַ נאָמען איז מיר באַקאַנט, דאָס איז מיינער אַ פריינד, ער וווינט דאָ נישט ווייט, זייער אַ פיינער מאַן, חתונה געהאַט נאָך דער מלחמה, זיין ערשטע פרוי מיט די קינדער האָבן די דייטשן...“

„הערט, רופט זיך אָן סעם, אויב אַזאַ נאָמען איז דאָ, מוז ער זיין מיינס אַ קרוב, קיין פרעמדער מיט אַזאַ נאָמען איז איבער דער גאָרער וועלט נישט פאַראַן“.

גייען מיר געמיטלעך אויף רי דע טורען, עס פאָרט פאַרביי אַן אויטאָמאָביל. מעליכאָוויטש טוט אַ געשריי „אָט איז ער! הערי, וואַרט!“

פון דעם אויטאָ קומט אַרויס אַ בכבודיקער מענטש, וואָס איז געפאָרן פון אַ שפּאַציר און פונקט אָנגעטראָפן, ווען זיין נאָמען איז דערמאָנט געוואָרן...

— זייט באַקאַנט, דאָס איז מיין פריינד סעם און דאָראַ, פון אַמעריקע, איך געפין זיך דאָ ביי מיין שוועגערין בערט און דזשאָרזש פּאָזנאַן, זאָג איך.

— פון אַמעריקע, געסט האַ, פיין, ווי לאַנג בלייבט איר דאָ?

— אין אַ טאָג צוויי פאַרלאָזן מיר דאָס שיינע פאַריז. רופט זיך אָן סעם. דער פריינד האָט נאָר=וואָס געזאָגט, אַז אייער נאָמען איז חיים,— „יאָ, אַזוי הייס איך שוין אַן עין — הרע באַלד 73 יאָר“.

— קומט איר נישט פון שטעטל — לעבן דער דייטשישער גרענעץ?

— געטראָפן ווי איך בין אַ ייד!

באַמערקט האָבן מיר, אַז דאָ קומט נישט פאָר קיין איינפאַכע באַגעגעניש, נאָר אַ זעלטענע דערשיינונג, וואָס ווערט דערציילט אין אויספאַנטאַזירטע מעשיות, וועלכע שילדערן אויף אַ ברייטער קאַנווע רעאַליסטישע געשעענישן און דער לייענער ווערט מיטגעריסן מיט די העלדן, וועלכע פיגורירן אין זיי.

מיר האָבן זיך אָפּגערוקט אין אַ זייט, אַ טרער האָט אַ פינקל געטאָן, די צוויי מענער האָבן זיך הארציק אַרומגענומען, ס'איז געווען טיפע פרייד אין זייער באַגעגעניש...

ברידערן־זין האָבן אין לעבן קיינמאָל זיך נישט געזען און נישט געחלומט זיך צו באַגעגענען. סעם האָט אַלס קינד בלויז געהערט דערציילן וועגן דער מיסטעריעזער פּאַסירונג פון זיין פעטערס יינגל, וואָס איז פאַרשוואונדן אין די ווייטע וועלטן... איצט, נאָך דורך אַ צופאַל האָבן זיי זיך באַגעגנט אויף רי דע טורען אין פּאַריז, וווּ עס איז אַנטדעקט געוואָרן דער גרויסער סוד...

אַ מעשה פאַרן אייניקל

איזאַבעל איז אַכט יאָר אַלט. זי איז שיין, קלוג, געהאָרכזאַם און גוט. יעדן טאָג, ווען זי קומט פון שולע מיטאָג עסן, וואַרט זי מיט גרויס נייגעריקייט אויף מיין קלונג אין דער טיר. יעדעס מאָל ברענג איך איר עפּעס.

היינט, צום געזעגענען, האָב איך געבראַכט אַן אַמעריקאַנער שרייבפעדער. איזאַבעל האָט דאָס שטאַרק אָפּגעשאַצט, ווייל איר „האָבי" איז זאַמלען פּופּעס פון דער גאָרער וועלט מיט קאָלירטע קאָסטיומען און אויך שרייב-פעדערס.

— מיט וואָס זאָל איך באַדאַנקען דעם זיידן פאַר די אַמעריקאַנער מתנות? — טראַכט איזאַבעל — זי זעצט זיך אין אַ ווינקל, צייכנט אָן אַ זעלבסט-פּאָרטרעט און מיט אַ צעפּלאַמט פּנימל גיט זי מיר דאָס אַלס מתנה.

איך לייען איר פּערלדיקע האַנטשריפט: „איך דאַנק דיר פאַר אַלע מתנות, וואָס האָסט מיר געבראַכט פון אַמעריקע. איך בין זייער צופרידן מיט דיר"... באַלד האָט דאָס מיידעלע זיך געזעצט ביי דער פּיאַנאָ, געשפּילט בעטהאָווען, מאָצאַרט און בראַמס.

ווען זי האָט פאַרענדיקט, האָבן אירע אויגן געשיינט, דאָס רונדיקע פּנימל האָט געלאַכט און איז געווען שטאַרק צופרידן פון מיינע אַפּלאָדיסמענטן. ווייל — „די מאַמע אַפּלאָדירט קיינמאָל נישט"...

איזאַבעל האָט געוואָלט איך זאָל איר עפּעס דערציילן וועגן דעם קינדער-לעבן אין אַמעריקע.

טראַכט איך: „וואָס דערציילט מען אַזאַ געראָטן שיין מיידעלע, וועלכע איז פון דאָרט אָפּגעטיילט זעקס טויזנט מייל? אָנגעהויבן האָב איך אַזוי:

— אין אַ געדיכטן וואַלד, וווּ מיליאָנען ביימער זענען געוואָקסן איינע נעבן די אַנדערע, ווי אַ גרויס קאָרנפעלד מיט זאַנגען, האָבן זיך אויך געפונען אַלערליי מינים פייגל. קאָלירן האָבן זיי געהאַט — פאַנטאַסטישע,

שענער ווי דער רעגנבויגן: רויטע, גרינע, געלע, בלויע, ווייסע, פורפור, שוואַרץ, ברוין, גרוי, פּיאָלעט, גאָלד, זילבער, ציטרין און פיל אַנדערע קאָלירן. זיי זענען געווען אַזוי פּראַכטפול, ווי א זון־אויפגאַנג אין מדבר.

עס זענען געווען פייגעלעך, וואָס האָבן געזונגען נאָר אין די פּאַרטאָגן, איידער די זון האָט זיך באַוויזן אויפן האָריזאָנט; אייניקע האָבן בלויז צום זונפאַרגאַנג זיך געלאָזט מיט לויטערע טרעלן, וואָס האָבן פאַרכישופט; געווען אויך אַנדערע, וואָס האָבן נאָר געזונגען אין די נעכט, ווען ס'האָט גערעגנט...

די שטערן אין הימל זענען געווען גרויסע, ליכטיקע, און די לבנה דורכזיכטיק, מיט אַ לאַכנדיק פּנים פון א מענטש, וואָס מען זעט עס נישט אין דער גאַנצער וועלט. אין אַזאַ נאַכט, ווען איין פויגל האָט אָנגעהויבן טרעלן, האָט דער גאַנצער וואַלד מיטגעזונגען. דאָס האָט געשאַפן אַזאַ סימפאָניע, ווי עס וואָלטן געשפּילט הונדערטער האַרפן און פלייטן מיט פידלען.

מאַלפּעס זענען דאָ געווען פון פאַרשידענעם אויסזען. זיי זענען געווען זייער קלוג: אַז זיי האָבן דערשמעקט א געפאַר האָט איינע די אַנדערע געוואָרנט, און אַלע האָבן זיך געטוליעט אין מחנות און דערמוטיקט איינע די אַנדערע.

צווישן די מאַלפּעס זענען געווען גרויסע, קליינע, מיטעלע, שיינע, מיאוסע. אויך זיי האָבן געהאַט פאַנטאַסטישע קאָלירן, שטאָלצירט מיט זייער שיינער פעל, ווי אַ פּאַווע מיט אירע גאָלדענע פעדערן.

א סך חיות זענען בייטאָג געשלאָפן אין די טיפע היילן, וואָס זיי האָבן אַליין אויסגעגראָבן. ביינאַכט, ווען די פינקלדיקע שטערן און א גרויסע זילבערנע לבנה האָט זיך באַוויזן אויפן הימל, זענען די שווערע באַשעפענישן אַרויסגעקראָכן פון זייערע נאָרעס און היילן, וואָס זיי האָבן אַליין אויסגעבויט, געזוכט שפּייז און אַזוי אַרומגעבלאָנקעט ביז ס'האָט אָנגעהויבן טאָגן.

ביינאַכט האָט דער ווינט געפייפט, ביימער האָבן זיך געסודעט, בלעטער און צווייגן האָבן געשאַרקעט, אַזוי הערלעך, ווי עס וואָלט געשפּילט אַן אָרקעסטער מיט סטראַטיוואַריוס־פידלען.

געווען נעכט אין וואַלד, ווען מעטעאָרן זענען געפאַלן און געלאָזט איבערן האָריזאָנט אַ לאַנגע גאָלדענע שנור, א סך פון די חיות האָבן זיך דערשראָקן צוליבן גאָלדענעם בליציקן פייער, וואָס האָט דורכגעקרייצט דעם הימל. ווען ס'האָט געדונערט און געבליצט, איז דער הימל

געווען אָפֿן, האָט אָפּגעהילכט אין וואַלד ווי מיליאָנען פֿייקלער וואָלטן געקלאַפּט אין די פּויקן. אין אַזאַ נאַכט האָבן די חיות אין וואַלד געמיינט, אַז די וועלט עקט זיך.

„איינמאָל איז געקומען אַ גרויסער גאַסט צום מענטשעלע=קאַרליק, וואָס איז געווען דער הערשער=טיראַן, צו וועלכן ס'האָט געהערט דער וואַלד, דאָס לאַנד, און דאָס גאַנצע רייכטום מיט די מענטשן, וואָס זענען געווען פֿאַרשקלאַפּט און געמוזט טאָן אַלץ וואָס ער האָט באַפֿוילן. ער האָט גענומען דעם גרויסן גאַסט, אים אַרומגעפֿירט אין אַלע טעמפּלען, פּאַלאַצן, געפּראַוועט גרויסע סעודות. שפּעטער האָט ער געהייסן זיינע וועכטער, וואָס האָבן אים געהיט טאָג און נאַכט, אַז זיי זאָלן באַוואָפֿענען הונדערט לייב=וועכטער מיט שפּיזן און ווייזן דעם גאַסט דאָס שיינקייט און רייכטום פֿון וואַלד.

„דעם גאַסט האָט דער הערשער=טיראַן אַריינגעזעצט אין אַ קאַרעטע מיט גאָלד און זילבער באַפּוצט, אויסגעקריצט דעם נאָמען פֿון הערשער=טיראַן „טשיקי=אמארע=טיפּא“, וואָס מיינט אויף זייער שפּראַך „רעגן אין ערד=ציטערניש“.

דער קאַרליק=הערשער איז געטראָגן געוואָרן פֿאָרויס אין אַ גאָלדן וועגעלע, דורך אכט מענער, וועמענס לייבער זענען געווען גלאַנציק ברוין ווי קופּער. אויף די העלדזער און הענט האָבן זיי געטראָגן צירונג פֿון פּיל אָרנאַמענטן.

ווי נאָר די גאַנצע מחנה איז אַריין אין וואַלד, האָט זיך פֿון גאַנץ ווייט דערהערט אַ געזאַנג פֿון אַ מענטש=פֿויגל.

„ווער זינגט דאָס דאָרט אַזוי דין, איידל ווי אַ וווּנדערבאַר קאַנאַריקל, וואָס שטייגט אריבער אַלע געזאַנגען וואָס איך האָב ביז איצט געהערט?“ האָט דער גאַסט געפֿרעגט.

— דאָס איז „צהאטשוע“ דער פֿויגל, וואָס איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין — און מער נישט געוואָלט אויסזאָגן דעם סוד...

די לייב=וועכטער, וואָס זענען אַריין אין וואַלד מיט געקלאַפּ פֿון טאַצן, פּויקן און פּאַסטוך=פּייפֿלען, האָבן דערשראָקן די חיות, וואָס האָבן אָנגעהויבן רעדן אויף זייער בייז=לשון, ווי אַ פּראָטעסט פֿון הערשער=טיראַן.

דאָס זינגען פֿון „צהאטשוע“ האָט ווידער אָפּגעקלונגען איבערן וואַלד. אין דעם געזאַנג איז געווען טרויער, צאַרטקייט, דראָונג און מיטלייד...

נעבן הויכן און גערדיכט באוואקסענעם בוים, ווו דער מענטש־פויגל איז געזעסן, האט דער גאסט באפוילן די לייב־וועכטער אפשטעלן די קא־רעטע, און געזאגט צום הערשער־קארליק אזוי:

„א שאד צו לאזן אזא אביעקט אין וואלד צווישן די חיות און פייגל, איך וועל דיר געבן פיל גאלד, איידלשטיינער און פארקויף מיר דעם פויגל, כ'וועל אים ברענגען צו די קינדער פון דער וועלט, זאלן זיי הערן דאס געזאנג און די שענסטע מוזיק“.

— גוט, האט צוגעשטימט דער קארליק. בליץ־שנעל האבן די שקלאפן ארומגערינגלט דעם בוים, פארווארפן א נעץ, און נאך פיל יאָ־געניש געכאפט דאס באשעפעניש. מיט גרויס פרייד האט דער גאסט דעם אביעקט געפירט צו זיך אין לאנד. דאס גענומען צו זיך אין הויז, געגעבן עסן און טרינקען, געוואשן און געזאלבט, געשוירן, געצערטלט. ביסלעכווייז האט דאס באשעפעניש אנגעהויבן רעדן און זינגען ווי א מענטש...

אין א שיינעם טאג האט דער גאסט צוזאמענגערופן א סך קינדער פון לאנד, וואס האבן ליב געהאט צו הערן געזאנג, אויפגענומען זיי מיט גוטע מאכלים, מיט וועלכע די קינדער האבן זיך דערקוויקט.

אלע קינדער זענען געזעסן מיט איינגעהאלטענעם אטעם און פאר־גאפטע זיך צוגעהערט צום רעדן פון גאסט:

ווען „צהאטשוע“ איז געווען נאך א קינד אין וויגל, האט דער הערשער־טיראן געשיקט ברענגען זיינע עלטערן. געפאדערט, אז דאס קינד זאל איבערגעלאזט ווערן אין זיין הויז. ווען עס וועט 13 יאר אלט ווערן, וועט ער עס נעמען פאר זיינס א באדינער“. די עלטערן, כאטש זיי זענען געווען ארעם, האבן ווידערגעשפעניקט און נישט אויסגעפירט דעם קארליקס פארלאנג.

ווען איינער פון די לייב־וועכטער האט געלאזט וויסן טאטע־מאמען, אז דער שונא פון זייער קינד גרייט זיך זיי אומברענגען, זענען זיי אנט־לאפן אין וואלד, זיך באהאלטן אין א טיפן גרוב אזוי לאנג, ביז דער „הערשער־טיראן“ האט זיי געכאפט און אומגעבראכט. „צהאטשוע“ אליין האט זיך אויפגעהאלטן אין וואלד, ביז דער גאסט האט אים אויס־געקויפט.

צהאטשוע פארט איצט איבער לענדער און ימען און דערציילט ווי גוט עס איז צו זיין א פרייער מענטש, און זינגען פריידיקע לידער.

פאַר די קינדער אין פוילן

„אין אַ ווייט לאַנד, אויף דער גרענעץ פון „מאַריסקאַל“ איז געווען אַ קליין דערפל אַרומגערינגלט מיט הויכע שפּיציקע בערג, וואָס האָבן דערגרייכט ביזן הימל. דאָס דערפל איז געשטאַנען אין אַ טאָל פול מיט איינגעבויגענע הייזלעך פון בלעך, ליים און שטיינער. זומער האָט די זון דאָ אַריינגעשיינט מיט גאָלדענע שטראַלן און ווינטער האָט דער פראָסט באַזילבערט די פענצטערלעך מיט פאַנטאַסטישע בלומען.

די קינדער פון טאָל, וואָס האָבן געמיינט, אַז דאָס איז די גאַנצע וועלט, האָבן זיך געשפּילט אין מאַלפּעס, געקראָכן אויף ביימער. דאָ איז געווען אַ ווייל נעגער-ייִנגעלע „טשיפּאַס“, וואָס האָט געהאַט צוויי גרויסע העל-ברוינע אויגן, אַ רונדיק קעפּעלע מיט קוטשעראַווע הערעלעך.

די הייזלעך, וואָס זענען געשטאַנען ווי אויף הינערישע פּיסלעך, זענען געווען ווייט איינס פון אַנדערן. קליינע קינדער זענען דאָ געווען זייער ווייניק; געוואַקסן זענען זיי דאַר און קליין, ווייל די פאָטערס האָבן שווער געאַרבעט און נישט פאַרדינט אַפילו אויף חיונה.

ווען איין קינד האָט פון גאַנץ ווייט זיך פאַרבענקט צו שפּילן מיט אַ צווייט קינד אין הויז, אָדער אין פעלד, איז עס אַרויס אין מיטן טאָל און מיט אַ הילכיק שטימעלע געשריגן „טשי-קאַ!“ דאָס קול האָט אָפּגעקלונגען אין חלל איבערן גאַנצן טאָל, און ווייט אַריבער די בערג. — „טשיקאַ“ האָט אָפּגעענטפערט טשיפּאַס — „איך קום!“.

אַ מיידעלע מיט ברוינע, ליכטיקע אויגן, האָט ליב געהאַט דאָס ייִנגעלע, ווייל זי איז אַלע מאָל געווען דערשראָקן, טרויעריק און דאָס ייִנגעלע האָט געקרייט ווי אַ האָן, געמיאַוקעט ווי אַ קאַץ, געהירזשעט ווי אַ לאָשיקל, קיינמאָל נישט געוויינט און דערפרייט איר הערצל. ער האָט זיך נישט געשראָקן פאַר די גרויסע פייגל, וואָס האָבן געגלאַנצט ווי שלאַנגען און זיך געלאָזט אין טאָל זוכן עסן ווי הייזעריקן.

איינמאָל אין א הייסן זומערפאַרנאַכט, ווען די זון האָט געגומען אראָפּגיידערן הינטער די בערג, אָנגעצונדן דעם הימל מיט אלערליי קאָלירן, וואָס די נאַטור האָט באַשאַפן, האָבן די קינדער געמיינט, אַז די גאַנצע וועלט ברענט טיף אין די הימלען און באַלד וועט דאָס העלישע פייער נידערן אויף זייער ערד.

— האָסט היינט געגעסן?“ האָט דאָס יינגעלע געפרעגט.

„ניין“ — האָט דאָס מיידעלע געענטפערט, די מאַמע האָט נישט פאַרוואָס צו קויפן.

איינמאָל האָט זיך אראָפּגעלאָזט א חמימה. אין יענעם הייסן טאָג האָט דאָס יינגעלע געזאָגט צו זיין מאַמען, — „איך וועל גיין זען הינטער די בערג, צי דאָרט, וו דער שיפער הימל לאָזט זיך אראָפּ, איז אויך א וועלט“.

גייענדיק אַזוי איז פּלוצעם אָנגעקומען דאָס מיידעלע. זיי האָבן זיך אָנגענומען פאַר די הענטלעך און געשוויגן...

— משיקא...

— יאָ, משיפּאס...

— איך פאַר אַוועק...

וווהין?...

— אין יענער וועלט, הינטער די בערג, איך וועל ברענגען פאַר דער קראַנקער מאַמען עסן...

— מיט וואָס וועסטו פאָרן?....

— אויף דעם קליינעם אייזעלע פון מיין טאַטן, וועל איך רייטן...

— ווילסט מיך מיטנעמען? מיין מאַמע עסט אויך נישט....

— קום, לאָמיר גיין.

— מיינסט, דאָרט גיט מען קינדער מילך מיט ברויט?...

די קינדער זענען געוואָרן מיד, זיך געזעצט אין שאָטן פון א בוים און איינגעשלאָפן.

עס האָט זיך זיי געחלומט, אַז זיי רייטן אויף אַן אייזעלע, גאַסן זענען פול מיט שפייז און מלבושים, אויפן אייזעלע הענגען זעק מיט עסנוואַרג...

פּלוצעם האָט געגומען דונערן און בליצן, עס האָט אָנגעהויבן רעגענען און די קינדער האָבן זיך אויפגעוועקט פון זייער חלום.

ווען איך בין געווען קליין

געווידמעט די קינדער אין פוילן

קינדערלעך ליבע פון פוילן=לאַנד
כ׳על אייך אַ מעשהלע דערציילן,
וואָס ס׳איז שוין מער נישט פאַראַן.
געווען בין איך דעמלט
פונקט אַ יאָר אַכט
אין לאַנד האָט געוועלטיקט
א דעספּאָטישע מאַכט.
קיין שיך, קיין קליידער,
קיין ברויט צו דער זאַט,
כאָטש שוין צו אַכט יאָר געאַרבעט,
האָב איך נישט געהאַט.
געהאָרעוועט פונקט ווי אַ גרויסער
אויף אַ וועב=שטול ביז שפּעט
געשלאָפן ווו געאַרבעט
אויף אַ זיצע=ברעט.
איך דערמאָן זיך דאָס איצט
פינקלט אין אויג אַ טרער
נישט פון מיין קינדהייט
נאָר פאַר פרייד, וואָס איך הער,
אַז קינדערלעך קליינינקע
פון נייעם פוילן=לאַנד
האָבן עסן צו זאַט
און פרייד פיל פאַראַן.

אין דעם לאַנד, דעם נייעם,
וואַקסן קינדער גרוים
האָבן אַלע גוטע זאַכן
און ווייסן נישט פון נויט.

פאָרט אַ ייִד קיין ישׂראל

(אויף דער הערצל־שיף)

עס זענען אַריבער פופציק יאָר זינט מיין פאָטער האָט מיך, נאָך איידער איך בין געוואָרן בר־מצווה, אַרויסגענומען פון חדר, און איינגעשפּאַנט צו העלפן אים אין דער פּרנסה. אַ סך פון דעם, וואָס איך האָב געלערנט, האָט זיך פאַרגעסן, נאָר חורבן־בית־שני, מלכות יהודה המכבי, חשמונאים, גליל, גריכן, סיריער, רוימישע אימפּעריע, סנהדרין, בית המקדש, כהנים, פּרושים און צדוקים, לווים, פּרעה, טיטוס, המן, מאַקאַבייער, אַנטיוכוס, דוד המלך, שלמה המלך, דאָס פאַנטאַסטישע און רעאַלע, דער אמת און שקר, וואָס האָט זיך געמישט אין קאָפּ פון די חדר יאָרן, איז פאַרבליבן אין זכרון.

איך האָב קיינמאָל, קיינמאָל, נישט געגלייבט, אַז איך וועל באַטרעטן די ערד און זען די בערג פון יהודה, בערג און טאָלן. איך האָב אַפילו נישט געחלומט, אַז אַ שיף וועט מיך פירן צו זען דאָס ייִדישע לאַנד פון צוריק מיט צוויי טויזנט און דרייצן יאָר...

עס איז געווען אַ זוניקער טאָג, אין מאי 1961, איך בין געווען אין מאַרסעל, די שטאָט איז שיין, ס'איז נאָך גענוג פרי אָבער די גאַסן זענען שוין באַלעבט. די באַן־סטאַציע איז פול מיט ייִדן, וואָס פאָרן מיט דער הערצל־שיף קיין ישׂראל. איך האָב געהאַט עטלעכע שעה ביז עס וועלן אָנקומען די אויטאָבוסן, אַוועקצופירן די פּאַסאַזשירן צו דער שיף. זענען מיר געגאַנגען באַטראַכטן די שטאָט מיט אירע מאָנומענטן, היסטאָרישע געביידעס, דעם טייך, וואָס צעטיילט די שטאָט, ווו ביים ברעג שטייען גאַנצע מענגעס פילקאָלירנדיקע פישער־שיפלעך, מיט אַלערליי נאָר־וואָס געכאַפּטע פיש צום פאַרקויפן.

די שטאָט פון יענער זייט טייך, הייבט זיך הויך און העכער און פאַרענדיקט זיך מיט אַ שפּיציקן טורעם, דאָס איז אַ זעלטענע פּאַנאָראַמע.

נאָך עטלעכע שעה שפּאַצירן, האָבן מיר זיך געזעצט אָפּרוען ביי אַ טישל, באַשטעלט אַ סענדוויטש מיט אַ גלאָז ביר. עס איז צוגעקומען אַ פרוי מיט אַ פּיצל קינד אויף די הענט און געבעטן אַ מטבע. מיר זענען געזעסן פּונקט אַנטקעגן דעם אָפּערע־הויז, היינט ווערט דאָ געשפּילט „לא טראַוויאַטאַ". די גאַסן זענען שענער, רייניער ווי פּאַריז. דאָ, אין אומעטום, איז די שטאָט פול מיט רייכטום און אויך מיט גרויס אָרעמ־קייט. עס איז זונטיק, דער זיבעטער מאַי, עס שמעקט מיט פרילינג, און כ'בין פול מיט באַגער שנעלער צו זיין אויף דער שיף, וואָס פירט נאָך מדינת ישראל.

די הערצל־שיף וועגט צען טויזנט טאָן, איז אויסגעשטאַט מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן. דאָס איז אַ שיף מיט באַדינער ווי ביי — „לייטן", אַלץ איז פּאָלירט, פּעדאַנטיש. אויף דער שיף געפינען זיך אַן ערך פינף־זעקס הונדערט יידן, פון וועלכע ס'רוב קענען רעדן יידיש.

די ערשטע צוויי טעג אויף דער שיף איז וואַרעם, די זון ברענט, דער הימל איז בלוי. כוואַליעס בלעזלען און שוימען, ווען זיי שטויסן זיך אָן אין די ווענט פון דער שיף. דער דעק איז פול, אַ געפּילדער פון פאַרש־ידענע לשונות, אַלע פּאַסאַזשירן, וואָס פאָרן זען דאָס לאַנד פון זייערע אבות, זענען מונטער און פריילעך.

אין ווינקל זיצט די 17־יאָריקע מרים, לייענט „מיזעראַבל" אין פראַנצויזיש; אירע אויגן זענען גרויס און ברוין, די האָר לאַנג און שוואַרץ, גלאַנצן פון פרישקייט. מרים האָט צוויי חן־גריבעלעך, רעדט נישט זייער גערן, איז אַלעמאָל פאַרטיפט אין געדאַנקען... וויל איך שוין אָנקניפּן אַ שמועס מיט איר.

— ביסטו אַ פראַנצויזיש מיידל?

— ניין, אַ יידישע.

— פאָרסט אַליין? צו וועמען?

— איך פאָר נישט צו קיינעם, איך פאָר צום אייכמאַן־פּראָצעס.

— פאַרוואָס איז אַזאַ גרויסער אינטערעס?

— איך וויל זען דעם מערדער, וואָס האָט דעפּאָרטירט מיין פאָ־טער און מוטער, ווען כ'בין נאָך אַ קינד אין וויגל געווען...

— ווער האָט דיך געראַטעוועט?

— מיין מאַמעס שוועסטער.

עס איז צוגעקומען דער „גאַרסאָן", געבראַכט קאַלטע לימאָנאַדע, דער געשפּרעך איז איבערגעריסן געוואָרן, — „גוט"!, האָב איך גע־

טראַכט, דער יונגער — דער היינטיקער דור, ווײַל אויך ווייסן וועגן דער פאַרגאַנגענהייט...

יעדע שיף איז אַ שטאָט פאַר זיך, די הערצל־שיף איז מער ווי אַ שטאָט, ס'איז אַ וועלט. דאָ הערט מען פויליש, דייטש, רוסיש, ענגליש, פראַנצויזיש, שפּאַניש, רומעניש און פיל אַנדערע שפּראַכן. דער סאַרווער ביים טיש, אברהמל, אַ בחור פון 23 יאָר מיט אַ טשופּרינע געדיכטע האָר און לעבעדיקע אויגן, איז געבוירן אין טשילי ביי יידיש־פוילישע עלטערן, ער רעדט אַ פּרעכטיקן יידיש, שפּאַניש און העברעיש. אין לאַנד איז ער שוין זעקס יאָר, ענגליש האָט ער „אויפגעכאַפּט“ צוזאַמען מיט פראַנצויזיש און גייט לייכט איבער פון איין לשון צום צווייטן.

מיר זענען שוין פאַרבייגעפאָרן נעאַפּאָל, די שיף איז דאָ געשטאַנען עטלעכע שעה, מענטשן זענען אַראָפּ האַנדלען, פאַרקויפן און קויפן; איך האָב באַטראַכט די שטאָט, וואָס האָט מיר אַזוי שטאַרק אימפּאָנירט, אַז באַלד ביים אַראָפּגיין האָט מיר אויסגעפעלט אָטעם... צום קאַפּיטל נעאַפּאָל, צו איטאַליע וועל איך זיך נאָך אומקערן אויף מיין וועג צוריק... איצט ווייל איך דערציילן וועגן די אַכט מענטשן, וואָס געפינען זיך מיט מיר אין איין קאַבינע.

דער עלטסטער איז 70 יאָר אַלט. ער רעדט אַראַביש, פראַנצויזיש, און געציילטע רוסישע ווערטער. ער איז אַ ייד פון אַלזשיר, ער פאָרט קיין מדינת ישראל דאָרט שטאַרבן. ליגט אויפן בעטל און וויל נאָך דערווייל זיך אָנשעפּן מיט לעבן, כדי ער זאָל האָבן כוח דאָרט צו שטאַרבן... אין יאָר 1920 האָט מען אים געשיקט קיין אָדעס, צו פאַרטרייבן די באָלשעוויקעס פון רוסלאַנד. ווער עס האָט אים געשיקט און צו וואָס ער איז געפאָרן ווייסט ער נישט. איצט וואָלט ער אַזאַ נאַרישקייט נישט באַגאַנגען...

איבער זיין בעט געפינט זיך אַ סטודענט פון שווייצאַריע, ער פאָרט קיין ישראל שטודירן, וואָס ער וועט לערנען ווייסט ער נאָך נישט. דאָ אויפן שיף, דערציילט ער, גייט אים נאָך אַן עלעגאַנטע יונגע אַמעריקאַנער פרוי, זי וויל מיט אים חתונה האָבן, זי זאָגט, אַז ס'וועט זייביידן גוט זיין, ווייל איר מאַן, וואָס איז מיט אַ יאָר צוריק געשטאָרבן, האָט איבערגעלאָזט „אינשורענס“... „מ'זאָגט אָבער, אַז פאַר אַמעריקאַנער פרויען דאַרף מען זיך היטן“, — וויל ער ווייסן מיין מיינונג....

דער דריטער וווינט שוין 20 יאָר אין ארץ ישראל, עס איז אים באַצייטנס געלונגען אַנטלויפן פון דייטשלאַנד. ער איז איצט געווען אויף

אַ באַזוך אין זיין געבורטס־שטאָט, נישט ווייט פון בערלין, געהאָלפן פאַר־קויפן זיין ברודערס קאַפע, „ווייל די דייטשן הייבן שוין ווידער אָן באַ־לייריקן יידן“... ער איז גיך אַוועק פון דאָרט און זיין ברודער מיט דער פאַמיליע וועלן קומען מיט אַ צווייטער שיף.

איינער, נישט קיין גאַנצער ייד פון האָלאַנד פאָרט מיט פריינד, וואָס ער האָט אויסבאַהאַלטן פון דעפּאָרטירט צו ווערן אין די גאַז־קאַ־מערן, איז גרייט זיך „מאַכן פאַר אַ ייד“, קאָן שוין זאָגן „המוציא לחם מן הארץ“ און ישראל וועט אים איינגלידערן אין יידישן פאָלק(?)...

דאָ זענען דאָ פיר פוילישע יידן. זיי זענען געווען אין היטלערס קאָנ־צענטראַציע־לאַגערן. נאָך דער מפּלה פון פאַשיזם זענען זיי צוריקגעקומען קיין פוילן. מיט צען יאָר צוריק געקומען אַרבעטן אין קיבוצים, אַנטוישט געוואָרן, זיך גענומען צום האַנדל. איצט פאָרט איינער פון אַ באַזוך אין פּאַריז, דער צווייטער — פון לאָנדאָן, דער דריטער פון דייטשלאַנד, דער פערטער — פון בעלגיע.

עס איז גוט צו רעדן מיט מענטשן, וועלכע וווינען שוין צען יאָר אין לאַנד, זענען אויסגעווען אין יעדן ווינקעלע, באַהערשן גוט די שפּראַך, זע־נען אָביעקטיוו, כאָטש זיי זענען נישט קיין מוסטער פון די בעסטע בירגער פון לאַנד; גוט זיך צו באַקענען, איידער איך באַטרעט די ערד פון אַ ניי לאַנד.

„ישראל גייט אין די וועגן פון אַמעריקע, דאָס איז אַמעריקע אין מיניאַטור. עס וואַקסן גרויסע טרעסטן, אַלץ ווערט פאַרשלונגען פון גרויסקאַפּיטאַל, אייגענעם און אויסלענדישן. ס'לאַנד איז שיין. דער ייד האָט נישט קיין מורא פאַרן אַנטיסעמיטיזם, דער קאָנטראַסט צווישן אָרעם און רייך זעט זיך אָן אין יעדער שטאָט. די יוניאָנס פאַרטיידיקן נישט דעם אַרבעטער, זיי דינען דער רעגירונג, דעם אַרבעטסגעבער, ביו־ראָקראַטיזם אויף טריט און שריט.

„אויף די עלטערע יאָרן האָט דער אַרבעטער קנאַפּע פאַרדינסטן, דאָס האָט אונדז געטריבן צו אַנדערע פּרנסות, אין קיבוץ האָבן מיר געלעבט אין דחקות, מ'האָט געצאָלט גרויסע פּראָצענטן. דורך די צען יאָר איז אויסגעוואַקסן אַ רייכער קלאַס מענטשן און מיר זענען געלעגן אין דער אדמה...“

דאָס רעדט צו מיר איינער פון די פיר, יצחק ציפּרוס, אַ לעבעדיקער, פול מיט געשפּאַנטער ענערגיע, ער צערעדט זיך:

„ווער דאַרף די אַמעריקאַנער אין ישראל? נישט די יוגנט, נישט די אַלטע טויגן פאַר אונדזער לאַנד, שיקט אונדז בעסער אַריבער אייער געלט, וועלן מיר אויפבויען א לאַנד, ווי אין פסוק שטייט, פון מילך און האָניק, מיט בליענדע גערטנער. מיר וועלן דערציען א דור, וואָס וועט וויסן ווי אַזוי צו פירן א לאַנד".

נאָך איידער איך האָב געשטעלט דעם ערשטן פוס אויף דער ישראל־ערד האָט מען מיך באַקאַנט מיט אַלע פאַזן פון לעבן, עפּעס האָב איך געוואָלט הערן וועגן שיינקייט, וועגן אידעאַליזם, וועגן אַנדערשקייט פון מיין פאָלק....

— קום, זאָגט יצחק, דו ביסט א שרייבער. —

— קום, איך וועל דיך באַקענען מיט צוויי אינטערעסאַנטע יונגע מיידלעך, וועסט קלייבן נחת פון צוויי יידישע טעכטער.

געמיינט האָב איך, אַז יצחק וויל מיך באַקענען מיט די צוויי „סאַב־רעס", וואָס טאַנצן אַזוי עלאַסטיש א „האָרא" אויף די ווייסע ברעטער פון דעק. זייערע באָרוועסע פיס וואַרפן זיך ווי גומי־לאַסטיק, פליען אין דער לופטן, אָט־אָט וועלן זיי זיין אויף יענער זייט... און זיי וועלן מיר אויך דערציילן וועגן דעם, אַז צופיל מענטשן ווערן געבראַכט אין לאַנד, נאָך איידער עס ווערט צוגעגרייט פאַר זיי דאָס נייטיקסטע פאַרן מענטשלעכן לעבן, אויסגיסן דעם צאָרן אויף די, וואָס לעבן לייכט פון יענעמס פראַצע, גראַדע דאָס וואָס איך וויל נישט הערן...

געווען איז עס פיר אזייגער נאָך מיטאָג, אין דער צייט פון קאַווע־טרינקען. ביי א טישל זענען געזעסן צוויי יידישע טעכטער, לאַנגזאַם גע־זופּט טיי פון א גלאָז, גערעדט אויף שפּאַניש, צוויי בענקלעך זענען געווען ליידיק, האָבן מיר זיך באַגריסט און געפרעגט א דערלויבעניש....

— אויף א שיף, דאַרף מען נישט זיין פאָרמעל, רופט זיך אָן פריי־לין גינטער.

— איר רעדט אַזאַ גוטן יידיש, פון וואַנען קומט איר? האָב איך געפרעגט.

— פון בראַזיל.

— ווי קומט צו אייך אַזאַ פלימיקע יידישע שפּראַך?

מיר זענען צוויי חברטעס, געבוירן אין בראַזיל, ביי פּוילישע עלטערן, געלערנט אין א יידישער וועלטלעכער שולע.

— מיר האָבן באַמערקט, אז איר רעדט אויך פלימיק פּויליש.

— טאַטע־מאַמע אין הויז רעדן פּויליש, האָבן מיר זיך אויסגע־לערנט....

— איר דערציילט גישט אַלץ...

— דער ים איז זייער טיף, אַזוי איז אויך דאָס לעבן פון מענטשן...

— ווער איז דאָס יונגע בחורל, וועלכער וואַרט, אַז מיר זאָלן אי־בעררייסן?

— ער זוכט יונגע ראָמאַנטישקייט אויף דער שיף...

די צוויי מיידלעך פאָרן צום אייכמאַן־פּראָצעס, ווייל זיי ווייסן, אַז אין דעם לאַנד וו זיי ווינען געפינען זיך נעסטן פון נאַציזם, וועלכע באַ־האַלטן זיך אוים פון דער גערעכטיקייט. עס גליט א צאָרן אין די הערצער אויף דער „אויבערראסע“. ס'איז גוט, וואָס עס וואַקסט א דור, וועלכער זוכט דעם שורש פון שלעכטס, וואָס האָט געמאַכט יידיש בלוט אַזוי ביליק.

בעתן געזעגענען דריקט מיר יצחק די האַנט.

„זע דאָס לאַנד מיט אָפענע אויגן, זיי נישט ווי דער פויגל, וואָס ווען ער קוקט אויף זיינע קאָלירפולע פעדערן, איז ער פול מיט שטאָלץ און פרייד, ווען ער לאָזט אָבער אַראָפּ דעם קאָפּ און זעט זיינע אומ־געלומפּערטע מיאוסע פיס — קלאָגט ער מיט ביטערע טרערן, זאָלסט זען דעם קערפּער צוזאַמען מיט די פיס פון לאַנד... „שלום!“.

נעאַפּאָל

די שטאָט איז באַוואונדערט געוואָרן פון אַ סך שרייבער, דיכטער, און קונסט־געניסער. קינסטלער פון גאָר דער וועלט, פון פראַנקרייך, אַמעריקע און אַנדערע וועלט־טיילן האָבן באַזונגען און געריימט די שיינקייט פון דער איטאַליענישער שטאָט, וואָס איז אפשר שענער פון רוים — אַ צענטער פון סקולפּטורעלע און מאָלערישע דענקמעלער — מיט אירע גרינע אינדזלען, פעסטונגען, ים־ברעגן און פישער.

נעאַפּאָל איז אַ שטאָט מיט לאַבירינטישע גאַסן, פּאַלאַצן ביי דער זייט פון געדיכטער נויט און אָרעמקייט, און ציענדליקער קונסט־טעמפּלען פון פּרעכטיקער גאָטישער מאָזאַיק, קאָלירטע פענצטער, וויטרינעם און פאַנטאַסטישע אָרנאַמענטיק. עס איז אַ שטאָט פון דורותדיקער קונסט, וואָס כישופט און לאָקט דעם באַזוכער, וועמענס אויג ווערט גערנישט מיד צו באַוואונדערן אירע קונסט־גאַלעריעס, מוזעאומס און די גאָלדיק־גלאַנציקע קאָנווענטן.

גלייך ווי איר גייט אַראָפּ פון שיף, אַנטפּלעקן זיך פאַר אייך די בילדער: פרויען אָנגעטאָן אין שוואַרצע קליידער גיבן אַוועק זייערע שווערפאַרהאָרעוועטע פאַרדינסטן און ציען זיך צו די גאָטישע הייזער.

איר גייט אַריין אין אַ קירך און באַמערקט אַ רעליגיעזע צערעמאָניע: אַ גלח טובלט אַ קינד אין „הייליקן" וואַסער. דאָס עופעלע צאַפּלט זיך. דאָס וואַסער איז קאַלט — בר־ר־ר... דאָס פרעפלען פון גלח, וואָס הילכט אין ליידיקן חלל, פאַרטויבט דאָס געשריי פונעם קינד... מער ווי געציילטע מינוטן איז דאָ שווער צו זיין...

איר גייט ווייטער: מענטשן רינגלען אייך אַרום, גייען אייך נאָך, באָטן אָן גאָלד, זילבער, שפּילקעלעך, בראַסלעטן, אויערינגלעך, בריליאַנטן, דיאַמענטן, „האַלב אומזיסט"...

אַ מענטשעלע, מיט כיטרע אייגעלעך, וויל מיר פאַרהאַנדלען אַ מציאה, אַ זילבער־שטיק, גרויס ווי אַ האַלבער דאָלאַר, פון טשאַרלס

דעם דריטן, וואָס האָט געהאַט אויסגעקריצט די חתימה — טשאַרלס 1737. געבעטן האָט ער דריי דאָלאַר, איך האָב געצווייפלט אין דער מציאה...

מיר פאָרן פאַרביי אַן אַמפיטעאַטער, וואָס דערמאָנט אין די צייטן פון די גלאַדיאַטאָרן, אין דער עפּאָכע, ווען אין איטאַליע האָבן זיך געפונען די „פּאַטריציער" — פאַר רייכע רוימישע פאַמיליעס, וועלכע האָבן געהערשט איבער מיליאָנען שקלאַפן. עס קומט אויפן געדאַנק דער שקלאַף ספּאַרטאַקוס, וואָס האָט אויפן באַפעל פון זיין האַר געמוזט קעמפן מיט שקלאַפן — גלאַדיאַטאָרן, וואָס האָבן זיך אויך געראַנגלט מיט לייבן און טיגערס, ווו דער מענטש איז צעריסן געוואָרן פון לייב, אָדער דער טיגער פון מענטש... צו אָט די סאַדיסטישע געפעכטן פלעגן קומען די דאַמען און הערן פון דער אַריסטאָקראַטיע, זיך אַמוזירן...

„די קנעכטשאַפט פון מצרים איז געווען אַ גליקלעכע צייט אין פאַרגלייך מיט דער שקלאַפעריי אין רוים" (קלמן מרמר).

ספּאַרטאַקוס איז שפּעטער, אין דער שטאָט קבוא, געוואָרן דער פירער פון די רעוואָלטירנדיקע שקלאַפן, ווו ער און אַנדערע אויפשטענדלער, זענען נאָך שווערע בלוטיקע שלאַכטן געכאַפּט און געקרייצט געוואָרן. און טאַקע דאָ, אויף דעם הויכן באַרג וועזוּוי, אין דער שטאָט נעאַפּאָל האָט ספּאַרטאַקוס צונויפגעזאַמלט זיין אַרמיי, זיך אַראָפּגעלאָזט פון בערג, אַטאַקירט די רוימישע זעלנער, זיי באַזיגט, פאַרנומען פיל שטעט און שפּעטער — אַריינגעפאַלן אין די הענט פון שונא.

באַלד ווי מיר גייען אַראָפּ פון שיף שטייט לעבן פּאָרט אַ ציטאַדעל, אַ פעסטונג, פון 12—13 יאָרהונדערט, וואָס איז איינע אין דער וועלט. די מעכטיקע ווילן הייבן זיך אַרויס פון די טיפענישן, וועלכע זענען פאַרבונדן מיט אונטערערדישע הייל, לאַבירינטן, קאַטאַקומבעס און טורעמס, פון אַ ריזיקער הויך.

דער צוגאַנג און דער אַריינגאַנג פאַרבינדט די שטאָט מיט דער קאָנסטרוקציע פון אַ לאַנגער בריק. די געביידע האָט מיך שטאַרק פאַראינטריגירט. איך בין דאָ געווען איינמאָל בייטאָג און שפּעטער צען אַזייגער אין אָוונט. ביינאַכט איז דער צוגאַנג איינגעהילט אין פינצטערניש. דער וועג צו דער געביידע איז אָן לאַמטערן־באַלייכטונג. פאָרלעד זיצן דאָ אין די ווינקעלעך, קוים צו באַמערקן.

איך בין אַריין אין דעם ריזיקן הויף און זיך אַ ביסל געשראָקן...

איך האָב געעפֿנט אַ טיר און אָנגעטראָפֿן סטודענטן פֿון אַ דראַמאַטי־שער שול. זיי האָבן זיך שטאַרק דערפֿרייט מיט אַ גאַסט, אַן אַרבעטער פֿון אַמעריקע. איינער האָט גערעדט שפּאַניש און פֿראַנצויזיש, האָט ער מיך אַרומגעפֿירט אין די געהיימנישפֿולע אָפּטיילונגען, וואָס האָבן מיך באַרוישט.

געפּאַפּאָל איז געבויט אויף אַ באַרג, און איז שיין, באמת צום באַ־וווּנדערן. דער צענטער שטאָט, וואָס געפֿינט זיך נישט ווייט פֿון פּאָרט איז געבויט אויף פּלאַפּלאַנד, מיט שיינע בולוואַרן און ברייטן סקווער, מיט גרויסע עלעגאַנטע רייכע געשעפֿטן. עטלעכע שפּאַן ווייטער, אין די זייטיקע געסלעך הערשט גרויס גויט. דאָ וווינט די אָרעמשאַפֿט, הענדלער מיט פֿיש, פֿלייש, גרינוואַרג, אַרבעטער און אָרעמע לייט, וואָס זוכן צייט־פֿאַרטרייב אין די שפּעטע אָוונט־שעהן. עס איז שוין גאָר שפּעט, מיינע שיף־ברידער איילן זיך מיט פֿעקלעך צו דער שיף. איך גיי נאָכאַמאָל פֿאַרביי דעם היסטאָרישן „קעסל“, וואָס אימפּאָנירט אין דער געדיכטער פֿינצטערניש. אין דער געדיכטער שטילקייט הערט זיך אַ שטילער באַ־קאַנטער ניגון:

יעדן טאָג ווען ס'קומט דער אָוונט,
ביי די שטראַלן פֿון קלאָרן וואַסער
שטייט פֿאַרטראַכט אַ שקלאַף אַ יונגער
און ווערט פֿון טאָג צו טאָג אַלץ בלאַסער.

יעדן טאָג ווען ס'קומט דער אָוונט,
פֿון פֿאָנטאַנען שפּריצט אין גאָרטן
גייט אַרויס דעם סולטאַנס טאָכטער
און שפּאַצירט אַרום זיך דאָרטן.

מיט אַ מאָל פֿרעגט ביי אים די פּרינצעסין
שטיל פֿאַרחלומט מיט רעש צוזאַמען
„זאָג דיין נאָמען איך וויל וויסן
אויך דיין היים און דיין אָפּשטאַמען.

— ענטפֿערט ער איר „מהיכא תיתי“!
איך בין פֿון היים ווייט פֿאַרטריבן
און איך געהער צו יענער ראַסע
וואָס קאָנען שטאַרבן ווען זיי ליבן...

ביטאָג זעצן מיר זיך אַריין אין אַ טאַקסי, וואָס פירט צו אַ ווינקל פון שטאָט (אויף אַ הויכן באַרג), צו „ליטל אַמעריקע“, מיט אייגענע לוקסוס-שיפן, וואָס שטייען ביים ברעג ים, מיט אייגענע סקולס, אייגענע זעלנער און אייגענעם „פּערסאָנאַל“, מיט באַזיעס. אַלץ איז שוין געבויט, ווי אַן אייגענע היים, אָפּגעהיט ווי אַן אייגענער גאָרטן. באַרג אַראָפּ באַגעגענען מיר „היילן-היימען“, וווּ עס וווינט דאָס איטאַליענישע האָרעפּאַשנע פאָלק, הייזער, וועלכע זענען שוין אַזוי אַלט ווי די גריכישע געשיכטע.

מיר פאָרן אויך אַרויף גאָר הויך צו אַ ווינקל, וואָס פירט צום העכסטן פּונקט פון שטאָט — צום באַרג סאַן מאַרטיני. פון דאַנען זעט מען ווי אין אַ טאָל וווינען מענטשן אין בלעכענע און פון ליים-געבויטע היילן, דאָ לעבט די גרעסטע אָרעמשאַפט.

הויך און העכער אויף די בערג שטייען פּאַלאַצן, וואָס פּוסטעווען און וואַרטן אויף די האַרן, וואָס וועלן צוריקקומען פון ווייטע פאַרגעניגן-רייזעס.

די טאַקסי פירט אונדז אַראָפּ צום טאָל פון הייסער לאַווע, וואָס קאָכט כסדר ווי אַ ריזיקער קעסל. פון ווייטנס שמעקט מיט שוועבל און פון די טיפענישן פון דער מאַמע-ערד שפּריצט הייס קאָכיק וואַסער.

אַ גרויסע שטרעקע — אויסגעטריקנטע ערד איז ווייס ווי אָפּגעקילטער צעקרישלטער קאַלך. מיר טרעטן ווי אויף דינעם אייז, ווו מ'האָט מורא עס זאָל זיך נישט איינברעכן.

דער ים רינגלט אַרום די שטאָט ווי אַן אינדזל. פון ים זעען זיך אַרויס עטלעכע באַוווינטע אָאַזיסן. דער טאָג איז אַ זוניקער, אַ וואַרעמער, וואָס באַגילדט די אינדזלען מיט בלענדנדיקער שיין, וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אין ים.

מען דערציילט, אַז אין איינעם פון די אינדזלען, וואָס רופט זיך „גיזוטאַ“, האָבן זיך געטראָפן דריי פאַרשווערער, צווישן זיי אַקולעס און דאָרט פּלאַנירט דעם מאָרד פון צעזאַרן.

ווען די שיף האָט זיך דערווייטערט פון ים-ברעג — איז שוין געווען נאַכט. די שטאָט איז אילומינירט. די פינקלענדיקע ליכט פון דער באַרג-שטאָט נעאַפּאָל, זעט אויס פאַנטאַסטיש.

עס איז שפּעט אין דער נאַכט. דער ים איז שטיל, אַן אויסגעשטערנטער הימל, אַ ליכטיקע קלאָרע לבנה. די געציילטע פּאַסאַזשירן, וואָס געפינען זיך אויפן שיף אונטערן פרייען הימל, אָטעמען דורשטיק איין די

ים־לופֿט. מיר פֿאָרן פֿאַרביי סיציליע, פֿון וועלכנס זעען זיך געדיכטע שי־מערירנדיקע פֿייערלעך. פֿון אַ טאָל לייכטן אַרויס קאָלירפֿולע „שטערן“, עס זעט אויס ווי אַ ריזיקע קאַנדעלאַברע וואָלט געהאָנגען צווישן הימל און ערד...

צפֿון זייט פֿון סיציליע, פֿאַרבייפֿאָרנדיק די שטאָט מעסינאַ און אַ גאַנצע גרופּע אינדזלען, פֿאָרט די שיף אַריין אין אַ וואַרעמען שטראָם. דער זייגער איז איינס ביינאַכט. שטיל איז דער מיטללענדישער ים. די מענטשן פֿון שיף און די מאַטראָסן שלאָפֿן. נאָר געציילטע מענער און פֿרויען געפֿינען זיך אויפֿן דעק פֿון שיף, רעדן שטיל, סודותדיק, ווי פֿאַר אַ געהיימניספֿולער דערוואַרטונג...

אין דער סאַמעטענער, פֿאַרכישופֿטער נאַכט דערנענטערן מיר זיך צום באַרימטן אינדזל „סטראָמבאָלי“. פֿון גאַנץ ווייט, מיט איינגע־האַלטענעם אָטעם, דערזעען מיר די סודות־פֿולע דערשיינונג — „סטראָמ־באָלי“. די שיף באַוועגט זיך רואיק, עלאַסטיש, רוקט זיך אַלץ נעענטער צו דעם קראַטער, צו דער פֿייער־לאַווע. אָט זענען מיר שוין זייער נאָענט, אַזוי ווי מיט דער האַנט צו דערלאַנגען. דייטלעך זעט מען דאָס גאָלדיקע פֿייער, וואָס באַגיסט די בערג, און שטראָמט אַרויס הימלהויך מיט שטיינער און פֿייערדיקע פֿלאַמען.

דער נאַטור־וווּנדער גייט שוין אַזוי אָן, מיט דער זעלבער געזעצמע־סיקייט, טויזנטער יאָרן, — הייבט זיך אויף און פֿאַלט צוריק אין ים־אַריין, אַזוי אָן אויפֿהער.

אין מדינת ישראל 1961

איך בין פאַרכישופט פון דעם קאָכיקן לעבן אויף די גאַסן און בולוואַרן. אַז איך גיי אויף דיזענהאָף־גאַס, האַלט זיך מיר, אַז דאָס איז בראָדוויי פון ניו־יאָרק, אָדער די אלנבי־גאַס אין פּאַריז. איך שטיי אין גאַס, קוק אויף הייזער, הער דאָס רעדן און דערציילן פון צופרידענע און אומצופרידענע וועגן גוטס און שלעכטס, וועגן רייכע און אָרעמע, וועגן גרויסע נגידים און שרעקלעכע קבצנים... אַזוי פיל בעטלער אין אַלע גאַסן, אַ גרויס רחמנות רופן זיי אַרויס...

איך שטיי אויף גאַנץ פרי, די לופט איז ריין, דער הימל בלוי, אַ ליבע וואַרעמקייט קומט אַריין געמיטלעך דורך דער אָפענער טיר. די זון איז קרישטאָל־קלאָר, די ביימער אין פראָנט פון הויז זענען נאָך באַדעקט מיט דינעם טוי. קאָלירפולע פייגעלעך באַגריסן מיט פריילעכע געזאַנגען. מיט זעקס יאָר צוריק איז דאָ געווען אַ מדבר, איצט בויט זיך דאָ אַ נייער ישוב, מיט רחבותדיקע הייזער, פאַר די וואָס קאָנען באַצאָלן. ס׳איז נאָך פרי און לעבן דער קאָמערציעלער באַנק זיצט שוין א בעטלערקע מיט אַ פיצל קינד... אויך ביים באַן־הויף שטייען בעטלער. נאָך אַזוי פרי און זיי געפינען זיך שוין אין אַלע גאַסן, יונגע און אַלטע, גלייכע, קאַליקעס, מיט לאַנגע פאות און ווייסע זאָקן, שטילשווייגנדיקע און זינגענדיקע...

דער יקרות איז אומגעהויער. א פעקל אמעריקאנער ציגאַרעטן קאָסט 60 ס. אַ באַלעבאָסטע קויפט נישט ווי אין אַמעריקע אַ זעקל צוקער, אַ זעקל ציבעלעס, אַ זעקל קאַרטאָפל, מען גיט נישט אויס אין „סופער־מאַרקעט" פופצן־צוואַנציק דאָלאַר, ווייל אַזוי פיל פאַרדינט אַן אַרבעטער כמעט אַ גאַנצע וואָך. דאָס לעבן גייט אויף אַ היימישן אופן, ווי אין דעם אַמאָליקן קליינעם שטעטעלע, מען קויפט, וואָס מען דאַרף, „צו דערהאַלטן די נשמה"...

גייסטו אָבער אַרוים אין די גאַסן נאָך דער אַרבעט, זעסטו ווי עלע־גאַנט די פרוי איז אָנגעטאָן, זעסט ווי עס שימערירן קאַפּעץ, רעסטאָ־ראַנען, זעסט דעם גלאַנץ פון שויפענצטער אויף די הויפּט־גאַסן. קוקסט זיך איין אין די פּנימער, אין דער שפּאַצירנדיקער יוגנט, הערסט זיך צו צו די 70 לשונות, וואָס ווערן דאָ גערעדט, זעסט פרויען און מענער, מיט אויסגעברענטע נומערן...

אין די הייזער הערשט אַן אייראָפּעישע פריינדשאַפט: אָ, איר מוזט זען דעם און דעם קיבוץ, פאָרט צום ים אין נתניה, קומט, מיר וועלן אייך פירן, ווייזן, זעט ווי מיר בויען אַ ניי לאַנד!

מיר האָבן באַזוכט דעם מילך־קאָאָפּעראַטיוו „תנובה“, וועלכער אַרבעט לויט דער לעצטער טעכניק, אויף אַ קאָנווייער־סיסטעם. איך בין געווען איבעראַשט פון דער פרעציזקייט, ווי די אַרבעט ווערט געטאָן. דאָס איז אַ ריזיקע פאַבריק, וואָס איז אַ שטאָלץ פאַר תל־אביב. דער דורכשניטלעכער אַרבעטער פאַרדינט דאָ צוויי הונדערט פונט אַ חודש...

דער חבר „ב“ פון תנובה רעדט מיט פאַרדרוס, אַז עס גייט אָן אַ פאַרמעסט־געיעג צו ווערן רייכער; אַ סך האָט זיך איינגעגעבן. פאַר־שטייט זיך, אַז פון פאַרדינען צוויי הונדערט פונט אַ חודש ווערט מען נישט רייך...

— עס איז נאָך געבליבן אַ קליין ביסעלע פון אַמאָליקן אידעאַליזם ביים האָרעפּאַשניק, אָבער די פּראָצענטניקעס וועלן דאָס אינגאַנצן ליק־ווידירן.

איר זעט דאָ פּיציניקע געוועלבלעך ווי אין אַמאָליקן פּוילן, מיט אַ ביסל פאַרוועלקטע גרינוואַרג, פּעדלער, וועלכע טראָגן זייער גאַנץ קרעמל אויף דער האַנט, אַזוי אין ירושלים, חיפה, תל־אביב. דאָ ליגט אין די גאַסן דער דלות צוזאַמען מיט רחבות און גרויס „ראָסקאָש“.

איך בין דורכגעפאָרן די לענג און ברייט פון לאַנד, געזען ציכטיק־אָפּגעהיטע פּלאַנצונגען, פעלדער און וועלדער. ערשט „נעכטן“ זענען דאָ געווען מדבריות, „היינט“ — קולטיווירט, וואָס אימפּאָנירט מיט דער שיינקייט. צווישן בערג, ווו נאָר עס געפינט זיך אַ שפּאַן פלאַכלאַנד, ווערט עס געפלעגט, באַוואַסערט, אָפּגעהיט, פאַרפלאַנצט. טיילווייז האָב איך דאָס אויך געזען אין די אַראַבישע דערפער.

„די ספרדישע שוואַרצע יידן“ מישן זיך נישט מיט די ווייסע, די דייטשישע זענען באַזונדער, די פּוילישע — אָפּגעטיילט, אַזוי אויך די רומעניש, אונגאַרישע, אַלע זענען פאַר זיך און יעדע גרופּע האָט זיך

איר טעגלעכע אָדער וואָכנטלעכע צייטונג. יעדע פּאַרטיי האָט אירע שריפטלעכע אָרגאַנען. „דער ביוראָקראַטיזם אין דער הסתדרות איז ווי ביי אייך אין אַמעריקאַנער „יוניאָנס“, זיי דינען די באַלעבאַטים. אַזוי האָבן מיר דערציילט אַרבעטער פון פאַרשידענע פאַכן. — עס איז שווער, זייער שווער צו קריגן אַרבעט פאַר אַ מענטשן אָן אַ פאַך. די, וואָס האָבן יאָ אַ פאַך, מאַכן אַ שווער לעבן, די שלומים־געלטער העלפן אַרויס זייער פיל...

ישראל איז אַ לאַנד פון 8000 סקווער מייל, וואָס ליגט זיך ביים מזרח־ברעג פון מיטללענדישן ים און ביים אייראָפּעישן ברעג פון אַזיע און אַפריקע. דאָס גאַנצע לאַנד ליגט אויף אַ שמאָלן פּאַס פון 200 מייל לאַנג, אינגאַנצן 12 מייל ברייט ביי תל־אביב. ביים סוף פון רויטן ים איז עס זעקס מייל ברייט. נאָר אויף דער מזרח־זייט, אין דרום פון באר שבע געפינט זיך ישראל אויף אַ ברייטן שטח פון 70 מייל.

די גרענעצן פון גאַנצן לאַנד ציען זיך לענגאויס די אַראַבישע לענדער: לבנון און סיריע פון צפון, עגיפּטן און דער עזה־פּאַס אין דער מערב־זייט. אַרום און אַרום אַנטהאַלטן די גרענעצן זעקס הונדערט מייל טרוקעניש און 150 מייל וואַסער.

פון די צוויי מיליאָן איינוווינער פאַרמאָגט ישראל אַרום 15 פּראָצענט קריסטן — דרוזן, מוסולמענער, און אַזעלכע, וואָס די רעגירונג האָט נאָך נישט געגעבן קיין סטאַטוס...

מער פון אַ העלפט זענען אייראָפּעישע יידן, אַ חוץ דעם קומען די אַזיאַטישע און אַפריקאַנישע און כמעט אַ דריטל זענען „סאַברעס“.

ישראל האָט איצט אַ ים־פלאָט פון העכער 50 שיפן אין פאַרגלייך מיט פינף שיפן אין 1948.

מער פון אַ העלפט פון דער באַפעלקערונג וווינען אין די דריי גרעסטע שטעט פון לאַנד: אין תל־אביב—יפו, זיבן הונדערט און פערציק טויזנט. חיפה — הונדערט זעכציק טויזנט, ירושלים הונדערט פופציק טויזנט.

דאָס לאַנד האָט די לעצטע יאָרן אַנטוויקלט אַ ריזיקע דיאַמענטן־אינדוסטריע און אַ גרויסע טעקסטיל־אינדוסטריע, וואָס פאַרנעמט דאָס צווייטע אָרט. אַדאַנק דער אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג איז אין דער הסתדרות אויסגעוואָקסן די צאָל מיטגלידער מיט זייערע פרויען ביז אַ מיליאָן (דאָס האָט מיר איבערגעגעבן אַ דיאַמענטן־שלייפער — אַ געוועזענער איינוווינער פון אַנטווערפּן, אַ געראַטעוועטער פון נאַציזם).

די שאָסעען בעסערע און ערגערע ציען זיך אויף אַ שטח פון צוויי טויזנט מייל, באַן־ליניעס, נישט קיין באַקוועמע — 400 מייל. דער האַנדלס־פלאָט פון העכער אַ מיליאָן טאָן.

פאַר יעדע 450 איינוווינער איז דאָ אַ מעדיקער — דאָקטער. דאָס לאַנד בויט זיך ראַשיק, געביידעס וואַקסן אויף איבער אַ נאַכט, נאָר אַ דירה איז מיט גאָלד צוגלייך. דאָ דינגט מען נישט קיין דירה, אַ דירה מוז מען קויפן...

ווען מען פירט אייך אַריין אין אַ קיבוץ, דערזעט איר נייע מענטשן: ערד־אַרבעטער, לערער, פאַרשידענע בעל־מלאכות און אויך וווּנדערבאַרע אינסטיטוציעס.

די פעלדער זענען גרין, ריין, ציכטיק. ווי לאַנג די האָרעפּאַשנע קיבוצים וועלן אויסהאַלטן אין די באַדינגונגען פון יקרות, ווען מען דאַרף נאָך צאָלן גרויסע פּראָצענטער, איז שווער צו זאָגן, שוין איצט שטייען די קיבוצים אויפן חריטן אָרט... אין פּרט פון היגיענע, קינ־דער־דערציונג און פיינער קולטור־אַרבעט שטייען ווייט נישט אַלע קיבו־צים אויף אַ הויכער מדרגה. יעדער קיבוץ האָט זיין ספּעציפיק. אַ ייד קוועלט אָן און שעפּט נחת, ווען ער זעט ווי פלינק אַ קיבוצניק ספּראַ־וועט זיך מיט אַן אַקער, וואָס גייט אויף פיר רעדער און ווייסט גענוי וואָס עס טוט זיך אין זיינע געדערים...

אַ געוויסע צאָל יידישע פּויערים אין ישראל, וואָס האָבן מיט צען־פופצן יאָר צוריק באַשלאָסן צו בלייבן דאָס גאַנצע לעבן לאַנד־אַרבע־טער, זענען פאַרביטערט, ווייל עס וואַקסט אַלץ מער דער פּריוואַט־קאַ־פּיטאַליסטישער אונטערנעמער, מיט וועלכן עס איז שווער צו קאָנקו־רירן...

אַז אַ קיבוץ באַזיצט צווישן גאַנצן בעל־הביתישקייט אויך צען טויזנט הינער, קומט אַ פּריוואַטער אונטערנעמער, בויט אויף אַ ווירט־שאַפט מיט הונדערט טויזנט הינער, ביי וועלכע ער באַשעפטיקט „שוואַר־צע", וואָס טראָגט אים אַריין אַ גאַנץ פיינעם ריווח.

ווען געוויסע קיבוצניקעס זעען, אַז דורך דער צייט, וואָס זיי האָבן געאַקערט, געזייט, געבויט, געפלאַנצט, איז אויסגעוואַקסן אַ פּאַראַזיטי־שער קלאַס, וואָס שטייגט אַלץ העכער, ווערן זיי אויך מיטגעריסן און הייבן אָן טראַכטן וועגן אייגענעם „דאַבערע"־מזל...

גאָר אַ סך באַציען זיך זייער קריטיש צו די פּאָליטישע פירער פון לאַנד; פיל האָבן מיר דערציילט, ווען מ'זאָל אויסגעפינען, אַז זיי זענען

פריינד פון סאָוויעטנפאַרבאַנד אָדער אַנדערש געשטימט... איז זייער פּרנסה און אַרבעטס־פּלאַץ איינגעשטעלט. האָס געשפּרעד האָב איך געהאַט אין דעם פּרעכטיקן „תנובה“־קאָאָפּעראַטיוו אין תל־אביב, וואָס פאַרמאָגט זעלטענע, מאָדערנסטע איינריכטונגען.

אין תנ"ך, אויף וויפל איך געדענק, שטייט געשריבן, אַז מיר האָבן אַמאָל אַרויסגעטריבן פון „הייליקן“ לאַנד איין און דרייסיק מלכים און צעטיילט די ערד צווישן די שבטים פון אונדזער פאָלק, זיי פאַרטריבן פון ים כנרת, ים המלח, פון אַלע ברעג און טאָלן, ווי אויך פון טייך יבוק. ווען מיר האָבן דאָס געלערנט, איז עס געווען אַזוי פאַנטאַסטיש ווי „אַ רייזע אַרום דער וועלט אין אַכציק טעג“... איצט, ווען איך געפין זיך אין ישראל, זענען די פאַנטאַסטישע געשיכטעס, די חלומות — צוריק־געקומען. איך זע איצט די גרענעצן, דעם „טויטן“ ים, „גליל“, „ירדן“, און „קישון“!

איך שטיי ביים ברעג פון ים, זע ווי אַ גליענדע זון לאָזט זיך אַראָפּ אין מערב. וואָס מער זי נידערט, אַלץ געדיכטער שפּרייט זי אויס אַ גאָלדענעם לאַנגן פאַס, וואָס זעט אויס ווי אַ בריק, ווען נישט די געמיטלעכע כוואַליעס, וועלכע באַוועגן זיך אַזוי אידיליש אין גלימער פון דער זון, וואָלט מען גרינג געקאָנט אַריבערשפּרייזן די בריק...

מען דערציילט מיר: „אין לאַנד געפינען זיך 150 טויזנט מאַכמעדאַנער, 55 טויזנט קריסטן, און 20 טויזנט דרוזן, און פון יעדע צען מענטשן, וואָס לעבן אין לאַנד, זענען דריי געבוירן אין ישראל, אייגער אין אַפריקע, צוויי אין אַזיע, פיר אין אייראָפּע“.

— „און אַראַבער וויפל?“ — פרעג איך — ווער ווייסט דעם חשבון.

— אין יאָר 1948 האָט דאָס לאַנד נישט פאַרמאָגט קיין אייגענעם צוקער, קיין ביינוול און רייז, היינט ווערט שוין אויך דאָס פּראָדוצירט אויף „עקספּאָרט“.

— מיר האָבן שוין פּי, שעפּסן, פערד, הינער, ציגן, אייער, מילך, פיש און אַפילו אייגענע טראַקטאָרן — אַ קאָלאָסאַלע דערגרייכונג.

עס איז אויסגעוואַקסן אַ פיינע דיאַמענטן־ און טעקסטיל־אינדוסטריע, ביי וועלכער עס זענען באַשעפטיקט פרויען און מענער פון מיין משפחה, געראַטעוועטע דורך די סאָוויעטישע זעלנער פון היטלערס און אייכמאַנס גאַז־קאַמערן.

אויפֿן געביט פֿון מוזיק, טעאַטער און קונסט, איז דאָ מיט וואָס צו שטאָלצירן, מיר האָבן געזען דעם „פֿילהאַרמאָניק“, אָפּערע, „הבי־מה“, מוזעאומס און קונסט־גאַלעריעס.

אין לאַנד זענען דאָ אַרום פֿופֿצן פּאָליטיש־לעגאַלע פּאַרטייען, אָנ־הייבנדיק פֿון מפא"י וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין 1930, ביז דער מק"י (קאָמוניסטישע פּאַרטיי פֿון ישראל).

אין משך פֿון די דרייצן יאָר אומאָפּהענגיקייט זענען אַ סך זומפּן אויסגעטרוקנט געוואָרן, באַפֿלאַנצונגען און פֿאַרזייונג איז געמאַכט גע־וואָרן אויף גרויסע שטחים ערד און פֿיל נייע ישובים מיט פּראַכטפֿולע היימען זענען אויפֿגעבויט געוואָרן. אויף געוויסע פֿעלדער איז דאָס גע־רעטעניש זייער אָרעם, ווייל דער באָדן איז זאַמדיק און עס ציען זיך נאָך מדבריות. באַזונדערס איז נישט גרינג „איינצובייסן“ דעם „נגב“.

דאָס לאַנד פֿאַרמאָגט מאַגנעזיום, בראָמין און אַנדערע ווערטפֿולע רוי־מאַטעריאַלן, וואָס מען האָט געפֿונען אין „טויטן ים“.

— די אינדוסטריע ווערט שנעל אַנטוויקלט, ס'אַרבעטן שוין מיט גרויס דערפֿאָלג אונדזערע טראַקטאָרן, די לעצטע טעכניק, סיי אין קאָלעק־טיוון און נאָך מער אין פּריוואַטע אונטערנעמונגען.

אַנדערע זאָגן:

„עס פֿעלן שפּיטאָלן, סקולס, פֿאַבריקן — אַזוי ווי ביי אייך אין אַמעריקע“...

„ווען מיר וואָלטן געהאַט שלום מיט דער אַראַבישער וועלט... דאָס האַלטן אין איין באַוואָפֿענען זיך איז האָך דאָס גרעסטע אומגליק. פֿאַר ישראל איז נייטיק דער שלום! די גרויסע אַרמיי עסט אויף דעם „בודזשעט“, וואָס וואָלט געקאָנט פֿאַרנוצט ווערן צו פֿאַרבעסערן דעם לעבנס־ניוואָ פֿון אַרבעטער, מענער און פֿרויען“.

יאָ, עס איז אַ קליין לאַנד, אינגאַנצן צוויי הונדערט מיט זעכציק מייל אין דער לענג. דער ווייטסטער פּונקט אין דער ברייט איז זיבעציק מייל און דער שמאָלסטער ניין מייל. דער העכסטער באַרג „מעראָן“ איז פֿיר טויזנט פֿוס, דער נידעריקסטער טויזנט צוויי הונדערט זעקס און אַכציק פֿוס.

אַ צאָל פֿעלדער, אפֿשר די סאַמע בעסטע, געהערן צו פּריוואַטע אונטערנעמער, וואָס דינגען „שוואַרצע“ און אַראַבער צו באַאַרבעטן זייער לאַנד. אין דער צווייטער ריי קומען די קאָאָפּעראַטיוון, וועלכע זע־

נען גוט אָרגאַניזירט. אויפֿן דריטן פּלאַץ קומען די קיבוצים; אויפֿן פֿערטן — פֿאַרשידענע".

מיר זיצן אויף דער טעראַסע פֿון אַ קאַפֿע אין תּל־אביב, פּונקט אַנטקעגן ים, זופּן פֿאַמעלעך פֿון אַ גלאָז לימאָנאַדע. עס גייט פֿאַרביי אַ בעטלער, ער ישובֿט זיך צי זאָל ער אַרויף אויף די טרעפּלעך פֿון דער טעראַסע און בעטן אַ נדבֿה...

עס קומט אַרויס דער סאַרווער, וואַרפֿט אַן אומפֿריינדלעכן בליק, דער ייד וואַגט ניט... „דאָס איז אַן אָנשיקעניש פֿאַרן לאַנד" — זאָגט דוד.

די בעטלער אין די גאַסן פֿון ישׂראל האָבן מיר דערמאָנט אין אַ קלאַסיש בילד, אַ געמעל, וואָס איך האָב געזען אין מוזעאום דע „לוווּר", אַ בילד פֿון 15—16־טן יאָרהונדערט. דער טראַגישער אויס־דרוק פֿון יענער גרופּע קאַליקעס איז מיר נאָכגעגאַנגען איבער די גאַסן פֿון תּל־אביב. מיר האָט זיך אָבער דערמאָנט די ווערטער פֿון משה העס „רוים און ירושלים" ווו ער דערציילט, אַז דער ריטער האָט „איבער־געגעבן דעם רבֿ אַ רויז פֿון יריחו און דער רבֿ האָט געזאָגט צו דעם ריטער": „וווּנדער זיך ניט, מיין פֿריינד, וואָס די רויז האָט אויפֿ־געבליט אין מיין האַנט. זי האָט פּונקט די זעלבע אייגנשאַפֿט, ווי אונ־דזער פֿאָלק צו דערוואַכן צום לעבן דורך דעם וואַרעמען הויך פֿון ליבע".

די סטאַטיסטיק, וואָס איך באַקום איז אַזאַ: דריי הונדערט טויזנט פֿון רומעניע, 175 טויזנט דייטשיש־עסטרייכישע, 75 טויזנט רוסישע, 65 טויזנט בולגאַרישע, 50 טויזנט טשעכאָסלאָוואַקישע, 40 טויזנט אונ־גאַרישע, 30 טויזנט פֿון אַנדערע אייראָפּעישע לענדער, 20 טויזנט פֿון אַפֿריקע, 150 טויזנט פֿון אַזיע, 175 טויזנט יעמענישע, 75 טויזנט פֿון טערקיי, 50 טויזנט פֿון איראַק, 35 טויזנט פֿון אַמעריקע און אויס־טראַליע. כאָטש דאָ איז פֿאַראַן „כּל ישׂראל", איז דאָ נישטאָ קיין האַרמאָ־נישקייט אין צוזאַמענלעבן, יעדע גרופּע לעבט אין אַ באַזונדערער וועלט.

— דאָס לאַנד באַשטייט פֿון קאַרגע אַכט טויזנט סקווער מייל, ווען מיר וועלן אין צען יאָר אַרום האָבן דורכגעפֿירט איריגאַציע איבער אַלע טיילן, ווו עס איז מדבר, וועלן מיר האָבן אַ פֿרוכטבאַר לאַנד. פֿאַר־שטייט זיך, אויב עס וועט זיין שלום איבער דער וועלט און ביי אונדז שלום מיט די אַראַבער.

אין לאַנד גייען אַרום מער ווי אַ פּאָר צענדליק צייטונגען. פֿאַר־שידענע אילוסטרירטע בלעטער און שריפֿטן פֿאַר דער יוגנט, אויך —

יערלעכע, האַלב־יערלעכע, פֿרויען־צייטונגען, צייטשריפֿטן פֿאַר קונסט, לאַנדווירטשאַפֿט, מוניציפּאַליטעטן, היגיענע, אד״גל.

„מיר האָבן אַ זשורנאַליסטן־משפּחה, וואָס ציילט זעקס הונדערט מאַן, זייער אַן ענערגישער יונגער כוח, יונגע זשורנאַליסטן; אויך פֿרויען זענען דאָ אַקטיוו פֿאַרטראָטן. „פֿאַרגעסט נישט, אַז מיר האָבן צוויי שרייבער־פֿאַריינען, אַ יידישן און אַ העברעישן".

מיר האָבן שפּאַצירט אויפֿן אוניווערסיטעט־קעמפּוס אין ירושלים, וועלכער האָט אין 1948 געהאַט אַרום ניינהונדערט סטודענטן, איצט לערנען זיך דאָ נאָענט צו זעקס טויזנט. „דאָס איז נישט די איינציקע אינסטיטוציע פֿון דעם מין אין לאַנד".

„אין ישראל פֿליסט אַריין אַן ערך אַ מיליאָן דאָלאַר אַ טאָג פֿון אויסלאַנד. מיר מעגן זיין מיט רעכט קעגן די „שלומים", דאָס האָט אָבער געהאָלפֿן אַ סך אָרעמע מענטשן, דורך דעם האָבן זיי זיך דער־שלאָגן צו אַ שטיקל פּרנסה, ווייל נישט אַלע געקומענע פֿון די קאָנ־צענטראַציע־לאַגערן זענען פֿעיק אויף אַרבעט און אפֿילו פֿאַר געווינטע איז אויך נישטאָ... געווען אַנדערע, וואָס האָבן געלעבט פֿון „שכר־דחק", (אַ הונגער־לוין) די שלומים האָבן זיי געהאָלפֿן...

„גיך שטים נישט איין מיט דעם, ווייל יעדעס לאַנד, וואָס קריגט „אומזיסטן קאַפּיטאַל", מוז סוף כל סוף דינען זייערע אינטערעסן און אַנטוויקלט נישט די אייגענע עקאָנאָמישע זעלבשטענדיקייט".

„אין יאָר 1948 האָבן די קיבוצים באַטראָפֿן העכער אַכט פּראָצענט פֿון דער אַלגעמיינער באַפֿעלקערונג און איצט — ווייניקער ווי פֿיר פּראָ־צענט"... — אַזוי קלערט מיר אויף דוד.

דער טאָג איז געווען אַ זוניקער, אויף די גאַסן פֿון תּל־אביב איז געווען רעשיק, ווי אין פּאַריז, אַ געדראַנג פֿון וועגענער, און אַלץ וואָס האָט רעדלעך פֿליט דאָ ווי אַ וויכער... מיר גייען אַריין אין אַ קאַפֿע־הויז, ווו דער ציגאַרעטן־רויך הענגט געדיכט איבער דער סטעליע. נישטאָ קיין ליידיק בענקל. די „זיצער" וואַרטן אויף אַ פּאַרדינסטל, עפּעס אָנ־באָטן, אויסבייטן, צושרייבן, אויסנאַרן, אָפּנאַרן, — ווי עס איז געטאָן געוואָרן צו איינעם פֿון מיין משפּחה. דאָ וועגט מען און מען מעסט, אַ „שטיינדל", אַ „גאָלדשטיקל", כדי „צו מאַכן אַ לעבן"...

איבער די פֿרומע גאַסן פֿון בני־ברק הערט זיך פֿון חדר אַ באַקאַנ־טער גמרא־ניגון: — „שבת חולין"... „וביום הכיפּורים"... „שור שנגח את הפּרה..."

די ייִנגלעך וויגן זיך איבער די גמרות, דער גערער ניגון ווערט היימישער:

— אַז מען שעכט אַן אָקס שבת אָדער יום כּיפּור, כאָטש ער איז חייב מיתה, איז דאָס פלייש כּשר...

זייערע שטימעלעך זענען האַרציק־זיס, איך ווער פאַרטראָגן צוריק צו מײַנע קינדער־יאָרן, צו די קינדער, וואָס דער נאַציזם האָט פאַרפּײַניקט און פאַרגאַזט...

עס גייט פאַרביי אַ ייִד:

— עץ זענט אַן אַמעריקאַנער, אַ — יאָ?

— געטראָפן.

— איך קום פון בראַזיל, געבוירן אין ברעזשין, לעבן לאָדזש. מ'האָט מיך געהייסן ברענגען „לאָקשן“, האָב איך פאַרשטאַנען... אַז כ'האָב אָנגעפרעגט אין אַ בריוו „וואָס עפּעס דווקא לאָקשן? שרייבט מען מיר:

„פעטער, אַז מען האָט לאָקשן, קאָן מען אַלץ קריגן“.

— „ווייס איך נישט קיין „שוטקעס“, ווי מײַנע, די ליטוואַטשקע זאָגט, און ברענג טאַקע אמתע לאָקשן, אַזעלכע, ווי מײַן מאַמע עליה השלום האָט געמאַכט... טאָ, גייען און זאָגן אַ נביא, אַז לאָקשן איז ביי זיי אַמעריקאַנער דאָלאַרן“...

— ווייסט איר וואָס איך האָב געזען אין קיבוץ? „עס וועט נישט אַרבעטן“, די קליינע וועלן אונטערגיין... בלייבן וועלן די גרויסע „פּער־מעס“, ווי ביי אייך אין אַמעריקע. דער פּריוואַטער קיבוצניק — אידעאַליסט, וועט בלייבן מיט אַ ציג, אַ קעלבל, אַ שטיקל פעלד, אַ פּאָר רעטעכלעך, ציבעלקעלעך און פעטרושקע, דאָס וואָס עס פאַרמאָגן די אָרעמאַנסקע געוועלבעלעך...

— קוקט נישט אויף מיר אַזוי, איך בין אַ ציוניסט, אַ פריינד פון „ארץ־ישראל“, איך זע ווי עס בויט זיך... איך פאַרשטיי נישט קיין פּאָליטיק... מײַנע זאָגט מיר ס'עט אַמאָל זיין אַ גוט לאַנד...

דערפאַר זעט מען געוועלבלעך פון קנאָבל, ציבעלעס, סאָדע־וואַסער, שטריקלעך, קנעפּלעך, בענדלעך, אַלע מאַכן אַ לעבן... פיל פון זיי בענקען צוריק נאָך זייער היים אין פוילן, רומעניע, אָבער ס'איז צו שפּעט...

„דאָרט איז דאָך מיר געווען גוט, נישט שווער געאַרבעט, קינדער האָבן באַקומען די בעסטע „בילדונג“; דאָ האָב איך אַ „געשעפט“ אָך

און ווײ... איך צאָל נאָך צו דער רעגירונג טאַקסעס, שטײַער, אפשר פופציק פּראָצענט גײט פאַרן מיליטער און צען פּראָצענט פאַר לערנען אין די שולן".

עס איז גוט צו פאָרן איבערן לאַנד. פון באַנען, אויטאָבוסן, זעט מען פּרעכטיקע פעלדער פון מאַראַנצן, באַנאַנען, װײַנטרויבן, גרינסן, אפילו צװישן בערג און זאַמדיקן מדבר, װערן די נײַע פלאַנצן געבאָ־װעט און געפלעגט.

דאָרט, װוּ ס'איז דאָ איריגאַציע, גײען אויף די שפּראָצונגען ליכ־טיק־גרין, אָבער די אַלע גוטע פעלדער װערן אַלץ מער קאָנצענטרירט אין געצײלטע הענט, נאָר די גרעסטע זאָרג איז, עס זאָל זײַן שלום אויף דער װעלט. „זאָל זיך נאָר דער ראַטנפאַרבאַנד מיט אַמעריקע אויסגלײַכן און מיר זאָלן נישט דאַרפן היטן די גרענעצן, װעט דאָ אויך זײַן בע־סער. אין בני ברק, — דער פרומער שטאָט, װוּ איך װױן — דאָס לעבן זעט דאָ אויס װי אין קלײנעם פרומען שטעטל אין אַמאָליקן פּוילן. שבת און יום־טוב קאָנט איר רואיק גײן אין מיטן גאַס, ס'װעט אײַך קײנער נישט איבערפאָרן... אַלץ איז דאָ אידיליש, דער ייִד גײט פון דאַװנען אָנגעטאָן אין טלית. ער פירט, נאָך אים אָדער בײַ זײַן זײַט די קינדער, דאָס װײַב הינטער אים. דער ייִד גײט זיך געלאַסן, זינגט זיך צו אַ זמרל, די זון שײַנט ליכטיק, דער הימל איז בלוי, אפילו אָן װײַסע מילך־װאָלקנדלעך, בײמער זענען אײַנגעפלאַנצט איבערן גאַס װי אַן אַלײ. — אַזוי פאַמעלעך, געמיטלעך, גײט מען באַרג־אַרויף, װוּ עס זענען ערשט אויסגעבויט געװאָרן נײַע מאָדערנע הײַזער אין פאַרשידענע סטילן. דער װעג איז נאָך נישט ברוקירט, טרעט מען אין רויטן זאַמד, פלוצעם טוט אַ יאָג אַ מהיהדיק װינטל, הײבט אויף דאָס טרוקענע זאַמד מיט געל־גרינע בלעטער, עס דרײערט בלויז אַ סעקונדע און אַלץ װערט צוריק רואיק, געמיטלעך.

אונטער אַ נײַער געבײַדע זיצט אַ ייִד, ער איז אַ היטער מ'זאָל נישט עפּעס אַװעקטראָגן... ס'איז שבת, שאָקלט ער זיך איבער אַ ספר, ברומט אונטער אַ שטילן ניגון. ער האָט אַ לאַנגע רויטע זײַדענע באָרד, אַ געקאַרבטן שטערן און אומעטיקע אויגן. „שבת־טוב!" — װעקן מיר אים אויף, װי פון אַ דרימל...

— אי־נו, מפסיק — טוט ער אַ קוק אויף די געסט און „זאָגט" װײַטער...

מיר רעדן מיט יידן פון אַפריקע, אַזיע, טערקיי, תימנער. מענטשן פון אַכציק לענדער, זאָגט מען, געפינען זיך אין לאַנד ישראל.

שושנה, הייסט מיין פירערין, זי קאָן דאָס לאַנד און רעדט עטלעכע שפּראַכן, זי איז אַ טאָכטער פון אייראָפּעישע עלטערן, איר פּנים איז רונדיק, ליבטיק, מיט אַ סך חן, זי האָט העל־ברוינע אויגן, אַ שאַרפן קוק, זיידענע שוואַרצע האָר, אַ ביסל קוטשעראַווע, אַלע מאָל מיט אַ דין שמייכעלע, וואָס אַנטפּלעקט אירע ווייסע פּערלדיקע ציין, איר יונגער קערפּער אין איידל, פיין געפורעמט, נעט, ציכטיק אָנגעטאָן, זי אַרבעט אין אַ טעקסטיל־פאַבריק.

שושנה האָט שוין געדינט צוויי יאָר אין מיליטער, זי פרעגט מיט שטאָלץ: „האָסט שוין געזען אונדזערע פרויען אין מיליטער־דינסט? יע ווי שיין זיי זענען, אַ פינגער זאָל זיי נישט ווייטאָן, מיר בעטן פאַר שלום מיט די אַראַבער, דעמלט וועלן מיר האָבן אַ לאַנד — אַ שפּיגל פאַר דער וועלט".

„קיין אַמעריקע ווילסטו נישט פאָרן?"

„קיינמאָל נישט! איך ווייס, אַז מענטשן וואָס קאָנען זיך נישט אַרויספאַרבעטן, ווילן אַנטלויפן פון לאַנד, וואַרטן אויף אַ געלעגנהייט, האָבן שוין פאַרגעסן ווו זיי זענען געווען... אַלע ווילן וווינען אין גרויסע שטעט, האָבן שיינע דירות מיט טעפּיכער, „פריזשידירס", שפּאַצירן אין די שיינע גאַסן, אָבער נישט אַלע קאָנען דאָך זיין רייך... ביי אייך אין אַמעריקע זענען דען אַלע נגידים?"

— פאַרוואָס, זאָג מיר, פאַרלאָזן מענטשן די קיבוצים, ווו זיי האָבן אָפּגעלעבט צען, פופצן יאָר?"

—„דאָ, ווי אין יעדן לאַנד, זענען פאַראַן אידעאַליסטן, וואָס זענען גרייט זיך מקריב זיין, אַנדערע לעבן אין ווילטאָג אויפן חשבון פון פאָלק, דאָס האָט אַ ווירקונג אויף געוויסע מענטשן"...

ס'איז אָנגעקומען אַ באַקאַנטער און געפרעגט צי מיר גייען אין שטאָט. די בולוואַרן זענען געוואָרן לעבעדיק, די יוגנט איז אַרויס אין די גאַסן. אַזוי שנעל, ווי עס האָט אַ ליכט געטאָן דער ערשטער שטערן אין הימל, האָבן זיך מיט אַמאָל אויפגעפראַלט די געשעפטן און קאַפעען. די גאַסן זענען געוואָרן פול מיט יום־טוב און אַלץ איז געוואָרן באַ־לויכטן ווי פון איין גרויס הבדלה־ליכט...

נאַדיע לון פון לאָס אַנדזשעלעס, האָט געוווינט אין פּתח תקוה, איך — אין בני ברק, בין איך געווען דאַנקבאַר, וואָס זי איז צו מיר

געקומען מיט איר פלימעניק אין אַן אויטאָמאָביל, מיך אַרומגעפירט איבער תל=אביב און געוויזן די אינטערעסאַנטע ווינקלעך פון שטאָט. שפעטער זענען מיר געפאָרן זען די פאַרכישופטע שיינקייט פון נתניה, דעם ים און דעם פרעכטיקן צוגאַנג צו דעם רחבותדיקן רעזאָרט. די טיפע בלויקייט פון הימל, וועלכער איז אַזוי אידיליש אויסגעשפרייט איבערן האָריזאָנט, וואָס ווערט אין די ווייטקייטן פאַרוואַנדלט אין אַ פרעכטיקער פאַנאָראַמע, עס דאַכט זיך , אַז דער אויסבויג פון פורפור=ווייס=בלויען הימל מיטן ים ווערן צונויפגעגאָסן אין איין פאַנטאַסטישער ראַם.

עטלעכע שפּאַן ווייטער, אויף דער רעכטער זייט — ביימער און בלומען. פון דער שיינקייט פון דעם משופּעדיקן באַרג אַראָפּ צו די שטילע קלאַנגען פון ים, וואָס שלאָגן זיך אָן ביי די ברעגן, בלייבט אַ פרעכטיקער איינדרוק; דער ים לאָקט מיט זיין אָפּשפּיגלען די קלאָרע וואַרעמע שטראַלן פון דער זון.

דאָס לאַנד איז קליין אָבער רייך אין אוצרות, וואָס דאַרפן ערשט אַנטוויקלט ווערן. איר פאָרט איבער בערג, טאָלן, וואָס דערמאָנען אייך אין דער טויזנטיאָריקער ביבלישער געשיכטע פון קאַמפן, זיגן — איבערן שונא. איר זעט דאָס אַלטע פון דער טויזנטיאָריקער געשיכטע און דאָס נייע פון דרייצן יאָר... איר פאָרט איבער שליאַכן און דערפער, וואָס פירן דורכן וועג צו סדום, עס שווימען פאַרביי געדאַנקען ווי אַ קאַליידאָסקאָפ... „עס איז נישט גענוג צו זיין דאָ אַ וואָך, אָדער אַ חודש כדי איר זאָלט באַנעמען דאָס לאַנד ישראל מיט אַלץ וואָס עס פאַרמאָגט. קוקט נישט בלויז אויף די הימלען און ערד, זעט דאָס שיינע און דאָס, וואָס דאַרף ערשט אַנטוויקלט ווערן צום סאָציאַלן יושר“ — זאָגט צו מיר אַן אַרבעטער.

איצט איז שבתצונאַכט נאָך הבדלה. טיר און טויער, פון טעאַטערס, קינאָס, פאַרווייל[ו]נגס=פלעצער, קאַפעען, רעסטאָראַנען, זענען אויפגעפראַלט. די שטערן אין הימל פינקלען צוזאַמען מיט נעאָן=ליכט און קרישטאָלענע קאַנדעלאַברעס. איך קוק זיך צו צום פראַכט פון דעם רואיקן שפּאַצירנדיקן עולם אויף די גאַסן פון בן=יהודה, דיזנהאָף, אַלינבי, אין תל=אביב. עס איז שוין באַלד צוועלף אַזייגער, עס פעלט מיר אויס אָטעם, ווייל איך וויל איינזאַפן, וואָס מער פון דער געמיטלעכקייט. מיט אַמאָל, ווי דורך אַן אומזעבאַרן סיגנאַל, שליסן זיך די געשעפטן. דער ווירוואַר שטעלט זיך אָפּ, מענטשן פאַרלאָזן די בולוואַרן, די

יוגנט. איילט זיך אַהיים. אויך מיר „כאַפּן“ דעם אויטאָבוס, וועלכער איז געפּאַקט מיט מענטשן, וואָס רעדן אויף פאַרשידענע לשונות. דאָס קלינגט אין מיינע אויערן ווי טענער פון דער שענסטער סימפאָניע און פירט מיך אַוועק צו די קינדער־יאָרן אין לאָדזש, אויף פּיעטרקאָווער גאַס...

אַ בלומען־בוקעט און וואַלד
אויף די הרי יהודה וירושלים

פון צפון און הדרום — תל=אביב, חיפה און רמת=גן, בני=ברק און מקוה ישראל, ירושלים, חדרה, פון אַרום הונדערט פונקטן צעלייגט איבער דער לענג און ברייט פון לאַנד, איז אויסגעפלאַנצט געוואָרן אַ פאַרבנרייכער בלומען=בוקעט און איז געבראַכט געוואָרן אין וואַלד אויף די בערג פון יהודה א. נ. פון דער סאָוויעטישער אַרמיי און מען האָט געפייערט דעם טאָג פון סאָוויעטישן נצחון איבער נאַצי=דייטשלאַנד.

יונגע און זינגענדיקע קינדער האָבן זיך געלאָזן מיטן שאָסיי פון פתח=תקוה. מענער און פרויען זענען געקומען אויפן רוף פון דער פריינדשאַפט=באַוועגונג פון ישראל — ראַטנפאַרבאַנד. עס זענען געקומען ייִדן און אַראַבער, סטודענטן, הויז=פרויען און אַרבעטער, געלערנטע, פאַרשטייער פון סאָציאַליסטישע לענדער, און אַלץ איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אומפאַרגעסלעכער פאָלקס=דעמאָנסטראַציע. אונטער די קלאַנגען פון מוזיק האָבן געלייגט קרענץ און בינטלעך בלומען: די אַנטי=נאַצי=קעמפער, דעמאָקראַטישע פרויען אין ישראל, ליגע פאַר פריינדשאַפט פון ישראל — פוילן און ישראל — ראַטנפאַרבאַנד.

אין פאַרשידענע שפּראַכן האָבן אָפּגעהילכט די רעדעס, אין וועלכע מען האָט גערופן צו זאָגן דעם גאַנצן אמת פון אייכמאַן=משפט... עס האָט גערעדט דער אַמבאַסאַדאָר פון ראַטנפאַרבאַנד — מ. פ. באָדראָוו, ער האָט געדאַנקט די מענטשן, וואָס רופן צו שלום און פעלקער=פריינדשאַפט, „זאָל לעבן דער שלום!“ „פאַר פריינדשאַפט צווישן סאָוויעטישן פאָלק און ישראל“. דיפּלאָמאַטן פון סאָציאַליסטישע לענדער מיט זייערע פרויען זענען געוואָרן אַ טייל פון דעם פּרעכטיקן, קאָלירפולן בוקעט בלומען.

צום סוף פון טאָג, ווען די זון האָט גענומען פאַרגיין, זענען מיר צוגעפאָרן צו אַ ווינקל פון תל=אביב. דער האָריזאָנט האָט זיך געמיניעט אין פאַרבנרייכע קאָלירן, זיך אויסגעשפּרייט איבערן הימל ווי אין אַנ=

געצונדענע פלאַמיקע פענצטערלעך. די זון=פאַסן האָבן זיך אַרויסגערוקט פון הינטער די בערג און אָנגעצונדן דעם ים, עס האָט אויסגעזען, ווי טיף אונטערן ים ברענט אַ העליש פייער. די שטילע כוואַליעס האָבן זיך געקנייטשט און געמאַכט דעם איינדרוק ווי אַ גאָלדיקע לאַווע וויגט זיך הין און צוריק. דער הימל האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַלערליי פאַנטאַסטישע פאָרמאַציעס: אָט איז ער אויסגעוואָקסן אין יונגע קאָליר־פולע ביימלעך, באַלד איז דאָס פאַרוואַנדלט געוואָרן אין ווייסע מאַיעסטעטישע שוואַנען, אין גאָלדענע פערדלעך, אין עקזאָטישע בלומען. פאַמעלעך האָט די זון, מיט די בלויע וואָלקנס זיך צוזאַמענגעגאָסן מיטן ים, און — עס איז געוואָרן נאַכט.

די גאַסן אין תל=אביב פול מיט איינדרוקן. „אינדערהיים“ האָבן מיר נישט קיין צייט אויפצונעמען דעם גערויש און געפילדער, אָבער אין דער „פרעמד“ וויל מען איינזאַפן אַלץ מער פון דער נאַטור און באַוועגונגען פון מענטשן.

אָט, לויפט, אָדער „פליט“ אַ ייד אויף אַ רייטוועגעלע מיט צוויי גרויסע פאַרצייטיקע רעדער. ער פלאָנטערט זיך צווישן לאַסט=אויטאָס, טאַקסיס, פוסגייער, און אַן אייזעלע איינגעשפאַנט אין אַ פורל וואָס פירט אַ קעלבל.

די צוויי פאָלעס פון כאַלאַטל מיט דער שוואַרצער לאַנגער זיידענער באָרד פלאַטערן אין דער לופט. איך האָב מורא, אַז אַ פאָלע זאָל זיך ערגעץ נישט פאַרפלאָנטערן... איך האָב אַזאַ רחמנות אויף דעם ייד מיטן שיינעם פנים און אַזאַ פרנסה...

פון הינטער אַן אויטאָבוס קריכט אַפער אַ וועגעלע אויף דריי רעדער, מיט אַ געזעם פאַר צוויי מענטשן, דער יונגערמאַן מיטן קאַפעלע אויפן שפיץ קאָפ, גרויס ווי אַ זילבערנער דאָלאַר, אַרבעט מיט די פיס שנעל ווי אַ וויכער, ער יאָגט זיך מיט אימפעט פאָרויס, טרייבט די דריי רעדער שנעל, שנעל ווי אין אַ געיעג. ס'איז ערב שבת, די זון האַלט זיך בייםזעצן, דער גאַסנפאַרקער ווערט שיטערער, באַלד, באַלד וועט ער זיצן ביים שבת=טיש, זינגען אַ זמרל און זיין פריי פון די געפאַרן, וואָס ברענגען אים פרנסה...

אין אַ זייטיקער גאַס בויט זיך אַ מויער, אַ קליינער מויער, וואָס בויט זיך אָן רעש און אָן גרויסן געפילדער. אַ קליין מענטשעלע, מיט פוקע האַרטע בעקעלעך, קורץ און קרעפטיק, מיט אַ קעפל שוואַרצע גע=

קרייזלטע האָר ווי ביי אַ שעפּסל, די פּאָלעס פֿאַרשטעקט אין גאַרטל ווי
אַמאָל די היימישע טרעגער אין לאָדזש און אין וואַרשע, וואָס האָבן גע-
קאָנט אַריבערטראָגן אויף די פּלייצעס אַ גאַנץ הויז מיט מעבל פֿון איין
עק שטאָט צו דער אַנדערער, סדרט ציגל אויף אַ „בענקעלע“, מיר ציילן:
צען, צוואַנציק, דרייסיק... מיטאַמאָל טוט דאָס מענטשעלע זיך אַ קנייטש,
אַ בויג, זעצט אַרויף דאָס „בענקעלע“ אויף די רונדיקע פּלייצקעלער,
ס'פּנים ווערט ערנסט, דאַכט זיך, אַז די ביינער וועלן באַלד אַ טרעשטשע
טאָן און זיך איינברעכן... עס פּאַסירט אָבער גאָרנישט, ער טוט אַ בויג
אַ קני, און אָט טראָגט ער די ציגל, וואָס זענען אַריינגעפּאַסט איינער אין
אַנדערן.

ווען ער האָט די מאַסע אַראָפּגעזעצט, איז זיין טונקל-ברוין פּנים
העלער געוואָרן און די פּלייצעס אויסגעגלייכט, ער האָט אָפּגעווישט דעם
שווייס מיט דער גרויסער שמאַטע, וואָס האָט זיך נאָכגעשלעפּט. אַ דין
שמייכעלע האָט זיך באַוויזן ביי די ווינקלען פֿון מויל און שטיל געמורמלט
„גאָט צו דאַנקען“...

אין אַ קאַפע

מיר זענען געזעסן אין אַ קאַפע אויף לילענבלום־גאַס, צווישן אַלערליי מעקלער און „שוואַרצע־בירזשעניקעס“. ביי אַ טישל איז אָנגעגאַנגען אַ וויכוח וועגן געמען „שלומים“ ביי דער באַן־רעגירונג, די געמיטער זענען געווען אויפגערעגט, צעהיצט, יעדער יונגערמאַן און פרוי, וואָס האָבן אָנטיילגענומען אין דעם וויכוח, האָט דערמאָנט אין דעם אומקום פון אַ קינד אין אוישוויץ, פון אַ מאַמע אין טרעבלינקע, פון אַ טאַטן אין בוכענוואַלד...

אַ פרוי, אָנגעטאָן אָרעם, ריין און ציכטיק, מיט אַ גאָר סימפּאַטיש רחמנות־פּנים, האָט געזאָגט: „ווי קאָן איך לעבן מיט הונדערט דרייסיק פונט אַ חודש? איך בין דאָך אַ קאַצעטלערין“...

מיר קוקן אויף דער פרוי — הויט און ביין, זי וויל נישט נעמען די שלומים, ווייל „איך וועל מוזן גיין צו זיי, דריקן די האַנט פון אַ דייטש. פונוואַנען ווייס איך, אַז נישט ער גאָר אַן אַנדערער האָט אַרויפגעוואָרפן מיין קינד אויפן לאַסט־אויטאָ, וואָס האָט אַריינגעפלויגט כלאָראָפאָרם?“...

ביי אַ צווייט טישל איז געזעסן אַן עלטערער ייד, ער איז נישט לאַנג צוריק געקומען פון רומעניע, ער איז שטאַרק באַזאָרגט וואָס ער קריגט נישט קיין אַרבעט, צו לאַנד־אַרבעט איז ער נישט צוגעפּאַסט און די בעסערע אַרבעט־שטעלעס זענען פאַרנומען. „נו, יאָ“, זאָגט איינער, „דאָרט“ איז ער געווען אַ „שיינער ייד“, גאָר באַלד וועל איך אים געבן אַ „דזשאָב“: „דער וויצמאַן־אינסטיטוט דאַרף האָבן קעץ. יאָ, קעץ אויף פיר פיס — פאַר עקספּערימענטן, זיי צאָלן פינף פונט פאַר אַ קאַץ. ווען איר וועט כאַפּן דריי קעצלעך אַ טאָג, וועט זיין פּרנסה ברוח, פאַר אייך, אייער פרוי און די דריי קינדערלעך — זאָלן לעבן“..

ס'רוב פון די וואָס זיצן דאָ לעבן פון לופט־פּרנסות... אַז זיי כאַפּן אַריין אַ „גרינעם“, מאַכט מען חוזק.

זאָגט איינער: — האָסט געלערנט גמרא? דאָרט זאָגט זיך, אַז קנאָבל איז אַ טייער מאכל פאַרן גוף „דאָ פעלט עס אוים“... דער פאַר־צווייפלטער ייד זאָגט אַריין דער חברה אַ פּאָר שאַרפע ווערטער, און פאַרלאָזט די קאַפע.

דער יידן־מערדער אייכמאַן האָט פּלאַנירט צו פאַרטיליקן עלף מיליאָן יידן

אויף די נירענבערגער פּראָצעסן, אין די מאַסן דאָקומענטן, אין דער גבית־עדות פון קאַצעטלער און אפילו פון נאַציישע קאָלאַבאָראַנטן האָט דער נאָמען אייכמאַן אין דער היטלער־צייט פיגורירט אַלס איינער פון די גרעסטע מערדער איבערן יידישן פאָלק.

אין די דאָקומענטן זעען מיר דעם מערדער, באַלד אין אָנהייב אין זײער געסטאַפּאָ, צווישן די שעפן, אין די העכערע עס־עס־ און פּאָליצײ־פירער, מלוכה־פאָרשטייער, היטלערס פאַרטרעטער.

אייכמאַן געפינט זיך אין בערלין, אין דער פּראָווינץ, ער איז אין יעדן ראַסן־געזעץ, אין דער „איבערזיידלונג" און אין דער „גרונטזעצלעכער פאַראָרדענונג" אויסצוראָטן אַלע יידן פון אייראָפּע. ער פיגורירט אויך אין דעם „מאַדאַגאַסקאַר־פּלאַן" און אין אַלע מערדערישע פּלענער.

ווי עס ווערט דערמאָנט אין די דאָקומענטן פון נירענבערגער פּראָצעס און פון די דערקלערונגען פון העסן, איז אין צענטער, וווּ ס'איז צוגעגרייט געוואָרן דער הויפּט־פּלאַן פון דורכפירן דאָס פעלקערמערדערישע פאַרברעכן, געשטאַנען בראש דער עס־עס־אָבערשטורמפירער — אַדאָלף אייכמאַן.

— אייכמאַן האָט אויסגעאַרבעט גענויע פּלענער פון יידן־פאַרניכטונג אין אייראָפּע, זומער 1941 האָט ער אַרומגערעדט מיט העסן און גלאָבאָצניקן די אופנים און מעטאָדן פון דורכפירן די היטלעריסטישע פּלענער פון פעלקער־פאַרניכטונג לגבי יידן און אַנדערע אונטערדריקטע פעלקער.

אייכמאַנס שטאַב האָט זיך פֿאַרנומען מיטן קאָנקרעטן באַאַרבעטן די אָרגאַניזאַציאָנעלע און טעכנישע צוגרייטונגען פֿון דער ליקווידאַציע; דער „וויסנשאַפֿטלעכער“ אַפּאַראַט, וועלכער האָט ענג מיטגעאַרבעט מיט דער היטלעריסטישער פּאַרטיי און פּאָליציי־אָרגאַנען, האָט זיך גלייכ־צייטיק באַשעפֿטיקט מיט דער „טעאָרעטישער באַגרינדונג“ פֿון פֿעלקער־מאָרד.

ביים אייכמאַן־משפּט...

דער זאַל איז אין די ערשטע טעג פון משפּט געווען פול. דאָ האָבן זיך געפונען אַרום פינף הונדערט זשורנאַליסטן, פּרעסע־פאָרשטייער פון מער ווי פערציק לענדער, די גרעסטע צאָל איז געקומען פון מערב־דייטשלאַנד... צווישן די צייטונגסמענטשן זעט מען באַרימטע דיכטער, נאָוועליסטן, עסייאיסטן, וועלכע זענען געוואָרן צייטווייליקע קאָרעספּאָנדענטן. די געריכטס־פאַרהאַנדלונגען זענען געפירט געוואָרן אין ענגליש, פראַנצויזיש, דייטש, העברעיש און — זייער ווייניק אין יידיש...

קאָרעספּאָנדענטן זענען שטאַרק פאַרנומען מיט אויספאָרשן די קאַצעטלער, וואָס קומען זען די חיה אין מענטשן־געשטאַלט, דעם נאַצי — אייכמאַן...

טייל קאָרעספּאָנדענטן פאַרטרעטן נישט קיין אָרנטלעכע צייטונגען און זשורנאַלן, זוכן זיי נאָר די סענסאַציעס ביים משפּט...

אַנדערע ווידער פאָרשן און מעסטן די טיפקייט אין דער נשמה פון לעבנגעבליבענע קאַצעטלער, כדי אַרויסצוברענגען פאַר דער געשיכטע דאָס מאָנסטערהאַפטע פון דער נאַצישער עפּאָכע... איך זיץ ביים פּראָצעס, הער אויס און בין דערשיטערט. כ'הער ווי מען דערציילט וועגן גאָלדענע ציין... קינדערישע שיכעלעך... אָנגערויבטע האָב־און־גוטס... שוידערלעכע טראַגעדיעס, אויפגעשוידערטע מענטשלעכע סצענעס, פון גאַז־קאַמערן. דאָס אַליץ ווערט פאַרגעבראַכט פאַר די ריכטער, זיי מוזן האָבן שטאָלענע נערוון, אַ וווּנדער וואָס דאָס בלוט ווערט נישט פאַרגליווערט...

איך פאַרמאַך אויף אַ רגע די אויגן, מעדיטיר, איך זע ווי מיינע שוועסטער און מיין מאַמע פון לאָדזש, מיינע אייגענע פון פּאַריז, אומגעבראַכטע פון דעם מערדער — מאַרשירן אַריין...

אַ „סאַברע־זשורנאַליסט", וואָס האָט מיך אַריינגעפירט צום פּראָצעס, אַ מענטש מיט געוויסן, זאָגט צו מיר: „דער עולם, וואָס זיצט אין

זאַל פֿילט בחוש, אַז עפּעס ווערט פֿון די ריכטער נישט דערזאָגט... דער מערדער דערציילט נישט אַלץ וועגן זיינע אַרויסהעלפֿער, וועלכע זענען איצט ביי דער מאַכט אין מערב־דייטשלאַנד...

דער מערדער זיצט זיך קאַלטבלוטיק אין זיין גלעזערנער שטייג, ווי אַ שטיק אייז, ווי אַ חיה אין אַ שטייג. ער זיצט פֿאַרפּוצט אין אַ גראַנאַטענעם אַנצוג, ציטערט נישט מיט אַ ברעם אפֿילו... צייטנווייז לאָזט ער אַראָפּ דעם קאָפּ, פֿאַרגאָטירט עפּעס כדי אָפּצושלאָגן דעם אמת. שפּעטער קומען די באַשולדיקונגען פֿון עדות, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פֿון זיינע הענט. דערווייל האַלט ער די ליפּן פֿאַרפּרעסט, קוקט נישט צו די, וואָס דערציילן פֿון אייכמאַנס „אינפֿערנאַ“.

עס טרעטן אויף עדות פֿון מאַוטהאַוזען, בוכענוואַלד, אוישוויץ, טרעבלינקע... אין איין לאַגער האָט אייכמאַן פֿאַרגאַזט צוויי מיליאָן יידן, אין אַ צווייטן — אַ מיליאָן מיט אַ פֿערטל; דאָקומענטן פֿון נאַציישע רציחות, וואָס געפֿינען זיך אין די ריכטערס הענט, זענען איינגעטונקען אין מענטשלעך בלוט פֿון געפּייניקטע...

די ריכטער וויגן, עס יאָמערן עדות... קאָרעספּאָנדענטן האַלטן ווייסע טיכעלעך, ווישן אַ טרער. קרבנות פֿול מיט פּיין דערציילן פֿון אַרויסגעריסענע גאָלדענע ציין... פֿינגערלעך... אויערינגלעך... פֿון פּיצעלעך קינדער... פֿון פּיין אין געטאָ־לאַגערן... ווילנע, לובלין, לאָדזש, וואַרשע, טשענסטאָכאָוו, באַבי־יאַר, ביאַליסטאָק און יידיש זייט...

אין געריכט־זאַל שוועבט אַ פֿאַרגליווערטע שטילקייט, דאַכט זיך, אַז די שאָטנס פֿון די לאַגערן און געטאָס שוועבן... אייכמאַן האָט אויפֿגעבויט דעם „ווינגשאַפּטלעכן סעקטאָר“, די „טויט־קאָמבינאַטן“, דעם „רייכס־זיכערהייטס־הויפּט־אַמט, און די „טויט־אויטאָס“, ווו די אַלע מערדער פֿון גאַנץ דייטשלאַנד זענען געקומען זיך לערנען די קונסט פֿון מאַסן־מאָרד איבער דעם יידישן פֿאָלק... דער „אינסטיטוט צו פֿאָרשן די יידן־פֿראַגע“ אין פֿראַנקפֿורט האָט אָנגעזאָגט, אַז „די טויט־שעה פֿאַרן יידישן פֿאָלק איז אָנגעקומען“...

פֿאַר געלערנטע, פּראָפֿעסאָרן, דאָקטוירים, אַלע הענקער פֿון נאַציישן גלויבן, פֿאַר דעם גאַנצן שטאַב קאַניבאַלן: איז אייכמאַן געווען דער מוסטער פֿון ראַסן־פּאָליטיק, דער וועגווייזער פֿון מעטאָדן פֿאַר דער פֿאַרניכטונג פֿון יידן, ציגיינער און קאָמוניסטן... אַזוי צער־פֿול זענען די רייד פֿון די עדות, אַז אַ שטיין קאָן זיך רירן, נאָר דער אין שטייג טוט נישט קיין ציק מיט אַ ברעם...די געלערנטסטע יידן פֿון דער פֿילאָזאָפֿיע, מע־

דיצין, מאַטעמאַטיק, זענען אומדערוואַרט אַריינגעשליידערט געוואָרן אין אָפּגרונט, כדי שפּעטער זיי צו פאַרוואַנדלען אין „ריינער יודען זייף“...

העס, דער קאָמענדאַנט פון לאַגער אין אָשוויענטשים, האָט אין דער דערקלערונג אויף זיין פּראָצעס אין וואַרשע דאָס זעלבע באַשטעטיקט. העס האָט ווייטער געזאָגט: „פון די געשפּרעכן מיט קלובערגן און מיט די פונקציאָנאַרן פון רסה“א טאָמסאָנען און אייכמאַנען ווייס איך, אַז מען דאַרף אַלע יידישע פרויען, וועלכע קאָנען געבוירן קינדער, סטעריליזירן, כדי דאָס יידן-פּראָבלעם זאָל פּאַקטיש ביים איצטיקן דור געלעזט ווערן“.

ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן די „גאַז-אַפּאַראַטן“ צו פאַרניכטן מיליאָנען יידן, עצהט ער די עס-עס און פּאָליציי זיך ווענדן וועגן דעם צו אַדאָלף אייכמאַן, וועלכער האָט באַלד געגעבן זיין הסכם און געלאָזט וויסן, „אַז יידן-לאַגערן זענען איינגעאָרדנט געוואָרן אין ריגע און מינסק. אַהין וועט מען אויך קאָנען פירן די יידן פון רייך. אין געגעבענעם מאָמענט זידלט מען איבער די יידן פון רייך קיין לאָדזש און אין אַנדערע לאַגערן, פונוואַנען זיי וועלן איבערגעפירט ווערן אויף מזרח...“ (אויף אומקום).

ווען העס איז געשטאַנען פאַרן פוילישן געריכט, האָט ער געזאָגט: „דער פירער האָט באַפוילן ענדגילטיק לעזן די יידן-פראַגע. מיר, די עס-עס, האָבן באַדאַרפט דעם באַפעל דורכפירן, מיט דער הילף פון די פאַרניכטונגס-פונקטן אויף מזרח וועלן מיר נישט קאָנען דורכפירן די פּלאַנירטע גרויסע אַקציעס. איך האָב דעריבער באַשטימט אָשוויענטשים, ערשטנס צוליב זיין גינסטיקער קאָמוניקאַציע-לאַגע און צווייטנס, ווייל דאָס געביט קאָן מען לייכט איזאָלירן אין מאַסקירן“...

הימלער האָט געזאָגט צו העסן, אַז דער ענין מוז געהאַלטן ווערן אין שטאַרקער געהיימניש, אַז ווייטערדיקע ידיעות וועט ער באַקומען פון אייכמאַנען, וועלכער וועט אין קורצן צו אים קומען.

אייכמאַן איז שנעל אָנגעקומען אין אָשוויענטשים און העסן פאַרטרויט די פּלענער וועגן די פאַרניכטונגס-אַקציעס פון די יידן, וואָס דאַרפן אָנקומען פון פראַנקרייך, בעלגיע, טשעכאָסלאָוואַקיע, דייטשלאַנד, האָלאַנד און אַנדערע לענדער.

אין דער פאַרניכטונגס־אַקציע האָט דער נאַצי גענוצט בלויז גאַז, ווייל דערשיסן מיליאָנען מענטשן האָבן די מערדער געהאַלטן פאַר אומ־מעגלעך.

„אייכמאַן האָט נאָך אויפגעקלערט העסן, אַז דאָ קומען אויך נישט אין באַטראַכט די מעטאָדן פון ליקווידאַציע דורך פאַרגאַזן אין די אויטאָ־מאַשינען, מיט וועלכע מען האָט זיך באַנוצט אויפן מזרח. דאָ דאַרפן אויפגעשטעלט ווערן אַנדערע מאָרד־איינריכטונגען, וואָס וועלן זיך באַנוצן מיט אַ זייער שטיקנדיקן גאַז“. — אַזוי האָט דערקלערט אייכמאַן.

דעם 4־טן נאָוועמבער 1941 זענען אין לאָדזשער געטאָ אָנגעקומען טראַנספּאָרטן מיט צוואַנציק טויזנט יידן פון בערלין, ווין, פּראָג און אַנדערע שטעט און לענדער ווו זייער האָב־און־גוטס איז גערויבט געוואָרן דורך די היטלעריסטישע מערדער.

סוף נאָוועמבער 1941 איז ביי אייכמאַנען פאָרגעקומען אַ באַראַטונג פון די נאַציס „פאַר יידישע ענינים“ פון די באַזונדערע אָקופּירטע לענדער, אויף וועלכער ס'איז באַהאַנדלט געוואָרן ווי אַזוי צו פאַרשנעלערן די ליקווידאַציע פון יידן. „מיר קאָנען זיי נישט דערשיסן, מיר קאָנען זיי נישט פאַרסמען, מיר מוזן אָבער אָנווענדן אַזעלכע מיטלען, וואָס זאָלן דערפירן צו זייער אויסראָטונג“.

אין דעם איז שוין אויך אַריינגעגאַנגען דער „גענעראַל־פּלאַן מזרח“, וואָס האָט פאָרויסגעזען צו דעפּאָרטירן אויף סיביר 50 מיליאָן סלאַוון, אין דעם 85 פּראָצענט פון אַלע פּאָליאַקן.

צווישן די ערגסטע קריגס־פאַרברעכער, סיי די, וואָס האָבן באַצאָלט מיט זייער היטלעריסטישן לעבן און סיי די, וועלכע זענען אויף דער פריי, איז אַלעמאָל אייכמאַן געווען אין דער באַראַטונג פאַר אויסראָטונג.

פון די מאַסן דאָקומענטן אויף דעם נירנבערגער פּראָצעס פיגורירט אייכמאַן ווי איינער פון די, וועלכער האָט אין דער „איבערזידלונגס־אַקציע“, וואָס האָט געפירט אין די קרעמאַטאָריעס, געשפּילט די הויפּט־ראָל.

אַדאָלף אייכמאַן איז געווען דער לייטער „פאַר דער יידנפראַגע“, ער האָט אָפּט אַליין באַזוכט און אַרויסגעשיקט זיינע געהילפן אין די לענדער, אין וועלכע ער האָט אָרגאַניזירט די אַקציעס פון אַרויסשיקן די יידן אין מאָרד־לאַגערן. עס איז אויך פּלאַנירט געוואָרן צו ליקווידירן אַ האַלבן מיליאָן פּאָליאַקן. ווי נאָר עס וועט פאַרענדיקט ווערן דער

ערשטער עטאַפּ... וועט קומען באַלד דער צווייטער... „אין לויף פון דער ייִדן־אַקציע זאָל מיט אַלע פּאָרזיכטיקייט־מיטלען שוין צוגעגרייט ווערן די אַקציע קעגן פּאָליאַקן..."

אין פּוילן האָט דער היטלעריזם שוין געהאַט אומגעבראַכט מיליאָנען ייִדן, 90 פּראָצענט פון דער גאַנצער ייִדישער באַפעלקערונג, און ווען עס האָט דעם היטלעריזם אָנגעהויבן אויסצופעלן ייִדישע קינדער פאַר די גאַז־קאַמערן, דעמלט האָבן די דייטשישע קאָנסולאַטן אין איטאַליע, אונגאַרן, בולגאַריע און אין אַנדערע לענדער געפירט אונטערהאַנדלונגען וועגן אַרויסגעבן מער ייִדן פאַר זייערע מאָרד־אַקציעס. אָט די פעלקער־מערדערישע אונטערהאַנדלונגען זענען געפירט געוואָרן מיט אַדאָלף אייכמאַנען און זיינע געהילפן ביי די אויסלענדישע קאָנסולאַטן, וועלכע זענען געשטאַנען אין דינסט פון דער נאַצי־אידעאָלאָגיע.

אין דער אויסראָטונג פון ייִדן אין לאָדזש, ביאַליסטאָק, וואַרשע, לובלין, אין אַלע קאָנצענטראַציע־לאַגערן איז אייכמאַן געווען דער שעף פאַר ייִדישע ענינים. ער האָט געהאַט די אויבער־האַנט איבער די מיליאָנען מאָרדן פון ייִדישע מענער, פרויען און קינדער.

יעדעס מאָל ווען אייכמאַן האָט אָפּגעשטאַט אַ וויזיט אין לאָדזשער געטאָ, האָט ער דורכגעפירט אַ סעלעקציע און אַרויסגעשיקט די קראַנקע, זקנים, פרויען און קינדער אין די גאַז־קאַמערן.

דעם 24־טן יאַנואַר, 1944 האָט אַדאָלף אייכמאַן באַריכטעט, אַז אין לאָדזשער געטאָ, אין דער „אָסט־אינדוסטריע" געפינען זיך נאָך אַכציק טויזנט ייִדן, צווישן זיי אַ גרויסע צאָל קינדער אין עלטער ביז צען יאָר.

ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די מפּלה פון פינצטערן היטלעריזם אויף די סאָוויעטישע פראָנטן, האָט אייכמאַן מיט זיינע געהילפן אויסגעאיבט אַ שטאַרקן דרוק אויף די לענדער, וואָס האָבן זיך געפונען אין ווירקונגס־קרייז פון דער דייטשישער מאַכט, אַז זיי זאָלן נאָכקומען זיין פאַרלאַנג וועגן ייִדן־אויסזידלונג. דאָס זענען געווען איטאַליע, שפּאַניע, פּאָרטוגאַליע, דענעמאַרק, שוועדן, פינלאַנד, אונגאַרן, רומעניע און טערקיי.

ווען די לאַגע פון די נאַצישע אַרמייען האָט זיך פאַרערגערט, איז געקומען דער באַפעל: „ליקווידירן!" כדי די געפּלאָגטע זאָלן נישט אַריינפאַלן אין די הענט פון דער רויטער אַרמיי...

אויפֿן פּראָצעס ווערן אַרויסגעבראַכט דאָקומענטן, וואָס באַשטעטיקן, אַז דער מערדער אייכמאַן האָט זיך געשטעלט פֿאַר אַ ציל אומצוברענגען עלף מיליאָן ייִדן — „מ'דאַרף אויסראָטן אַלע פֿאָרשטייער פֿון דער פּוילישער אינטעליגענץ, דאָס קלינגט טאַקע שאַרף, אָבער אַזאַ איז דאָס געזעץ פֿון לעבן“...

זיצן די הי־געבוירענע „סאַברעס“ אין זאַל, מיט אַ געראַטעווען־טאַטן, מיט דורך אַ נס־פֿאַרבליבענער מאַמען און פֿרעגן:

„ווי אַזוי האָט דאָס די וועלט דערלאָזט?“...

ווען איר לייענט א. אייזענבאַכס „די היטלעריסטישע פּאָליטיק פֿון ייִדן־פֿאַרניכטונג“, דעם ערשטן און צווייטן באַנד, אַרויסגעגעבן אין וואַרשע אין יאָר 1955, וווּ אַדאָלף אייכמאַנס נאָמען, ימח שמו, ווערט דערמאָנט צענדליקער מאָל, ווען דער „פּלאַנירונג פֿון אַגרעסיע און פֿעלקער־מאָרד“, ווערט קלאָר ווי אַזוי די וועלט האָט דאָס דערלאָזט...

צו דער בייזוויליקער נקמה פֿון פֿאַרניכטן שטעט און אַ דריטל פֿון ייִדישן פֿאָלק איז געווען די דייטשישע פֿערפֿידיע, דער נאַציִשער קאַמופֿלאַזש צוגעגרייט דורך פּראָפֿעסאָרן, געלערנטע, ראַסן־קענער און ייִדן־קענער. זיי האָבן פֿאַרמאַסקירט די אייכמאַן־פּלענער פֿון מאַסן־מאָרד, דער היידריך־פּלאַן „ענדציל“, פֿיזישע אויסראָטונג.

די דייטשישע „קולטור“ און פּינקטלעכקייט... מיט די ערן־פּראָפֿעסאָרן פֿון בערלינער אוניווערסיטעט וואַלטער גראָס, וואָס האָט אָנגעזאָגט, אַז די „טויט־שעה פֿאַרן ייִדישן פֿאָלק איז געקומען“ און — „דאָס צוואַנציקסטע יאָרהונדערט וועט שוין מער ישראל נישט זען, ווייל ס'וועט פֿאַרשווונדן ווערן פֿון „אייראָפּע“, די דייטשישע ערן־געלערנטע פֿון אוניווערסיטעטן האָבן געדינט היטלערן און אייכמאַנען, זיך געטיילט מיטן בלוט פֿון זעקס מיליאָן ייִדן.

„ווי גאָוואָריטיע פּאַ רוסקי?...“

פאַרוואָס איך בין געווען אַזוי נאַכלעסיק און נישט מיטגענומען דעם אַדרעס פון קינדער-קליניק, דאָס האָב איך זיך נישט געקאָנט מוחל זיין. וואָס וועל איך דערציילן ווען כ׳וועל צוריקקומען, מען וועט דאָך מיינען, אַז עס איז גאָר נישט בנמצא אַזאַ זאַך ווי אַ קינדער-קליניק אין תל-אביב, וואָס ווערט געשטיצט פון די פּראָגרעסיווע פאָלקס-מאַסן אין לאָס אַנדזשעלעס...

איך נישטער אין מיינע אַלע נאָטיצן-ביכלעך, אין אַלע קעשענעס, טשעמאָדאַנען — נישטאָ! מיין פאַרצווייפלונג איז אין לשער... פּלוצלונג ווערט ביי מיר ליכטיק אין געדאַנק, כאָטש ס׳איז שטאַרק פינצטער אין שלאָף-צימער, ווייל ס׳איז דריי אַזייגער ביינאַכט. איך קוק אַרויס דורך דער אָפענער טיר, וואָס גייט אַרויס צום באַלקאָן און זע ווי די ליכטיקע שטערן מיניען זיך אין דעם געדיכטן, שוואַרצן, סאַמעטענעם הימל, איך זאַפּ איין אין די לונגען די מחיהדיקע לופט, וועלכע שמעקט מיט אַראָמאַט פון געווירצן, געטריבן פון אַ מילד ווינטל. איך באַוואונדער דאָס „איבערלייפן“ פון גאָלדענע שטערן, יאָ — איך דערמאָן זיך: רעדאַקציע „פריי ישראל“, „אגודת תרבות לעם“, קולטור-קלוב „אחוה“, ברענער-גאַס 21... איך האָב דאָך געהאַט אַן איינלאַדונג צו אַ ליטעראַרישן אָוונט און וועל דאַרפן זאָגן אַ „וואָרט“...

די נאַכט איז ביי מיר אַזוי אומאָנגענעם און לאַנג, אומרואיק ווי דער אַטלאַנטיק אין ווינטער... ברענער-גאַס איז בלויז עטלעכע שפּאַן פון די הויפּט-גאַסן, דאָס איז אַ קליין אינטערעסאַנט געסל, יעדער ווייסט ווו עס געפינט זיך. דאָ געפינט זיך דאָס ביכער-געשעפט פון דער סאָוויעטישער אַמבאַסאַדע מיט די בעסטע און נייעסטע אויסגאַבן פון טעכניק, וויסנשאַפט, קלאַסישע, היסטאָרישע נאָוועלן פון די „אַלטע“ און היינטצייטיקע שעפער, ס׳איז לייכט צו טרעפן... די גאַס.

אַזוי שפּאַצירנדיק, זע איך ווי פרעמדשפּראַכיקע ביכער, פון בי־ליקסטן סאָרט פון אַמעריקע, זענען אויסגעשפּרייט אויף די קיאָסקן, נאָר ווען איך זאָג: — גיט מיר „פריי ישראל“ קוקט דער ייד אויף מיר... שטייען מיר פאַרן הויז נומער 21. איך בין זיכער, אַז דאָ וועט מען מיר זאָגן אַלץ וואָס איך וויל וויסן... גייען מיר היין און צוריק און ווייסן נישט ווו אַ מיר צו עפענען. פלוצעם, פון דער זייט, לויפט אַדורך אַ ווייס־שוואַרץ קעצל, שטעלט זיך אָפּ אויף אַ ווײַלע, קוקט אויף די געסט מיט גרויסע, גרינע אויגן, מאַקע ווי אויף פרעמדע, זאָגט עפּעס אויף דער קעצישער שפּראַך, מוט אַ שפּרונג עלאַסטיש איבערן אײַזערנעם טירל און — פאַרשווינדט.

איין שטופּ און דאָס אײַזערנע טירל האָט זיך געעפנט. דער הויף איז געווען ריין, אַספאַלטירט, ברוקירט, אַרומגעצוימט ווי אַ קאַסטן. פון אַ ראַדיאָ האָט זיך געטראָגן מוזיק, די טענער מעלאָדישע, אָריענטאַלי־שע, האָבן געהאַט אַ באַרואיקנדיקע ווירקונג. אַ טיר איז געווען ברייט אָפן, גייען מיר אַריין, זעען נישט קיינעם, מיין „יו־הו, אַ־האַ“ האָט זיך אויסגעמישט מיט די טענער פון ראַדיאָ...

ווידער לאָז איך אַראָפּ דעם קאָפּ פון פאַרצווייפלונג. פון אַ זייטי־קער טיר באַווייזט זיך אַ יונגע שוואַרץ־הנוודיקע פרוי מיט ברוינע אויגן, שיין פאַרקעמט, גוט אָנגעטאָן. אַ רגע שטייען מיר פּנים אל פּנים און שווייגן...

— ווייסט איר אפשר ווו עס געפינט זיך די „ראובן בריינין“ קינ־דער־קליניק? — פרעג איך אויף ענגליש, נישטאָ קיין ענטפער. גיי איך איבער מיט דער זעלבער פראַגע אויף יידיש. קוקט זי אויף מיר און שווייגט. אָבער אַזוי ווי אין ישראל האָב איך געהערט רעדט מען אויך שפּאַניש און פראַנצויזיש, טראַכט איך, אפשר? עס איז דאָך מעגלעך, לויט איר קליידונג און אויסזען, אַז זי קומט פון טערקיי אָדער אַנדערע לענדער, ווו מען רעדט שפּאַניש־פראַנצויזיש און איז מסתמא ערשט איינגעוואַנדערט? — לאָמיר פּרובירן...

נאָך דעם ווי כ׳האָב געשטעלט איין און די זעלבע פראַגע אויף פיר שפּראַכן, שטייט זי אַנטקעגן, באַטראַכט דעם גאַסט מיט אַ שמייכל, קוקט אויף מיר ווי אויף אַ רעטעניש און מוט פלוצלונג אַ זאָג:

„ווי גאָוואָריטיע פּאַ רוסקי?“... (און רוסיש רעדט איר?).

יפו האָט צוויי טיילן, אַ רייכע און אַן אָרעמע, אין דער אָרעמ־שאַפט שיינט אַרויס די געביידע, וואָס איז אַרומגעצוימט מיט אַ גערטנדל

באַדעקט מיט גרינעם ווייכן גראָז, וואָס איז אַ פּלאַץ פֿאַר קינדער זיך צו שפּילן, ווען זייערע מאַמעס געפֿינען זיך אין קליניק אויף מעדיציניש באַהאַנדלונג און אונטערזוכונג. די אינסטיטוציע איז אַ קליינע גוט־איינגעאָרדנטע, מיט ליכטיקע ציכטיקע צימערן. אַוודאי פֿאַרמאָגט דאָס לאַנד, און ספּעציעל תל־אביב, שענערע, גרעסערע און אפֿילו קאָלאָסאַלע היילאַנשטאַלטן. צו דער קינדער־קליניק קומט מען פֿון אַנדערע שפּיטאָלן, קופּת חולים, עס קומען דאָקטוירים, וועלכע באַוווּנדערן די היגיענע און די אָרדענונג פֿון דעם ציכטיקן בנין.

אַזוי שנעל ווי מיר האָבן אַריבערגעטראָטן די שוועל, איז גלייך אויפֿן אָרט אימפּראָוויזירט געוואָרן אַ „באַנקעט" מיט אַ גלעזל לימאָנאַדע פֿאַר די געסט פֿון ניו־יאָרק, לאָס אַנדזשעלעס און אַרגענטינע. עס זענען אויך געווען דער רעדאַקטאָר פֿון „פֿריי ישׂראל" י. ליפּסקי, די דיכטערין חוה סלוצקאַ־קעסטין, דער שרייבער ש. טאַל, דער דיכטער פּסח בינעצקי, און ש. א. קהן, לייטער פֿון דער קליניק. אין אַ חברישן שמועס האָבן מיר גערעדט וועגן יידישע קולטור־פּראָבלעמען אין אַמעריקע און אין מדינת ישׂראל.

מיר האָבן שפּעטער געמאַכט אַן אינטערעסאַנטן שפּאַציר איבער די פּרעמד־שפּראַכיקע רעדאַקציעס פֿון פּראָגרעסיווע אויסגאַבעס, זיך באַקענט מיט די פֿינאַנסיעלע שוועריקייטן פֿון אַרויסגעבן „פֿריי ישׂראל" און מיט די באַדינגונגען, אין וועלכע די צייטונג ווערט אַרויסגעגעבן.

אין דער שבזי־געגנט האָבן מיר געזען די גרויסע נויט און אָרעמקייט. אָפּגעריסענע, אָפּגעשלייסענע קינדער, איינגעפֿאַלענע הייזער, צעשטערטע נאָך פֿון די צייטן פֿון ענגלישן מאַנדאַט... די אָרעמע געגנט מאַכט אַ שרעקלעכן איינדרוק, ס'איז גוט וואָס די קינדער־קליניק איז אויפֿגעבויט געוואָרן אין אַזאַ געגנט, וואָס נייטיקט זיך אין היילונג און ברידערלעכקייט פֿון אַמעריקע ביז — ישׂראל.

עס איז גוט וואָס דער נאָמען פֿון דעם העברעישן שרייבער, דענקער און גרויסן הומאַניסט, ראובן ברייני, ווערט געהאַלטן הייליק, וואָס אַ גאַס אין ישׂראל טראָגט זיין נאָמען און וואָס אַ קינדער־קליניק אויף זיין נאָמען ברענגט היילונג אָרעמע קינדער.

אַזוי האָט עס זיך אָנגעהויבן...

(לויט מאַטעריאַלן פון געטאָ־אויפשטאַנד)

נאַרראַטאָר:

דריי מיט אַ האַלבן מיליאָן יידן האָט פאַרמאָגט פוילן. אַ דינאַמי־שער יידישער ישוב, אַ פאַרבנרייכע, פאַרשידנאַרטיקע יידישע באַפעלקע־רונג: סוחרים, קרעמער, האַנטווערקער און אַרבעטער, פון השומר הצעיר, ציוניסטן, בונדיסטן, קאָמוניסטן, אומאָפּהענגיקע סאָציאַליסטן און רע־ליגיעזע. אַזוי איז דאָס יידישע פוילן געוואָקסן אין דער טויזנט־יאָרי־קער געשיכטע.

אין בערלין, אויפן אַלעקסאַנדער־פּלאַץ אין אַ קאַפע, ביי אַ טישל, זיצן צוויי נאַציס און טרינקען ביר.

ביי אַ צווייט טישל זיצט אַ דייטשישער ייד מיט זיין פרוי און עסן אַ „שטולע", טרינקען אַ „ווייסע".

עס קומט אַריין אַ צייטונגס־פאַרקויפער מיט אַ סוואַסטיקע־אַרעמבאַנד און שרייט:

„פון הייטע מוזן די יודען דעם געלבן פלעק טראָגן"...

נאַציס ביי די טישלעך ווערן טומלדיק... „האַיל!".

ערשטער דייטש:

„קריג די רוסן און יודען! אונדזערע גיגאַנטישע אַרמייען וועלן פאַרפלייצן רוסלאַנד פון פינלאַנד אויף צפון, ביז רומעניע אויף דרום. דעם 15־טן אויגוסט אין מאָסקווע, דעם 30־טן אין לענינגראַד. דאָס שלעכט אָנגעפירטע רוסלאַנד וועט זיך פאַנאַנדערפאַלן, ווי אַביידל.

— האַיל! האַ־האַ־האַ...

צווייטער דייטש:

„דאָס קאָמוניזמוס און די יודען...

אויסגלידערונג יודען... דער דויטשער פאָלק" — (אַ זייטיקע שטי־מע) „אַזויפיל יידישע געשעפטע..."

דער דריטער דייטש:

„אַלע יודען מוזען הערויס פֿון בערלין!
די יודען שווייגען...
אַפּטייקן, דאָקטוירים, אַרצטע, אָנגעשטעלטע,
אַלעס — יו־דען"...

דער דייטשישער ייד צו זיין פֿרוי:
טייערינקע, שרעק זיך נישט, דאָס מיינט מען די אָרעמע... איך האָב פּראָטעקציע. אָט נעם איך צען טויזנט מאַרק... האַנס מיין שכן, דיין שול־חבר, פֿון פּאָליציי־רעוויר וועט זיך איינשטעלן פֿאַר מיר...

נאַררּאַטאָר:
מחנות יידן ציען זיך איבער שטעט און דערפֿער פֿון „דריטן רייך"...

נעכטן געווען סוחרים, באַנקירן, אַרבעטער,
היינט — אָן אַ שטיקל ברויט...

אין הינטערגרונט זעט מען סילועטן: פֿרויען, מע־נער, קינדער, אַלע אין אַן ענדלאָזן „מאַרש", פֿאַר־וואָרלאָזטע, צעריסענע.

נאַררּאַטאָר:
פֿון נאַציס געטריבן, מיט בייטשן געשמיסן, מיט נאַהייקעס און ביקסן, ווערן מיליאָנען אין געטאָס געטריבן.

אין די טויזנטער גייען זיי אויס פֿון הונגער און דורשט.
דייטשישע יידן, פּוילישע יידן, פֿראַנצויזישע און רוסישע יידן.
דאָקטוירים, אינטעלעקטואַלן, אַרבעטער, פֿילאָזאָפֿן, קאָמוניסטן,
רבנים, סאָציאַליסטן, וויסנשאַפֿטלייט — — —
געשוואָלן פֿון הונגער,
פֿול מיט לייז,
הילפֿלאָז זענען אַלע וואַנדערער,
קינדער, פֿרויען,
און זקנים — — —
טיפֿוס־קראַנקע
אַלע איין קנויל...

האַרבסט און ווינטער, פֿרילינג, זומער. וואָס אַמאָל ווערט ווייניקער יידן, ווייניקער קינדער... ערשט נעכטן געהאַט אַ מאַמישן גלעט, אַ צערט־לעך וואָרט, אַ וואַרעמע היים, אַ ביסל מילך — און איצט...

נישטאָ מער די קינדערשע געלעכטערס, אַנטרונען איז דער שבת־קודש פון פרומע היימען. אַ מאַמע וויגט מער נישט איין איר קליין־יינגעלע מיטן געזאַנג פון „אונטערן וויגעלע שטייט אַ גאָלדן ציגעלע“, נאָר ערגעץ אין אַ באַהעלטעניש פרעגט זי: „פאַרוואָס איז דער הימל געוואָן געכטן לויטער?

מיט פרייד האָט געשיינט יעדע גאַס.

פאַרוואָס איז די זון אַזאַ ליכטיקע, רויטע, פאַרכמורעט היינט, ביין און אין כעס?“

(עמעצער זינגט שטיל אָבער מוטיק)

נאַראַטאָר:

דעם ניגון הער איך, עמעצער זינגט אין דער שטיל
אַ געזאַנג,
דאָס זינגען די מוטיקע, די שטאַרקע...
— שאַ, דער קאַפּאָ גייט, דער יודענראַטלער קומט...
זייַנע קינדער זענען אָנגעפּרעסן,
— זאָט זענען זייַנע ווייבער...
— שלאָגט, שלאָגט, מיר וועלן סיי־ווי לאַכן, זינגען,
— אונדזער געזאַנג טוט אייך וויי — — —
— האַ־האַ־האַ.
— אייערע קלעפּ וועלן אונדז נישט פאַרגיכטן...

אונדזערע פּוילישע יידן זענען געווען שטאַרק ווי פעלזן אין גיבראַל־טאַר, אַזוי האָבן מיר געמיינט... אָבער צעטיילט איז מען געווען אין אַ מיליאָן חלקים... דערנאָך האָט מען אונדז אין די געטאָס געטריבן...

פרוי:

— אין ווילנער געטאָ האָבן יידן זיך פאַרבונדן מיט פאַרטיזאַנער...
— אין ביאַליסטאָקער געטאָ האָבן יידישע פרויען אויפגעריסן אַ באַן מיט נאַציס, שפּעטער אין וואַלד אַנטלאָפן...

נאַראַטאָר:

— וווּ גייסטו ייד, ווען עס ברענט די נאַכט?
— וווּ גייסטו פרוי, ווען עס ברענט די שלאַכט?

פרוי:

— איך גיי בענטשן די האַנט, וואָס טרעפט אין ציל,
וואָס קעמפט מיט מוט און ווערט נישט מיד!

אַרבעטער:

— אין לובלינער געטאָ, אין אַ מוראדיקן פראָסט
האָט אַ נאַצי צוויי פרויען געהייסן אָנטאָן אין שוואַרצע,
טוּלענע קליידער, זיי אַרויסגעטריבן אויף אַ באַרג שניי,
געצילט מיט זיין רעוואָלווער און געטראָפן...

נאַראַטאָר:

— ווו גייסטו ייד, ווען עס ברענט די נאַכט?
— ווו גייסטו פרוי, ווען עס ברענט די שלאַכט?

פרוי:

— איך גיי בענטשן די האַנט, וואָס טרעפט אין ציל,
וואָס קעמפט מיט מוט און ווערט נישט מיד!

אַרבעטער:

— אין די געטאָס שטאַרבן קינדער אין די טויזנטער.
באָרוועסע, מיט אָפּגעפרוירענע הענט און פיס ליגן אין די גאַסן,
אָטעמען נאָך, אָבער שוין וואַרפט מען זיי אין די טויט-וועגענער
ווי — — — —

אָפּפאַל...

(דייטשלאַנד, 1943 — — —)

דייטש:

— נישטאָ מער קיין יודען אין געטאָ,
איצט מוז מען דעם יודענראַט פאַרניכטן!

קאַפּאָ:

— גנעדיקער הער, נעמען זי נישט מיינע קינדער.

נאַצי:

— פאַרפלוכטער יודע-קערל, גיב מיר אַנדערע יודען...

קאַפּאָ:

— יאָ, איך ווייס ווו עס באַהאַלט זיך דעם שוחטס טאָכטער...

נאַצי:

— דו מיאוסער, זי האָבן מיר שוין געסטערן געפּאַקט, איצט, גיי סטו...

נאַראַטאָר:

— לאָדזשער געטאָ, ווילנער געטאָ,
ביאַליסטאָקער געטאָ, טשענסטאָכאָווער געטאָ,
לובלינער געטאָ, אַלע געטאָס זענען שוין — — —
„יודען ריין“.
די לעצטע טראַנספּאָרטן ווערן געטריבן נאָך:
דאַכאַו,
בערגען־בעלזען,
בוכענוואַלד,
אָשוויענטשים,
טרעבלינקע....
נאַצי:
(זינגט: „ווען דאָס יודען־בלוט פון מעסער ריגט“)
— יידישע ריינע זייף צום פאַרקאויפן!
זייף פון ראַבינער, קאָמוניסטן, אינטעלעקטואַלן, ציוניסטן,
זייף פון מאַמעס און קינדער...
קאויפט, קאויפט, גוטע דייטשען,
ריינע, יידישע זייף!
נאַראַטאָר:
— ווינטער 1943 — — —
סטאַלינגראַד... („מען שיסט אין געטאָ און ס'ענטפערט דאָס געטאָ“)
דער זיג פון די רויטע אַרמייען, האָט מוט געגעבן
די לעצטע זין און טעכטער פון יידישן פאָלק...
אַרבעטער:
— חברים אויפשטענדלער!
דאָס געטאָ איז באַלאַגערט פון אַלע זייטן.
רייטער, פוסגייער, טאַנקען, געפּאַנצערטע קאַמיאָנען גרייפן אָן.
אונדזער ווידערשטאַנד איז העפטיק!
צווייטער אַרבעטער:
חנהלעס פּוליעמיאָט שטעפט מיט פייער...
דער שונא טרעט אָפּ, לאָזט איבער אַ סך טויטע.
פרוי:
דאָס געטאָ אין וואַרשע איז אין פלאַמען... ס'האַלט שמאָל מיטן יידישן שטאַב. אויף לעשנע און דזשעלנע האָבן זיך אַריינגעריסן דייטשן... גענעראַל סטראָפּ באַפעלט: „פאַרניכטן דאָס גאַנצע געטאָ“... אָבער אין

געראַנגל ווערן גייע העלדן געבוירן: אין ווילנער געטאָ האָבן אויפשטענ־לער זיך פאַרבונדן מיט פאַרטיזאַנער, צען נאַצי־מערדער דערהרגעט. אין ביאַליסטאָקער געטאָ האָבן יידישע פרויען אויפגעריסן אַ באַן מיט דייטשישע זעלנער און אין וואַלד אַנטלאָפן.

נאַראַטאָר:

— הייסער ווערט דער קאַמף אין וואַרשעווער געטאָ! „מען שיסט אין געטאָ און ס'ענטפערט דאָס געטאָ — אויף שנאה מיט שנאה, אויף פייער מיט פייער"... בלויז אַ רעשטל העלדן און העלדינס זענען נאָך געבליבן... די דייטשן באָדן זיך אין זייער אייגן בלוט... זיס איז די נקמה!

פרוי:

„מען שיסט אין געטאָ... עס האָבן זיך ביקסן מיט ביקסן צערעדט דאָ"... אויפסגיי האָבן נאַצישע באָמבעס, האַרמאַטן, אַעראָפּלאַנען גע־גומען שפרייטן טויט און פאַרניכטונג... געבליבן איז: „טיפע גריבער, רויטע ליים"... עס איז די ערשטע פסח־נאַכט: אויף אַ בענקל זיצט דער אַלטער פעטער מיטן אייניקל און פרעגט:

— מה נשתנה הלילה הזה מכל הלילות...

— מיט וואָס איז די היינטיקע נאַכט אַנדערש ווי די נעכט פון אַ גאַנץ יאָר?

פאָטער:

— אַ גאַנץ יאָר, מיין קינד, זענען מיר געווען צעטיילט, היינט — פאַראייניקט...

יינגעלע:

— און פריער?...

פאָטער:

— פריער האָבן מיר זיך צוגעהערט צו פאַלשע משיחים...

יינגעלע:

— מה נשתנה הלילה הזה מכל הלילות...

— פאַרוואָס האָבן מיר זיך נישט פאַראייניקט ווען מיר זענען גע־ווען אַ מיליאָן שטאַרקער?

פאָטער:

— פאַרוואָס, פאַרוואָס...

אַרבעטער:

חברים, אויפשטענדלער!

דאָס געטאָ איז באַלאַגערט פון אַלע זייטן. רייטער, פוסגייער, טאַנקען, געפּאַנצערטע קאַמיאָנען גרייפן אָן. אונדזער ווידערשטאַנד איז העפטיק!

צווייטער אַרבעטער:

— חנהלעס פּולימיאָט שפּייט מיט פייער...

דער שונא טרעט אָפּ, לאָזט איבער אַ סך טויטע.

נאַראַטאָר:

— גענעראַל פאָן איידעלבערג און פעלדפעבל שמידט זענען געפאַלן פון רוזשעלעס און אברהמס קוילנוואַרפער.

דייטש:

— יודען שיסען, דאָס איזט זאָ אומגלאַובליך!... אונד די פאָלנישע לומפּן העלפן דאָך... פאַרפלוכט, דאָנער־וועטער!!

ערשטער אַרבעטער:

— חברים!

גרינבערג — אַ פאַרוווּנדעטער:

— „אַ טויט די נאַציס!“

פרוי:

— האַלאָ, האַלאָ!

דער יידישער שטאַב רעדט.

— אויף זאַמענהאָף שטעפּן נאָך צוויי קוילנוואַרפער, 80 דייטשן אָוועקגעלייגט. פאַליאַקן האָבן זיך אַריינגעקומען אין געטאָ, געבראַכט מעדיקאַמענטן און געווער. אונדזער עסטרייכישער גענעראַל, דער געשמדטער ייד, איז אין ברוסט געטראָפן...

צווייטער אַרבעטער:

— אויף לעשנאָ און זשעלאַזנע האָבן זיך אַריינגעריסן דייטשן, אונדזער פייער קאָסיעט זיי ווי היי! אַן עלעקטרישע מינע האָט אויפגעריסן, דריי לאַסט־אויטאָמאָבילן מיט נאַצים פליען... דייטשן אַנטלויפן, לאָזן איבער אַ סך טויטע...

ערשטער אַרבעטער:

— דייטשן שפּרינגען אויף די טרעפּ,

מיר ציינדן זיי מיט וויטריאָל, קוילן באַהאַלטן מיר אויף שפּעטער.

אונדזערע געהיימע געווער־פאַבריקן אַרבעטן נאָך.

מיר זענען אָן שפּייז, אָבער אַלע האַלטן זיך.

נאַראַטאָר:

דער 20־טער אַפּריל איז געווען היטלערס געבורטסטאָג.

דער נאַצישער גענעראַל האָט געוואָלט געבן היטלערן אַ מתנה, „דעם לעצטן יודע“ פון וואַרשעווער „שיס־בריגאַדע“.

פרוי:

אין יענער נאַכט האָבן מיר, האַרינקע פרויען, מיט פּיצעלעך קינדער — די לעצטע פון זעקס מיליאָן אויסגעשאָכטענע יידן, אין באַהאַלטענע בונקערס, טונעלן און היילן, געשמידט געווער צום שלאַכט מיט די דייטשישע אוממענטשן.

— דער פאַרמעסט האַלט שוין אָן ניין טעג, קעמפערישע מענער און פרויען זענען נישט קיין פּחדנים, קיינער גיט זיך נישט אונטער...

ערשטער אַרבעטער:

— פופצן הונדערט נאַצים באָדן זיך אין זייער אייגן בלוט...

צאַרטע מאַמעס און טעכטער, טאַטעס און זין האָבן נקמה גענומען...

צווייטער אַרבעטער:

— זעקס טויזנט פרישע דייטשן,

ווערן אַריינגעוואָרפן אין געטאָ־שלאַכט,

צו זייער דינסט איז געגרייט:

אַעראָפּלאַנען,

האַרמאַטן,

צינד־באָמבעס,

טאַנקען,

און גענעראַלן.

דער הימל איז רויט פון פייער, די ערד — פול מיט בלוט...

נאַראַטאָר:

הערט, יידן פון ענגלאַנד און אַמעריקע, מיר זאַמלען כוחות צום לעצטן קאַמף...

מיר רופן צום געוויסן פון דער וועלט, צו אַלע מענטשן, העלפט, העלפט!

פרוי:

— מיר פילן, אַז איר גלויבט נישט אין דעם וואָס דאָ קומט פאָר, איר גלויבט נישט...

ערשטער אַרבעטער:

ברידער, מיר גייען אָפּ מיט בלוט, אָבער מיר וועלן שטאַרבן מיט כבוד... היינט עפענען מיר אַ נײַ בלאַט פון ווידערשטאַנד, אויפשטענד־לער האָבן דעראָבערט דעם פּאַוויאַק...

פרוי:

— יידן פון ענגלאַנד און אַמעריקע, העלפט! העלפט!

מיר פילן, אַז צוליב פּאָליטיק...

יוסף לעוואַרטאָווסקין האָט אַ קויל געטראָפן, נאָך אַ העלד געפאַלן.

— האַלאָ, האַלאָ, איך רעד צום יידישן שטאַב, איר הערט?

צווייטער אַרבעטער:

האַללאָ, האַללאָ, איך רעד צום יידישן שטאַב, איר הערט?

דייטשישע קאַנאָנאַדע גרייפט אָן אויף קראַשינסקי־פּלאַץ. דער דאַנ־ציגער וואָקזאַל איז אין פלאַמען. פוסגייער־אַטאַקע צוריקגעשטויסן... פייער־פלאַמען רינגלען אַרום דאָס געטאָ. צען טויזנט העלדן זענען שוין געפאַלן. מירן קעמפן ביזן לעצטן...

פרוי:

— די באַלאַגערונג אויף אָקאָפּאָווע גאַס איז שווידערלעך... פּאַליאַקן העלפן אין ווידערשטאַנד קעגן דייטשן. 46 נאַציישע מיליטער־פאַבריקן אויפגעריסן אין געטאָ. אונדזערע קעמפער טראָגן נאַציישע אוניפאָרמען...

נאַרראַטאָר:

— עס קומט דער טאָג פון לעצטן קאַמף! און ווער ס'איז גרייט מיט בלוט און לייב אַנטקעגנגיין דעם טויט, נאָר דער איז ווערט צו לעבן פריי פון שונאס טיראַניע.

אויף די גאַלעווקעס נישט געבליבן קיין איין גאַנץ הויז. פראַנציש־קאַנער, געגשע, מילע, סמאָטשע — איז שטויב...

דער נאַצי־גענעראַל רעוועט: „גיב זיך אונטער! יודע!" — אָבער יידישע קעמפער גיבן זיך נישט איבער דעם שונא. — עס לעבט דער גייסט פון ספּאַרטאַקוס, מכבי'ער, בר־כוכבא, פון אַנדזשעי שמידט...

פרוי:

אין סטאַלינגראַד האַגלט פייער קעגן פייער, האַס קעגן האַס!...

פרוי:

עס איז געקומען דער טאָג: די זון האָט געפלאַמט. דער פראָסט האָט געברענט. דער שניי איז געפאַלן. דער ווינט האָט געברומט. טויטע

גופים פון הונגער און טיפוס, העלדן געפאַלענע האָבן געהייליקט די ערד פון זיג איבערן היטלעריזם...

נאַראַטאָר:

דאָס לעבן איז שטאַרקער פון טויט. די געראַטעוועטע פון בונקערס און טונעלן, פון חורבות און גאַז־קאַמערן, די געראַטעוועטע רופן: נישט צו יאָמערן, נישט קלאָגן, נישט לאָזן זיך צעטיילן, אָפּהיטן דעם המשך און קולטור־טראַדיציע. „זאָל דאַרף זיין דער מענטש, און ליכטיק מוז אים זיין“... און פריי מוז ער זיין... עס וועלן קומען טעג, ווען שווערדן וועלן פאַרוואַנדלט ווערן אין אַקעראייזנס, מענטש קעגן מענטש וועט נישט פירן קיין מלחמה...

עס לעבט האָך דער גייסט פון די אויפשטענדלער אין וואַרשעווער געטאָ! די יידן אין פוילן, די מענטשהייט איבער דער גאָרער וועלט וועט נישט פאַרגעסן די פאַרגאָזטע, געשענדעטע זעקס מיליאָן יידן...

ווייל — — —

„ווו געפאַלן ס'איז אַ שפּריץ פון אונדזער בלוט,
וועט אַ שפּראָץ טאָן אונדזער גבורה, אונדזער מוט!

„קאַמיעניע קשיטשאָן“ — שטיינער שרייען

אַזוי איז דער נאָמען פון אַ פּרעכטיקן אַלבאָם קונסט-בילדער אין בונטע קאָלירן אַרויסגעגעבן אין פּוילן מיט אַן אַריינפיר פון מאַריאַ דאָמבראָווסקאַ; די גראַפישע בילדער געמאָלן אויפן הינטערגרונט פון די וואַרשעווער חורבות און אַנדערע שטעט אין פּוילן מאַכן אַ דערשימערנדיקן איינדרוק. דער טראַגיזם וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אין די בילדער, רויבט אַוועק יעדע רו.

פאַר אייערע אויגן גייען פאַרביי די טראַגישע יאָרן פון דער צווייטער וועלט-מלחמה, דער אומקום פון זעקס מיליאָן יידן, דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ און די גאַנצע פּלאָג פון דייטשישן היטלעריסטישן מאַרש איבער פּוילן.

די פּלאַסטישע קונסט אין פּוילן האָט הינטער זיך אַ הונדערטיאָריקע געשיכטע, זי הייבט זיך אָן נאָך אין 16-טן יאָרהונדערט, ווי עס דערציילן די צוויי ביכער פון יוסף סאַנדעל „יידישע מאָטיוון אין דער פּוילישער קונסט“ און „אומגעקומענע יידישע קינסטלער“ (אַרויסגעגעבן אין פּוילן אין פאַרלאַג „יידיש בוך“ אין זיבן טויזנט אַכט הונדערט עקזעמפּליאַרן).

אין די צוויי ביכער ווייזט דער שרייבער, אַז יידישע פּלאַסטיקער האָבן שוין אין 16-טן יאָרהונדערט פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ אין דער פּלאַסטישער קונסט אין פּוילן.

אין דער צייט פון פּוילישן פעאָדאַליזם זענען שוין געווען פיל באַרימטע יידישע פּלאַסטיקער אין וואַרשע, קראָקע און שפּעטער אין לאָדזש, וו עס האָט געלעבט איינער פון די גרעסטע מאָלער, שמואל הירשענבערג.

דאָס בוך „יידישע מאָטיוון אין דער פּוילישער קונסט“ דערפירט יוסף סאַנדעל ביזן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט-מלחמה.

דער מחבר ווייזט אָן, אַז אַזוי ווי אַמאָל אין רוים און אין גריכנלאַנד האָבן די קינסטלער געדינט דעם אַדעל און פירשטנטום, אַזוי האָבן אויך די יידישע קינסטלער אין פּוילן געדינט דעם רייכן קלאַס כדי צו פאַרדינען אויף חיונה.

דאָס צווייטע בוך, פון יוסף סאַנדעל „אומגעקומענע יידישע קינסטלער“ איז אַ יזכור בוך, וואָס אַנטהאַלט פראַגמענטן פונעם לעבן און שאַפן פון מאָלער, פלאַסטיקער און קונסט=קריטיקער, וועלכע זענען צוזאַמען מיט אַלע פוילישע יידן אומגעקומען פונעם היטלעריסטישן אָקופּאַנט.

די אומגעקומענע קינסטלער ציילן זיך אין גרויסע צאָלן. דאָ זענען פאַרטראָטן באַרימטע שעפער און אויך אַזעלכע, וואָס האָבן געמאַכט זייער ערשטן דעביוט אין דער וועלט פון יידיש=פלאַסטישער קונסט, פון מאָלעריי און סקולפּטור.

איין קאַפּיטל פונעם בוך איז געווידמעט דעם קאַמף פון די קינסטלער מיט דעם אָקופּאַנט, ווי אויך דער הילף, וואָס אַ טייל פלאַסטיקער האָבן באַקומען מצד חברים פּאָליאַקן, וועלכע האָבן איינגעשטעלט זייער לעבן אָפּראַטעווענדיק זיי פון טויט.

מיר ווייסן, אַז ווייניק פּאָליאַקן האָבן זיך מקריב געווען צו ראַטעווען אַ יידן, ווייל דער איינגעוואָרצלטער קאַטוילישער אַנטיסעמיטיזם איז אין פוילן געווען שטאַרקער ווי אין אַ וועלכן אַנדער שכניש לאַנד, און דאָ האָט נאָך צוגעהאָלפן דער פאַרשאָלטענער דייטש, וואָס האָט געסטראַשעט יעדן פּאָליאַק, וועלכער וועט ראַטעווען אַ יידן, אַז ער וועט דערשאָסן ווערן צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע.

ביידע ביכער אַנטהאַלטן פיל צענדליקער רעפּראָדוקציעס פון קונסטבילדער, וואָס זענען מייסטער=ווערק. דאָ האָט איר היסטאָרישע מאָלערייען, ווי די לוויה פון פינף הרוגים אין יאָר 1861. די לעצטע מינוטן פון קאָפּערניקן, אויך בילדער און טיפּן פון וואַרשעווער געטאָ, ווען עס איז דאָ נאָך געווען אַ לעבן... איר זעט דאָ שיילאָק און דזשעסי, „שפּינאָזאַ“, „קרבנות פונעם פּאָגראָם“, „ירוחים“, „יידן זענען מחדש די לבנה“, „אַ ייד ביים לערנען“, דאָס באַווייזט ווי טיף דער יידישער פלאַסטיקער האָט געשעפּט פון זיין געשיכטע און פון די יידישע פּאָלקס=אַספּיראַציעס.

אָט די קונסט=בילדער פון וועלט=באַרימטע יידישע מאָלער האָט דער היטלעריזם צעראַבירט. דער פוילישער פּאָלקס=רעגירונג איז דאָך געלונגען אָפּצוראַטעווען געוויסע טיילן פון דעם אוצר (האָלצשניטן, גראַפישע קונסטן, סקולפּטורן), זיי רעסטאַווורירט און געשטעלט אַ מאָנומענט די שעפער: יוסף נאַבאָוויטש, ראָמאַן קראַמשטיק, מאַוריצי גאָטליב, רעגינע מונדליק, פעליקס פעדערמאַן, וואָלף וויטאַל קאַפּלינסקי, פּרץ קליינמאַן און צענדליקער אַנדערע, וואָס דער דייטש האָט אומגעבראַכט.

ווען מיר קוקן אויף די פּערצן מאָלערייען אין נייעם קינסטלערישן אַלבאָם „שטיינער שרייען“ זעען מיר די פּוילישע פֿאָלקס-רעגירונג, וואָס רעדט צו דער וועלט אין דער שפּראַך פון פּלאַסטישער קונסט וועגן חורבן-פּוילן. די בילדער דערציילן וועגן די גרויל-טאַטן פון די נאַצישע מערדער; אין דער זעלבער צייט איז דאָס אַ קונסט פון גאָר אַ גרויסן פאַרנעם. יעדעס בילד קריצט זיך איין און בלייבט אין געדעכעניש פאַר דער איביקייט. דורך דער רואיגירטער שטאָט וואַרשע קוקן אויף אייך מוראדיקע גרויסע ליכטיקע אויגן פול מיט טרויער און האָפענונג...

מאַריאַ דאָמבראָווסקאַ דערציילט אין איר פאָרוואָרט וועגן אויפשטאַנד און וועגן דער העראָישקייט פון די געטאָ-קעמפער, זי זאָגט: אַזוי ווי וואַרשע איז צוריק אין איר גרעסטן טייל אויפגעבויט, וואָלטן אַ סך וועלן, אַז מיר זאָלן פאַרגעסן און פאַרגעבן — „ניין! מיר מוזן רעדן וועגן דעם, וואָס די דייטשן האָבן געטאָן און רעדן נישט נאָר אין שריפט, נאָר אויך אין בילד“.

„דאַרף די וועלט אַ דערמאָנונג? יאָ, מיר דאַרפן דאָס כסדר ווייזן דער וועלט און דערמאָנען, ווייל אויב עס וועט ווידער קומען צו אַ מלחמה וועט קיין לאַנד, קיין שטאָט אין דער וועלט נישט בלייבן גאַנץ און קיינער וועט מער נישט בלייבן לעבן און האָס צעשטערטע צוריק אויפבויען. דערפאַר ברענגען מיר די בילדער און וואָרענען די וועלט...

מאַריאַ דאָמבראָווסקאַ איז אַן אָנגעזעענע מאָלערין אין פּוילן, זי שאַצט אָפּ יעדע ווערט פון דעם אַלבאָם, זי קומט אויך מיט איר קריטיש וואָרט, מאַנכע בילדער זענען צו גרויזאַם, צו „מאָנסטרועז“ געמאָלן...

בראָניסלאַוו ליניקע איז באַקאַנט אַלס קינסטלער שוין פאַר די לעצטע דרייסיק יאָר, היינט ווערט ער פאַררעכנט אַלס איינער פון די פאַרבנרייכסטע שעפער. אין זיין אַרבעט איז ער סאַטיריש, אויפגעבראַכט, צאָרנדיק, איר פילט, אַז ער קריצט מיט די ציין אויף דער שלעכטקייט... מיט רוגזה מאָלט ער דעם גרויל פון נאַציזם. ער גיט אונדז קאַריקאַטורן, וואָס זענען אָפּשיילעד מיאוס, ער מאָלט מיט האַרץ און נשמה. ער ווייטיקט, פאַרוואָס ער קאָן נישט מאָלן אַ פרידלעך לעבן פון פעלקער-פאַרברידערונג, זיין האַרץ אָבער באַפעלט אים ער זאָל מאָלן די גרוילן פון זיינע קאָלעגן, וואָס זענען אומגעקומען אין די ערגסטע פּייניקונגען.

אָט איז אין אַלבאָם אַ „מענטש“, אַ דייטש, איר קריגט באַלד פאַראַכטונג צו זיין אויסזען...

די רואינירטע הייזער אין וואַרשע זעען אויס ווי מענטשן, וועלכע שרייען צו דער וועלט: זעט, זעט, וואָס דער היטלעריזם האָט געטאָן מיט פרידלעכע „באַשעפעניש!" העגנענדיקע דראָטן, צוזאַמענגעקנוילטע רעלסן, הענגענדיקע ציגל זענען סימבאָלן פון מענטשלעכע גלידער; שטיינער און ציגל זענען פֿגימער מיט גרימאַסן און קאָנוולסיעס. די חורבע הייזער — זענען מענטשן — סקעלעטן מיט גרויסע ליכטיקע אויגן...

אַ שוידער און גרויס רחמנות דערוועקט זיך ביי אייך צו די חורבהדיקע, צעשטערטע הייזער. אָט איז אַ בילד „אל מלא רחמים", אין מיטן פון אַ געטאָ־חורבה איז געבליבן אַ „טורעם" פון אַ געמויערט הויז. דער טורעם איז אַ מענטש, אַ ייד איינגעוויקלט אין אַ טלית און תפילין, אַרומגעוויקלט די האַנט מיט אַ רצועה, דער „של־ראש", העגט און פינגער פון רויטע ציגל דריקן קראַמפהאַפטיק דעם קאָפּ, פון וועלכן עס זעט זיך בלויז דער „של־ראש" פון די תפילין... דאָס בילד „אל מלא רחמים" איז איינס פון פערצן בילדער, וועלכע דערציילן וועגן דעם אומקום פון וואַרשע...

איר זעט די ברוטאַלקייט פון דער נאַצישער לופטוואַפע, איר זעט ווי „שטיינער שרייען"...

דער אַלבאָם עפנט זיך מיט פינף ליכט־וואַרפער („סוירטש־לייט"), וועלכע קרייצן זיך הורך איבערן שטאָט, שאָטנס קוקן דערשראָקן פון הייזער און אין סאַמע „שפיץ" פון ליכטוואַרפער זעט איר דראָענדיקע פויסטן.

אין בילד צוויי נאַצישע „מעסערשמידטס" יאָגן זיך איבער ברענענדיקע הייזער, די שטאָט איז אין פלאַמען און צווישן די פלאַמען שטעקן אַרויס האָרעפּאַשנע, צאָרנדיקע פויסטן. בילד פיר — אַ ליכטיקע, רויטע, קליינע לבנה, אַ קלאָרער הימל, איינגעבויגענע לאַמטערן, צעריסענע דראָטן צעשמאָלצן פון באָמבעס, אין אַ ווינקל שפּילט אַ סקעלעט אויף אַ פידעלע (אפשר איז דאָס אויך סימבאָליש, די נאַציס האָבן אויך דאָס געצוווּנגען צו טאָן) מיר זעען דעם דייטש, דעם תלין פון פעלקער מיט אַלע זיינע אכזריותן.

ווען מ'עפנט דעם אַלבאָם, נעמט דאָס בלוט שטאַרקער פליסן, ס'האַרץ קלאַפּט. איר „לייענט" דאָס בוך איינמאָל און נאָך אַ מאָל ביז שפּעט אין דער נאַכט...

דאָס איז אַ וויכטיקער בייטראָג צו דער חורבן־ליטעראַטור פון מענטש און ייד. די בילדער רופן צום יידישן פאָלק, צו דער מענטשלעכער וועלט, צו אַלע ליבהאָבער פון שלום און פעלקער־פריינדשאַפט, נישט צו פאַרגעסן די נאַצישע פאַרברעכנס. געדענקט! געדענקט!

אַן אַלבאָם פון נאַצישע רציחות אין פּוילן

אַ בוך, אין אַלבאָם־פאָרמאַט, איז דערשינען אין פּאָלקס־דעמאָקראַטישן פּוילן, אַרויסגעגעבן אין דריי שפּראַכן: ענגליש, רוסיש, און פראַנצויזיש. דאָס בוך פאַרמאָגט דריי הונדערט פאָטאָגראַפיעס אין גרויסן פאָרמאַט, וועלכע שילדערן די גרוילעכע געשיכטע פון דעם נאַצישן אָקופּאַנט פון 1939 ביז 1945.

דאָס בוך איז געווידמעט דעם „כבוד פאַר די טויטע — אַ וואָרענונג פאַר די לעבעדיקע“.

אין דעם אריינפיר־וואָרט ווערט דערציילט, אַז דער היטלעריזם האָט הרוב געמאַכט פּוילן, אומגעבראַכט זעקס מיליאָן פּאָליאַקן און יידן, פאַרניכטעט דריי טויזנט שפּיטאָלן, זעקס טויזנט שולן, דריי טויזנט מוזעאומס א. דגל.

באַלד אין אָנהייב ווערט דערקלערט, אַז:

„מיר ברענגען דאָס בוך מיט די היסטאָרישע דאָקומענטאַלע פאָטאָגראַפיעס, נישט צוליב דעם, ווייל מיר טראַכטן וועגן נקמה, נאָר אַלס אַ וואָרענונג פאַר דער וועלט. די טיפע וווּנדן, וואָס דער נאַציזם האָט איבערגעלאָזט אין פּוילן, האָבן זיך נאָך נישט פאַרהיילט און שוין הערן מיר ווידער די עכאָס, וואָס קלינגען אָפּ פון מערב־דייטשלאַנד, וואָס דערמאָנען אין דער גאָר נאָענטער פאַרגאַנגענהייט.

„די בונדעסווער שטרעקט אויס די הענט נאָך אַטאָמיש געווער. מיליטאַריסטן אין דער דייטשישער פעדעראַלער רעפּובליק דעקן ווידער אויף זייערע רעוואַנזש־פאַרלאַנגען, דערפאַר זאָלן די צוזאַמענגעקליבענע דאָקומענטאַלע פאָטאָגראַפיעס אין דעם אַלבאָם זיין אַ וואָרענונג קעגן אַ נייער מלחמה“.

אין יאָר 1945 האָט די יידישע היסטאָרישע קאָמיסיע אין לאָדזש אַרויסגעגעבן כמעט אַן ענלעכן בוך אין יידיש, העברעיש, רוסיש, פּויליש, פראַנצויזיש און ענגליש, וואָס האָט דערציילט „בלויז“ וועגן יידישן חורבן צוליב די דייטשישע מערדער. דער איצטיקער אַלבאָם באַשטעטיקט, אַז דער

היטלעריזם האָט דערמאָרדעט מיליאָנען פּאָליאַקן, ווייל זיי האָבן זיך קעגנגעשטעלט דעם אָקופּאַנט און אויך פאַר אויסבאַהאַלטן און פּאַרטיי־דיקן יידן.

פיל פון די בילדער האָט מען באַקומען ביי מענטשן, וואָס זענען געווען אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, ביי פּאַרטיזאַנער, אונטערערדישע קעמ־פער, וועלכע האָבן איינגעשטעלט זייערע לעבנס.

מען זעט אויף די בילדער מאַסן געהאָנגענע פּאָליאַקן — מענער און שוואַנגערע פרויען, פּוילישע פּאַטריאָטן; איין בילד ווייזט, ווי ד"ר פּיאַטעק, אַן אַהוואָקאַט, איינער וואָס האָט זיך נאָך באַטייליקט אין דעם אויפ־שטאַנד אין שלעזיע אין 1919—1921, ווערט געפירט צום דערשיסן.

איר זעט געהאָנגענע און דערשאָסענע אויף גאַסן און סקווערן פאַר שטעלן אַ ווידערשטאַנד דעם היטלעריזם. אַרעסטירטע אַרבעטער און פּויערים, פ.ן יעדן האַרף און שטעטל, ווערן אַרויסגעפירט פון זייערע היי־מען און אומגעבראַכט פאַר טאָן אַנטי־נאַציאָנאַלע אַרבעט, ווי אָפּרוימען פּאָלאַבאַראַנטן און פאַר נקמה נעמען אין נאַציסטן.

צווי טויזנט פּאָליאַקן דערשאָסן אין פּאַלמיר, לעבן וואַרשע, צווישן זיי דער „ספּיקער" פון סיים, יאַנוש קאָסציינסקי, און דער ספּאָרטלער פון די אָלימפּיק־שפּילן אין לאָס אַנדזשעלעס, וועלכער האָט געוווּנען אַ גאָלדענעם מעדאַל. די געהאָנגענע זעט מען אין רודעם, וואַרשע, קראָקע, ספּעציעל די, וואָס האָבן געהערט צו לינקע פּאַרטייען ווערן געזוכט, גע־רודפט און אומגעבראַכט.

מיר זעען די עקזעקוציע פון יידן אין לאָדזש, טאַרנאָוו, אָזאָרקוו און אַנדערע שטעט. עס באַווייזן זיך די טויטן־לאַגערן, קאַלך־אויוונס. פרויען טראָגן קליינע קינדער אויף די הענט אין מאַרש צום טויט.

דאָס זענען שוידערלעכע בילדער, ס'רוב נאָך גישט געזעענע, וואָס ווייזן דעם אומקום און ווידערשטאַנד פון פּוילישן פאָלק און פון די יידן אין פּוילן.

דער נאַצי, זעט מען אויף די בילדער, מאַכט זיך לוסטיק פון די קרבנות פון די פּאָגראָמען... סגראַגעדיעס. אַן אָרקעסטער פון יידישע מוזיקאַנטן באַגלייט די, וואָס ווערן געפירט צום פאַרברענען. די קלעזמער, אין געשטרייפטע לאַגער־קליידער, הויט און ביין, ווייסן, אַז דאָס איז דער לעצטער מאַרש. די בילדער ווייזן אויפגעשניטענע און פאַרגייטע טיילן פון פרויען־קער־פּערס — עקספּערימענטן פאַר נאַצישע „וויסנשאַפטלעכע" צוועקן.

אַ באַזונדער קאַפּיטל פאַרנעמט דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ און דער יידישער חורבן. מיר זעען די קאָנצענטראַציע־לאַגערן מיט דער דייטשישער ציניִשער לאָזונג: „אַרבעט מאַכט פריי“. איר זעט אין די בילדער ווי אַנטינאַצי־קעמפער רייסן אויף בריקן, באַנען, מיליטערישע איינריכטונגען, צאַפּן אָפּ אַ סך בלוט פון היטלעריסטישן חיל, טראַנספּאָרט־ליניעס ווערן צעשמעטערט, אָבער נאָך יעדער דיווערסיע־אַרבעט ווערן אַרעסטירט גלחים, שרייבער, אינטעלעקטואַלן, האָקטוירים, פּראָפעסאָרן, אַרבעטער און פויערים, וועלכע ווערן אויפגעהאָנגען אויף טעלעפאָן־סלופּעס, אויף ביימער, טירן און ווערן געשלעפּט איבער די גאַסן, צוגעבונדן מיט שטריק צו לאַסט־וועגענער. דער היטלער־טעראָר איז גרויס, אָבער דער האַס ווערט נאָך גרעסער.

אין דעם היסטאָרישן בילדער־בוך, אַרויסגעגעבן פון דער פאָלקסדעמאָקראַטישער רעגירונג אין פּוילן, זעט מען הויכראַנגיקע נאַציס, וואָס פאַרנעמען איצט שליסל־אַמטן אין דער באָן־רעגירונג.

עס ווערט געבראַכט אַן אויסצוג פון דעם הענקער פראַנקס טאָגבוך, וועלכער האָט געהערשט אין פּוילן:

„אויב מיר זאָלן אויסקלעפּן בלעטלעך באַקאַנטמאַכונגען פאַר יעדע זיבן פּאָליאַקן, וואָס מיר דערשיסן, וואָלטן די ביימער פון פּוילישע וועלדער נישט געווען גענוג אויף פּאַפּיר“.

דערפער ברענען צוזאַמען מיט די פויערים, אָבער דער צאָרן וואַקסט, די וועלדער זענען פול מיט פּאַרטיזאַנער, וועלכע קריגן הילף פון די פויערים. הייזער מיט שטרויענע דעכער זענען אין פלאַמען און די וואָס לויפן אַרויס, ווערן געקאָסעט מיט מאַשין־געווער.

עס גייען אַרויס אונטערערדישע צייטונגען, וואָס גיבן די נאַציס נישט קיין רו. דאָס איז „גלאָס ליודו“, „גלאָס וואַרשאַווי“, „באַריקאַדי“, „וואָלנאָשטש“, „גלאָס פּראַצי“. אין דער צייט פון טעראָר גייען אַרויס טויזנט צייטונגען און שריפטן, וואָס רופן צום ווידערשטאַנד קעגן היטלעריזם.

שוין נאָכדעם ווי דער געטאָ־אויפשטאַנד ווערט אונטערדריקט, ווערן נאָך אויסגעפירט אַטענטאַטן איבער נאַציס פון הויכן ראַנג. דערפאַר האָט הימלער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל דעם 5־טן אויגוסט 1945: „אַלע איינוווינער, אָן אונטערשיד פון עלטער, מענער און פרויען, זאָלן דערשאָסן ווערן! וואַרשע מוז בלייבן אויסגעוואָרצלט, אַז קיין שטיין זאָל נישט פאַרבלייבן אין דער פאַרשאָלטענער שטאָט“.

אַנדערע בילדער ווייזן, ווי די ערשטע שטאָט אין פּוילן — לובלין, ווערט באַפרייט. פון אָשוויענטשים-לאַגער ווערן באַפרייטע פּרויען געפירט אונטער די אָרעמס דורך רויטאַרמייער; דער אַריינמאַרש פון פּוילישן און סאָוויעטישן מיליטער קיין וואַרשע.

בילדער ווייזן אויך דעם פאַרפירטן אויפשטאַנד אין וואַרשע פון דער רעאַקציאָנערער פּוילישער רעגירונג אין לאָנדאָן. אין דעם פאַרעטערישן אויפשטאַנד קומען אום צענדליקער טויזנטער פון דער באַפעלקערונג, צווישן זיי פיל פון די אויסבאַהאַלטענע יידן.

נאָך בילדער ווייזן דעם אַריינמאַרש פון סאָוויעטישן און פּוילישן מיליטער קיין בערלין.

צום סוף ווערט געבראַכט אַ רשימה פון נאַציש טעראָר איבער דעם יידישן פאָלק, וויפיל דער היטלעריזם האָט אומגעבראַכט אין יעדער שטאָט און די מעטאָדן, מיט וועלכע די רוצחים האָבן זיך באַנוצט.

פון די דריי מיט אַ האַלבן מיליאָן יידן, וועלכע האָבן געלעבט אין פּוילן, ווערט דערציילט, האָבן די נאַציס אומגעבראַכט דריי מיליאָן מיט צוויי הונדערט טויזנט.

באַזונדערס ווערט דערציילט וועגן יידישן ווידערשטאַנד און אויפשטאַנד אין וואַרשעווער און ביאַליסטאָקער געטאָס, ווי אויך אין דעם טרעבלינקע-לאַגער, וואָס באַווייזן, אַז יידן זענען נישט געגאַנגען צו דער שחיטה אָן קאַמף.

אין דער צייט ווען די מלחמה-געטראָפענע לענדער און די פאַרניכטונג, וואָס דער היטלעריזם האָט דורכגעפירט, זענען נאָך נישט צוריק אויפגעבויט, ווען די באָן-רעגירונג אין מערב-דייטשלאַנד ווערט צוגעגרייט מיט אַטאָמיש געווער און דער נאַציזם שרייט שוין ווידער „רעוואַנזש“ — נקמה-קריג — איז דער אַלבאָם אַ וואָרענונג: „נישט פאַרגעסן און נישט פאַרגעבן“.

וועגן גרשון מינקאָוויטשעס בוך
„פון ביטען ביז ירושלים" האוואַנאַ, קובאַ — 1955

דער מחבר טיילט איין זיין בוך אין זעקס קאַפּיטלען: פּוילן, באָוויעטנפאַרבאַנד, גלות־דייטשלאַנד, קובאַ, מדינת־ישראל און ציוניס־טישע טעמעס.

באַלד אין אָנהייב לאָזט אייך דער שרייבער וויסן, אַז ער איז אַ הייסער ציוניסט און זיין פאָטערלאַנד איז ישראל. מיר געפינען באַלד אויס, אַז ער איז איינער פון דער שארית הפּליטה, וואָס איז אין 1947 געקומען קיין ניו־יאָרק.

אין דער גרויסער מעטראָפּאָליע האָט דער שרייבער זיך קוים אָנ־געוואַרעמט און איז אָפּגעפאָרן קיין האַוואַנאַ, קובאַ; פון קובאַ קיין ישראל, וו ער האָט זיך פרייוויליק אָנגעשלאָסן אין דער נייער ישראל־אַרמיי — „צבא — הגנה לישראל".

ווען עס ווערט געשלאָסן דער וואָפנשטילשטאַנד מיט די אַראַבישע מלוכות, קומט ער צוריק אַ געטרייער ציוניסט קיין קובאַ.

אין יאָר 1953 פאָרט ער ווידעראַמאָל פון קובאַ קיין ניו־יאָרק אָפּצוזוכן לאַנדסלייט און זאַמלען מאַטעריאַלן כדי צו פאַראייביקן זיין שטעטעלע ביטען.

פּונקט ווי ביי אַלע אַנדערע זכרונות־שרייבער, שלאָגט ביי אים אויך אַ נאָסטאַלגיע נאָך דעם שטעטעלע ביטען, וואָס די נאַצים האָבן אַזוי אומברחמנותדיק אומגעבראַכט.

רעטראָספּעקטיוו, דערציילט דער מחבר די אידילישקייט פון ביטען, און אַז דאָרט איז נישט געווען קיין פּראָבלעם פון אַסימילאַציע. דאָרט האָט מען גערעדט, געפילט, געטראַכט יידיש.

דעם מחבר שאָקירט וואָס אויף דעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט, וו העכער צוויי מיליאָן יידן רעדן נאָך די יידישע שפּראַך, רעדט מען וועגן אונטערגאַנג פון יידישן לשון.

ווען די נאַציס זענען באַפאַלן פּוילן, האָט ער געדינט אין דער פּוילישער אַרמיי. ווען ער קומט אַהיים, געפינט ער דאָס שטעטל אונטערן רשות פון סאָוויעט־רוסלאַנד. אונטער די סאָוויעטן באַקומען די אָרעמע פויערים ערד, די פּריציש מאַיאָנטקעס ווערן צעטיילט, פאַבריקן נאַציאָנאַליזירט, אַ נײַ לעבן ווערט געבוירן.

אינצווישנצײַט פּאָרט דער שרײַבער אַריבער קיין באַראַנאָוויטש זיך צו באַקענען מיט די נײַע מענטשן, „וועלכע זענען אָנגעקומען אַהין פון טיף רוסלאַנד“. ווען דער מחבר באַקענט זיך מיט דעם סאָוויעטישן טיפּ מענטש, ווערט ער טיף גערירט. ער קאָן גאָר נישט אָפּשאַצן די האַרציקייט פון דער נײַער מאַכט, ווײַל „דער רוסישער מענטש איז נאַטירלעך, פּשוט און האַרציק“.

דעם 22 יוני, ווען היטלער איז באַפאַלן דעם סאָוויעטנפאַרבאַנד, איז גרשון מינקאָוויטש אין דער סאָוויעטישער אַרמיי. ער דערציילט ווי די נאַציס האָבן פאַרכאַפּט ביטען, דאָס שטעטל פאַרניכטעט. פון שטעטעלע ווערט אַש און חורבות — די נאַציס ווישן אָפּ די יידן פון ביטען. מיט גרויס סאַדיזם ווערט אַלץ צעשטערט דורך די היטלעריסטישע מערדער, אַלץ וואָס איז געווען דורות לאַנג יידיש.

„שוואַרצע קראָען“ פליען איבערן שטעטל וואָס איז שוין וויסט און פינצטער. אָבער באַלד אין אָנהייב, ווען די נאַציס פאַרכאַפּן ביטען, „האָבן זיך יידישע יונגעלײַט באַהאָפטן מיט די פּאַרטיזאַנער אין די וועלדער“.

דער מחבר איז פול מיט צאָרן, וואָס די נאַציס זענען באַפאַלן אַ פרידלעך פאָלק און אַ גערעכט לאַנד, וואָס בויט, שאַפט, וו יעדער מענטש איז גלײַכבאַרעכטיקט און איז צופרידן כאָטש מיט דעם, וואָס ער האָט אַ ביקס אין האַנט, און זײַן טרייסט איז: „דער פאָלקס־קאָמיסאַר האָט אַלע זעלנער צונויפגעקליבן אויף אַ מיטינג, דערקלערט דאָס געשעענע און די זעלנער האָבן געשוווירן טרײַ מלחמה צו האַלטן קעגן די אָנפאַלער“.

דער וועג נאָך וואָלקאָוויסק ווערט באַהאָנגט פון [illegible] שער אַוויאַציע, פון הימל רעגנט מיט טויט אויף פרידלעכע מענטשן, די שטאָט באַראַנאָוויטש, וו דער מחבר מיט די זעלנער גייען דורך, איז אין פלאַמען, אַלץ ווערט וויסט, די נאַציס זייען טויט, און גרשון מינקאָוויטש שפּאַנט דורך מיט זײַנע זעלנער, מיט זײַן פאָלק, דעם גאַנצן מזרח פון ווײַס־רוסלאַנד אַזש ביז סמאָלענסק, און קיינער ווייסט נישט פונוואַנען עס וועט קומען די רעטונג.

אָבער דאָ אין דער שטאָט סמאָלענסק, ווערט די שטימונג אַ ביסל פֿרייִדיקער. דער מחבר דערוויסט זיך, אַז דער גרויליקער היטלעריסטישער שונא איז צייטווייליק פֿאַרהאַלטן געוואָרן.

דאָ, מאַכט גרשון מינקאָוויטש אַ פֿאַרגלייך וועגן זיין מיליטער־דינסט אַלס ייִד אין פּוילישן מיליטער פֿון די בעקס, רידז־שמיגלי און אַלע אַנ־דערע אַנטיסעמיטן און גיט זיך אָפּ אַ דין־וחשבון:

— אין דער סאָוויעטישער אַרמיי איז דאָ פֿולע גלייכבאַרעכטיקונג פֿאַר אַלע פֿעלקער, דאָס שטאַרקט די קאַמפֿס־גרייטקייט פֿון דער סאָוויע־טישער אַרמיי.

סמאָלענסק גייט איבער עטלעכע מאָל פֿון האַנט צו האַנט און צום סוף מוזן די סאָוויעטישע זעלנער אָפּטרעטן.

גרויס איז דער ווייטיק, דער נאַציזם ווערט ווילד פֿון זיג, פֿון זייערע פּיסקעס ריגט די באַרבאַרישע סלינע, זייער פֿרייד פֿון אומברענגען מיליאָ־נען מענטשן איז אין לשער, דאָך איז דאַן געהערט געוואָרן דער רוף: „דער שונא וועט זיין געשלאָגן".

דער מחבר דערציילט זייער פּשוט ווי אַזוי די ייִדן צוזאַמען מיט סאָוויעטישע און אַנדערע פֿעלקער ווערן צוליב עלטער און געזונט אַריבער־געפֿירט אין מער זיכערע געגנטן און אויך ער אַליין ווערט געשיקט נאָך טאַמבאָוו, וווּ ער ווערט איינקוואַרטירט ביי דער קאָלווירטניצע באַרבאַראַ־גאָווא, „ווי היינט שטייט זי נאָך פֿאַר מיינע אויגן די ליכטיקע געשטאַלט, וואָס איז געווען צו אונדז ווי אַ מאַמע". זייער צערטלעך דערציילט ער ווייטער: „ביינאַכט פֿלעגט זי אונדז איינדעקן עס זאָל זיין וואַרעם צו שלאָפֿן... אונדז אָנקאָרמען ווי אייגענע קינדער". ווען זיי האָבן באַ־דאַרפֿט פֿאַרלאָזן דאָס דאָרף האָט דאָס גאַנצע דאָרף־מענטשן זיי באַגלייט. אויגן פֿול מיט טרערן זענען געשטאַנען ביי די פֿרויען און קינדער. „פֿאַר יעדן פֿון אונדז איז געווען צוגעגרייט אַ פּעקעלע מיט עסנוואַרג... מיט ברכות אויף די ליפּן האָט מען אונדז באַגלייט".

פֿון דאַנען, דערציילט דער שרייבער, האָט געפֿירט דער וועג נאָך סווערדלאָווסק — אוראַל.

דאָ האָט גרשון מינקאָוויטש זיך באַשעפֿטיקט ביים בויען אַן אייזנ־באַן־ליניע, וווּ ער ווערט איינקוואַרטירט אין קאָלכאָז צוזאַמען מיטן סער־זשאַנט איוואַן פּאַוולאָוויטש. דער שרייבער שילדערט מיט ליכטיקע פֿאַרבן די קאָלווירטניצע אַנאַסטאַסיאַ מאַקסימאָוונאַ, ווייל ווי קאָן דען אַ מענטש, נאָך דערצו אַ ייִד, וואָס האָט אויגן און זעט, אויערן, וואָס הערן און אַ

מענטשלעך האַרץ, וואָס פילט, נישט זען דאָס, וואָס דער מחבר האָט דורכגעלעבט און נישט זיין דאַנקבאַר?

„הונדערטער וואַקואירטע יידן האָבן זיך דאָ געפונען אין די אַרומיקע דערפער, די פאַרוואַלטונגען האָבן געזאָרגט פאַר אונדז מיט דירה, אַרבעט אד״גל״.

דער שרייבער שילדערט מיט דאַנקבאַרקייט די גוטע מענטשן פון די דערפער ווי אומעטום האָבן זיי אים און פיל אַנדערע פון זיין שטאַם פאַרלייכטערט דעם שווערן וועג פון פיין. דער שרייבער פון „ביטען ביז ירושלים“ האָט געוווסט, אַז האָרט ווו דער נאַצי איז אַריינגעדרונגען, ווערט דער ייד געמאָרדעט, פאַרגאַזט, פאַרטיליקט. דער מענטש ווערט דערנידעריקט, שאַנד־הייזער ווערן געבויט פאַר דער אַרישער ראַסע, וואָס איז פאַרשיכורט פון זיג און מיינט, אַז אַזוי וועט עס שוין בלייבן.

אפשר — פאַרטראַכט זיך דער מחבר — וואָלט זייער פינצטערער חלום פאַרווירקלעכט געוואָרן, ווען סאָוויעטרוסלאַנד, וואָס האָט געפיבערט מיט צענדליקער מיליאָנען מענטשן, וואָלט זיך נישט באַטייליקט אין דעם העראָישן קאַמף דאַן, ווען דער נאַצי האָט באַדראָט דער גאַנצער פרייהייטליבנדער מענטשהייט.

„די אָקטאָבער־רעוואָלוציע, וואָס האָט געגעבן גלייכהייט דער אָרטיקער פרוי, האָט דערפירט צו דעם, אַז עס איז נישט געווען קיין איין צווייג פון אַרבעט ווו די פרוי זאָל נישט אָנטייל נעמען“.

אין דעם האַלב־צעשטערטן אויסגעפלונדערטן לאַנד „אין די דאָזיקע שווערע טעג, האָבן פיל פון אונדז געפונען גוטע פריינד ביי רוסישע משפחות“. ווייל: „אַ רוסישע מאַמע פלעגט אָפט פאַרשטיין דעם טרויער פון יידישן בחור, וואָס איז געווען פאַרוואָרפן ווייט פון זיין היים“.

בכלל ווערט ביי דעם מחבר די רוסישע פרוי ממש פאַרגעטערט פאַר איר גוטסקייט. ער זעט „דאָס רוסישע מיידל איז אַ שטאָלצע, אומאָפּהענגיקע אין איר טאָגטעגלעכן לעבן, זי איז פריי פון געלטגיריקייט, לוקסוס און פאַרשווענדערישקייט“.

דער מחבר פון „ביטען ביז ירושלים“ זעט דאָס סאָוויעטישע פאָלק אין זיין גאַנצן גאַנג, זייער דערציונג איז אַנדערש ווי אין דער בירגערלעכער וועלט, די מאָראַל איז הויך, נישטאָ דאָרט קיין פרעסע אָדער טעאַטער מיט ביליקע ליבע־ראָמאַנען, רויבערייען, גאַנגסטערס „פאַרפוילטע ליבע צו געלט און לוקסוס“.

די האָפענונג פון היטלערן איז געווען, אַז די סאָוועטישע פעלקער וועלן אים העלפן אין דעם נאַציישן רויב און מאָרד. אָבער „נאָך יעדער מפלה פון דער נאַצישער חיה פלעגן מיר הערן נעמען פון יידישע גענעראַלן און פּולקאָווניקעס, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער העלדישקייט".

דער שרייבער פאַרענדיקט דאָס קאַפּיטל „אויב נאָכגעבן די געפילן פון יעדן קעמפער, האָט אין דייטשלאַנד נישט געטאָרט בלייבן קיין סימן פון לעבן".

דער נאַצי אין סאָוועטנפאַרבאַנד איז געשלאָגן. דער שרייבער פאַרלאָזט דאָס לאַנד, וואָס האָט אים געגעבן מוט און אויסדויער מיט דער ברכה:

„אַ גוטן טאָג דיר גרויסע רוסישע ערד!"

גרשון מינקאָוויטש, קומט צוריק קיין פּוילן און זעט די אָרגאַניזירטע אויסוואַנדערונג אָדער, בעסער געזאָגט, געצוואונגענע פון אומפאַראַנטוואָרטלעכע עלעמענטן. אויך דער מחבר פאַרלאָזט פּוילן און ווערט געצוואונגען צו טרעטן אויף דער דייטשישער „פאַרשאָלטענער ערד". ער זעט ווי די דייטשן האָבן נישט קיין חרטה, ווייל יעדער דייטש זאָגט, אַז נישט ער... אַ דייטשישע פרוי מאַכט אַ בלבול אויף אַ רב אין מינכען און ווידער הערט דער שרייבער, אַז די געוועזענע נאַצים טראַכטן וועגן „רעוואַנזש".

דאָס בוך אַנטהאַלט 236 זייטן. דער אינטערעסאַנטסטער מאַטעריאַל, וואָס באַשטייט פון אַרום הונדערט זייטן, איז וועגן סאָוועטנפאַרבאַנד.

דער וועג צוריק איבער איטאַליע
אויף דער שיף מיט דייטשן

„מיר, דייטשן, זענען אויפגעקומענע, נעכטיקע; אַוודאי האָבן מיר זיך אין משך פון די לעצטע הונדערט יאָר אַ רוק געטאָן פאָרויס. אָבער ס'וועלן נאָך מוזן פאַרגיין עטלעכע יאָר־הונדערטער, ביז דייטשלאַנד וועט אין זיך איינזאַפּן געגוג אינטעלעקט און אַ העכערע קולטור, מען זאָל קאָנען זאָגן: זיי זענען אַמאָל, אַמאָל געווען באַרבאַרן, אָבער מער שוין נישט".

(געאָרג בראַנדעס, די פּאָלעמיק צווישן ניטשע און געטע. יידיש — ל. לאַקסאָן און ב. ריווקין, אַרויסגעגעבן פון מאַקס נ. מייזיל, 1920).

די לעצטע נאַכט איידער איך פאַרלאָז פּאַריז האָט זיך פון מיר אָפּגעטאָן דער שלאָף. נאָך פופצן יאָר פון זיין אָפּגעפרעמדט, איז אַלץ אויפסניי געוואָרן האַרציק היימיש, אייגן בלוט און פלייש, די משפחה האָט זיך געמערט, — אַ ניי אייניקל איז געבוירן געוואָרן.

די טאָג־שטראַלן האָבן זיך אַריינבאַקומען דורכן אָפענעם פענצטער, ווי טייערע געסט. אַ פייגעלע מיט אַ דין סאָפּראַנאָ־שטימעלע האָט געזאָגט „גוט מאָרגן", געשפּרונגען אויפן פענצטער־ברעטל, וואָס איז געווען אויפן פערטן שטאָק.

„אָט, אַ געווונטשענער גאַסט איז געקומען זיך געזעגענען" — האָט געזאָגט בערט, מיין שוועגערין — און אַ טרער האָט אַ גלאַנץ געטאָן אין אירע אויגן...

ס'איז נאָך געווען זייער פרי, ווען מ'האָט מיך באַגלייט צו דער באַן. די שטאָט איז שוין געווען וואַך, ווי זי וואָלט אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן. אַלץ האָט שוין געאָטעמט מיטן קוואַליקן לעבן, דורך די אָפענע פענצטער פון אויטאָ האָט אַריינגעשמעקט דאָס פרישע גרינוואַרג און פרוכטן.

דער לאָקאָמאָטיוו גיט אַ פּיפּאַל, מיר געמען זיך נאָכאַמאָל אַרום, די געמיטער פֿון מײַנע באַגלייטער דריקן אויס אומהיימלעכקייט: „ווען וועלן מיר זיך ווידער זען?...“ — ווער ווייסט... מ׳איז שוין אין די יאָרן...

דער לאָקאָמאָטיוו לאָזט אַרויס דעם ערשטן, פֿאַמעלעכן פּו-פּו, פּו-פּו, די רעדער טוען אַ גרילץ, קעפּ שטעקן פֿון פֿענצטער, טיכלעך פֿאָכען און בענקשאַפֿט בלײַבט פֿאַר גאָענטע און אייגענע...

די באַן איז שוין ווײַט אָפּגעפֿאָרן, די יונגע קאָלעט, אַ צוואַנציקיאָריקע שיינהייט, וואָס זיצט אַנטקעגן מיר, וויינט און העשעט מיט ביטערע טרערן. זי קאָן זיך גאָר ניט באַרויִקן, אַלע טרייסטן זי, אַז אַמעריקע איז אַ גוט לאַנד און איר שוועסטער אין ניו-יאָרק וועט זי אָפּוואַרטן, אַזאַ שיין קינד וועט ניט גיין פֿאַרלוירן, שיינהייטן האָבן גרויס דערפֿאָלג אין אַמעריקע... קאָלעט האָט אַ שמייכל געטאָן און זיך אָנגעהויבן באַרויִקן.

אין לע האַוור האָט געוואַרט די מאַיעסטעטישע שיף „ליבערטי“, מיט צוויי ריזיקע קוימענס — אַ גיגאַנט פֿון העכער פֿופֿציק טויזנט טאָן. די שיף געפֿעלט מיר זייער, די אויפֿנאַמע — אַ וואַרעמע, אַ האַרציקע, אַ פֿריינדלעכע. די באַדינער אָרדענען איין די פּאַסאַזשירן, און נאָך איידער מ׳באַטראַכט די קאַבינע, רופֿט מען שוין צום ערשטן מאָלצײַט, וואָס ווערט סערווירט מיט געשמאַק; גאָר פֿיינע מאכלים ווערן צוגעטראָגן אויף בלאַנקעגדיקע טעלער און אַזוי פֿיל פֿאָטראַוועס — ווי אויף אַ מיליאָנערישער חתונה...

ווײַל דער טאָג איז קרישטאָל-קלאָר, די זון וואַרעמט, פּאַסאַזשירן זענען פֿול מיט דערוואַרטונג, געפֿינען זיך אַלע אין „דרויסן“ אָנגעלענט אויף די שיף-„פּלויטן“ און וואַרטן אויף דעם הילכיקן פֿייף. אַלע ווילן זען ווי די שיף „גליטשט“ זיך אַוועק פֿון ברעג, כדי צו זאָגן „אָרעוואַר“ צו דעם לאַנד פֿון „ליבערטע, עגאַליטע, פֿראַטערניטע“...

באַלד נאָכן ערשטן מאָלצײַט האָט די שיף געדאַרפֿט אָפּפֿאָרן פֿון ברעג, איצט זיצן מיר שוין ווידער בײַ בלאַנקענדיקע, סערווירטע טישן, די „גאַרסאָנס“ טראָגן צו איין מאכל נאָכן צווייטן, אָבער פֿון זייער באַוועגונג פֿילט זיך אָפּ אַ געדריקטע שטימונג. עפּעס האָט זיך אָפּגעטאָן די פֿייערלעכקייט פֿון זייער באַנעמונג. מיר פֿילן, אַז עס קומט פֿאָר אַ סודותפֿולער קאָנפֿליקט...

מיר האָבן אָנגעהויבן הוקר ודורש זיין. איינער האָט געזאָגט, אַז עמעצער האָט זיך דערטרונקען, אַ צווייטער — אַז אַ קעסל האָט געפּלאַצט, אַ דריטער — „דער קאַפּיטאַן האָט געזאָגט: אויפֿן ים האָט עפּעס פּאַסירט“...

די פּאַסאַזשירן זענען איבערגעשלאָפֿן אַן אומרואיקע נאַכט, ערשט ביים אָנבייסן האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז די „גאַרסאָנס“ שטרייקן, ווייל דער שעף אין קיך דערגייט זיי די יאָרן און זיי ווילן פֿון אים פּטור ווערן. די באַלעבאַטים אָבער ווילן נישט נאָכגעבן...

ס'ערשטע האָבן די קעלנער אויפֿגעהערט סערווירן דעם ערשטן קלאַס... „אַ מצווה אויף זיי, זאָגט איזידאָר, זאָלן זיי אויך אַ מאָל פֿילן דעם טעם פֿון הונגער“... בערנאַרד, דער פּאַסיאָנער, אים אַרט נישט, וואָס די שיף־סאַרווערס שטרייקן, זאָלן זיי זען, אַז „ווען דיין שטאַרקער אָרעם וויל, בלייבן אַלע רעדער שטיל“...

מיר, וואָס פֿאָרן אין דעם טוריסטן־קלאַס, ווערן גוט באַהאַנדלט, מ'גיט עסן להכעיס די רייכע פּוסט־און־פּאַסטניקעס...

אויפֿן צווייטן טאָג פֿון שטרייק האָבן די פּאַסאַזשירן פֿון ערשטן קלאַס אָנגעהויבן צו פֿאַרלאָזן די שיף. מיט אָנגעכמורעטע פּנימער, האָבן זיי געשאָלטן און — געוואָרטשעט. וויערע דאַמען זענען געווען נישט אויסגעשלאָפֿן, די טואַלעטן אַ ביסל אָפּגעלאָזן. איינע, הויך און דאַר, האָט איינגעקלעמט איר פֿינגער מיטן לאַנגן נאָגל, זיך פֿאַרפֿלאָנטערט אין אייגענעם האַנט־בייטל, געזאָגט אַ מיאוס וואָרט אויף פֿראַנצויזיש... אַ קליינינקע, אָנגעטאָן אין אַ הויכן „שטראָמל“, מיט גאָר הויכע, פֿון שטאָל געמאַכטע דינינקע אָפּצאַסן, איז געבליבן שטעקן מיטן „כינעזישן שיכעלע“ אין אַן עפֿענונג און האָט זיך שטאַרק געבייזערט. דער מאַן, וואָס האָט זי געהאַלטן אונטערן אָרעם, האָט דאָס נישט באַמערקט און זי געשלעפּט... זי איז באַלד צוריקגעלאָפֿן, אויפֿגעהויבן דעם שוך און ווייטער געלאָפֿן ווי פֿון אַ שׂרפֿה...

די פֿאָדערונגען פֿון די „גאַרסאָנס“ זענען אָנגעקומען צום אַרבעטס־מיניסטער פֿון פּאַריז, ער האָט זיך קענטיק נישט געאיילט מיט זיין באַשלוס. די שיף־באַלעבאַטים וועלן בעסער פֿאַרלירן אַ שלל מיט געלט איידער נאָכגעבן די ווידערשפּעניקע.

אויפֿן דריטן טאָג לאָזט מען וויסן די טוריסטן, אַז די, וואָס ווילן, קאָנען אַראָפּ פֿון שיף, וווינען אין אַ האָטעל, עסן און שלאָפֿן אויפֿן חשבון פֿון דער קאָמפּאַני ביז מיר וועלן טראַנספּערירט ווערן אויף אַ שיף,

וועלכע קומט אָן אין דריי טעג אַרום, אָדער פֿאָרן מיט אַ „דזשעט", אַז נישט — „קומט מאָרגן אָן אַ דייטשישע שיף"...

די שיף „האַנסיאַטיק", וועלכע קומט פֿון האַמבורג און פֿאָרט נאָך ניו־יאָרק, שטייט איבער אַלע שיפֿן וואָס איך האָב ביז איצט געזען. זי פֿאָרט אַ סך שנעלער, ווי די אַנדערע שיפֿן, האָט אַ באַדינערשאַפֿט פֿון קאַרגע פֿינף הונדערט מאַן, נעמט אַרויף גאַנצע צוועלף הונדערט פּאַסאַזשירן אין דער אַפּטיילונג פֿון טוריסטן, און קנאַפּע הונדערט מענטשן אין ערשטן קלאַס.

דער ערשטער קלאַס איז וווּנדערלעך אויסגעמעבלירט, עס גלאַנצט דאָ מיט דער „דייטשישער פּינקטלעכקייט"... אויך אין דער אַפּטיילונג, וווּ איך געפֿין זיך, איז רחבֿותדיק. איך האָב גרויס צער פֿון דעם, ווייל פֿאַרוואָס קומט דאָס זיי?...

די פֿרויען און מענער זעען אויס קרעפֿטיק, מיט רויטע באַקן, באַהאַנגען מיט קאָסטבאַרע פֿינגערלעך, קייטעלעך; זיי זענען זאַט, פֿריילעך, חוצפּהדיק. ווען איך זע ווי מאַמעס היטן אָפּ זייערע קינדער מיט דער גרעסטער פֿלעגע, ווי מענער צערטלען זייערע פֿרויען, זאָג איך צו זיך:

„מיר האָבן דאָך אויך געהאַט מאַמעס, טאַטעס, קינדער, שוועסטער און ברידער; וואָס האָבן זיי געטאָן מיטן אומשולדיקן ייִדישן פֿאָלק!"...

ווען איך בין מיט זיי, גייט מיר נאָך אַ געשפּענסט, וואָס זאָגט: יעדער איינער פֿון זיי וואָלט געדאַרפֿט טראָגן אַ געלע לאַטע אויף זיין אָרעם, מיט אַן אויפֿשריפֿט „איך בין נישט שולדיק", ערשט דעמאָלט וואָלט איך אפֿשר געגלייבט אין זייער חרטה...

דער געשפּענסט גייט מיר נאָך און רעדט ווייטער: אפֿשר איז דאָס „זי" אָדער „ער", וואָס האָט צוגענומען דאָס לעבן פֿון מיינע נאָענטסטע און ליבסטע? איך קום ערשט פֿון אייכמאַן־משפּט אין ירושלים. געזען אַזוי פֿיל טראַגעדיעס, געהערט וועגן די גרוילן פֿון יונג און אַלט, וואָס האָבן עדות געזאָגט... פֿיל האָבן דאָן נישט געקאָנט פֿאַרשטיין — ווי אַזוי האָבן זעקס מיליאָן ייִדן זיך געלאָזט פֿירן צו דער שחיטה; דאָס זענען געווען „סאַבראַס", ערשט ביים פּראָצעס איז זיי קלאָר געוואָרן פֿאַרוואָס...

קינדער אין מדינת ישראל האָבן מיך געפֿרעגט „פֿאַרוואָס האָט איר נישט געשיקט די אַמעריקאַנער אַרמיי צו ראַטעווען?" מיין „פֿאַרטיידיקונג" איז געווען צו „פֿאַרפּלאָנטערט", אַז די קינדער זאָלן דאָס פֿאַרשטיין...

אויף אַ שיף מיט דייטשן... און אַזוי פיל פון זיי קומען יעדעס יאָר אַריין אין ניו־יאָרקער וואַסערן, מיט וואָס האָבן זיי אַזוי נושא־חן געווען? פאַרוואָס קומט דאָס זיי? פינף און זעקס יאָר האָט געדויערט, ביז מען האָט די זעקס יידן, וואָס פאָרן מיט מיר, דערלויבט אַריינצופאָרן צו אַ שוועסטער, אַ ברודער, וואָס זיי געדענקען קוים פון די קינדער־יאָרן. די געפּלאָגטע, וואָס זענען געווען אין די הענט פון די ברוטאַלסטע מערדער, אַ טייל שוין אויפן וועג אין די גאַז־קאַמערן, לאָזט מען קוים אַריין, ווייל אַמעריקע „דאַרף" זיין גוט צו די דייטשן...

ווען כ'בין אויפן שיף מיט די דייטשן, איז פאַר מיינע אויגן נאָך געשטאַנען דער „מעמאָריאַל" פון די יידישע מאַרטירער אין פּאַריז, אַ שאָד, וואָס די אַמעריקאַנער יידן האָבן נישט אויפגעבויט אַזאַ הייליקייט, וואָס זאָל זיין אַ דערמאָנונג פאַר די, וואָס ווילן פאַרגעסן...

„שיין איז מיין לאַנד"

רייזע־בלעטלעך פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן און איבער די ברייטע שליאַכן פֿון אַמעריקע

פֿאַרטאָג, איבער דער שטאָט שוועבט נאָך די שטילקייט פֿון דער נאַכט, עס איז קיל און פֿייכט. דער טוי באַדעקט גראָז און ביימער, דאָ און דאָרט הערט זיך אַ געזאַנג פֿון פֿאַרשידענע מינים פֿייגל. די זון האָט פֿלעגמאַטיש גענומען אַרויסקריכן פֿון הינטער די בערג, זיך באַהאַלטן הינטער אַ געדיכטן ווייסן וואָלקן, און מיטאַמאָל זיך באַוויזן פּורפּור־רויט.

באַלד האָבן מיר זיך געפֿונען אין געדיכטן מדבר, זאַמד־בערג האָבן זיך געצויגן אָן אויפֿהער, און אָט באַווייזן זיך בערג, וואָס זעען אויס ווי אַ פֿייער־לאַווע וואָלט דאָ געקאָכט מיט טויזנטער יאָרן צוריק. אָט זענען בערג, צונטער־רויטע, צעשאָטענע שטיינער, וואָס זעען אויס ווי מעטעאָרן פֿון הימל וואָלטן דאָ געפֿאַלן זינט דער פּרע־היסטאָרישער פֿאַרגאַנגענ־הייט. אין צווישן באַווייזט זיך אַ ריזיק פֿעלד מיט מדבר־בלומען, וואָס זעען אויס ווי אַ געפֿאַרבטער גאָרטן. און אָט זענען ריזיקע געקייטלטע בערג. דערנאָך, אויפֿן העכסטן באַרג הייבן זיך אַרויס ווייסע, בלענדנדיקע שפּיצן, באַדעקט מיט פֿוכיקן שניי, געבלענדט פֿון דער גאָלדענער זון אין הייסן מדבר.

צום ערשטן מאָל האָבן מיר דערזען ווי גרויס און פּרעכטיק אונדזער לאַנד איז, געזען טויזנטער מיילן פֿעלדער, וועלדער, לאָנקעס, בליענדיקן נאַטור־באַשאַף. דערשיינונגען צום שטוינען, רייכע פּאַלאַצן געבויט אין ביזאַנטישן סטיל, אויך אָרעמע, איינגעפֿאַלענע כאַטעס, וווּ עס האָבן גע־וווינט גאַנצע פֿאַמיליעס. עפּעס אַזוינס וואָס פּאַסט נישט פֿאַר אַמע־ריקע...

אין לאָס וועגאַס, אויף דער גרענעץ פֿון נעוואַדע און אַריזאָנע, גע־פֿינט זיך די באָלדער־האָווער־דאַמבע. פֿאַרבייפֿאָרנדיק שטעלן מיר זיך אָפּ אין דער באַרימטער געמבלינג־שטאָט, לאָס וועגאַס. בשעת מען קומט

ארויף אויף א ריזיקן „געמבלינג“-פּלאַץ, מעסטן אייך די היטער אָפּ פֿון קאָפּ ביז די פֿיס. אין דעם פּלאַץ הענגט א מיליאָן דאָלאַר, פּאַפּיר געלט, אויף ביין ווונדער, אין א ספּעציעל געמאַכטער גלעזערנער „שאַפּע“. טאָג און נאַכט קלאַפּן דאָ די „סלאַט“-מאַשינען, ראָלעטעס דרייען זיך, עס זשומעט און הודזשעט, ווי אין א פֿאַבריק. מענטשן קומען און פֿאָרן אַוועק אַנטוישט...

די באָלדער-דאַמבע געבויט ביים בלעק קעניון, אין 30 מייל פֿון לאַס וועגאַס, וואָס האָט געדויערט פֿינף יאָר זי אויפֿצובויען. דער רעזערוואַר, הינטער דער דאַמבע, ציט זיך הונדערט פֿופֿצן מייל. ווען מען קוקט אַריין אין דער טיפֿעניש, זעט מען בלויע שטראָמען בלעזלען זיך און פֿליסן אַריין אין די ווייטע אייביקייטן. די גענעראַטאָרן, ביי דער דאַמבע, אַרבעטן אָן אויפֿהער, פּראָדוצירן עלעקטריציטעט-„ווונדער!“...

דער באַזוכער שטייט דאָ צווישן ריזיקע בערג און טאָלן, קאָן נישט אָפּרייסן די אויגן פֿון דער אַרומיקער נאַטור-שיינקייט און פֿון דער פּאַרכאַפּנדיקער פּאַנאָראַמע. ווען מען באַטראַכט דעם ווונדער, וואָס האָט אָפּגעקאָסט הונדערט צוואַנציק מיליאָן דאָלאַר אויף דער קאָנסטרוקציע פֿון צוויי מיליאָן פֿערד-קראַפֿט, וואָס גיט עלעקטרישע ענערגיע, און באַלד פֿאַרייכט מען דעם קאָפּ צום סאַמע גרעסטן באַרג פֿון גראַניט-שטיין, וועלכער איז געוואָרן אָפּגעשניטן ווי א ווירע כדי צו דערמעגלעכן, אַז די וואַסער-דאַמבע זאָל קאָנען געבויט ווערן אויפֿן קאָלאָראַדאָ-ריווער...

ס'איז גאַנץ פֿרי. דער הימל ווערט קלאָר און בלוי ווי דער ים, די זון איז נאָך באַהאַלטן. שפּעטער שפּרייטן זיך פֿאַנאַנדער ביי די ראַנדן פּורפּור-בלאַס-רויטע שטראַלן, אַזעלכע, וואָס מען זעט קיינמאָל נישט אין א גרויסער שטאָט. מיט א מאָל באַווייזט זיך די זון אין איר פֿולער פּראַכט, זי גייט אויף אין גאָלדענעם שימער. געדיכטע ווייסע וואָלקנדלעך ציען זיך געמיטלעך און שוועבן איבער דעם גרויסן הימל, איבער רחבותדיקע פֿעלדער, וואָס זענען פֿול און זאַט מיט גאָלדענעם קאָרן, ווייץ, קוקורודזע-פֿעלדער, גרייט צום שניט, ריזיקע טראַקטאָרס, שניידמאַשינען, קאָמביינען בראָדזשען איבער אָנגעלאָדענע שטחים ערד, און זאַמלען איין דאָס גוטס פֿון די שפּעדיקע פֿעלדער.

אויף די „הינטער-וועגן“, ביים אָפּשטעלן זיך אין פֿאַרשיידענע ערטער, באַגעגנט מען זיך מיט א מיליאָנען-יאָריקער געשיכטע. אין ניו מעקסיקאָ, שטייט א שטיינערנער טורעם פֿון מאַטן קאָליר, וואָס האָט זיך

אָנגעהויבן פֿאָרמירן מיט 200 מיליאָן יאָר צוריק. נאָך דער אויסרעכענונג פֿון דער וויסנשאַפֿט, קוקן מיר אויף דער נאַטור־דערשיינונג און וווּנדערן זיך — ווען איז געווען דער בראשית פֿון דער וועלט?

דער וועלט־באַרימטער טשאַרלס דאַרווין האָט אַמאָל געזאָגט:

„קיינער קאָן זיך נישט געפֿינען אין שויס פֿון דער נאַטור באַצויבערט, און נישט פֿילן, אַז דער מענטש איז נישט מער ווי דער אָטעם פֿון זיין איך"...

עס ווערט דערציילט, אַז גרענד קעניאַן איז געווען אומבאַקאַנט פֿאַר דער ציוויליזירטער וועלט ביזן אָנהייב פֿון זעכצנטן יאָרהונדערט, ווען אַן עקספּעדיציע, אָנגעפֿירט פֿון דאַן לופּעז דע קאַרדענאַז, האָט דעם פּלאַץ אַנטדעקט. ביז היינט צו טאָג געפֿינען זיך נאָך דאָ נישט ווייט משפּחות, וואָס האַלטן אָן זייער גאַנצקייט פֿון אַמאָל. איר קוקט אויף די „פּאַרצייטיקע" מענטשן, אויף זייער אָרעמקייט, די קליינע פֿרויען האַלטן זייערע עופּעלעך ביי דער נאַקעטער ברוסט, גייען נאַקעט און באָרוועס, וווינען אין „הייל" צווישן בערג און טאָלן, ווייט פֿון דער ציוויליזאַציע, אין אויפֿגעשטעלטע ליימיקע אָדער מיט ברעטער און בלעך צוזאַמענגעקלעפּטע „דירות".

אין יאָר 1919 איז דער שטח, וועלכער אַנטהאַלט העכער טויזנט סקווער־מייל, געוואָרן אַ נאַציאָנאַלער פּאַרק, וואָס נעמט אויך אַריין הונדערט מייל פֿון קאָלאָראַדאָ ריווער. די ברייט פֿון טאָל איז אין געוויסע ערטער אַכצן מייל, די טיפֿקייט — צוויי טויזנט פֿינף הונדערט פֿוס.

דער מענטש שטייט, קוקט אויף דער אַרכיטעקטור, וואָס ווערט באַשטראַלט פֿון זון, קוקט אויף דער פֿאָרמאַציע, וואָס האָט גענומען 9 מיליאָן יאָר, נאָך דער רעכענונג פֿון דער וויסנשאַפֿט. פֿון אַ זייט קריכט אַרויס אַ יונגער הירש, מיט מאַיעסטעטישע הערנער, קוקט פֿאַרוווּנדערט, ווי ער וואָלט געזאָגט — פּונקט ווי מיר.

מען דערקלערט אייך, אַז הונדערטער דערפֿער מיט לעבעדיקע אינדיאַנער, זענען געפֿונען געוואָרן אין די טאָלן, ביי די ראַנדן פֿון גרענד קעניאָן, און ביז איצט האָט זיך נישט איינגעגעבן זיי צו פֿאַרטרייבן...

אין דער מזרח־זייט פֿון גרענד קעניאָן, שטראָמט דער קאָלאָראַדאָ־טייך, מיט דער געשווינדקייט פֿון צען מייל אַ שעה און שלעפּט מיט אין דעם דורכגאַנג, אַ האַלבן מיליאָן טאָן זאַמד יעדן מעת־לעת; ערשט אין גאָלף פֿון קאַליפֿאָרניע און מעקסיקאָ לייזט ער זיך אויף.

קומען אויפן געדאנק די ווערטער פון טאָמאס הושעפערסאָן, וואָס ער האָט געזאָגט:

„ווי ווייניק מענטשן פון אונדזער לאנד ווייסן, אז מיר באזיצן דאָס, וואָס קיין אנדער לאנד פארמאָגט נישט“.

דער צויבער פֿון סאַן פֿראַנציסקאָ

פֿון לאָס אַנדזשעלעס ביז סאַן פֿראַנציסקאָ דויערט מיטן עראָפּלאַן — בלויז צוויי שעה. אַזוי ווי מען מוז שפּאָרן צייט אין אונדזער געבענטשט לאַנד, באַשליסן מיר פֿאָרן מיטן עראָפּלאַן.

אין דער לופֿט-שיף געפֿינען זיך 40 פּאַסאַזשירן, די זיץ-פּלעצער זענען באַקוועם, ניטאָ קיין „סטענדינג רום“ ווי אין די איבערגעפּאַקטע טראַמווייען.

באַלד הייבן אָן די מאָטאָרן רוישן. דער שטאָלענער פֿויגל טוט זיך א צעיאָג איבערן ריזיקן פֿעלד, און אָט שוועבט מען שוין צווישן הימל און ערד. דער עראָפּלאַן וויגט זיך געלאַסן, עלאַסטיש, זיכער ווי א שיף אויף א שטילן אָקעאַן.

פֿון דער הייך, אונטער די וואָלקנס, האָבן שטעט, בערג, טאָלן, וואַסער, שליאַכן — אַלץ, וואָס עס געפֿינט זיך אויף אונדזער מאַמע-ערד — אַן אַנדער פּנים.

אַלץ זעט אויס געמישלעך און צומאָל פֿאַנטאַסטיש. הויכע ריזיקע בערג קוקן אויס ווי די פֿעל פֿון מאַנסטער העלפֿאַנטן. אַנדערע זענען גערינצלט ווי קאָרע פֿון דורות אַלטע ביימער — אָדער גאָר ווי די פֿעל פֿון אומשולדיקע שעפּסלעך.

עס איז פּשוט א שאָד אָפּצורייסן די אויגן פֿון קליינעם פֿענצטערל, פֿון דער פּאַרכישופֿטער פּאַנאָראַמע, ווען די זון באַגילדט די זאַמדיקע בערג און אירע שטראַלן שפּיגלען זיך אין אָזערעס. אַלץ באַקומט א ניי געשטאַלט. הייזער טוליען זיך איינס צום אַנדערן ווי אַלטע גוטע פֿריינד. ווי אין מיראַזש זעען זיך שליאַכן, די גאַסן זענען סימעטריש. אַלץ איז אויסגעליינט אין גלייכע ליניעס. די וועלט איז אידיליש, אָן מורא פֿאַר געשפּענסטער פֿון פֿאַרניכטונג.

אָבער איידער איך האָב צייט איינצוזאַפּן אין זיך די פֿרידלעכקייט און די באַרוישנדיקע ווירקונג פֿון דער לופֿט-רייזע, לאָזט אויך די פֿריינד=

לעבע באַדינגערין וויסן, אַז מיר נידערן שוין אַראָפּ אויפן לופט־פעלד אין סאַן פראַנציסקאָ.

די שטאָט סאַן פראַנציסקאָ איז צוזאַמענגעקוועטשט. איין הויז אויפן אַנדערן, עס פעלט טעריטאָריע, אָבער שיין איז סאַן פראַנציסקאָ אין אייגנאַרטיק.

דער האָפן איז באַלאַגערט מיט הונדערטער, אפשר טויזנטער, פישער און „פּלעזשור" שיפן און שיפלעך, וועלכע געפינען זיך אויפן ברעג ים און אַרום די גיגאַנטישע בריקן.

אַ סברה, אַז די סאַן פראַנציסקאָ אוקלענד בעי־בריקן זיינען די לענגסטע אין דער וועלט. אזוי זאָגט מען, די לענג איז אַריבער פיר מיט אַ האַלבן מייל איבערן ים, און גאַנצע אַכט מייל די ברייט. אויפצושטעלן די גאַנצע קאָנסטרוקציע האָט געדויערט העכער דריי יאָר. ס'איז אַ וווּנדער פון אינזשעניערישער געניאַליטעט.

ביינאַכט, ווען די ראָזע קאָלירן פון די ליכט־לאָמפּן צעגיסן זיך איבער דער לענג פון די בריקן, זעט דאָס אויס פון ווייטנס, ווי אויפגעצויגענע שנירלעך פערל, וועלכע וואַרפן אַ גאָלדענעם אָפּשיין.

די הייך פון דער גאָלדן געיט־בריק איז ווי אַ 65־שטאָקיקע געביידע. עס איז פשוט צו גאַפן ווי אזוי די בריקן „הענגען אין דער לופט".

ביידע בריקן, די גאָלדן־געיט, און די סאַן פראַנציסקאָ־אוקלענד בעי־בריק קאָסטן העכער הונדערט מיליאָן דאָלאַר. די גאָלדן־געיט־בריק פאַרנעמט אַ לענג פון זיבן מייל און עס לויפן איבער איר טעגלעך דריי הונדערט טויזנט אויטאָמאָבילן.

סאַן פראַנציסקאָ פאַרמאָגט אין זיך עפּעס פון פּאַריז. אויף די גאַסן זעט מען ספּעציעלע ביידלעך מיט בלומען. די שטאָט איז קאָמפּאַקט און עקזאָטיש. דאָ געפינען זיך העכער הונדערט פּאַרקן—צווישן זיי דער באַרימטער גאָלדן געיט־פּאַרק, וואָס ציט די אויפמערקזאַמקייט פון יעדן באַזוכער.

דער ים־פּאַס, וועלכער ציט זיך מיילן לאַנג, איז רחבותדיק. נישט ווייט פון דאָרט געפינט זיך אַ סווימינג־פּול — דער גרעסטער אין לאַנד — וועלכער קריגט וואַסער פון ים און ווערט אונטערערדיש געוואַרעמט דורך באַהייצטע רערן. דאָס איז אַ מתנה פאַר דער שטאָט פון אַ יידישן פילאַנטראָפּ פליישהעקער.

דער גרעסטער וווּנדער איז דאָ דער כינעזישער קוואַרטאַל, טאַקע אַזוי ווי דאָס ווערט אַמאָל געוויזן אין די מווי־טעאַטערס. דאָס איז אַ

שטאָט פאַר זיך מיט אייגענע מנהגים, און מיטן גאַנצן קאָליר פון אָריענטאַלישקייט.

די געסלעך זענען שמאָל. ס'איז אַ שטענדיקער יאַריד, הייזער און געשעפטן געבויט ווי אין כינע, מיט אַן אייגנאַרטיקן סטיל, מיט קאָלירן, באַלקאָנדלעך, מאָזאַיק־אָרנאַמענטן. ס'איז רייכטום און גלאַנץ אין די הויפט־גאַסן, אָרעמקייט און שמוץ אין די הינטערגעסלעך.

שוי־פענצטער זענען פול מיט די טייערסטע זיידנס און עקזאָטישע שפּייזן. פון געשעפטן שימערירט מיט גאָלד און זילבער. די אָרעמע געסלעך — פינצטער, אָדער מאַט באַלויכטן.

אויף די ווענט זע איך אויסגעקלעפּטע צייטונגען, וואָס דערציילן נייעס פון דער וועלט. טעמפּלען, סקולס, טעאַטערס, טעלעפאָנען, אַלץ אין דער כינעזישער שפּראַך. טעלעפאָנען האָבן דאָ נישט קיין נומערן, נאָר נעמען.

סאַן־פראַנציסקאָ גלאַנצט מיט פאַרשיידנאַרטיקייט, אָבער אויך דאָ גילט דער אמת, אַז נישט אַלץ וואָס גלאַנצט איז גאָלד.

איך גיי איבער דער שטאָט, אַנגעזאַפּט מיט דער פרישקייט פון פּאַציפישן ים — און מיט אַלטערטימלעכקייטן. איך זע פון אַלע זייטן דעם אַלקאַטראַז־אינדזל. איך ווייס, אַז דאָרט איז געווען אין געפאַנגענשאַפט אַן אומשולדיקער מענטש, אַ פאָטער פון קינדער.

ווען מען פאָרט אַרויף צום „קאָיט טאַוער", איז דאָס אינדזל — ווי מיט דער האַנט צו דערלאַנגען. איך זע קלאָר די פעסטונג, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט ריזיקע בערג, און דער שטורמישער ים ברויזט...

איך שטיי לאַנג, קוק שטאַר צו דער פעסטונג, זע די פענצטער, ווי ער איז געזעסן פאַרשפאַרט 30 יאָר אין אַלקאַטראַז מאָרטאָן סאָבעל. כאָטש ער איז שוין אַריבערגעפירט אין אַ צווייטער טורמע, זע איך אים אַ שטאָלצן, אַ מענטש — אַ סימבאָל פון מענטשלעכער ווירדע.

אַ מאַמע שטייט מיט אַ קינד, אַ ברוין־הויטיק מיידעלע, מיט ליבטיקע קאַרשן־אויגן, ביידע קוקן צו דער פעסטונג און דאָס קינד טייטלט מיטן פינגער: „מאַמע, פאַרוואָס איז ער דאָרט געזעסן?... זאָג, מאַמע?"

דער אַלקאַטראַז־אינדזל געפינט זיך אין מיין הינטער־באַוווסטזיין און מאַטערט: „פאַרוואָס לאָזט מען אים זיצן אין טורמע?".

ביינאַכט, אין שלאָף, זע איך מאָרטאָן סאָבעלן, אַ מענטש, וואָס כ'האָב קיינמאָל נישט געזען. ער טרייסט מיך, אַז נישט אַלע מאָל וועט פינצטער זיין, איך שטרעק אים אויס אַ ברידערלעכע האַנט. זיין האַנט

אין איידל און קנאַפּיק, זיינע אויגן — אַזוינע מילדע, פּאַטערלעכע וואָס רייסן זיך צו דער פרייהייט, צו זיין פרוי און קינדער.

און ווידער זע איך דאָס מיידעלע, וועלכע איז געקומען מיט איר מאַמען פרעגן: „פאַרוואָס לאָזט מען אים זיצן אין טורמע?"..

און די מאַמע זאָגט:

„עס הענגט א שאַרפע שווערד איבער מיליאָנען מענטשן, עס ווערן פאַרפאָלגט קאַטאָליקן, יידן, רעליגיעזע פירער, פשוטע אַרבעטער, ווייל זיי טראַכטן אַנדערש ווי א געזעץ-מאַכער אין ווייסן הויז"... און די מאַמע דערציילט ווייטער דעם מיידעלע:

— אַן אַרבעטער האָט זיך פרייוויליק אָנגעשלאָסן אין דער אַרמיי בשעת דער צווייטער וועלט-מלחמה, שפּעטער האָט ער באַקומען זיין „האָנאָראַבל דיסטשאַרדזש", אַוועק אַרבעטן, חתונה געהאַט, געוואָרן א פאַכמאַן אין א שאַפּ. דאָס פּאָרל האָט געאַרבעט — ער, און איין פלאַץ, זיין פרוי — אין אַן אַנדער פאַבריק. געווען זענען זיי פרומע קאַטאָליקן, געגאַנגען אין קירכע, באַלאַנגט צו א קלוב פון דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי, אויך באַלאַנגט צו דער יוניאָן פון זייער פאַך. נאָך עפּעס: זיי האָבן געלייענט די אַמעריקאַנער „ליטעראַטור" וועגן „אונער וועי אָוו לאַיף" און געחלומט זיך אַרויפצואַרבעטן, פאַרמאָגן אַן אייגענעם „רעגטש", אפילו מיט א „מאַרטגעדזש". אַלץ איז געווען אויסגעאַרבעט מיט אַלע דעטאַלן....

גרוים איז געווען דעם אַרבעטערס פרייד, ווען זיין „באָס" האָט באַקומען א קאָנטראַקט, וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיט וואָפן. דער באַלעבאָס האָט אים באַשטימט אַלס „פאָרמאַן" פון שאָפּ, און זיינע הענט איז אָנגעקומען די „בלו-פּרינטס", איצט האָט ער געזען ווי זיין חלום וועגן א רענטש איז פאַרווירקלעכט געוואָרן...

און א געוויסער צייט אַרום גיט מען אים זיין „פּעי-טשעק", מיט א בריוועלע, אַז זיין ליידטונג איז מער נישט נייטיק... ווען ער האָט גענומען פאָרשן און פרעגן פאַרוואָס, האָט ער זיך דערוווסט, אַז ער איז א „סעקיוריטי ריסק" און „דיסלאַיאַל" צו אַמעריקע...

זיין פרוי האָט אים געגעבן קוראַזש.

אַזוי שנעל ווי ער האָט באַקומען א ציטווייליקן דזשאָב, האָט ער אָנגעשטעלט א לאַיער, ווייל ער האָט נישט געוואָלט זיין אויף דער „שוואַרצער ליסטע" פון דער עף-בי-איי. דאָס געווינן האָט אים געפּלאָגט

פאַרוואָס אַזאַ פּאַטריאָט ווי ער, וואָס שטאַמט פון צענטן דור אַמעריקאַנער, זאָל ווערן פאַררעכנט פאַר אַ „צווייט־קלאַסיקן בירגער“.

מיט דעם האָבן זיך נאָך זיינע צרות נישט פאַרענדיקט, ער איז געווען פונקט ווי מאַסן אַנדערע, וואָס האָבן געהאַט דעם זעלבן גורל און האָבן פּרובירט זיך ריינוואַשן, אויסגעבן זייערע לעצטע סענטן און — געבליבן „שוואַרצע שעפּסן“.

ס׳איז האַרבסט, אינדיאַנער זומער, די נאַטור באַווייזט זיך אין אירע שענסטע קליידער, די פיל־פאַרביקייט פון גראָז, בלעטער, בלויער הימל — דערפרישט די נשמה.

דער זומער גייט אַוועק מיט פאַמעלעכע טריט, ער טרעט אָפּ דעם וועג, אַמאָל מיט גוטן און אָפט מיט בייזן... גרינע בלעטער אויף ביימער ווערן קופּער־רויט אָדער גאָלד־קאָלירט. באַלד קומען רעגנס, פאַרפלייצונגען, עס יאָגן אָן בייזע ווינטן, שלײדערן די פרוכטן און ניס פון ביימער, וועווריקעס זאַמלען איין די שפע, זיי באַגראָבן אין ווייכן באָדן, — שפּייז אויף ווינטער...

שלאַנגען און יאַשטשערקעס קריכן אַרויס פון באַהעלטעניש, וואַנדערן איבער אין געזיכערטע ערטער, זיי ציען זיך שנעל איבער די ברייטע אויטאָמאָבילשליאַכן, אַ סך ווערן צעמאַרשט פון שווערע רעדער.

פאַרן רעסטאָראַן, וווּ מיר שטעלן זיך אָפּ, ביי דער וואַנט, וווּ דער באָדן איז נידעריק, נעבן דער גרוב, האַרט ביים בוים, זענען מענטשן אַליאַרמירט געוואָרן. „אַ שלאַנג, אַ שלאַנג!“ — האָבן קליין און גרויס געשריגן; אַ געוואַגטער האָט געכאַפּט אַ לאַנגן שפּאַנדעל, די גרינע שלאַנג האָט געשיפּעט, געוואָרפן מיט דער „צונג“, דער פאַרמער האָט אויפגעהויבן דעם שפּאַנדעל, געצילט און מיט אַ ראָזמאַך, מיט דער שאַרף פון געצייג, זי צעשפּאָלטן אין צווייען. די שלאַנג האָט זיך נאָך געוואָרפן, די קינדערלעך אַרום האָבן זיך געפרייט, געטאַנצט און געפּאַטשט מיט די הענטלעך, גרויסע האָבן דעם געוואַגטן געקלאַפּט אין פּלייצע...

מיר האָבן געזען ווי די זינג־פייגעלעך פאַרלאָזן וועלדער און פעלדער, פייגל פאַרשידנאַרטיקע, מיט פאַרכאַפּנדיקע קאָלירן אויף זייערע פעדערן, אַזעלכע האָבן מיר נאָך קיינמאָל פריער נישט געזען. גאַנצע סטייעס גרויסע „ווילדע“ פייגל און קאַטשקעס פליען אין פאָרמאַציע אַ ביסל אייגנזייטיק, ווי ספּעציעל איינגעשטודירט...

די בלעטער זענען איצט פייערדיק-רויט, פון רויט פאַרבט זיי די נאַטור איבער אויף גאָלד, באַלד וועלן זיי צו דער ערד פאַלן. דאָס איז דער לעצטער גלי.

מיר פאָרן פאַרביי דעם געפאַרבטן מדבר. ריזיקע שטרעקעס פעלדזען אויס, ווי באַרימטע קונסט-מאָלער וואָלטן מיט זייער פענדזל אויסגעפאַרבט דעם מדבר מיט פאַנטאַסטישע קאָלירן.

מען פאָרט אַריין אין אַן אַלטן וואַלד, די ביימער, וואָס אין די אוראַלטע צייטן זענען זיי געווען פון האָלץ, זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שטיין „פעטריפייד"-האָלץ, אויך די שטיין-ביימער האָט די נאַטור אויסגעמאָלט מיט פאַרבנרייכע קאָלירן ווי אַ רעגנבויגן.

אַ ביסל ווייטער ציען זיך בלויע אָזערעס פאַזע דעם וועג; — רעכטס הויכע בערג, וואָס ווערן באַשיינט פון דער גאָלדענער האַרבסט-זון, וועלכע וואַרעמט אַזוי ליבלעך און בלענדט איבער דעם געדיכטן וואַלד, וואָס ציט זיך מיילן ווייט. דער גרינער וואַלד שמעקט מיט אַ פרישן אַראָמאַט, דורך די ביימער זילבערן זון-שטראַלן, די ברייטע פאַסן-שטרייפן מיגיען זיך אין ליכט און שאָטן. דער האַרבסט איז וואונדערלעך.

דער אויטאָמאָביל לויפט אַרויף אויף אַ שמאָלן וועג, פון איין זייט — הויכע בערג, צען טויזנט פוס, פון דער צווייטער זייט — טיפער אָפּגרונט, איין פינטל מיטן אויג און...

און פונקט דאָ, ביים טיפן תהום, ווו מען האַלט די נשמה אין האַנט און מען האָט מורא דעם אָטעם פון מויל אַרויסצולאָזן, ווערט אַ געדיכטער נעפּל, ווייס און געדיכט ווי זויער-מילך... דער וועג איז אַ געשלענגלטער, מיר פאָרן באַרג-אַרויף, אונדזער מאַשין גייט ביי דער אָפענער זייט, אַנטקעגן פאָרט אָן אַ לאַסט-אויטאָמאָביל, ער גייט באַרג אַראָפּ. מיר מאַכן פּלאַץ און אונדזערע רעדער רירן אָן דעם ראַנד פון אָפּגרונט...

און אָט ווערט לייכטער אויפן געמיט, דער שליאַך איז ברייט און גלאַטיק, מיר פאָרן גאַלאָפּ און יאָגן אָן אַ באַן. פון יענער זייט רעלסן ציט זיך אַ רוישיקער טייך, ער יאָגט זיך צו אַן אומענדלעכן ציל, זילבערט זיך אין דער זון, שלעפּט מיט אַלץ, וואָס קומט אים אין וועג... פון דער אַנדערער זייט טייך, אַ געדיכטער וואַלד, די נאָדל-ביימער שמעקן מיט שאַרפער האַרבסטיקער בלומען-דופט.

זע נאָר! אויפֿסגיי אַ שיטערער וואַלד, ער פֿאַרשטעלט דעם וואַסער־פֿאַל, עס זעט אויס, ווי זילבערנע לײַלעכער וואָלטן כוואַליעבווייז געפּלאַ־טערט אויף דער ערד.

אָט זענען מיר בײַם „טײַוולס אַפּגרונט“, דאָס איז דער ניאַגאַראַ־וואַסערפֿאַל, וועלכער איז טויזנט פֿוס ברייט און הונדערט 65 פֿוס טיף. פֿאַטשן, קומט און געפֿינט ווערטער פֿאַר די כוואַליעס, וואָס בלעזלען זיך קונציק אין דער שײַן פֿון דער שטראַלנדיקער זון! זעט דעם רעגנבויגן אין רוישיקע וואַסערן, וואָס ווערן געשטופּט פֿון שטראָם און ווילן נישט פֿאַלן... זיי שלאָגן זיך, זיי ווילן גיין אויף צוריק, זיי ווערן אָבער געשטויסן פֿון די אָנגעזאַמלטע שטראָמען בײַ די ברעגן, און פֿאַלן משוגעדיק מיט אַ קראַך...

אויפֿדערנאַכט, ווען די שטראָמען ווערן אילומינירט מיט קאָלירפֿולע פּראָזשעקטאָרס — בלוי, רויט, גרין, געל און ווײַס, מישן זיך די קאָ־לירן אין די וואַסערן און באַשאַפֿן פֿאַנטאַסטישע בילדער: ספּעציעל, ווען די זילבערנע לבֿנה באַווײַזט זיך מיט איר פּראַכט איבער דעם קלאָרן אויסגעשטערנטן הימל.

כּמעט שײַנקייטן די נאַטור האָט געגעבן דער וועלט און דעם מענטשן, און ווי רויק און געמיטלעך דאָס לעבן וואָלט געקאָנט זײַן, ווי אידיליש מען וואָלט געקאָנט דורכמאַכן דעם גאַנג פֿון לעבן, ווען נישט מלחמות, פֿאַרפֿאָלגונגען אויף דעם פֿרייען געדאַנק, און ווען ווײַסע טויבן זאָלן שוועבן איבער די הימלען אַנשטאָט די שוואַרצע רויב־פֿייגל, וואָס פֿליען און קראַקען איבער דער פֿרידלעכער ערד.

דער פֿרימאָרגן איז געווען אויסערגעוויינלעך שיין, דער הימל בלוי און דורכזיכטיק. ווײַסע וואָלקנדלעך, ווי שפּינוועבס האָבן זיך געצויגן איבער דעם ברייטן, גרויסן האָריזאָנט, אַ מילד ווינטל האָט געגלעט ס׳פּנים. אויף די ביימלעך, אין פֿראָנט פֿון „מאָטעל“, האָבן פֿייגעלעך געשפּרונגען אויף די צווײַגעלעך, געזונגען לויב דעם לויטערן פֿרימאָרגן.

עס איז נאָך פֿופֿציק מייל צום יעלאָוסטאָון פּאַרק. עס פֿילט זיך אַז אומרו אין געמיט. פֿרייד באַהערשט דיך אינגאַנצן. אָט זענען מיר שוין בײַם אַרײַנפֿאָר, בײַ קאַדי ראָוד. מיר פֿאָרן פֿאַרבײַ די הייליקע שטאָט שושנה. אָט זענען די פּרעכטיקע בערג, וואָס די נאַטור האָט אויסגעבויט,

אלערליי סטילן, פּאַלאַצן מיט „פּענצטער“, היילן, פּעסטונגען מיט „קוימענס“. באַלד באַווייזן זיך אויפשריפטן, אַ וואָרענונג: „זייט פאָרזיכטיק, היט די חיות, פאָרט זיי נישט איבער“. עס גלויבט זיך נישט, אַז ווילדע באַשעפענישן זאָלן אַרומלויפן פריי, נישט געצוימט, פּלוצעם דערזעט מען פון נאָר ווייט שפּאַצירן צוויי גרויסע „מאָנסטערס“. ווען מיר קומען צו נענטער, הייבט דער פּולס אָן זיך שנעלער באַוועגן, מיר האַלטן איין דעם אָטעם און — דערזעען אַ שוואַרץ גלאַנציק פערד מיט אַ זשרעביקל...

אין יעלאָוסטאָון פּאַרק איז רואיק, מען זעט נישט קיינעם. עס איז נאָכן וואַקאַציע=סעזאָן, די מענטשן זענען זיך צעפאָרן איבער דער לענג און ברייט פון גרויסן רייכן לאַנד אַמעריקע. מיר בלאָנדזשען, ווייסן נישט אין וועלכער ריכטונג זיך צו קערן.

אין געדיכטן וואַלד, אויף אַ ליידיק שטיקל סקווער, איז דאָ אַ שילדל, וווּ עס איז עפּעס אָנגעשריבן. גיי איך אַרויס פון דער מאַשין, קריך מיט געמאָסטענע טריט, ווייל ווייס, וואָס מענטשן האָבן דאָ אויפגעשריבן, ס'האַרץ קלאַפּט... עס זאָל זיך הינטנאַרום כאָטש נישט עפּעס יאַווען...

כך הוה, אַזוי שנעל ווי איך באַוויז צו פאַרמאַכן די טיר פון דער מאַשין, באַווייזן זיך צוויי ברוינע, ריזיקע בערן, וואַקלען זיך, און קוקן מיט די קליינע „גוטמוטיקע“ אייגעלעך אויף געסט פון מרחקים... און איידער וואָס=ווען, רוקן זיך אָן בערן פון אַלע זייטן, קלעטערן אויף די שיפּועדיקע בערג, ליגן ביי די ראַנדן פון שאָסיי, קוקן אַרויס, אַז די פּאָר בייפאָרער זאָלן זיי צוואַרפן אַ נאַש... קיין לייבן האָבן מיר נאָך נישט געזען, נאָר מען זאָגט, אַז זיי זענען דאָ... דאָ געפינען זיך חיות פון אַלע מינים — ווילדע אָקסן, הירשן, געמיש פון אַ הירש=אייזל.

דער פּאַרק געפינט זיך אויף אַ דורכשניטלעכן הויך פון פינף טויזנט פיס. אין „איגל= פּיק“ דערגרייכט ער עטוואָס מער ווי עלף טויזנט פיס. דער שטח פון פּאַרק פאַרנעמט 35 הונדערט סקווער מייל. איר זעט דאָ אַ זודיקן פאָנטאַן, וואָס לעבט אויף גענוי יעדע 66 מינוט, ער שפּריצט אַרויס פון די טיפע ערד=געדערים, הייסע שוועבל=וואַסער אויף אַ הויך פון הונדערט פופציק פיס. אין פּאַרק, וווּ מען זאָל זיך נישט קערן, פילט זיך די שטאַרקע לופט פון שוועבל=גאַזן. אין אַ סך ערטער ווו דאָס שוועבלוואַסער האָט אויסגעטריקנט, זעען זיי אויס ווי ווייסער אויסגעברענטער קאַלך.

און ווייטער — אַ ריזיקער באַסיין, רונדיק ווי אַ באַליע, דאָס וואַסער קאָכט און בלעזלט זיך, די היץ איז 180 פאַרענהייט. אין יעלאָוסטאָון

פּארק געפינען זיך צען טויזנט פאַרשידענע וווּנדער, וואָס די נאַטור האָט באַשאַפן אין פאַרלויף פון מיליאָנען יאָרן.

פון צפון צו דרום ציט זיך א טייך צוואנציק מייל לאנג, טייכן שלענגלען זיך דורך וואַלד, בערג און טאָלן. צווישן די בערג גיסן זיך שטילע און רוישיקע וואַסערפאַלן, און גיסן זיך צוזאַמען אין אָזיערעס. מיט א פריידיק געמיט און לעבנס־לאַנגע איינדרוקן, פאַרלאָזן מיר די פּראַכטפולע שיינקייטן.

מיר פאָרן פאַרביי די פּראַכטפולע פּאָרט־שטאָט סיאַטל, וואַשינג־טאָן. די פאַנטאַסטישע אָזיערעס ציִען זיך אויף א לענג פון 28 מייל. זיי שלענגלען זיך דורך געקייטלטע בערג, זיי גייען שטיל און שטורמיש, זיי פאַרבינדן זיך מיט אנדערע געזאַלצענע אָזיערעס, און שטראָמען אָן אויפהער.

די שטאָט איז ארומגערינגלט מיט געדיכטע וועלדער און האַלץ־פאַבריקן. אומצייליקע פּליטעס האָלץ, רונדיקע, ריזיקע קלעצער שווימען ארום די האָלץ־פאַבריקן. די שטאָט, וועלכע פאַרמאָגט א האַלבן מיליאָן מענטשן, מאכט דעם איינדרוק פון א מיליאָנעקער באַפעלקערונג.

מיר זעען דאָ די פאָנטאָן־בריק, וועלכע איז געמאכט פון קאָנקריט און ציט זיך איבער א טייך פאַרביי געדיכטע וועלדער. עס איז איינע פון די מערקווירדיקסטע קאָנסטרוקציעס. איינע פון די וווּנדער איז אויך די גרענד קולי דאַמבע, וועלכע מאכט א קאָלאָסאַלן איינדרוק.

סיאַטל פאַרבינדט זיך אויף דער צפון־זייט מיט קאַנאַדע, אויף מערב ציט זיך דער לאַנגער פּאַס ים־וואַסערן, ארום דריי טויזנט מייל, צו דרום פליסט דאָס וואַסער אריין אין דעם מעכטיקן קאָלאָמביא־ריווער...

יאָסעמיטי־פּאַרק פאַרנעמט א שטח פון 50 מייל, האָט א פאַרכאַפּנ־דיקע נאַטור־שיינקייט. די מענטשן וואָס קומען פאַר וואַקאַציע גרופּירן זיך בלויז אין „ענגען” טאָל, וועלכער איז א האַלבן מייל ברייט און זיבן מייל לאַנג. די סאַמע טיפקייט אין צענטער טאָל איז פיר טויזנט פיס. די שטיי־נערנע, הויכע גראַניט־ווענט, וואָס צוימען ארום דעם טאָל, דערגרייכט א הייך פון קאַרגע פיר טויזנט פיס. דורך די נאַטור־שטיינערנע ווענט, האָבן די נאָכאַנאַנדיקע שטורמישע וואַסערן אויסגעבויערט לעכער, שטראָ־מען די וואַסערפאַלן אריין אין פאַרשידענע טייכן.

דאָ זעט איר ביימער, וואָס ווערן געשאַצט אין הונדערטער יאָרן. דער „מארק טווען”־בוים דערגרייכט א הייך פון אריבער דריי הונדערט פוס. דאָ זעט איר אויך ברוינע און שוואַרצע בערן, הירשן, שרצים און

אַנדערע חיות, וואָס זענען „היימיש“ מיט מענטשן און קומען צוגאַסט נאָך שפּייז.

אָבער אויסער די פּראַכטיקע נאַטור־װוּנדער, אויסער די גלענצנדיקע רייכע גאַסן אין יעדער שטאָט, פאַרמאָגט אויך יעדע שטאָט אַ הינטערשטאָט, הינטער־גאַסן, וואָס זענען אַ זייער שאַרפער קאָנטראַסט צו דער עשירות פון דער שטאָט.

איר טרעפט זיך אָן אויף פיל אָרעמקייט, אויף חשכות איבער דער רייכער אַמעריקע, די אָפּגעשטאַנענקייט מישט זיך מיט די נאַטירלעכע רייכטימער, מיט די פּראַכטיקע איינריכטונגען, מיט די זעלטענע קאָנסטרוקציעס, וואָס אונדזער לאַנד האָט געשאַפן בלויז דעם לעצטן פערטל יאָרהונדערט.

אין די הינטערשטע גאַסן פון די שטעט, צווישן דעם רחבות, וואָס די נאַטור האָט באַשאַפן, זעט מען דערשלאָגענע מענטשן, וואָס האָבן נישט קיין העמד אויפן לייב. זיי וווינען אין ראַבלאָזע הייזער, אָן עלעקטריציטעט, אָן קלאָזעטן, אָדער וואַסערלייטונג. זיי פאַרמאָגן גרויסע פאַמיליעס, באָרוועסע קינדער.

דאָס איז אונדזער אַמעריקע, דאָס זענען די געמישטע איינדרוקן, וואָס מען טראָגט אַרויס פון אַ רייזע איבער אַמעריקע.

ליכט און שאטן אין האליוווד

איבער קליינע געסלעך אין האָליווד

אין אזא פרימאָרגן, ווען אלע שלאָפן ביז שפּעט אין טאָג אריין, האָב איך ליב אויפצושטיין גאנץ פרי, זיך ארויסלאָזן אויף א לאנגן שפּאציר איבער די קליינע געסלעך פון האָליווד, וואָס פירן בארג=ארויף צו דער צפון=זייט.

איך האָב ליב זיך איינצוהערן אין דער שטילקייט, באטראכטן די גרינע שיינקייט פון דער נאטור, זען ווי דער טוי האָט דורך דער נאכט באהעקט די גרינע גראָזן, וואָס געפינען זיך ווייט פון דעם טומלדיקן האָליווד=בולוואר.

פּלוצעם קומט א מענטש ארויס פון א זייטיקן וועג און דערנענטערט זיך צו מיר מיט געמאָסטענע טריט: „באַדי, קאָנסט אפשר אָפּשפּאָרן א קוואָדער?“

איך דערמאן זיך, אז די פרעסע האָט געלאָזט וויסן, אז היינט וועלן צדקה=אנשטאַלטן אויסטיילן צען טויזנט אומזיסטע „טורקי“=מאָלצייטן פאר הונגעריקע קינדער און דערוואקסענע, גיב איך אים א „קוואַדער“ און הייס אים גיין אהין.

אויפן ברייטן שליאַך לויפט=אָן א פאַסאַזשיר=אויטאָבוס מיט א גרויסן שילד. א שרייענדיקער אויפשריפט: „וועיק אָף אַמעריקאַ — די שעדאו איז ספרעדינג“ („וואַך אויף אַמעריקע — דער שאָטן שפּרייט זיך אויס“) — און ס'איז אויסגעמאָלט א „סערפּ און האַמער“.

איך גיי פארביי דעם לאנגפרע=פארק אין האָליווד. דאָס איז א קליין פארקל מיט גרינע ביימער. אין צענטער האָט האָליווד אוועקגעשטעלט א גראַניט=מאָנומענט, אַן אָנדענק פון רודאָלף וואַלענטינאָ.

צוויי מענער זיצן אויף א באַנק, עסן און שמועסן, ביידע טראָגן אָרעמע, שמוציקע קליידער. פון א דערבייאיקן פאָליציי=באציירק קומען אָן צוויי פאָליסלייט:

„וואָס טוט איר דאָ?“

„מיר עסן, היינט איז טהענקסגיווינג"...

„ווו האָט איר גענומען די גרויסע טאָרבעס מיט שפּייז?"

„וואָס די „סופּער־מאַרקעטס" וואַרפן אַרויס איז גענוג אונדז אָנצוזעטיקן".

„ווו האָט איר גענעכטיקט? פון וואַנען קומט איר? וואָס טוט איר אין האָליוווד?"

„מיר האָבן אַן אַפּאַרטאַמענט".

„אויף וועלכער גאַס?"

„אָט דאָ אַנטקעגן".

איין פּאָליסמאַן איז געבליבן אין פּאַרק, דער צווייטער איז געגאַנגען מיט איינעם פון די „פאַרדעכטיקטע". יענער האָט אים צוגעפירט צו אַן אַלטן אויטאָמאָביל, וואָס איז געווען אָנגעפּראַפּט מיט אַלטוואַרג... דער היטער פון געזעץ איז געבליבן אין אַ פאַרלעגנהייט.

„אַ דערלויבעניש צו טרייבן דעם אויטאָמאָביל האָסטו?"

„מיר האָבן, מיין „באַדי" האַלט דאָס ביי זיך".

„פונדעסטוועגן — קלייבט זיך אַרויס פון דעם פּאַרק, מיר ווילן דעם פּאַרק האַלטן ריין"...

דער טאָג איז נאָך אַלץ געווען באַטריבט. ווען איך בין פאַרביי דעם „הויף", וואָס רופט זיך: „קרייץ־וועג פון דער וועלט" און וואָס געפינט זיך לעבן דער „סאַקראַמענטאָ עגליז" — אַ קירך, וואָס איז געבויט אין איטאַליענישן סטיל, האָט דער גרויסער גלאָק זיך שטאַרק צעקלונגען. אַ גרויסער, איינזאַמער, פאַרבלאָנדזשעטער פויגל האָט זיך שטאַרק דערשראָקן, געקלאַפּט מיט די צעשפּרייטע פליגל און האָט זיך אָפּגעטראָגן...

דער „קרייץ־וועג פון דער וועלט" איז אַן אייגנאַרטיקער „הויף", וואָס פאַרנעמט אַ היפּשע שטרעקע מיט קליינע פאַרשידנאַרטיקע קראָמען.

אַ פּאָרל האָט זיך געשלעפּט איבערן הויף. די פרוי, נאָך גאָר אַ יונגע, עלעגאַנט־אָנגעטאָן, האָט זיך געריסן פון זיינע הענט: „לאָז מיך אָפּ! איך וויל נישט דיין געלט". ער, אַ סך עלטער, אויך פיין אָנגעטאָן, האָט זיך געטוליעט צו איר און גערעדט פּאָטערלעך־שיכור: „לאָמיר האָבן נאָך איין טרונק"...

די זון האָט דורכגעריסן די שווערע „בלאָקאַדע" פון געדיכטע וואָלקנס, זיך אָפּגעשפּיגלט אויף די קריסטמעס־אָרנאַמענטן פון האָליוווּדער בולוואַר. די גאַסן זענען געוואָרן באַלעבט מיט מענטשן, וואָס האָבן

פאַרריסן די קעפּ צו די דעקאָראַציעס און קאָלירפולע לעמפלעך, וועלכע באַצירן די געגנט.

נעכטן אָוונט איז דאָ פאָרגעקומען דער יערלעכער פּאַראַד, וואָס האָלט שוין אָן 30 יאָר. „פיל „שטערן" פון דער טעלעוויזיע און פילם האָבן אָנטייל גענומען. עס זענען געווען פאַרשידענע אַטראַקציעס: רייטער אויף קאָסטבאַרע פערד: איין פערד האָט געטראָגן אַ „קלייד" פון 22 קאַראַט גאָלד. אַ געשעפטסמאַן האָט געריטן אויף אַ פאַרשייט פערדל, וואָס האָט געטראָגן אַ „קלייד" פון גאָלד און זילבער. עס האָבן אָנטייל גענומען באַרימטע קלאָונס און קונצנמאַכערס.

אַ פערטל מיליאָן מענטשן זענען געקומען אויף האָליוווד־בולוואַר אַ קוק צו טאָן אויף באַרימטע „סטאַרס" אין קאָסטבאַרע קליידער.

דאָס איז געווען נעכטן אָוונט. היינט זענען די גאַסן פול מיט סימנים פון דעם נעכטיקן פּאַראַד. עס וואַלגערן זיך ליידיקע ביר־פלעשער, אויף די גאַסן איז אָנגעוואָרפן ווי נאָך אַ חתונה...

אויפן וועג צוריק אַהיים, נישט ווייט פון מיין גאַס, באַגעגן איך אַ באַקאַנטן אַרטיסט, וואָס האָט זיך באַטייליקט אין דעם פּאַראַד.

נעבן זיין הויז האָבן זיך דערהערט צאַרטע, קלאַסישע, מעלאָדישע פּיאַנאָ־טענער.

— דאָס שפּילט מיין ווייב, קומט אַריין ס'איז היינט טהענקסגיווינג, ס'איז אַ מצווה מכבד צו זיין אַ גאַסט.

מיר זענען אַריין אין הויז. דאָס שפּילן פון דער פּיאַנאָ איז שטיל געוואָרן.

— זיי באַקאַנט „מיל", דאָס איז אַ שכן, אַ יידישער שרייבער.

דאָס הויז איז איינגעאָרדנט מיט געשמאַק, אויף דער וואַנט הענגט אַ שלום־בילד.

אַ וויים אויסגעצוואָגן היטל האָט מיך באַגריסט, זיך גענומען לאַשטשען. אונדזער שמועס האָט זיך געוויקלט אַרום הונדערטער אַרבעטסלאָזע פילם־אַקטיאָרן. מיר האָבן גערעדט וועגן די הונדערטער מיידלעך, וואָס קומען קיין האָליוווד זוכן אַ קאַריערע, און וואָס ווערן אַנטוישט און פאַרצווייפלט. •

ווונדער פֿון האָליוווד

די קורצע און שמאָלע „לאַ מיראַדאַ“ אין האָליוווד מאַכט דעם איינדרוק פֿון אַ דאָרפֿיש געסל. ס׳איז שטיל און אידיליש. פֿון ביידע זייטן זענען איינגעפֿלאַנצט ביימער, און זייט פֿירט אַרויס אויף וואָס גאַס אין די מזרח=זייט צו אַ באַרימטער פֿילם=סטודיע, וואָס גרענעצט זיך מיט אַ בית=עולם פֿון פֿיל נאַציאָנאַליטעטן.

אײדער מיר גייען אַריין אין דעם געסל פֿון דער מערב=זייט שטויסט מען זיך אָן אויף „האָליוווד רעגטש מאַרקעט“, וווּ מען באַגעגנט קאָליהפֿולע טיפּן. דאָ ברויזט טאָג און נאַכט. די טירן ווערן קיינמאָל נישט פֿאַרשלאָסן.

פֿונקט אַנטקעגן פֿינקלען נעאָן=ליכט פֿון דעם „סטיוו אַלען טעלעוויזיע=טעאַטער“.

זייער אָפֿט ווערט דאָס אייגנאַרטיקע געסל פֿאַרצוימט, דערמיט קלייבט זיך דאָ צונויף אַ גרויסע צאָל מענטשן, וועלכע קומען באַוווּנדערן די קונצן און איינפֿאַלן פֿון דעם באַרימטן קאָמיקער סטיוו אַלען.

פּלוצעם באַווייזט זיך אַן אַפֿריקאַנער העלפֿאַנט פֿון ווייבלעכן מין, אָנגעטאָן אין גאָלד און אין זילבער, די נעגל מאַניקירט.

רייטנדיק, פֿירט סטיוו אַלען דעם העלפֿאַנט אַריין אין טעאַטער. דער העלפֿאַנט מאַכט קונצן, צימבלט אויף אַ פּויק, שפּילט קלאַרנעט און טאַנצט.

און אָט ווערט אַרויסגעצויגן אויף אַ הויכן מאַסט אַ „באַלקאָן“, וואָס ווערט צוגעפֿעסטיקט אין מיטן פֿון אַלומיניום=מאַסט. אין „באַלקאָן“ ווערט אַריינגעשטעלט אַ פּיאַנאָ. אַ מענטש ווערט אַרויפֿגעהויבן. דער מאַסט וויגט זיך און דער פּיאַניסט גיט „קאָנצערטן“.

אין אַ שיינעם אָוונט ווערט דאָס פֿינצטערע געסל שטאַרק באַלויכטן. אַ גרינער טעפּיך ווערט אויסגעשפּרייט אין צענטער. עס וואַקסן אויס „גרינע ביימער“ און אַ „גאָלדענער בלעטער=פֿאַל“. אַ געצעלט

ווערט אויפגעשטעלט אין מיטן דער לאָנקע — אזוי ווי די נאטור וואָלט באַשאפן...

און אָט ווערט אויפגעבויט א דאָרף, א ביר־שענקל, א „באַרבער־שאָפּ“, דאָרפס־לייט מיט וועגענער. עס וואַקסן אויס גרויסע, ריזיקע שטיי־נער, וואָס זענען באוואָקסן מיט גרינעם מאָך, ווי זיי וואָלטן שוין געווען טויזנטער יאָר אלט...

אַ רייטער קומט צופליען אויף אַ ווייס געזאָטלט פערד, פון אַ ביר־שענקל לויפן ארויס „קאו־בויס“ מיט ביקסן און רעוואָלווערן. מען שלאָגט זיך ביז בלוט, אזוי ווי אין די „ווילדע וועסט“...

א פרוי, וואָס שטייט נעבן מיר און האלט א חנעוודיק מיידעלע אויפן אָרעם און א גרעסער יינגעלע ביי דער זייט, טראָגט ארויס א שטילן פראָטעסט: „מיט דעם האָדעוועט מען גרויס און קליין! איז דען א וואונ־דער, וואָס מיר האָבן אזויפיל „דזשווענייל דעליקווענסי?“ (פארברע־כערישקייט צווישן קינדער).

אַ מאַן אין די פערציקער יאָרן, לייטיש אָנגעטאָן, זאָגט:

„זיי ברעכן איצט די קעפּ, די פילם־מאגנאטן. די בעסטע פילמען ווערן געמאכט אין אויסלאנד, די בעסטע האָליוודער שרייבער געפינען זיך איצט אין פאריז, רוים, יאָ אויך רוסלאנד שטייגט אריבער אמעריקע, דאָרט דערציט דאָס טעאַטער די יוגנט“.

די אַנטשטייונג פון האָליווד האָט זיך אָנגעהויבן אין יאָר 1887, ווען פראָספּעקט עוועניו איז געבויט געוואָרן אויף האָליווד בולוואַר און וועיסי עוועניו אויף וואין גאס.

מיט פינף און זיבעציק יאָר צוריק זענען דאָס געווען צוויי אָפּגעלאָ־זענע זאמדיקע געסלעך, וואָס האָבן געפירט צום „רענטש“ פון רייכן גוטבאַזיצער ווילאַקס. ווען ווילאַקס האָט צעטיילט דעם „רענטש“ האָט ער א נאָמען געגעבן איין גאס האָליווד־בולווארד, וואָס איז שפּעטער בארימט געוואָרן מיט איר צויבער און רייץ איבער גאנץ אמעריקע און אין אויסלאנד.

דער רייץ פון האָליווד ברענגט יעדן טאָג טויזנטער טו־ריסטן, ספּעציעל פרויען און יוגנטלעך, וואָס קומען מיטן געדאנק, אז אפשר וועלן זיי באגעגענען א פילם־שטערן. די פילם־שטערן אָבער גייען נישט אין די גאסן. זיי האלטן זיך אָפּגעזונדערט, מען קאָן זיי נאָר זען דעמאָלט, ווען עס ווערן אויסגעטיילט די יערלעכע „אָריקאַרס“ אָדער ווען עס ווערט געגעבן אַ פּרעמיערע.

צו אַן ערשטער פֿאָרשטעלונג, וואָס ווערט געגעבן אויסשליסלעך פֿאַר דער פּרעסע און ספּעציעלע פֿאַרבעטענע געסט, ווערן אין פּראָנט פֿון טעאַטער אויסגעשטעלט בענק מיט טויזנטער פּלעצער. דעמלט קאָן דער נייגעריקער עולם כאַפּן אַ בליק ווען די האָליוואָדער „שטערן“ קומען צופֿאָרן מיט גלאַנציקע לימוזינעס. און די יונגע מיידלעך, די „טין עיזשערס“, ווען זיי דערזעען זייער באַליבטן „שטערן“ ווערן זיי ממש ווילד פֿאַר פֿרייד.

דאָס „פֿאַרכאַפּנדע“ פֿון האָליוואָדער בולוואַר ציט זיך נאָר אויף אַ שטרעקע פֿון צוויי מייל — פֿון וואַין־סטריט ביז דעם „גראַומאַן טשאַיניז טעאַטער“. יעדן טאָג קומען דאָ הונדערטער מענטשן באַוווּנדערן די אַרכיטעקטור אין כינעזישן סטיל און דאָס ספּעציעלע פֿון דעם געבוי.

האָליוואָד בולוואַרד פֿאַרמאָגט בוך־געשעפֿטן מיט צענדליקער טויזנטער קלאַסישע ראָמאַנען, נאָוועלן, דראַמעס, וויסנשאַפֿט, די בעסטע ליטעראַטור פֿון די באַרימטסטע קלאַסיקער, בעלעטריסטיק און איבערזעצונגען פֿון פֿיל לשונות.

ווידער אין אַנדערע פּלעצער זעט איר הונדערטער זשורנאַלן פֿון ביליקסטן סאָרט, וואָס גיבן זיך נאָר אָפּ מיט סעקס, אינטריגעס, רויבערייען, פֿאַרגוואַלטיקונגען, רכילות, פּאָרנאָגראַפֿיע, ווילדע, אויסגעטראַכטע מעשׂיות וועגן פֿידעל קאַסטראָ, כינע, סאָוויעטן־פֿאַרבאַנד, פּוילן, יוגאָסלאַוויע.

מיר האָבן „פּעסעס“, פֿרייע בילעטן אַריינצוגיין זען אַ טעאַטער אין האָליוואָד. דאָס טעאַטער האָט 350 זיץ־פּלעצער און אין גאַס שטייען טויזנטער מענטשן, וואָס ווילן אַריין. זענען מיר, הייסט עס, פֿון די פּריווילעגירטע....

צווישן אַנדערע סצענעס, באַווייזט זיך אַ פֿרוי מיט אַ סימפּאַטישן אויסזען, ליכטיקע קלוגע אויגן — זי דאַרף אַרויסרופֿן געלעכטער ביים עולם.

ווען זי נעמט זיך באַוועגן אויף דער בינע, זאָגט צו מיר מיין פֿרוי:

— עפּעס אַ באַקאַנט פּנים.

— וואָס פֿאַלט דיר איין? — פֿרעג איך.

— איך קאָן שווערן — זאָגט שׂרה — און ווערט אַ ביסל אומרואיק.

— אפֿשר האָסטו געזען אין אַ מוווי אָדער גאָר אין ניו־יאָרק, פּאַריז אָדער טשיקאַגאָ מיט יאָרן צוריק?

— בשעת דעם איבעררייס וועל איך פרעגן דעם יונגנמאַן אָדער דעם „אַשער“, וואָס היט די בינע, פונוואַנען זי איז.

און אָט איז די פרוי פארשוואונדן הינטער די קוליסן. בעתן איבער־רייס גייט שרה צו צום „אשער“ און פרעגט: „דו קענסט די פרוי?“

עפעס דרייט ער זיך און וויל נישט גערן ענטפערן. באלד זאָגט ער „זי קומט פון ניו־יאָרק“.

— ווי איז איר נאָמען? איז זי אַ היגע געבוירענע?

דער בחור קוקט עפעס מיט פארדאַכט און ענטפערט נישט ווילנדיק „זי שטאמט פון פוילן“.

— קום—זאָגט שכה צו דעם יונגן סימפאטישן בחורל, פיר מיך הינ־טער דער בינע און איר „דרעסינג רום“.

און דאָרט גיט זי שרה א פרעג:

„קומסט נישט אמאָל פון טשענסטאָכאָוו? האָסטו געלערנט אין דער און דער שולע? איז דיין נאָמען געווען...“

ביידע האָבן זיך שטארק דערפרייט מיט דער זעלטענער טרעפונג. זיך דערקענט נאָך פערציק יאָר פון דער אלטער היים!

בילדער פון האָליוווד

מיר שפּאַצירן איבער אַ גאַס אין האָליוווד — און אַן אַגענט שטופּט בילעטן אין האַנט: „גייט, זעט טעאַטער, ס׳וועט גאָרנישט קאָסטן, איר קאָנט נאָך געווינען דעם „דזשעק פּאָט“ — דאָס גרויסע געווינס!“...

אין האָליוווד קאָנט איר אַרומגיין טאָג און וואָכן, זיך אָנזעטיקן מיט טעאַטער־שפּילן אָן אַ סענט געלט, און אויב איר זענט פון די מזל־דיקע, קאָנט איר נאָך אַרויסגיין מיטן גרויסן געווינס...

איבער גאַנץ לאָס אַנדזשעלעס איז אויסגעשפּרייט אַ נעץ פון פילם־סטודיעס, וועלכע פאַרנעמען ריזיקע שטרעקעס. זיי זענען אויסגע־שפּרייט איבער דער גאַנצער שטאָט און אויך ביי אירע ברעגן. אַלץ איז אַרומגעמויערט און אַרומגעצוימט און ביים טויער שטייט אַ וועכטער. דאָ ווערן פאַבריצירט גאַנצע פילמען און שטיקלעך ברעקלעך, וואָס ווערן שפּעטער דערגענצט מיט אַנדערע סצענעס, ביז עס ווערט אַ פול־שטענדיקער פילם.

דאָ אַרבעטן טעכניקער, מעכאַניקער, סטאָליאַרעס, אינזשעניערן, עלעקטריקער, פאַרבערס, פּלאָמבערס. זיי בויען אויף אַ „הויז“, אַ פּאַלאַץ מיט אַ גאָרטן, מיט פאָנטאַנען, סטאַטועס. אַלץ זעט־אויס עכט, גאַטירלעך... עס דויערט אָפט אַ וואָך און אויך מער אויסצומייסטרעווען אַ סצענע, וואָס דויערט אַמאָל נישט מער ווי מינוטן צום שפּילן און עס ענדיקט זיך מיט אַ „שׂרפה“ — און אַלץ גייט אַוועק מיטן רויך...

אויף טעלעוויזיע־פּראָגראַמען קאָן מען זייער לייכט אַריינגיין. ווען איר גייט איבער די האָליוודער גאַסן בעט מען זיך ביי אייך: „קומט אַריין, זעט די סאַמע גרעסטע, בעסטע אַקטיאָרן!“ פאַר „טי־ווי“ פּראָ־גראַמען, וואָס ווערן געמאַכט ווייט פון צענטער, ווערן ספּעציעלע אויטאָבוסן אייך פירן הין־און צוריק. אויב איר זענט מזלדיק וועט איר נאָך באַקומען אַ מתּנה, וואָס די „ספּאָנסאָרס“ שיקן ספּעציעל אַריין, טיילמאָל אַ ווערטפול אַרטיקל.

איידער דער פּאָרהאַנג הייבט זיך אויף (ס'רוב טעאַטערס האָבן גישט קיין פּאָרהאַנג) ווערט דער עולם אויפגעפאָדערט צו לאַכן אָדער פּאַטשן, ווען עס ווערט געגעבן דער סיגנאַל.

אָפט זעט איר ווי אין פראָנט פון א „טי־ווי" טעאַטער, אין גאַס, ווערט אויסגעשטעלט דאָס גאַנצע נויטיקע קלאַפּער־געצייג. עמעצער שפּרינגט פון א פענצטער אריין אין א ריזיקן וואַסער־באַסיין, א פרוי קומט ארויס פון א זייטיקער גאַס און ווינקט מיט אן אייגל. אַט לויפט אָן א לימוזין, די „ברעיקס" טוען א גרילץ, נאָך א האָר — און א קינד וואָלט געבליבן ליגן... די אַפּאַראַטן ארבעטן, דער נייגעריקער עולם שפּילט מיט, אָט איז אן עקזאָטישער טאַנץ — אַלץ אין גאַס — און דער עולם, וואָס זיצט אין טעאַטער זעט דאָס אַלץ אויף די „טי־ווי" שויבן, וועלכע זענען צעשטעלט אין טעאַטער.

די „פּאַטשערס", וואָס זיצן אין די פאָדערשטע רייען פּאַטשן, די „לאַכערס" לאַכן, הגם דער „הומאָר" איז אַ קנאַפּער.

אין טעאַטער ווערט מיטאַמאָל ליכטיק ווי די זון וואָלט פּלוצעם אַראָפּגענידערט איבער אונדזערע קעפּ. עמעצער פון די טעאַטער־מענטשן גייט ארום צווישן עולם און טיילט פּעקלעך זיסוואַרג פאַר די קינדער, וואָס זענען געקומען מיט די עלטערן.

די טראָטואַרן אויפן בארימטן האָליווד־בולוואַרד און וואַין־גאַס זענען אויסגעפלאַסטערט מיט גלאַנציקן גראַניט־בעטאָן. אויף יעדן שפּאַן איז מיט מעשענע גלאַנציקע אותיות אויסגעזעצט א נאָמען פון א האָ־ליווד־„שטערן", וואָס האָט אַמאָל געשיינט אָדער פון די, וואָס גלאַנצן נאָך איצט: פון אַ דזשאָן באַרימאָר ביז עלוויס פּרעסלי און דעם הונט רין־טין־טין..."

שפּאַצירנדיק איבער האָליווד, קאָן מען לייענען איבן אַספאַלט הונדערטער נעמען פון פידל־ווירטואָזן, פון בארימטע דיריגענטן, טעאַטראַלן, פילם־ און סצענאַריע־שרייבער פון די פאַראייניקטע שטאַטן און פון אַנדערע מערב־לענדער.

דאָ געפינען זיך צענדליקער פילם־הייזער, איינס נעבן אַנדערן. פאַר דריי קוואָדערס קאָן מען דאָ איבערזיצן אָדער איבערשלאָפן א גאַנצע נאַכט...

פון מיין הויז צום ראַשיקן לעבן דאָ, אין האָליווד — איז אַ שפּאַציר. אין מיין פרייער צייט ווייס איך שוין ווו צו טרעפן אן „אויסגעלאָ=

שענעם שטערן", וואָס האָט אַמאָל געשיינט. אנדערע דערקען איך אין זייער הילך אָדער כאַראַקטער־ראָלן, וואָס זיי האָבן אַמאָל געשפּילט. זייער איצטיקע דאָליע איז נישטאָ וואָס מקנא צו זיין.

די לעגיטימע טעאַטערס זענען צעוואָרפן איבער דער גאַנצער שטאָט. אָפט ווינען די אַקטיאָרן אין זייטיקע צימערלעך פון טעאַטער, אָדער בינע. די מער אָדער ווייניקער ערנסטע שוישפּילער, א גרויסער טייל סטודענטן, יונגוואַרג, יונגעלייט און מיידלעך — קומט אָן זייער שווער זיך אַרויפצודראַפּען אויפן לייטער פון קונסט און באַרימטקייט.

אַט־די צענדליקער טעאַטערלעך האָבן נישט קיין בינע, קיין דעקאָראַציעס, זיי האָבן נישט מער ווי א פופציק ביז הונדערט זיצפּלעצער. די בענק צום זיצן זענען פּשוטע, אָפט אפילו פון נישט־געהובלטע ברעטער. אָבער האָס שפּילן איז עכט, האַרציק, ווייניקער שונד ווי אין די גרויסע אָנערקענטע טעאַטערס מיט באַרימטע שוישפּילער. דאָ ווערן אויפגעפירט ווערק פון רוסישע, פראַנצויזישע, ענגלישע, איטאַליענישע און אַמעריקאַנער דראַמאַטורגן. און אָט האָב איך אָנגעטראָפן אין א קליין טעאַטערל, אויך אָן אַ בינע, אָן דעקאָראַציעס, ווו מען פירט־אויף שלום עליכמס „טביה דער מילכיקער". בילעטן זענען אויספאַרקויפט פון וואָכן פאָרויס.

זיצן מיר ווידער אין א טעאַטער, ווו דער עולם שפּילט מיט מיט די אַרטיסטן. די סצענעס זענען קורץ, פול מיט הומאָר און סאַטירע. א שדכן באַווייזט זיך. דער עולם שרייט צום מיידל: „ער איז א שווינדלער, ער וועט דיך פאַרפירן אין אַ שלעכטער געזעלשאַפט, ער האָט נישט קיין חתן..."

עס איז גראָטעסק און שאַרזש און דער עולם איז „עקסאַיטעד" און האָט גרויס הנאה פונעם מיטשפּילן.

אויף די אָרעמע בינעס טרעפט מען אָפט באַרימטע שוישפּילער פון פילמען. זיי בענקען נאָך א לעבעדיקן עולם, אָדער זיי קומען העלפן די אָנפאַנגער. מ'קאָן דאָ אויך זען דירעקטאָרן, וואָס זענען היינט מער אָדער ווייניקער באַרימט, וועלכע קומען „צולייגן א האַנט", כדי צו דערמוטיקן די, וואָס טרוימען צו ווערן שוישפּילער, אָדער רעזשיסערן.

אַ גאַס אין האָליוווד

סאַנסעט בולוואַר איז דאָס פאָדערהויז פון האָליווּד. די גאַס ציט זיך אויף אַ שטרעקע פון עטלעכע און צוואַנציק מייל פון מזרח צו מערב, פון דאון־טאון ביז ים־ברעג.

ווען מיר פאָרן ארויס פון וואָקזאל, באגעגענען מיר א נעץ פון זיגזאגישע בריקן און שליאַכן, ווו עס גליטשן זיך פארביי מיט א מורא־דיקער שנעלקייט אויטאָמאָבילן, ווי זיי וואָלטן געלאָפן לעשן א שרפה.

באלד באגעגענען מיר דעם מעקסיקאנער „ווילעדזש“, אזוי ווי מ׳ה האָבן דאָס געזען אין מעקסיקע און די אָרעמע געגנטן. אין די קעלערן טאנצן סיניאָריטעס מיט „קאַסטאַנעטן“. מענער זינגען מעלאנכאָלישע ליבע־לידער. באלאלאיקעס דערגענצן די פראָגראמען און הייטערן אויף די געסט, וואָס זיצן ביי די טישן, עסן „טאָרטיאַס“ און פארווײלן זיך...

די גאס איז געדיכט אויסגעשטעלט מיט „געשעפטן“ וואָס פארקויפן „סאָמבעראָס“, פאטשערקעס, געבראָטענע פליישן, אייגנארטיקע קאָליר־טע טעלער, ליימענע קריגעלעך, אָרנאמענטן, לעדערנע בייטלען און שיך. אליץ טראָגט אויף זיך דעם מעקסיקאנער שטעמפל פון אָרעמקייט.

איין שפאַן ווייטער קומט איר אריין אין כינעזישן קווארטאל, וואָס פירט אייך אוועק אין די אָריענטאלישע געסלעך מיט זייער מיסטעריעזן אויסזען.

אין א זייטיקער גאַס האָבן צוויי מענטשן געגראָבן א קאנאווע פאר א קאנאליזאציע־רער, פון איינעם גיסט זיך דער שווייס... צו דעם ליגן אָרעם איז צוגעפעסטיקט אן „ערזאץ־האנט“, וואָס פארענדיקט זיך ביים סוף מיט אן אייזערנעם האטשיק אנשטאָט פינגער. ער האקט מיט דער פיקע די האַרטע ערד און ווארפט קונציק ארויס די אָפגעהאקטע שטי־קער.

פון ווייטן זעט מען א כאפטע קינדער שפילט זיך אויף א גרויסן ליידיקן „לאָט“ מיט באָרוועסע פיסלעך לויפן זיי איבער ברוכווארג פון

האָליץ, שטיינער און גלאָז. מיט א בעסער אָרט צו שפּילן זיך האָט מען זיי נישט באזאָרגט.

מיר זענען געבליבן שטיין אויף סאנסעט בולוואר און וואין־גאַס. א טעלעוויזיע־רעפּאָרטער איז געשטאנען אין א רעדל פון א היפּשן עולם פרויען און מענער, די מערסטע „טין עידזשערס“. דער רעפּאָרטער האָט געשטעלט פראַגן, וואָס זענען צוזאַמען מיט די ענטפערס, רעקאָרדירט געוואָרן.

צווישן די הויפּט־פראגן איז געווען: „וואָס איז אייער פארלאנג אין לעבן?“ ס'רוב מענטשן האָבן געענטפערט, אַז זיי ווילן זיין רייך, האָבן ספּאָרט־קארס, שיינע קליידער, „גוד טיימס“, זיין באַרימט ווי די און יענע אַקטריסע און אַזוי ווייטער. ס'זענען אויך געווען אַנדערע, וואָס האָבן געזאָגט, אז זייער פארלאנג איז — אַ באַקוועם לעבן, און דער עיקר — עס זאָל זיין שלום אויף דער וועלט.

נעבן דעם „אוניווערזיטעט פון דזשודאיזם“ האָבן מיר באגעגנט א באקאנטן מיטליאָריקן יידישן אקטיאָר. פון צייט צו צייט טרעט ער אויף אין א „סקעטש“ אין דער טעלעוויזיע, שפּילט אין לעגיטימע טעא־טערס און אמאָל קריגט ער אויך א קליינע ראָל אין פילם.

ער האָט אונדז פארבעטן אין א געמיטלעכן שטילן פלאץ אויף א „נאַש“ און א שמועס. ווען מיר האָבן גערעדט האָט ער געשוויגן און זיך זייער אויפמערקזאם צוגעהערט. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן אזוי:

„ווען ס'וועט קומען דער היסטאָריקער און פּסיכאָלאָג, וואָס וועט זיך וועלן דערגרונטעווען צו דעם גליקלעכן לעבן פון די באַרימטע שיינהייטן אין דער איצטיקער מווי־וועלט, וועלן א באזונדער אָרט פארנעמען די פאַ־ראזיטן, פאר וועמען עס עקזיסטירט בלויז איין געבאָט — אריינשארן וואָס מער געלט. דאָס האָבן זיי געטריבן מערעלין מאָנראָו צו זעלבסט־מאָרד. זי איז געווען א שפּילצייג אין זייערע הענט.

די מאגנאטן פון דער פילם־אינדוסטריע ווילן נישט ברענגען דאָס רעאלע, דאָס מענטשלעכע. אלץ ווערט צוגעשניטן צו זייערע אַפּעטיטן. דאָס פאלשע ווערט גלאָריפיצירט.

דאָרט, ווו מיר זענען געזעסן, איז געווען אַ קליינע, דע־קאָרירטע בינע. דער קאָנפעראנסיער (צערעמאָניע־מייסטער) האָט אנגאָ־

סירט, אז איצט קומט אַ גרויסע סענסאַציע. עס האָט זיך באַוויזן אַ יונג נעגער־פּאָרל, אין אַן אינסצעניזירונג, וואָס איז געווען זייער געוואַגט — אויפן חשבון פון „ווייסע דזשענטל־לייט“. נאָך דער סצענע, וואָס האָט ארויסגערופן א שטארקן אפּלאַוז, האָט זי אויסגעטאנצט די „בליוס“ אויף זייער א גראַציעזן אופן. ווען זי האָט געטאנצט האָבן צוויי מוזי־קאלישע אינסטרומענטן „געלאכט“ און „געוויינט“. אינמיטן טאנצן האָט זיך באוויזן א נעגערישער עלאסטישער יונגערמאַן, וואָס האָט ארויס־גערופן גרויס אָנזען.

— „עס וועט קומען א צייט — זאָגט אונדזער פריינד, — אז אין פילמען וועלן ווייסע און נעגערישע שוישפּילער ווי גלייכע צוזאַמענאַר־בעטן. אַ ביסל האָט זיך שוין אַ ריר געטאָן אין דעם פּרט, כאָטש דער נעגערישער קינסטלער האָט נאָך א סך דורכצוגיין, ביז ער וועט קריגן די פולע אָנערקענונג, צו וועלכער ער איז בארעכטיקט“.

אזוי האָבן מיר פארענדיקט דעם ערשטן טאָג אויף א גאַס אין האָ־ליוווד, אין א טאָג ארום האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אין דער בארימטער „שוואבס“, וואָס איז א קאָמבינאציע פון א רעסטאָראן און קאָסמעטיק־קראָם. דאָ קומען זיך צוזאמען געשעפטסלייט און פילם־סטארס.

ווען איר גייט ארויס פון „שוואבס“ באגעגנט אייך א פארכאפנדיקע פּאנאָראמע. פון דער צפון־זייט זעט איר שמאָלע געדרייטע געסלעך, וואָס שלענגלען זיך פאנטאסטיש. הייזער שטייגן איינס איבערן אנדערן ביז צו די העכסטע בערג.

א ביסל ווייטער צו דער מערב־זייט זעט איר טעאטערלעך איינס נעבן אנדערן, נאכט־קלובן, קאפעען מיט וועראנדעס, אָפענע און פאר־מאכטע, מיט גלעזערנע ווענט, טישלעך אויף די טראָטוארן און רעסטאָ־ראנען פון פיל נאציאָנאַליטעטן. אין די אָוונטן איז דאָ א קאָלירפול ווינקל. פון דער הויכקייט זעט איר די שטאָט — ווען זי איז איינגעטונ־קען אין „סמאג“ — מיט אירע שימערנדיקע נעאָן־ליכטער.

באלד דערנעבן, קוים צו באמערקן, שטייט א קרום הייזל באוואָקסן מיט ווילד־גראָז. צוואנציק טרעפּ אראָפּ פירן צו א פּארק מיט אייזערנע טירלעך. דאָ האָט עמעצער איינגעאָרדנט א קונסט־גאַלעריע, אן אויס־שטעלונג פון בילדער. ווען איך גיי אין די לאבירינטן און דערזע די מי־ניאַטור־בינע דערמאנט זיך מיר, אז איך בין דאָ געווען מיט יאָרן צו־ריק. עס זענען דעמלט אויפגעפירט געוואָרן טעאטער־שפּילן, וואָס האָבן

געמאַכט אַ רושם. סיי די פּיעסן און סיי די טאַלאַנטפֿולע אַמאַטאָרן האָבן באַגייסטערט דעם עולם. עס דערמאָנט זיך, אַז ביים לעצטן אַקט איז איינער פֿון די שוישפּילער אַרומגעגאַנגען מיט אַ טאַץ און די יונגע באַגייסטערטע צושויער האָבן געוואָרפֿן מטבעות. מיר האָבן אין יענער צייט, אין דעם קליינעם זאַל פֿון עטלעכע צענדליק זיץ-פּלעצער, געזען ליאָן פֿייכטוואַנגערס דראַמע „דער טייוול פֿון באָסטאָן“, וואָס האָט אָפּגעשפּיגלט אַ שטיק פֿינצטערניש אין סעילעם, מאַסאַטשוזעטס פֿון סוף זיבעצנטן יאָרהונדערט.

ווען מיר פֿאַרלאָזן האָס „ווינקל“, פֿאָרן מיר פֿאַרביי דעם געשעפֿטדיסטריקט — אַ געגנט פֿון עקסקלוזיווע געשעפֿטן. אַהין קומען מענטשן, וואָס קאָנען באַצאָלן אַ טייערן פּרייז פֿאַר די בעסטע אַרטיקלען, ווייל דאָס ווערט שוין פֿאַררעכנט ווי אַ טייל פֿון דער בעווערלי-געגנט. אַ הויז צווישן די בערג און ביימער קאָסט מער ווי אַן אַרבעטער פֿאַרדינט אַ העלפֿט פֿון זיין לעבן.

מ'האָט אונדז אַריינגעפֿירט אין אַ קלוב, וואָס איז געווען טונקל-רויט באַלויכטן. פֿון די אַבאַזשורן האָט געשטראַלט אַ ווייכע ליכט. די ווענט זענען געווען פֿיין באַמאָלן מיט מענטשן, פֿייגל, ביימער און טייכן. עס האָט געשמעקט מיט פּערפֿום און אַלקאָהאָל.

אײדער מיר זענען אַריין איז צוגעפֿאָרן אַ ספּאָרט-אויטאָמאָביל פֿון גאָלד-קאָליר. אַ פּאָרל איז אויסגעשטיגן. דער באַדינער האָט „געכאַפּט“ די מאַשין, אַוועקגעפֿירט און באַלד געקומען צוריק און געשטאַנען גרייט פֿאַר נייע געסט.

פֿאַראַן קלובן וווּ קיין זייטיקער מענטש קאָן ניט אַריינקומען, מיטגלידער קאָנען אָבער מיטברענגען געסט. באַלאַנגען צו די קלובן קאָסט אַ סך געלט. אַהין קומען הערן און דאַמען אַ לעב-טאָג.

אויפֿן דריטן טאָג פֿון אונדזער שפּאַציר האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט ביים שפּיטאָל פֿון די וועטעראַנען. דאָ ליגן נאָך קראַנקע פֿון דער ערשטער וועלט-מלחמה. ערשט מיט אַ קורצער צייט צוריק איז דאָ געשטאָרבן אַ טשעכאָסלאָוואַקישער לאַנדסמאַן, אַ קרבן פֿון דער ערשטער וועלט-מלחמה.

פֿון דאַנען קומען מיר צו „בעל עיר“, דאָ פֿאַרנעמען מיר זיך אויף זייטיקע וועגן, ווייל דאָס איז די רייכסטע געגנט פֿון געשעפֿטסלייט און מיליאָנערן. אַ היים אין „בעל עיר“ איז מיט גאָלד צוגלייך. די הייזער זענען פֿאַרשטעלט מיט ביימער און בלומען, וואָס זען זיך קוים אַרויס. די גאַסן זענען געדרייט ווי אַ שרויפֿנציער און שטיל איז דאָ אַ מחיה...

ווען מיר זענען אריינגעקומען אין איין הויז אזא, האָט אונדז אי־בערראַשט אַ רויקער סאַלאָן, ווי פון די אַמאָליקע אַדעליקע. מיר זענען צוריק אַרויסגעפאָרן אויפן רחבותדיקן סאַנסעט־בולוואַר, וואָס האָט געשמעקט מיט פריש־געשניטן גראָז, די ביימער זענען דאָ גרין פון ביידע זייטן. גערטנער גיבן אכטונג, אז די שיינקייט ארום די פלאנצן זאָל נישט געמינערט ווערן.

און אָט געפינען מיר זיך אין ריזיק־גרויסן „וויל ראדזשערס סטעיט פאַרק". מיר פאָרן איבער דער לענג און ברייט. עס זעט זיך נישט קיין מענטש. אין א ווינקל נעבן געדיכטע קוסטעס באמערקן מיר ליגט א „פעקל". מיר גיבן דאָס אַ טאָרקע — רירט עס זיך מיט אַן „אוי"... אַ מיטל־יאָריקער מאן איז געלעגן איינגעמאסטשעט. מיד, אָן א היים, נישט שיכור, אויך נישט קיין „ביטניק". מיר האָבן אים ארויסגעפירט אויפן בולווארד און ער האָט ווייטער געשפאנט...

אַ בלומען־גן־עדן אין קאַליפאָרניע

צוואַנציק מייל פון לאָס אַנדזשעלעס אויף דער צפון־זייט, געפינט זיך אַ גאָרטן מיט טויזנט מינים בלומען, וועלכע זענען עקזאָטיש, פאַרכאַפּנדיק, רייך אין קאָלירן פון הונדערט טויזנט מוסטערן, וואָס זענען געבראַכט געוואָרן פון פאַרשידענע וועלט־טיילן, געפלעגט אין פאַרלויף פון דריי טויזנט יאָר.

דער שטח פאַרנעמט צענדליקער אַקער לאַנד אין אַ טאָל, אַרומגערינגלט מיט הויכע געקנייטשטע בערג. די בלומען־ביימער פון פאַרביקע רויזן הערגרייכן אַזש צוואַנציק פוס הויך; אַנדערע וואַקסן נידעריק און געדיכט. די קאָלירן זענען פשוט באַצויבערנדיק. פאַר מענטשן, פאַר וועמען ס'איז שווער צו שפּאַצירן איבער דער גרויסער שטרעקע, איז דאָ אַ ספּעציעלע באַן, וואָס פאָרט אַרום איבערן גאַנצן וואַלד פון בלומען.

איר זעט ווי די זון באַגילדט די בלוט־רויטע און שניי־ווייסע רויזן. פאַרשידנאַרטיק ווי עס זענען די בלומען, זענען אויך די מענטשן, וועלכע קומען אַהער און רעדן אויף פאַרשידענע לשונות. יעדער איינער דריקט אויס אויף זיין שפּראַך די באַוווּנדערונג פאַר דער שיינקייט.

צו די אומבאַשרייבלעכע קאָלירן פון די בלומען קומען נאָך צו די קאָלירן פון אַלערליי פייגל, וואָס מאַכן דאָ זייערע נעסטן און פאַרמאָגן פעדערן פילפאַרביקע אַזוי ווי די בלומען.

יעדן טאָג שפּראָצן אַרויס פרישע בליונגען מיט נייע קאָלירן, איידער איין בלומען־אָפּטיילונג ווערט פאַרוויאַנעט, וואַקסן אַרויס נייע פאַנטאַסטישע קאָלירפולע בלומען.

איר שפּאַצירט איבער די אַלייען און זעט, ווי קנאָספּן עפענען זיך: איר זעט ווי דאָס לעבן פון אַ בלום ווערט געבוירן, מיט שיינקייט צו דער וועלט צום מענטשן.

דאָ און דאָרט פליסט אַ טייכל. עס פליוסקען זיך קאַמישקעלעך מיט גאָר־וואָס אויסגעבריטע געלינקע קינדערלעך. אָט לויפט אָן אַן אומשע־

לעד היהלע איבער א בריקל. ביים קלייגוואוג, וואָס באמערקט דאָס, איז עס א גרויסע פרייד.

זייער אָפּט קומען דאָ פאָר בלומען־אויסשטעלונגען. צו די אויסשטעלונגען ווערן געבראכט די שענסטע בלומען פון קאַליפאָרניע.

גייענדיק אזוי איבערן גאָרטן האָבן מיר געשמועסט, אז אין אזא פּלאַץ וואָלטן זיך אריינגעפּאסט עטלעכע סטאַטוען, אזוי ווי אין די גערטנער און פּאַרקן פון איטאַליע, פראנקרייך און אנדערע אייראָפּעישע לענדער: סטאַטועס פון פרענקלין, ד. רוזוועלט, לינקאָלן, טעאָדאָר דרייזער, העמינגוועי, לאָנגפעלאָ, ערנעסטין ראָוז, עמאַ לאַזארוס, דזשעק לאָנדאָן, מאַרק טווען, חיים סאַלאָמאָן, ראָבערט פּרעסט, ביל הייווד, דעבס, קלאַרענס דעראָו, פּראָפעסאָר איינשטיין, יודזשין אָניעל, און פיל אנדערע העלדן און קינסטלער, וועלכע האָבן בארימט געמאכט דאָס לאנד מיט זייער פּערזענלעכקייט. אויב אונדזער לאנד אמעריקע קאָן אויסגעבן ביליאָנען דאָלאַר פאַר די דיקטאַטורן פון סינגמאַן רהי, טשאַנג קאי־שעק, אויפצוהאלטן זייערע בלוטיקע רעזשימען, דאַרף אוודאי קלעקן געלט צו באשיינען אונדזערע סקווערן, פּארקן, גערטנער.

עס גיידערט די זון. אירע פרעכטיקע פארבן מאָלן דאָס פאַנטאַסטישע איבערן האָריזאָנט. צוויי יונגע מענטשן גייען מיט געמאָסטענע טריט, זינגען אין דער שטיל א ליד אין יידיש:

„גיי איך אזוי ביים ברעג פון ים

און זוך דיך אלץ ארום...

מאַהאַטמאַ גאַנדי

סאַנסעט בולוואַר איז פאַררעכנט אַלס איינער פון די רייכסטע געגנטן אין לאָס אַנדזשעלעס, דאָ געפינט זיך דער באַרימטער „סאַנ־סעט סטריפּ“ מיט אירע „ראָסקאָשנע“ נאַכט־קלובן: פראַנצויזישע, אי־טאַליענישע, כינעזישע, און אַלערליי אַנדערע רעסטאָראַנען, עקסקלוזיווע געשעפטן מכל המינים. אַהער קומט די „בעסערע געזעלשאַפט“ איינקויפן און אַ לעב טאָן... דאָ לעבט די נאַכט ביז גרויען פרימאָרגן. אַהער קומען „אויסגעלאָשענע שטערן“ און נייע האָליוווד־„סטאַרס“, וואָס הייבן ערשט אָן שימערירן, סתם — אַרטיסטן, מאָלער און לײדיקגייער, וועלכע לעבן פון כאַפּ־לאַפּ. דאָ שווינדלט מיט גלאַמאַר און אויבנאויפיקן גלאַנץ, רייכטום און סקאַנדאַליעזע געשעענישן...

סאַנסעט בולוואַר ציט זיך אויף אַ שטרעקע פון מזרח צו מערב ביז דעם פּראַכטפולן „פּאַליסעיד“־בולוואַר. דער בולוואַר איז פאַרפלאַנצט מיט ביימער, גראָזן און בלומען. ער איז הויך איבערן ים און דערפרישט מיט דער איינדרוקספולער פּאַנאָראַמע, ווו יעדע סוף וואָך, באַזונדערס זונטיק, באַגעגענען זיך פריינד און משפחות.

דער דורכפאָר איבערן סאַנסעט־בולוואַר פאַרכאַפּט מיט שיינקייט און שמעקט מיט די פיינע אַראָמאַטן פון ביימער און בלומען. אַלץ זעט דאָ אויס איינגאַרטיק.

א ריזיקער שטח אויף דער צפון־זייט צווישן בערג און טאָלן, בלומען און וואַלד, וווינען גאָר רייכע מענטשן פון דער טעאַטער־וועלט אין גײ געבויטע הייזער, וואָס פאַרנעמען אַ גאַנצן סקווער. איבער דעם גרויסן שטח שטייען פאַרקויפער מיט מאַפּעס, וועלכע ווייזן אָן ווי אַזוי זיך צו אָריענטירן, כדי צו זען די הייזער, ווו עס וווינען באַרימטע אַקטיאָרן און אַקטריסעס. זייער אָפט זענען די טוריסטן אַנטוישט, ווייל די מערסטע הייזער זענען פאַרשלאָסן, די באַלעבאַטים געפינען זיך גאָר אין דער שווייץ, אין לאָס וועגאַס, אַקאַפּולקאָ אָדער — ...

איינגעהילט אין דער שיינקייט פֿון נאַטור־באַשאַף, שטייען די ריזיקע פּאַלאַצן אין פֿאַרבנרייכע סטילן און אייפֿלערישער אַרכיטעקטור. דער וועג איז אַ זיגזאַגיקער און וואָס רייכער דער מענטש, אַלץ העכער אויף אַ באַרג שטייט זיין „אימעניע“.

און אָט זעט זיך פֿון ווייטנס, אויף דרום־זייט סאַנסעט־בולוואַר נומער 17190. דער אַריינפֿאָר־טויער איז באַצייכנט מיט גאָלדענע קופּאָלן, וועלכע זענען ענלעך אויף אָריענטאַלישקייט — דאָ, אין דעם פּאַרק איז באַהאַלטן אַ טייל פֿון מאַהאַטמאַ גאַנדיס אַש. באַלד ביים אַריינפֿאָר ווערט מען אַרומגענומען פֿון דער פֿרידלעכער אַטמאָספֿער. שטילע, צאַרטע, קלאַסישע און ליטורגישע מוזיק גיסט זיך כוואַליענדיק איבער די צוועלף אַקער־לאַנד, גיסט זיך ווי שטילע פֿאָנטאַנען, דרינגען אַריין אין דער געמיטלעכקייט פֿון יעדן באַזוכער.

אין סאַמע צענטער געפֿינט זיך אַ „לעיק“ וואָס פֿליסט אָן אויפֿהער פֿון בערג אין ווייטע שטרעקעס. ביים אַריינגאַנג צום פּאַרק שטייען פֿינף מאָנומענטן, וועלכע סימבאָליזירן פֿינף פֿון די עלטסטע רעליגיעס: — יידישע, בודאַיזם, מוסולמענער, הינדוס און קריסטנטום.

דאָ זעט מען זעלטענע כינעזישע ביימער פֿון רייז און פֿעפֿער, באַלד דערנעבן שטייט אַ ווינט־מיל, ווו דער אַריינגאַנג ווערט יעדן זונטיק פֿאַרוואַנדלט אין אַ „מעטשעט“ פֿאַר תּפֿילות. כמעט אין גאַנצן פּאַרק באַגעגנט מען אַנטיקן, וואָס ווערן באַוווּנדערט.

די צוועלף אַקער־לאַנד, וואָס דער פּאַרק פֿאַרנעמט, זעט אויס ווי אַ נאַטירלעכער אַמפֿיטעאַטער, איינגעפּאַסט אין ביימער און אין בלומען. אויפֿן „לעיק“ באַווייזן זיך צווי גראַציעזע שוואַרצע און ווייסע שוואַנען, וואָס שווימען שטאָלץ, מאַיעסטעטיש פֿאַר די אַנטיק־געבויטע הילצערנע שיף. דאָ האָט געוווינט דער באַשאַפֿער פֿון פּאַרק „פּאַראַמאַהאַנסי יאָגאַנאַנדי“ אַ נאָענטער פֿריינד פֿון מאַהאַטמאַ גאַנדי. אין לעיק זענען דאָ פֿיש אין אַלערליי קאָלירן און לעבן בשלום...

דאָ וואַקסן אויך זעלטענע פֿרוכטן, זייער אורשפּרונג איז, אָדער קומט אַזש פֿון אינדיע, פֿון מיט טויזנטער יאָרן צוריק, וואָס האָבן זיך אויפֿגעהיט און זוימען זענען דאָ איינגעפֿלאַנצט געוואָרן.

און אָט געפֿינט מען זיך ביים שלום־מאָנומענט פֿון דעם פּאַציפֿיסט מאַהאַטמאַ גאַנדי.

אויף דער רעכטער און לינקער זייט פֿון די סטאַטועס אַלבאַסטער, וועלכע שטעלן פֿאָר „גאָטס פֿאַרגעבונג“. פֿאַרזיגלט אין מאַרמאָר, אין אַ

ווייס קעסטעלע, אויף א הויכער „מצבה“ געפינט זיך א ביסעלע אַש פון דעם מענטש, וואָס האָט געוואָלט דורך פאסטן אויסבעסערן די וועלט... ער איז אָבער אומגעקומען דורך א טראגישן אַקט פון א פיינטלעכער האַנט.

דאָ זעט מען אַלטערטימלעכע אנטיקן, וועלכע ליגן ווי אויסבאהאלטן אין א פארהוילונגס־פלאץ, פארבאָרגן פון זון און צופיל ליכט.

ווען מען פארלאָזט דאָס „סודותדיקע“ אָרט באגעגנט מען א קלאָרן וואַסערפאַל, וואָס פליסט געמיטלעך, אָן רעש אַריין אין פאַציפישן אָקעאַן.

צוויי „מאנקס“ א יונגער און אן עלטערער, מיט געזונטע הענט אין רונדיקע בייכער, שטייען אין פראָנט פון זייער הויז און גימנאסטיקירן אנטקעגן דער זון, וואָס פארגייט הינטער די בערג.

דער גרויסער פארק איז רייך אין מיניאטור־סקולפטורן פון אינדישן און כינעזישן אורשפרונג און ברענגט דעם מענטשן פארשידענע טראכטונגען אין דעם פלאץ, וואָס איז ארומגערינגלט מיט פאנטאסטישע אור־אַלטע בערג...

ווי־נישט־ווי זיצט א מענטש אויף א באנק, מעדיטירט, זיצט מיט פארשלאָסענע אויגן, הערט די פליסיקע מוזיק־טענער, וואָס ציען זיך אי־בערן פאַרק אַרויף צום בלויען הימל, צו די בערג, און די מיט גאָלד פון זון באגאָסענע ביימער, וואָס בייטן זייער קאָליר איידער עס פארגייט דער טאָג.

א שטיל מילד ווינטל באוועגט די דינע צווייגעלעך, דערנעבן אין א נעסט פון א פויגל. צוויי ווילן אריין, פאָכען זיי מיט די פליגל, איינער טרעט אָפּ... איין פויגל אקאָמפּאנירט נאָך די שטילע מוזיק־טענער, וועל־כע קומען דורך מיקראָפאָנען, וואָס זענען צעשטעלט איבערן פארק קאָ־מופלאזשירט צווישן ביימער.

ס'איז גוט צו זיין אין דער אָנגענעמער שטילקייט, ווייל דער מענטש טראָגט זיך אריבער אין א שענערער וועלט פון שלום, פון ליבע און גוטס־קייט. איך טראכט, אז אזוי וואָלט די וועלט באדארפט זיין — אָן מורא, אָן מלחמות, אָן זאָרג פאר דעם אַטאָמישן מאָרגן.

א יונג פּאָרל זיצט אין א ווינקל אויף א באנק אנטקעגן דער פאר־גייענדיקער זון און מורמלט:

יעדן טאָג ווען ס'קומט דער אָוונט,
ביי די שטראַלן פון קלאָרן וואסער
שטייט פארטראכט א שקלאַף א יונגער

אונ ווערט פון טאָג צו טאָג אלץ בלאסער.
יעדן טאָג ווען ס׳קומט דער אָוונט
ביים פאָנטאַן וואָס שפריצט אין גאָרטן
גייט ארוים דעם סולטאַנס טאָכטער
אונ שפּאַצירט אַרום זיך דאָרטן.
מיט אמאָל פרעגט ביי אים די פרינצעסין
שטיל פארחלומט מיט רעש צוזאמען
„זאָג דיין נאָמען איך וויל וויסן
אויך דיין היימאַט און דיין אָפּשטאַמען״...
ענטפערט ער איר „מהיכא תיתי״
איך בין פון היימאַט ווייט פארטריבן
און איך געהער צו יענער ראַסע,
וועלכע שטארבן ווען זיי ליבן

קריסטינאַ

אין הויז פון קריסטינאַ אין ניו־אָרלעאַנס, האָט זיך צעקלונגען דער טעלעפאָן. א דערשראָקענע האָט זי זיך אויפגעכאַפּט פון איר זיסן חלום, א קוק געטאָן צום בעט, וווּ עס איז געשלאָפן איר נײַנצניאָריקע טאָכטער, אַנדזשעל; געוואָלט זען צי זי איז שוין דאָ, דערזעענדיק, אַז די טאָכטער שלאָפט אײַנגעבוירעט אונטער דעם וואַרעמען צודעק, די בלאָנדע האָר צעוואָרפן אויפן ווײַסן קישן, האָט זיך דאָס שטאַרקע קלאַפּן פון איר האַרץ א ביסל אײַנגעשטילט. אין דעם זעלבן מאָמענט האָט אויך אין איר א בליץ געטאָן, אַז עפּעס אַן אומגליק האָט פּאַסירט מיט איר זון, וואָס געפינט זיך אין לופטפלאָט אין וויעטנאַם.

ניין, עס האָט גאָר קיין שלעכטס נישט פּאַסירט. קריסטינאַ האָט דערהערט די באַקאַנטע שטים פון איר האָליוווּדער אַגענט, פון וועלכן זי האָט שוין פינף יאָר נישט געהערט. איצט האָט ער צו איר גערעדט אין אָפּגעהאַקטע פראַזן:

— קום שנעל צו פאָרן... וועסט זיך אָפּשטעלן אין ניקערבאָקער האָטעל... וועסט דאָ זײַן א וואָך צײַט, אויף אַלעם גרייטן... מיר דאַרפן דיך נייטיק האָבן צו עטלעכע סצענעס אין דער סטודיע 18... אין א פילם. יעדע סצענע דויערט א מינוט... עמעצער איז פּלוצים קראַנק געוואָרן... א גאָלדענע געלעגנהייט...

דורך די פינף יאָר, וואָס קריסטינאַ איז נישט געווען אין האָליוווּד, האָט מיט איר געטראָפן אַן אומגליק: א האַלבער קערפּער איז איר פּאַראַליזירט געוואָרן דורך אַן אויטאָמאָביל־עקסידענט. לעצטנס איז זי שוין געקומען צו זיך. אַלץ האָט זיך כמעט ווי פאַרהיילט, האָט קריסטינאַ געטראַכט, אַז זי וועט זיך גאָרנישט וויסנדיק מאַכן פון איר קראַנקהייט און טעלעגראַפירן איר אַגענט, אַז זי קומט.

ביי דער ערשטער סצענע אין דער „סטודיע“ האָט זיך אָבער אַנטפּלעקט איר נישטרירעוודיקייט, און דער גאַנצער „אַפּאַראַט“ אין גע-

בליבן ווי פּאַראַליזירט. עס איז אָפּגעשטעלט געוואָרן דאָס פילמירן, און
ס'איז אַנטפּלעקט געוואָרן דער סוד וואָס קריסטינא האָט געוואָלט אויס=
באַהאַלטן...

קריסטינאַס 19 יאָריקע טאָכטער, וואָס איז געקומען מיט איר, האָט
צום ערשטן מאָל דערזען האָליוווּד און איז אַנטציקט געוואָרן. באַזונדערס
האָבן זי פאַרכישופט די קאָמפּלימענטן — וואָס זי האָט באַקומען. דאָס
יונגע נאַיווע מיידל איז אַרומגעגאַנגען אַ באַצויבערטע...

— מאַמע, פאָר אַהיים, האָט זי געזאָגט, איך וועל דאָ נישט פאַר=
לירן גיין, זעסט דאָך, אַז איך קריג אָנבאָטן, אַגענטן גייען מיר נאָך
— אויב דו האָסט געקאָנט זיין אַ פילם=„סטאַר" וועט פון מיר אויך
עפּעס ווערן...

דאָס ביסל געלט, וואָס די מוטער האָט איר איבערגעלאָזט איז גיך
אויסגערונען. אַנזשעל האָט אָנגעהייבן „אַרומגיין" אין די טעג מיט
עלטערע מענער, וועלכע האָבן איר געגעבן אַ „גוד=טיים", זי גענומען
אין עקזאָטישע רעסטאָראַנען, אויף פאַרווייַלונגס=פּלעצער און איר אָנ=
געבאָטן געלט... אין די אָוונטן, ווידער, איז אַנזשעל געגאַנגען מיט יונ=
געלייט, אין איר עלטער — אין טאַנצזאַלן און אין טעאַטערס, ווייַער
אָפּט האָט זי נאָך געדאַרפט באַצאָלן, ווייל די יונגע בחורים, די מערס=
טע פון זיי, האָבן נישט געהאַט קיין „דזשאָב" אָדער געלעבט פון האַנט
אין מויל.

אַנזשעל האָט שפּעטער דערציילט, אַז אין איין וואָך איז זי „אוס=
געגאַנגען" מיט זעקס עלטערע מענער און פינף „באָיס". וואָכן לאַנג
האָט זי זיך געשלעפּט מיט רעקאָמענדאַציעס איבער סטודיעס און אַ=
טעליערס געטראָפן פאַרמאַכטע טירן, אָדער אַ צוזאָג אויף שפּעטער...
אייגמאָל האָט זי אָנגעטראָפן אַן אַגענט, וואָס האָט געזוכט אַ מאָ=
דעל צו פאָזירן פאַר זשורנאַלן, וואָס ווערן געדרוקט בלויז פאַר מענער...
ווען די „אַרבעט" האָט זיך אויסגעלאָזט האָט מען איר פאָרגעשלאָגן
זי זאָל זיך פאַר דריי הונדערט דאָלאַר לאָזן מאַכן אַ פּלאַסטיק=אָפּעראַ=
ציע און אויפהייבן דעם בוזים, כדי איר „פרויאישקייט" זאָל זיך מער
אָנזען. דעמלט וועט זי מאַקע ווערן באַוווּסט אַלס אַ „פּערפעקטער"
מאָדעל, וואָס וועט איר העלפן אין דער קאַריערע אַרויסצוטרעטן אין
פילם=ראָלן און באַקומען בעסערע פּלעצער אַלס מאָדעל.

שפּעט ביינאַכט האָט מען זי גענומען אין א הויז אין האָליווד. ווען זי איז אריינגעקומען און דערזען די מענער האָט אנזשעל געזאָגט צו איר באַגלייטערין „האָסט מיך גענומען צו „רויב־פייגל“... מאָרגן פאָר איך צוריק אהיים“. אזוי איז טאַקע געווען.

קעטרין

פון א זייטיקער גאס האָט זיך דערהערט דאָס הילכן פון א רעטונגס-סירענע. דער אמבולאנס איז געפלויגן איבערן שטילן קאָסמאָגעסל, צפון פון האָליוואָוד-בולוואר. א הויכע פרוי מיט א קאָפּ גאָלדיקגלאנציקע האָר, מיט בלויע אויגן, א ווייס מאסאזשירט פנים און שטארק רויטע און שמאָלע ליפּעלעך האָט געטראָגן נעט-געפּאסטע הויזן, וואָס האָבן געמאכט אָנזען די ליניעס פון איר מאָגערן קערפּער. זי האָט געפירט צוויי הינטעלעך, וואָס האָבן דערשראָקענע, מיט אויסגעשטערקטע העלדזלעך ארויסגעלאָזן א געבילעריי.

די פרוי אין זילבערנע שיכעלעך, ווי פון א באַלעט-טענצערין, האָט זיך איינגעבויגן צו די הינטלעך, גערעדט צו זיי אין א מוטערלעכער שפּראך, געצויגן צארט זייערע לעדערנע לייצעס און זיי בארואיקט, ווי א מאמע א קינד...

דער אמבולאנס האָט זיך האַסטיק אָפּגעשטעלט, מען האָט ארויסגעצויגן א טראָג-בעטל און עס געטראָגן ארויף די טרעפּ, וואָס זענען געווען ארייננגעדרוקט צווישן צוויי מויערן.

— אַהער, אַהער, האָט א דערשראָקענע פרוי, א האַלב אָנגעטאָענע, א ביסל א צעשויבערטע, גערופן די דאָקטוירים פון אַמבולאנס, וואָס האָבן געזוכט אין פינצטערן קאָרידאָר.

אין דרויסן האָט זיך פארזאמלט א גרופּע נייגעריקע פרויען און מענער, געווארט ביז מען האָט דעם חולה ארויסגעפירט אויפן טראָג-בעטל.

— קומט אריין, איר זענט דאָך גוסטאַווס פריינד, זיצט, האָט זי געבעטן און האָט גענומען דערציילן א גאנצע געשיכטע:

„דעם וואָס מען האָט נאָר-וואָס גענומען אין שפּיטאָל האָט געהאט א הארצשלאג. ער מיט זיין זון אפרים וווינען דאָ אין אַן אפּארטאמענט. דער „תכשיט" האָט דעם פאָטער צעפּאטערט א סך געלט,

נאָר מען רייסט זיך ארום. אין דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן זיי אין שטעטל געהאט א דראָי־גודס סטאר, שווער געאַרבעט, געשפּאָרט, נישט געלעבט. יאָרן פריער האָבן מאן און פרוי געארבעט אין א סוועט־שאָפּ ביז דער דאָקטאָר האָט אָנגעזאָגט, אז ער האָט א „טאַטש" אויף ט. ב. זענען מאן און ווייב אוועק אין א קליין שטעטל, דאָרט געעפנט א סטאַרקע, זיך שיין ארויפגעארבעט, מ'קאָן זאָגן רייך געוואָרן, און אליין זיך נישט פארגינען דאָס לעבן..."

— זיין פרוי איז נישט לאַנג צוריק געשטאָרבן, צו דער לוויה איז קיינער נישט געקומען, נישט געווען ווער עס זאָל זאָגן א גוט וואָרט, א געבעט פאר דער נשמה... איינמאָל האָב איך זיך אונטערגעהערט ווי דער זון זיינער זאָגט: „האָסט שוין גענוג געלעבט, אז מ'האָט א טאַטן א הונט דערלאַנגט מען אים מיטן שטעקן"...

די פרוי האָט אָפּגעהאקט און באלד ווידער גערעדט — איך ווילט נאָך הערן, ווי אזוי האָליוווד פירט אראָפּ פון גלייכן וועג, וועל איך אייך דערציילן פון דעם „גוד פאר נאטהינג" תכשיט: איך ווייס נישט ווי אזוי, נאָר איינמאָל האָט דער אפרים זיך אריינגעקריגן אין א פילם פון בירגער־קריג, אין א צווייטן פילם האָט ער געהאט א ראָלע צווישן ציגיינער,ביידע ראָלן האָבן געדויערט נישט מער ווי צוויי מינוט. פון דעמאָלט אָן רופט מען אים „דער יידישער ציגיינער פון האָליווּד"... פון יענע פילמען אָן וויל ער נישט ארבעטן, נאָר רעדט זיך איין, אז ער האָט מער טאלאנט ווי אנדערע אין זייער גאנצן וועזן אָבער — „מען דארף ווייסן דעם געדאנק פון וויסנשאפט אין דעם לעבן פון האָליווּד"... אזוי זאָגט ער — איר פארשטייט עפּעס פון דעם? איך נישט.

אז עס ציט די פרויען צו האָליווּד ווי שמעטערלינגען צו דער ליכט פון א לאָמפּ און זיי פאלן אריין אין די נעצן, וואָס ווערן פאר זיי אויסגעשפּרייט, דאָס פארשטיי איך...

אָבער פארוואָס יונגע מענער קומען אויך ווי סטאַיעס פייגל און בלאָנקען ארום אָן „דזשאבס" ביז — זיי פארקריכן אויף קרומע וועגן... דאָס פארשטיי איך נישט.

איך וועל אייך איצט דערציילן א שיינע געשיכטע וועגן דער מיסיס מעקמיליען אַפּאַרטאמענט נומער זעקס:

מיט צוויי חדשים צוריק איז זי אהער געקומען פון טעקסאַס, מיט א בלאָנד שיין מיידעלע, וואָס זי האָט געפירט ביים הענטעלע. זי האָט געוואוינט ביי מיר א צימער מיט א קליין קיכל, זי האָט אויסגעזען דאָר־

פיש, האָב איך געמיינט, אז פון איר וועל איך נישט האָבן קיין „טראַבל“. אָבער וואָס קאָן מען וויסן פאָרויס? איינמאָל זאָגט זי צו מיר, און ווייזט אויפן מיידעלע — דאָס וועט זיין א נייע שוירלי טעמפּל...

— אַ־האַ, האָב איך געזאָגט צו זיך, עס הייבן זיך שוין אָן נייע גליקן... איינמאָל קומט זי טאַקע צוריק פון א פילם־סטודיע, ווו עס איז פאָרגעקומען „קעסטינג“, קינדער־פאַרהער — זייער אן אנטוישטע, און טוט זיך א זאָג: „האָליוווד האָבן פאַרכאַפּט אַלע יידישע מאַמעס מיט זייערע קינדער“... דאָס האָט מיך א ברען געטאָן ווי א העליש פייער און איך האָב אויף איר אויסגעגאָסן מיין צאָרן ווי פון א וואָלקן־בראָך...

מיט א פּאָר טעג שפּעטער קומט זי און שטעלט מיר פאָר זייער אן עלעגאַנטן מאַן „דאָס איז מיין ברודער“ זאָגט זי. ער האָט אָנגעהויבן זייער אָפט קומען. איינמאָל קום איך אהיים פון טעאַטער, עס איז געוועזן עלף אזייגער, הער איך ווי עס טומלט זיך דאָרט, איך האָב א וואַך אויער, שוין אזויפיל יאָרן אין „די רומינג־ביזנעס“ — עפּעס דערגייען צו מיר נישט קיין שיינע ווערטער... אזוי ווי די טיר איז נישט געוועזן פאַרשלאָסן, שטעק איך אריין דעם קאָפּ און זע זיי ביידע שיכור און זייער נישט קיין שיינער פּאָזע... זאָג איך „אין די אויגן פון קינד שעמט איר זיך גאָרנישט?“

אין יענער נאַכט זענען זיי נעלם געוואָרן... איצט איז זי געקומען אָפּנעמען איר ראַדיאָ און „שמאָכטעס“, וואָס טויגן במילא אויפן פייער...

קעטרין, די ווירטן פון הויז, וואָלט געקאָנט זיצן טאָג און נאַכט און דערציילן טראַגישע, קאָמישע און ליבע־געשיכטעס פון איר לאַנגיאָריקע דערפאַרונג. אויך זי, קעטרין איז געקומען קיין האָליוווד ווערן א „שטערן“ אין דער טעאַטער־וועלט, אָבער דעמולט איז דאָס לעבן געוועזן אנדערש, יונגוואַרג איז נאָך נישט געוועזן אזוי צעלאָזן, ווייל די פילמען זענען געוועזן פון א גאַנץ אנדערן קאַליבער, מאַריוואָנע, נאַרקאָטיק, האָט נישט געהאַט קיין אָפּזאַץ־מאַרק. קעטרין רעדט מיט נאָסטאַלגיע פון איר אַלטער היים, זי בענקט נאָכן פאַרמער־לעבן, ווו עס זענען געוואַקסן פלוימען, מאַלינעס, באַרן, עפּל, קאַרשן און אנדערע פרוכטן. זי איז נישט רעליגיעז, נאָר זי בענקט נאָך דעם הילצערנעם קלויסטער, וואָס האָט זיך געפונען נישט ווייט פון האָרף אין דער „סאוט“, דאָרט אין קלויסטער־כאָר איז זי געוועזן די ערשטע סאָליסטין. עס האָט איר אָבער דערעסן דאָס שפּילן פון אָרגאַניסט, וואָס האָט זיך געטשעפּעט צו איר... קעטרין איז איצט א פרוי אין שיינעם עלטער,

זי האָט שוין פאַרהייראַטע אייניקלעך, איר מאַן איז אומגעקומען אין דער צווייטער וועלט־מלחמה. אויף דער וואַנט הענגט זיין בילד אין אַ גערינגן אַוטאַראַם, קעטרין קוקט אויפן בילד מיט ליבשאַפט און בענקעניש, זי וויל עפעס זאָגן, נאָר כאַפּט זיך צוריק, אָבער דאָס נישט דער־זאָגטע רעדט אַ סך...

האָ, אויף דער וואַנט, הענגט נאָך אַ בילד, אַ קינסטלערישער האַנט־געמעל, אַ קאָלירטער פּאָרטרעט פון איר פאָטער און מוטער. אין אַ ווינקל נעבן פענצטער שטייט אַ הויך פּאָלירט טישל און אויף אים אַ שפּיגל מיט אַ זינג־פייגעלע, וואָס קוקט אין שפּיגעלע און זינגט, פרייט זיך, וואָס עס איז נישט איינזאַם...

קעטרין האָט אונדז אויפגענומען מיט אייגן געבעקס מיט כבוד, ווייל זי האָט געוווסט, אַז אַ מענטש וועלכער קומט צו גוסטאַוון צו דעם „פיינעם יונגנמאַן“, דער איינציקער לייט אין דעם גאַנצן הויז — איז נישט קיין אַלקאָהאָליקער, ווי די, וועלכע קומען אויף אַ וויזיט צו זיי־ערע פריינד מיט אַ באַהאַלטן פלעשל הינטערן מאַנטל, ווייל עס איז זיי אומעטיק אַליין צו טרינקען“...

פּלוצעם איז אַריינגעלאָפן אַ יונגע פרוי אין אַ דינער קימאָנע, איר „פרויען־שיינקייט“ איז געווען אַ ביסל צו פיל אַנטבלויזט. הערזעענדיק זיצן אַן אומבאַקאַנטן מענטש, איז דער „האַלאָ“ געבליבן הענגען אויף אירע ליפּן.

— האָליוווד מאַכט אַ תל פון די יונגע מיידלעך, וואָס באַזיצן אַ שיינע, רייצנדע פיגור. זיי קומען מיט אילוזיעס צו ווערן באַרימט און שפּאַרן אָן ביי מיר אין „מאַריפּאַזאַ־האָטעל“ אויף קאָסמעטיק־גאַס.

— האָסטו געזען ווי שיין זי איז? זי איז געקומען פון לואיזאַנע. געהאַט אַ גוטע דערציונג, רעדט פראַנצויזיש און שפּאַניש, איך האָב זי שוין איינמאָל אַרויסגענומען פון „טראַבל“, זי איז אַ פיין קינד, נאָר זי דאַרף עסן, דאַרף האָבן שיינע קליידער, גייט זי אום בייטאָג מיט פאַר־מעגלעכע עלטערע מענער. זיי נעמען זי אין שיינע רעסטאָראַנען, פאַרוויי־לונגס־פּלעצער — אין די נעכט — „גייט“ זי אַרום מיט „באַים“, מען טאַנצט און מען קושט זיך. אַלץ דערציילט זי מיר, ווייל איך בין איר מאַ־מע, איר בעסטער פריינד — זאָגט זי.

קעטרין האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ פּאָר צימערן, געוויזן ווי אַלץ איז אין אָרדענונג, די ווענט זענען געווען באַהאָנגען מיט „טאַפּעטן“ פון האָליוווד סעקס־זשורנאַלן.

— אַט=דער וואָס זינגט אין צווייטן צימער, זאָגט קעטרין, איז אן אויסנאם, נעמט ער מיך איינמאָל אין א יום=טוב אין „מיולען רוזש“. דעם „באָי“ האלט איך ווי אן אייגן קינד, מיין אייניקל איז דעמלט געווען צו גאסט. וואָס מיר האָבן דאָרט געזען איז נישט שייך צו ווערן נתפעל, א „וואריעטי שאָו“ הייסט עס און איך וואָלט געזאָגט „דער משוגענער צענטער פון האָליווד“... ווען מיר זענען נאָך דער פאָרשטעלונג ארויסגעגאנגען האָט ער מיך צוגעפירט צו דער וואנט, א גרויע געפארבטע וואנט, ווו עס זענען געהאָנגען „פלאקן“ מיט צענדליקער אויסגעקריצטע נעמען פון האָליוודער שרייבער, מוזיקער, טעאטער=שטערן און געזאָגט גאנץ ערנסט: „אַט=אָ דאָ, וועט נאָך א מאָל הענגען מיין נאָמען“.

דאָס זענען די חלומות פון דער יוגנט וואָס ווערט צערייצט פון רעקלאמע=זשורנאלן, פון די גלאַמאַר=פילמען, פון איבערגעטריבענעם רייכטום, פון פוסטן אָנשטעל, פון מענער, וועלכע באוונדערן פילם=שיינהייטן און פרויען וואָס ווייזן ארויס גרויס באגייסטערונג פאר העלדישע, קרעפטיקע מענער מיט שטארקע מוסקולן, וואָס ווייזן ארויס געוואגטקייט אין האָליוודער פילמען.

„אָסקאַר״ האָט געפֿונען דעם טאַטן...

אין יאָר 1929, אין גרעסטן קריזיס פֿון לאַנד, ווען דער פּרעזידענט האָט צוגעזאָגט די אַרבעטער אַ „טשיקן״ אין יעדן טאָפּ און אַן „אויטאָ״ אין יעדן „גאַראַזש״, אין דעם יאָר איז אין האָליוווד געבוירן געוואָרן „אָסקאַר״. איצט איז ער שוין, קיין עין־הרע אַ יונגערמאַן פֿון 36 יאָר און יעדעס יאָר פֿייערט מען זיין געבוירנטאָג מיט גרויס פּאַראַד און פּאָמפּע, וואָס טראָגט אַריין די פֿילם־מאַגנאַטן אַ פּאָר מיליאָן דאָלאַר עקסטרא....

— וואָס איז עס פֿאַר אַן אָסקאַר? ווי אַזוי איז ער געבוירן געוואָרן? האָב איך געפֿרעגט אין דער האָליוווד טעאַטער־וועלט־מענטשן, וואָס האָפֿן, אַז אויך זיי וועלן אַמאָל ווערן אָסקאַרס מאַמע אָדער טאַטע...

— אַן אָסקאַר איז אַ סטאַטועלע פֿון בראָנז, וואָס באַטרעפֿט פֿופֿציק אָדער הונדערט דאָלאַר. ווען דאָס סטאַטועלע האָט זיך צום ערשטן מאָל באַוויזן אין די הענט פֿון אַן אַקטריסע, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט אין איר ראָל אין אַ פֿילם האָט זי מיט גרויס עקסטאַז אויסגעשריגן „דאָס זעט דאָך אויס ווי מיין זונדרעלע אָסקאַר!״

האָט איינמאָל פּאַסירט אַזאַ קוריאָז: ווען דאָס טעאַטער איז געווען געפּאַקט מיט „סעלעברעטיס״ פֿון דער טעאַטער־וועלט און טויזנטער מענטשן, יונג און אַלט, זענען געווען פֿאַרזאַמלט אין די גאַסן כדי צו כאַפּן אַ בליק אויף די באַרימטע פֿרויען און מענער, וואָס קומען צופֿאָרן אויף די טייערסטע לימוזינעס און אין די קאָסטבאַרסטע קליידער. אויף די פֿרויען באַצירטע מיט גאָלד און בריליאַנטן און מיט אָנגעהאָנגענע טויזנט־דאָלאַרדיקע פֿוטער־„שאַלן״ אויף די נאַקעטע אַקסלען און אויף די אויסדעקאָלטירטע זיידענע קליידער, האָט דער צערעמאָניע־מייסטער אויסגערופֿן: „מיט גרויס ווירדע, טיילן מיר היינט אָוונט צו דעם „אָסקאַר״ איינעם פֿון די אָנגעזעענסטע קינסטלער פֿון דער טעאַטער־ און פֿילם־פּראָפֿעסיע. איך האָב דעם כבוד — און מיט גרויס חשיבות רוף

איך די זייער סימפּאַטישע און אונדזער אַלעמענס ליבלינג מיט... — איבערצוגעבן דעם אָסקאַר „ראָבערט ריטש"...

אין טעאַטער איז שטיל געוואָרן, די ראַדיאָ= און טעלעוויזיע=אַפּאַראַטן זענען געווען אָנגעשטעלט... א הייליק שטילשווייגן האָט געהערשט ווען די באַרימטע אקטריסע האָט געהאַלטן אָסקאַרן אין האַנט. אַלעמענס אויגן האָבן געוואַנדערט איבערן זאַל צו דער מיט ליכט=באַגאָסענער בינע און מיט אָנגעשטרענגטע בליקן געוואָלט זען ווער עס וועט זיך באַווייזן נעמען דאָס סטאַטועלע. קיינער האָט זיך נישט באַוויזן.

נאָכאַמאָל האָט זיך געהערט אויסרופן „ראָבערט ריטש" — קיינער האָט זיך ווידער נישט באַוויזן... ביי דער ראַדיאָ, פּרעסע, טעלעוויזיע איז געבליבן א גרויסע רעטעניש, פאַרוואָס האָט זיך „ראָבערט ריטש" נישט געמאָלדן בעת דער הייליקער פייערונג?.... ערשט מיט יאָרן שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן אז „ראָבערט ריטש" איז דער באַשאַפער פון „דזשאָני גאָט היס גאַן" און „די ברעיוו מאַן" — איינער פון די באַרימטע „האָליוווד 10", וואָס האָט נישט געוואָלט ווערן קיין „אינפאָרמער" פאַר דער אינקוויזיציע=קאָמיסיע. דער נאָמען וואָס איז אריין אין דער געשיכטע — דאַלטאָן טראָמבאָ, אזוי האָט אָסקאַר געפונען זיין טאַטן...

עס איז שוין געווען ווייט נאָך האַלבער נאַכט, סיי די אַנטוישטע... און סיי די צעווילדעוועטע פון פרייד האָבן גענומען פאַרלאָזן דאָס טעאַטער, די ריזיקע פּראָזשעקטאָרן, שיינוואַרפער, האָבן נאָך שטאַרק געלויכטן, געוואָרפן די ליכט=שטראַלן צו די אַרויסגייער, וואָס האָבן זיך געאיילט אין די נאַכט=קלובן, וו עס זענען געווען געגרייט די טייערסטע מאכלים און געטראַנקען אויף ווייס סערווירטע רונדיקע טישן. אויף די אימפּראָוויזירטע פּלאַטפאָרמעס, וו עס האָבן זיך פריער געפונען טויזנטער מענטשן, שטייענדיק, און זיצנדיק, איז שוין געווען האַלב ליידיק. ווינישט=ווו האָבן נאָך א פּאָר ענטוזיאַסטישע „טינעידזשערס" יוגנטלעכע, א ווילדן קוויטש געטאָן, ווען זיי האָבן דערזען אַרויסקומען זייערס א ליבלינג פון טעאַטער...

דער אָוונט איז געווען וואַרעם, האָליוווד=בולוואַר האָט געשימערט מיט קאָלירפולע נעאָן=ליכט, דער אַרויסגאַנג פון די איינגעלאַדענע געסט איז נאָך אַלץ געווען אָפּגעצוימט, פּאָליסלייט האָבן שטאַרק געהיט, אז קיין אומגעוווּנטשענער זאָל דאָ נישט פאַרבלאָנדזשען... דאָך האָט זיך

געיאַוועט א שיכור, איינער פון „זייערע“, אָנגעטאָן דזשענטעלמעניש, זיך געוואָלט פארמעסטן מיטן היטער...

אַ בלאָנדע אַקטריסע א בחנטע האָט געהאלטן א מאַן אונטערן אָרעם, ארויפגעקוקט צו אים מיט גרוים ליבשאפט און געזאָגט:

— דזשאָן, „אָסקאַר“ איז געבליבן פארשעמט, ווער איז דאָס דער שטאָלצער „ראָבערט ריטש“? אזא פאַסירונג האָט נאָך נישט געטראָפן אין האָליווד...

אַ מתנה...

די צייטונגען זענען אַרויסגעקומען מיט אַן אַליאַרמירנדיקער גייעס — אין האָליוווד איז צווישן דער יוגנט פאַרשפּרייט זייער גיכט קיין שיינע קראַנקהייט... „זאָל מען אַרויס מיטן אמת, ווייל אויסבאַהאַלטן דאָס איז אַ פאַרברעכן, די גישט אנשטענדיקייט פון מענער גייט שוין אַריבער די ברעגן פון רעספּעקטאַבלער געזעלשאַפט. מענער ווי פרויען פאַרקויפן זיך צו זינד... פרויען ווערן אַרעסטירט און באַשטראָפט, ווען זיי ווערן געכאַפּט פון די ספּעציעל „מאָראַל"-היטער. שוין צייט, אַז די זעלבע שטראָף זאָל אויך אָנגעווענדט ווערן צום מאַן וואָס באַגייט אוממאָראַלישקייט מיט אַנדערע מענער"... אַזוי האָבן די צייטונגען זיך פּלוצעם צעשריבן, און הווקא די זעלבע צייטונגען, וואָס דרוקן אַליין כלערליי זינד-געשיכטעס.

קיין האָליוווד קומט די יוגנט פון גאַנצן לאַנד זוכן קאַריערעס, ווייל זיי ווערן אָנגערעגט פון ראַדיאָ, טעלעוויזיע און אַנדערע פאַלשע רעקלאַמעס, וואָס שפּרייטן אויס נעצן פון שאַנד און זנות.

אין אַן ערב קריסטמעס איז הזשוליוס אַסלאַ געקומען צום ערשטן מאָל אויף האָליוווד-בולוואַר. ווי נאָר ער האָט דערזען דעם מענטשן-געדראַנג, האָט ער אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגן ווי אויף דעם גרעסטן וווּנדער, וואָס ער זעט צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן. די שויפענצטער וועלכע זענען געווען אָנגעפּראַפּט מיט די טייערסטע זאַכן, האָבן געלאַקט יעדן דורכגייער; די וויטרינעס האָבן גערעדט צו די דורכגייער:

קויף איין פאַר דיין מאַמען, געליבטער, שוועסטער, ברודער, פאַר אַן אָרעמאַן, שכן, מיר האָבן די בעסטע געטראַנקען, די פיינסטע קליידער, די טייערסטע שפּייזן!

די געשעפטן זענען געווען געפּאַקט מיט טויזנטער פרויען, מי= הונדערטער מענער, גרויס און קליין איז געקומען קיין האָליוווד קוקן, שפּאַצירן און קויפן.

הזשוליום האָט זיך אוועקגעשטעלט נעבן א גרויסן שויפענצטער, וואָס האָט געבלאנקט מיט גאָלד און זילבער, זיינע אויגן זענען געפאלן אויף דעם ווייסן סוועטער מיט די אויסגענייטע דינע, פלאטשיקע און רונדיקע קליינע קרעלן. דאָס האָט ער געוואָלט קויפן אלס מתנה פאר זיין מוטער ווירהזשיניע הענק. השזוליום האָט ארויסגענומען דעם טייסטער, צעעפנט די אָפּטיילונגען, ווו עס זענען געלעגן דריי דאָלאַר. אין א באזונדערער פארמאכטער אָפּטיילונג צוויי זילבערנע פינף און צוואנציק סענט, אָבער אן ענלעכע סומע האָט אים אויסגעפעלט, כדי צו האָבן גענוג אויף צו באצאָלן פאר דער קריסטמעס-מתנה. זיין חלום איז צערונען אין א טאָג, ווען די וועלט הייסט זיין גוט אפילו צו א שונא...

א יונגע הנעוודיקע פרוי, געקליידט אין דער אוניפאָרם פון דער „סאַלוויישאַן ארמיי“, איז געשטאנען פארן ריזיקן געשעפט, געקלונגען מיט א גלעקל, גערופן מענטשן זיך דערבארעמען און אַריינוואַרפן א מטבע פאר די נויטבאדערפטיקע אויף א קריסטמעס-מאָלצייט. דזשוליום האָט ארויסגענומען די צוויי זילבער-שטיקלעך פון טייסטער, זיי אריינגעוואָרפן אין דעם רונדיקן טעפל, וואָס איז געהאָנגען אויף צוויי דראָטן. די הנעוודיקע בלאָנדע פרוי האָט א קוק געטאָן אויף אים מיט אירע צוויי גרויסע שעלמישע אויגן, ליבלעך געשמייכלט, געדאנקט און ווייטער געקלאפט מיטן גלעקל...

דזשוליוסעס פנים האָט זיך מיר גוט איינגעקריצט אין זכרון, עפּעס אייגנארטיקס איז געווען אין זיינע אויגן, אין זיין שטערן, אין קאָפּ-האָר, אין זיין שפאנען מיט פאמעלעכע טריט. מיט וואָכן שפּעטער האָב איך באגעגנט אין א באַרימטן רעסטאָראַן אויף סאנסעט-בולוואר, ווו עס קומען אריין סטודענטן, אקטיאָרן און סתם נייגעריקע. בין איך צוגעגאנגען און אים דערמאנט יענעם ערב קריסטמעס...

„איך האָב געקויפט דעם סוועטער, ווייסטו ווי אזוי? איך האָב פארקויפט א קווארט בלוט; ווען מיין מאמע וויסט וואָלט זי זיכער נישט געוואָלט די מתנה“.

ער האָט געהאלטן א צייטונג אין האנט. אויף דער ערשטער זייט איז געדרוקט געווען די נייעס וועגן דער „נישט אנשטענדיקייט פון דער יוגנט אין האָליווּד“. מיר האָבן לאנג געשמועסט וועגן דעם צעלאָזענעם יונגן הור, וואָס ווערט געטריבן פון דער געזעלשאפט צו אומנאטירלעכעם...

ניי-יאָר איז דזשוליום אויך געגאנגען אויף האָליווּד-בולוואר, געשפאנט געלאסן מיט א מיידל, זיך באטייליקט אין דעם קאָלירפולן גע-

רויש פון פוסטקייט און זיך נישט געלאָזט מיטרייסן מיט די, וועלכע גייען אויף קרומע אומגאַטירלעכע וועגן.

עס איז עלף אזייגער אויף דער נאַכט. אויף ביידע זייטן טראָטואַר פון האָליווּד־בולוואַר איז א געדראַנג פון אויסגעפּוצטע מענער, פרויען, מיידלער און בחורים; אין פּראַנט פון די פּאַראַמאַכטע געשעפטן שטייען הענדלער מיט פּייקעלעך, קאָנפעטיס, קאַלירטע היטעלעך, שקאַצעוואַטע ליאַרעמדיקע שפּילצייג און צאַצקעס — צום פּאַראַד.

די טראָטואַרן ווערן ענגער און געדיכטער פון יונגוואַרג, וואָס ציט זיך כוואַליעס־וויין, פון אלע עקן שטאָט, זיי קומען אהער טומלדיקע און פאַרשייטע צו פייערן דעם ניי־יאָר אָן א פעני געלט...

די היטער פון געזעץ, אין בלויע מונדירן מיט פאַלקעס און רעוואָלווערן שטייען אויסגעשטעלט אויף סטראַטעגישע פּונקטן און היטן די פריילעכמאַכער... אָט ווערן עטלעכע לאַבוזעס געשלעפּט דורך דער פּאָליציי.

דער הימל איז טיף בלוי און גלאַט ווי סאַמעט, געדיכטע שטערן פינקלען פאַנטאַסטיש ווי די ווייטע עלעקטרישע ליכט פון הויכן ציון־באַרג. א מילדער און וואַרעמער ווינט וויברירט די קריסטמעס־אָרנאַמענטן, וואָס באַצירן לענגאויס דעם בולוואַר מיט די קאָלירפולע נעאָן־ליכט.

ווי געפלאָכטענע קייטן ציט זיך די יוגנט אהער אַרויסבאַגלייטן דאָס אַלטע יאָר און באַגעגענען דאָס נייע.

„העי, פּאַפּ! האָסט א ציגאַרעטל?“ שטעלט מיך אָפּ א יונג בחורל.

— ניין, איך רויכער נישט.

„העפּי ניו־יער“ שרייט ער אויס מיט פאַרדראָס און מיט חוזק.

א סך יינגלעך זענען אהער געקומען מיט מיידלעך לייטיש געקליידעט, טוליען זיך און ציִען צום אַנדערן, נאָר קיין טאַש־געלט אויף צו גיין א לעב טאָן, ווייזט אויס, האָבן זיי נישט. די וואָס האָבן נישט קיין מיידלעך קוקן זשעדנע, זענען מקנא די גליקלעכע.

פּלוצעם, פון ערגעץ, א סיגנאַל... די אַרומיקע גאַסן ווערן פאַרצוימט, דער אויטאָמאָביל־פאַרקער אָפּגעשטעלט. די מענטשן־כוואַליע הייבט זיך אָן טראָגן מיט געפּילדער פון אָרט צו אָרט און שטעלט זיך איין אין מיטן וועג אויף האָליווּד און וואַין־גאַס. פון דער מענטשן־מאַסע ווערט א קנויל, א פאַרשידנאַרטיקער בלומען־בוקעט.

קינדער „רייטן“ אויף פּאַטערס און זיידעס, זיי הייבן זיך אַרויס ווי אַרויסגעוואַקסענע בלומען אויף א קאָרנפעלד מיט זאַנגען.

דער מענטשן־קנויל ווערט וואָס אמאָל גרעסער, געדיכטער ווי פאַר אַן אָנגריף. אויף דעם עלעקטרישן זייגער, אנטקעגנאיבער דעם „דראַגסטאָר“, וואָס צייכנט די צייט מיט גאָלדיקע אותיות, פעלט נאָך זיבן מינוט צום אלטן יאָר. צווישן דער מענגע מענטשן זשומעט, רוישט, ווי די ניאַגאַרע־קוואַליעס.

עס פעלן נאָך דריי מינוט, די רגעס ציען זיך ווי אַן אייביקייט.. פּלוצעם טוט א פינקל דער גאָן־זייגער: עס פעלט נאָך איין מינוט. מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם, אָנגעשטעלטע אויגן ווי מיט דערוואַרטונג פון א היסטאָרישער געשעעניש, זענען די הונדערטער אויגן — פון כינעזער, יאַפּאַנער, יידן און מעקסיקאַנער, נעגער און פּאָרטאָריקאַנער — געווענדט צום מעכאַנישן זייגער, וואָס טוט א בליץ: „12“. דעצעמבער 1963.

א מוראדיקער פרייליכער געבריל, ווי פון טויזנטער לייבן און טיגערס רוישט איבער די גאַסן. א געבריל ווי אין א דזשונגל טראָגט זיך איבער לופט. אייניקע האַלדזן זיך, קושן זיך, אַנדערע זענען פארלוירן... זיי הייבן זיך אָן פאַנאַנדערגיין פאַמעלעך מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ, אנטוישט פון דער דערוואַרטער פרייד וואָס איז נישט געקומען...

*

*   *

אין דיאַמאַנד באַל־רום פון רייכסטן האָטעל זענען זיך אין דער זעלבער צייט צוזאַמענגעקומען די „גאָלדענע בלומען“ פון נאָענט און ווייט. אָנגעפאָרן אין טייערסטע לימוזינעס, אין קליידער באַצירט מיט גאָלד, די צוגרייטונג האָט זיך אָנגעהויבן שוין מיט חדשים צוריק. יעדער גאַסט, וואָס איז געקומען האָט געמעגט איינלאַדן א פריינד. פרויען, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין אייגענע מענער, זענען געקומען מיט „באַשטעלטע“ מענער...

די צערעמאָניע האָט זיך אָנגעהויבן צען אזייגער אין אָוונט און אָנגעהאַלטן א גאַנצע נאַכט. דער זאַל איז געווען דעקאָרירט מיט פּינגטאַסטישע קאָלירן. די ווענט — מיט פארשייטע מיוראַלן. די טרעפּ, וואָס פירן צום דיאַמאַנט־סאַלאָן זענען באַדעקט מיט די טייערסטע אימפּאָרטירטע טעפּיכער, די פּאָרענטשן־אָנלען — מיט פרישע קאָלירפולע רויזן.

די לאַנגע רייך=באצירטע טישן האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין די קרישטאָלענע, פינקלדיקע קאנדעלאברעס, וואָס האָבן פון זיך ארויסגעגעבן א בלויען רעגנבויגן דיאַמאַנט=קאָליר.

ספּעציעלע „סוירווענטס“, „באטלערס“ און „גאַווערנערס“ האָבן אויפגענומען די געסט, זיי „אויסגעטאָן“ און צייטנווייז זיך פארקרימט און חוזק געמאכט פון די „באשטעלטע“ באגלייטער.

עס האָט זיך געהערט דער געקלאנג פון „טאָסטן“ אין די קרישטאלגלעזער. ביי אנדערע זענען די געטראנקען געפאלן פון די הענט מיט דינע הילכיקע געלעכטערס. פון די צעהיצטע אָנגעפּודערטע, מאסאזשירטע, אלטע פרויען=באקן האָט זיך אָפּגעטאָן די ערזאץ=שיינקייט...

די מאכלים, וואָס זענען צו די טישן געטראָגן געוואָרן אויף זילבערנע און גאָלדענע טאצן, זענען געווען אויסגעלייגט מיט ארטיסטישן טאלאנט, קיינער פון דער „וויל=האבענדער“ געזעלשאפט האָט זיך אויף דעם נישט אומגעקוקט.

פּלוצעם האָט א ריזיקער דזשעז=אָרקעסטער א הילך געטאָן. זיי צעבאלעוועטע פרויען און מענער מיט „אונטערגעהאקטע“ פיס האָבן זיך גענומען באוועגן אין א פארשייטן טאנץ און בארכלענדיקן געלעכטער.

ווען עס האָט גענומען שאריען אויף טאָג, זענען די באדינער שוין געשטאנען גרייט פאר די לימוזינען אָפּצופירן די לוסטיקע מענער און פרויען צו זייערע רייכע היימען.

צוויי הייזער

כ'האָב געזען טויזנט ווייסע נעכט אין מיינע יאָרן,
נאָר די איינע לעבט ביז היינט אין מיין זכרון:
ס'איז די טיר פון אונדזער הויז געשטאַנען אָפן
און דער שאָטן פון א יאַסינע איז ביי מיין זייט געשלאָפן.

איז א ווינט אין יענער נאכט אריין צו אונדז אין הויז,
פארטשעפעט זיך, געריסן זיך, און נישט געקענט ארויס:
האָט ער געוואָיעט און געוויינט ביז ס'האָט דער מאָרגן
זיך אוועקגעזעצט אויף אים און אים דערווארגן.

בנימין פינקעל

אויף דער גאס וו איך ווין האָבן מענטשן יעדן טאָג געקלאפט אין טיר, געבעטן א נדבה... די אלע בעטלער באַנוגענען זיך נישט מיטן ענטפער — „גייט צו די שטאָט=מאַטעס"... זיי שטעלן אריין א פוס צווישן טיר און שוועל און ווילן זיך נישט אָפּטראָגן מיט גוטן. אמאָל סטראשען זיי, אמאָל דערציילן זיי: — איך בין געווען אן אינזשיניער, געהאט א ווייב מיט קינדער. האָט א שכן געזאָגט, אז איך גיי מיט „סובווערסיווע" קאָלעגן, האָט מען דאָס צעטראָגן איבערן שטאָט, איך שווער, אז איך בין אומשולדיק".

עס קומען ארבעטער, פראָפעסיאָנאַלן, מוזיקאנטן, זיי יאָווען זיך פון אלע פראָפעסיעס, בעטן געלט אויף אלקאָהאָל, ווײַן, און אנדערע שטארקע געטראנקען. דאָס זענען אויסגעלאָשענע מענטשן, רעזיגנירטע פון מענטשלעכן לעבן, פון די קערפערס פילט זיך זויערקייט, פון די מיילער — אלקאָהאָל.

צוויי הייזער, איינס פאר פרויען און דאָס צווייטע פאר מענער, וואָס האָבן זיך געפונען כמעט אנטקעגן, האָבן געהאט צוויי שילדלעך

— „סטעפּ־אין האוז“. אין דעם הויז, וווּ די מענער זענען איינגעשטאַנען, איז געווען אַ גרויסע אויפשריפט מיט רויטע און ווייסע אותיות ווי איינער זאָגט: „עס איז נישטאָ זיך מיט וואָס צו שעמען“. דאָס שילדל בײַ די פרויען ווידער איז געווען קליין, נעבעכדיק צוגענאָגלט, מיט קלײנער האַרער שריפט בײַם אַרײַנגאַנג, אונטערן דעכל, ווי עס וואָלט פּראָקלאַמירט: „עס איז נישטאָ זיך מיט וואָס צו גרויסן“...

דאָס הויז פאַר מענער איז געשטאַנען אין אַ פּאַראַדנער גאַס, פול מיט קלײנע געוועלבלעך, וואָס האָבן געהאַלטן בײַם אויסהויכן די נשמה, ווײַל אָט־דאָ, נישט ווײַט האָט זיך געעפנט אַ סופּער־מאַרקעט, וואָס האָט צוגענומען אַלע קונים...

דאָס הויז פאַר מענער האָט זיך געקרישלט פון אַלטקייט. די פענצטער — שוואַרץ ווי אין אַן אַלטמאָדישער פאַבריק, האָבן נישט אַרײַנגעלאָזט קיין שטראַל זון און ליכט.

די פראָנט־טיר איז אַ גאַנצן טאָג געווען אויפגעפּראַלט. אויף דער רעכטער זײַט פענצטער האָט געבאָמבלט אַ האַלבער לאָדן, וואָס האָט געהאַלטן בײַם אַראָפּפאַלן און געקרעכצט...

אינעווייניק, אונטער דער סטעליע איז געהאָנגען אַ געדיכטער רויך, אַ זויערקייט האָט אָנגעפילט די לופט. מענטשן האָבן זיך געוואַלגערט אויף האַרטע, הילצערנע בעטלעך, אַנדערע האָבן געהאַט האַרטע שעזלאָנגען. די בעטן זענען געווען אויפגעשטעלט איינס איבערן אַנדערן, צוזאַמענגעקלאַפּט פון פּראָסטע, נישט געהובלטע ברעטער פון אַן עלעקטרישער מאַטער ליכט האָבן זיך געצויגן לאַנגע שטראַלן, וואָס האָבן ווי גאָלדענע פעדים זיך אָנגעשלאָגן אויף די „רולס און רעגילעישאַנס“, וואָס זענען געהאָנגען אויף אַ הילצערנער טאַבעלע.

אין אַ ווינקל, אָפּגעצוימט ווי אַ שטײַג, אַרומגענומען מיט דראָטענער זיפּ, האָט געזידט אַ קאַווע־קעסל, די פּאַרע איז געווען שאַרף, איבלדיק, וואָס האָט געקאָנט אײַנשלעפערן...

די מענער אין דעם אַנשטאַלט זענען געווען אַלקאָהאָליקער.

דאָס הויז אַנטקעגן, פאַר פרויען איז אָפּגעפאַרבט אין אַ שנײ־ווײַסן קאָליר, דער דאַך — רויט, דאָס גראָז — פאַרשטייט זיך — גרין, בײַ די זײַטן וואַקסן גלאַדאָליעס, רויזן, בײמלעך זענען אַרומגעשוירן, שמעקן מיט אַ זיסן שאַרפן ריח. הינטערן הויז, וואַקסן ציטרוס־פרוכטן, באַנאַנען, פײַגן און „ווילדע“ טײַטלען. אינעווייניק איז ליכטיק, געוואַשענע פענצטער־שויבן פינקלען אין זון־שטראַלן אויף

דער וואַנט הענגט אַ שפּיגל, שמאָל און לאַנג — האָריזאָנטאַל. עס שמעקט מיט ביליקער פּערפום, שמינקע. אַ יונגע פרוי האַלב אַנטבלויזט פאַרן שפּיגל. אַ צווייטע, וועלכע טראָגט זײַדנס אויף איר לײַב, קאַרבירט אירע האָר, ווען זי ווערט פאַרטיק, שטעלט זי אַרײַן אַ ווײַסע רויז אין דער זײַט, לעבן רעכטן אויער, ווי זי וואָלט געגאַנגען אויף אַ „דעיט"...

אַנדערע פרויען זענען פאַרנומען מיט ציפּן זיך די ברעמען, מאַניקיורן די נעגל, פּרעסן אָנגעקראָכמאַליעטע ווײַסע בלוזקעס, פּוצן זיך ווי צו אַ באַל...

צווישן זיך רעדן זיי כמעט נישט. די יונגע פרויען זיצן באַזונדער. מיטליאָריקע האָבן אויסגעשפּרייט פאָטאָגראַפיעס אויפן בעט, אַזוי ווי קאָרטן און קוקן מיט בענקשאַפט... די עלטערע זענען אָפּגעלאָזן, פאָרען זיך ווי זיי וואָלטן געטאָן עפּעס אַ נוצלעכע זאַך, וואָס דערמאָנט אין אַ לאַנגער פאַרגאַנגענהייט...

אין ביידע הײַזער זענען די מענטשן אויף פרײַע קעסט. דאָ טאָרן זיי נישט פאַרזוכן דעם ביטערן טראָפּן. דאָ ווערן זיי געהאַלטן אַ טאָג, אַ וואָך, אַ חודש, ביז זיי קומען צו זיך... דאָ ווערן אַרײַנגענומען פון טורמע די באַפרײַטע, וואָס זענען אַרעסטירט געוואָרן פאַר אָפּטאָן נישט קיין שיינע מעשים בעתן טרינקען...

אין ביידע הײַזער וווינען אַרבעטער, פּראָפעסיאָנאַלן, אַרטיסטן, וואָס האָבן רעזיגנירט פון געזעלשאַפטלעכן לעבן. נאָר געציילטע דראַפּען זיך אַרויס — דערציילט דער פאַרוואַלטער — וואָס איז אַ געוועזענער אַלקאָהאָליקער.

די הײַזער ווערן אויסגעהאַלטן פון מעצענאַטן, וועלכע קומען דאָ האַלטן „לעקציעס", דערציילן, אַז זיי אַליין האָבן ליב געהאַט אַ „זופּ־טאָן", און האָבן זיך אויסגעהיילט. איצט קומען זיי העלפן אויסניכטערן זייערע „באַדיס", זייערע „ברידער".

ווען עס קומט די פּאַציענטן אָן דער פאַרלאַנג צו אַלקאָהאָל און קיין געלט איז נישטאָ, לויפן זיי ווילד איבער די גאַסן, ווי הינט אין אַ הייסן זומער־טאָג, מיט אַרויסגעשטרעקטע צונגען, שטעלן אָפּ פאַרבײַגייער, רײַסן אָפּ שוועלן, קלאַפּן אין טירן, שעמען זיך נישט, זאָגן מיט געבעט „איך בין דורשטיק"...

געפּרוי איז איין שיכור דעם צווייטן, ער וועט זיך טיילן ביזן לעצטן:

— דו אַ זופּ, איך אַ זופּ.

ביז ס'פלעשל ווערט ליידיק.

די אלקאָהאָליקער אין מיין גאס האָבן זיך געטיילט לויט פארשידענע געוווינהייטן: איינער האָט געהאט א נייגונג נאָר צו א געוויסן סאָרט וויין, א צווייטער — צו ביר, א דריטער — צו שנאפס. אז מיר האָבן אמאָל פרובירט אוועקנעמען פון עמעצן דעם שארפן געטראנק, איז געווען ממש אויף לעבן און טויט...

איינע, א יונגע פרוי, מארגארעט, איז געווען א מוטער פון צוויי קינדער. געגאנגען איז זי ווי א טויב מיט דראָבנע פיסעלעך. אירע טריטעלעך זענען געווען געציילטע. זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ ווי א פויגל בעתן גיין. אזוי שנעל אָבער ווי זי האָט צונויפגעקליבן אויף א פלעשל, האָט זי זיך פארקליבן אין א ווינקל פון א הויז און זיך גענומען צום פלעשל. נאָך יעדן זופּ האָט זי אויפגעהויבן דאָס פלעשל אנטקעגן ליכט, באדויערט וואָס אָט־אָט טאָגט שוין... אן אומעט האָט זיך באוויזן אין אירע פארגאָסענע אויגן, זיך אין עפּעס דערמאנט און אָנגעהויבן וויינען, שעלטן, באקלאָגן איר האָליע...

צו מיין טיר פלעגט קומען דער יונגער פּאָעט דזשעיִמס פון די דרום־שטאטן. אין זיינע לידער האָט ער באוויינט דעם גורל פון „שערקראפּערס“ און געבענקט נאָך די פּרעירים, נאָך אלפאלפא, נאָך דעם אלטן זיידן העניק, וועלכער האָט געוואָלט, אז דזשעיִמס, זיין אייניקל, זאָל זיין א גאָטספארכטיקער, א גלח אינעם קלויסטערל, וואָס איז געשטאנען אויף א בערגל ווייט פון זיין פארם.

איינמאָל האָבן מיר אים געפרעגט: — דזשעיִמס, פארוואָס האָסטו בעסער נישט געפאָלגט דיין זיידן העניק? וואָלסט זיך נישט געדארפט ארומשלעפּן צווישן קראנקע מענטשן.

האָט ער גענומען זיין ביכל לידער אין האנט, געמישט א בלעטל נאָך א בלעטל, זיך אָפּגעשטעלט אויף זייטל פערציק און אָנגעהויבן לייענען:

דער מענטש איז א חיה, ווען ר'איז אויפן שלאכטפעלד,
געשיקט פון די קריגער, פון גלח געבענטשט...

דזשעיִמס האָט געמאכט א פּאַוזע, געוואָלט זען די ווירקונג — צי מיר פארשטייען... איבערגעמישט א בלעטל און ווייטער געלייענט:

מיינע קינדער־יאָרן די יונגע, אוועק זענען אין פעלד,
געאַקערט, געזייט — ברויט האָט געפעלט...

דזשעימס איז געווען הויך, שיין, און אויך זיך אויסגעטיילט פון אנדערע אפילו ווען ער איז געווען שיכור. אנשטאָט ווייגען, ווי אנדערע אלקאָהאָליקער, האָט ער דערציילט וועגן פאנטאסטישע געשעענישן...

דזשעימס האָט זיך ארומגעשלייכט מיטן קליינעם מענטשעלע רעיבין, וועלכער פלעגט אמאָל שפילן אין טעאטערס אין נאכט־קלובן אלס „הוזיק־מאכער". איינמאָל האָט ער מיך פארבעטן אויף א פייערונג. ארייננקומענדיק, איז מיר באפאלן א רחמנות, ווען כ'האָב געקוקט אויף די קורצע פיסעלעד, קליינע הענטעלעד, גרויסע אויגן, רונדיקע קעפע־לעד און קורצע קערפערס. קינדער און עלטערן, וועלכע זענען געווען פארזאמלט, האָבן אויסגעזען ווי זיי וואָלטן געבוירן געוואָרן אין איין צייט...

דער אָרקעסטער האָט אויפגעשפילט, די „מידזשעטס", ליליפוטן־פאָרלעד עלעגאנט אָנגעטאָן האָבן ווי פארליבטע זיך געוויגט אין טאנץ אונטער די טענער פון פיינעם אָרקעסטער.

דער אָוונט איז געווען שיין און ווארעם. די לבנה האָט אריינגעקוקט דורך די גרויסע אויפגעפראלטע פענצטער, וועלכע זענען געווען פאר־שטעלט מיט ביימער. פון הינטער די ביימער האָבן זיך ארויסגעזען רויטע און פיאָלעטע בלומען־בייטן.

דורך דעם געדיכטן הימל האָבן די גאָלדיקע, שארפע מיניענדיקע שטערן, אין דער שטילער „פארוואָרפענער געגנט" מיך אוועקגעפירט אין א ווייטן חלום...

רעיבין, דאָס קליינע מענטשעלע, האָט מיך באקאנט מיט זיין מש־פחה, פריינד און געסט. אלע כמעט זענען געווען פון דער טעאטער און פארוויילונגס־פראָפעסיע.

דער בופעט איז געווען פארגרייט מיט געשמאקע און פיינע מאכ־לים. קיין משקה איז נישט געווען.

— די מענטשן טרינקען נישט — האָט רעיבין געזאָגט מיט שטאָלץ.

מיין רחמנות־געפיל, וואָס האָט מיך פריער בעתן ארייננקומען בא־ווירקט, איז שנעל אוועק ווען כ'האָב געזען ווי די „מידזשעטס" זינגען, טאנצן, לאכן, זענען פריי פון זאָרגן...

דאָס הויז האָט באַלאַנגט צו אַ פאַרמעגלעכער און אפשר גאָר רײַ־
כער משפחה, וואָס האָט אײַנגעאָרדנט דעם אָוונט.

די שפּעטע אָוונט־לופט, וואָס איז אַרײַנגעקומען דורך די לאַנגע
אָפענע פענצטער, האָט פאַרשיכורט. דאָס הויז איז געשטאַנען אין אַ
שטילער, אידילישער געגנט, אײן היים פון דער צווייטער איז געווען אָפּגע־
רוקט. די גאַנצע געגנט, מיט די גאַסן באַרג־אַרויף איז געווען אָן אַ שטאָ־
טישער לאַמטער. פון צייט צו צייט האָט זיך געהערט אַן עכאָ פון בילן פון
אַ יונג הינטל, וואָס איז, ווייזט אויס, נישט געווען צופרידן מיט די פייער־
לעכע מוזיק־טענער, וועלכע האָבן זיך געטראָגן איבער ווייטע שטרעקעס.

אזא אָוונט ווילט זיך קיינמאָל נישט פאַרגעסן. אויך געוויסע מענטשן,
וועלכע גייען צוליב געוויסע סיבות אַוועק אויף קרומע וועגן, בלייבן אויף
אייביק אין זכרון.

האָט פּאַסירט אַזוי:

געווען איז דאָס שוין לאַנג צוריק, אײנמאָל אין אַ ווינטער־נאַכט,
האָבן מיר אין לאָס־אַנדזשעלעס געזען אמתע דינינקע פליטערלעך שניי
אָנקלאַפּן אין די שויבן, פאַלן אויף העכער. דאָס האָט אַרויסגערופן קינ־
דער אין די גאַסן און מענטשן זענען געשטאַנען ביי די פענצטער, און
באַוואונדערט.

ברענענדיקע פונקען־פייער און רויך האָבן זיך געצויגן דורך קוימענס
פון נידעריקע הילצערנע הייזקעס. מיר זענען געזעסן ביים קאַמין, דאָס
פנים האָט געגליט פון הייסע האָלץ־קוילן, וואָס האָבן געפּלאַקערט. פון
טרוקענע צווייגן האָבן גליענדיקע פונקען זיך צעשפּרייט ווי אין פריי־
לעכן טאַנץ....

די אידיליע איז איבערגעריסן געוואָרן. אומדערוואַרטעט האָט עמע־
צער געגראַבלט אין דער פענצטער ביי דער קלאַמקע...

— דזשעימס — האָבן מיר זיך דערפרייט.

— איך בין היינט אַרויס פון דזשעיל, איך וועל שוין מער נישט
טרינקען..

— ווו איז רעיבין?

— ער איז צוריק אין לאָס וועגאַס, ער טרינקט נישט מער. דזשעסי
מיין פריינדין, איז ביי די קינדער אין האָליווד, אפשר וועט זי זיך ראַטע־
ווען... אַ שאָד איז די יונגע מאַרינאַ, זי האָט נישט אויפגעהערט טרינקען.
אין שפּיטאָל האָט זי געהאַט האַלוצינאַציעס, זי איז שנעל אַוועק אין

גן־עדן, אזא פיין קינד געווען. די „טויב" איז נאָך דאָ, דאָס איז א „שיי־נע נשמה".

— א שאָד איז ווירדזשיניאַ. דער אונגארישער שענק האָט געבראכט אלראָס ביין, זי מיט מעקן זענען דאָרט געלעגן, געזויפן, ביז זיי האָבן אלץ פארטאכלעוועט...

דער אונגארישער שענק האָט באלאנגט צו פיאָדערן מיט זיין ווייב לאָרעטא, געקומענע פון אונגארן, אנטלאָפן אויס מורא (בעתן „אויפ־שטאנד"). דאָ אין דער געגנט, צווישן אלקאָהאָליקער, האָט זייער „טאָ־ווארן" באקומען א שם...

— דזשעימס, ווי לאנג וועסטו זיין ניכטער?

— יעדעס מאָל ווען איך ווער „פארנומען", לייגט דער ריכטער צו א גרעסערע שטראָף...

דזשעימס האָט אויפגעהויבן די שאָל קאווע. דאָס טעפעלע האָט גע־ציטערט אין זיינע הענט...

— איך גיב דיר מיין וואָרט, כ'וועל מער נישט טרינקען...

שוין לאנג ווי מיר האָבן זיך פון דער געגנט ארויסגעצויגן. פון דעמלט ביז היינט איז אוועק א גרויסער צייט־אָפּשניט.

מיר זענען געשטאנען איבערגעבויגן איבער א טיש ביכער, אין דעם ריזיקן ביכער־געשעפט אין האָליווּד. דאָ, צו דערגרייכן א בוך פון דער העכסטער פּאָליצע, דארף מען האָבן א פייער־לעשער לייטער. אין דעם וואלד פון ביכער אויף האָליווּד־בולוואר קומען ארטיסטן, מאָלער, הויז־פרויען, קינדער, ארבעטער, אלערליי מענטשן פון נאָענט און ווייט, סיי גייגעריקע און סיי די, וועלכע קויפן א נאָוועלע, געשיכטע־ביכער, מארק־סיסטישע, פילאָזאָפישע, אנטאָלאָגיעס, די בעסטע קלאסישע ווערק, בי־כער וועגן מוזיק, באַלעט — און שונד.

אין די אָוונטן, ווען דער בולוואר איז צווישן קריסטמעס און ניי־יאָר פאַנטאַסטיש באלויכטן מיט קאָלירפולע נעאָן־ליכט, רעשט דאָ ווי אויף א יאריד.

ארויסגייענדיק פון בוך־געשעפט, זענען צוויי יונגע קינדער אנטקעגן געקומען, מיד באגעגנט פנים־אל־פנים. די צוויי מיידלעך, פופצן—זעכצן יאָריקע זענען געווען צעשויבערט, נישט אויסגעשלאָפן.

— האָסט א קוואָדער? — האָט איינע געפרעגט. — אלקאָהאָל האָט א שלאָג געטאָן פון איר מויל.

— ניין, כ'בין ארויס אָן געלט.

— דו זאָגסט נישט דעם אמת, גיב וויפל דו האָסט, מיר האָבן נישט אויף אהיים צו פאָרן.

— איך וואָלט דיר געגעבן, נאָר איך האָב נישט.

— האָסט א קאָר, נעם אונדז אהיים.

— איך אייל זיך, מיין פרוי וואַרט אויף מיר אין „קאַפע דען".

— טפו־טפו — האָט די צווייטע, וואָס איז געשטאַנען אין א זייט — אויסגעשפּיגן...

די וואָס האָט געבעטן געלט האָט חוצפּהדיק, ווייל־יונגעריש א זאָג געטאָן:

— גיי, טראָג זיך אָפּ...

די יונגע מיידלעך זענען געווען אין א פאַרלעגנהייט, פאַרצווייפלט...

א שיכור איז ארויס פון א שענק, ער איז געווען לייטיש אָנגעטאָן, זיך געוואַקלט, געטאַפּט זיינע קעשענעס... געדרייט זיך הין און צוריק, נישט געוווסט אויף וועלכן וועג ער באַדאַרף גיין...

די צוויי יונגע מיידלעך זענען פאַרבייגעגאַנגען. הייזעריק האָט ער געפרעגט:

— אנטשולדיקט, ווו בין איך?

די יונגע מיידלעך האָבן אים פאַרשטעלט דעם וועג, עס איז אָנגעפאָרן אַ טאַקסי און „איינגעשלונגען" די קינדער מיטן שיכור...

אין „קאַפע דען" רירט עמעצער מיין אַקסל.

— אָ דזשעימס! וואָס פאר אן איבעראַשונג, זעסט דאָך אויס ווי אַ פּרינץ.

— זיי באַקאַנט, דאָס איז מיין נעלסי, שטעלט ער פאָר א זייער עלעגאַנטע פרוי.

— האָסט דאָך עפּעס א לייטיש ווייבל.

— איך האָב איר אלץ דערציילט..

— וואָס הערט זיך מיט דיין פּאָעזיע?

— איך שרייב פּראָזע און פאַרדין געלט. ערשט די לעצטע וואָך זענען מיר געגאַנגען זען צי די אַלטע „באַדיס" אין „סטעפּ־אין האוז" לעבן נאָך. קיינעם נישט געטראָפן. דאָס הויז איז פאַרשוווּנדן ווי אין ים אריין. עס איז אויסגעוואַקסן א גרויסער שיינער האָטעל, גוט אזוי...

— ווי קומסטו אין האָליוווּד?

— געלסי און איך אַרבעטן אין טעלעוויזיע־סטודיאָ.

— דו שפּאַסט?

— ניין, אָנגעהויבן האָט זיך עס אַזוי: מיר האָבן פּאַרטראַכט א געדאַנק. פּירט זיך דאָרט אַזוי: דו קומסט מיט א געדאַנק פאר א פּראָגראַם, דארף מען האָבן א „פּוש" מ'זאָל אויסהערן. דער איינפאַל מעג קומען פון דער סטודיאָ, פון סטעף, אָדער אפילו פון א פרעמדער אַד־ווערטייזינג־אַגענטור, אָדער סתם פון עמעצן, וואָס האָט גאָרנישט צו טאָן מיט טעלעוויזיע. ווען דער איינפאַל ווערט אָנגענומען, איידער דאָס דערגרייכט צו דעם ברייטן עולם דורך דער טעלעוויזיע־שויב, גייט עס פריער צו דעם פּראָגראַם־באַלעבאָס, צום דירעקטאָר און פּראָדוצירער. אויב זיי איז דער איינפאַל געפעלן, רופט מען אריין א שרייבער, נעמט דעם געדאַנק ארויס פון מיינע הענט און ער „מאַכט" עס...

ערשט דערנאָך גייט די זאך צו דעם „קעסטינג"־דירעקטאָר, ער דארף געפינען די כאראקטער־שפּילער, ליכט־דירעקטאָר, מוזיק־לייט.

— ווי דו זעסט, איז דאָס איינפאַך... עס איז גאַנץ אינטערעסאַנט צו זען, אַלערליי נאַריישע שפּילן ווערן געמאַכט אין דער סטודיאָ. עס איז משוגע צו ווערן ווי די אַפּאַראַטן, די קאַמערעס אַרבעטן. מיר האָבן א סך שפּאַס און א ביסל געלט... יעדער אָטעם־צוג ווערט קאָנטראָלירט — אַ געגעניץ, א באַוועגונג, ווערט פארצייכנט אין „סקריפּט". געלסי איז אַן אַלטע „האַנט", מיט איר איז לייכטער.

— אין די סטודיאָס ווערן אויפגעבויט פאבריקן, הייזער, גאַסן, סופּער־מארקעטס, באַרבער־שעפּער, בענק, א גאַנצע שטאָט. דאָס איז בלויז א פּראַנט, אָבער אויף דער טעלעוויזיע, אין די פילמען, זעט דאָס אויס רעאַל ווי אַן אמתע שטאָט...

— ווי איז אַהינגעקומען רעיבין?

— אָ, דאָס קליינע מענטשעלע, וואַרט אויף מיר אין זיין היים. מיר זענען א „טים", ווילסט גיין אים זען? ער דערמאַנט דיך צום גוטן.

און ער פּאַרענדיקט:

— שיכרות איז א מגפה, נאָר געציילטע ראַטעווען זיך אַזוי ווי פון אַן אַטאָמיש פייער...

— אַזוי איז דאָס לעבן — זאָגט געלסי, ווען זי שטרעקט אויס צו מיר איר האַנט צום ארויסגיין.

„שעלטערס“ אויף מיין גאַס

שעלטערס מיינט נישט די היימישע, אייראָפּעישע, האָרעפּאשנע מארק־יידן און יידענעס, די געזונטע פאָלקס־מענטשן, די הענדלער פון אויבסט, פיש און געפעס, די הונדערטער טויזנטער, וואָס דער נאציזם האָט פארטיליקט... עס מיינט אויך נישט די „מארשאנעס“ פון פאריזער האַלעס, וועלכע רעדן הויך, שרייען, זענען גוטמוטיק און בייז, ווייל זיי שטייען מיט פארפרוירענע, געשוואָלענע הענט און פיס אין די האַלעס און ביי די „וואַטיערס“־שטופּוועגעלעך, שטעלן זיך אויס אין לאנגע ריי־ען אויף גאסן, בולווארן כדי צו פארדינען אויף חיונה.

אַ „שעלטער“ איז א באהעלטעניש, אן אונטערערדישער בונקער, וועלכער דארף אויסהיטן פון אומקום פון אן אטאָמישער באָמבע...

ביי אונדז אין אמעריקע, זאָגט מען, איז אָנגענומען, אז יעדער בר דעת קאָן ווערן א פרעזידענט, נישט סתם א פרעזידענט פון „אנשי־נשים“, נאָר דווקא פון ווייסן הויז אין וואשינגטאָן... ס׳איז ווי די מעשה מיטן ווילנער גאון:

„וויל נאָר ייִנגעלע, וועסטו זיין א גאון“...

האָט פאסירט אזוי: אין א שיינעם, זוניקן טאָג, ווען דער הימל איז געווען בלוי־ווייס קלאָר, איז מיין גאס אויפגעציטערט געוואָרן, שיעור נישט אריינגעפאלן אין א פאַניק.

אויף א גרויסן שטח האָט איינער א דייטש, אן אינזשיניער אויפגע־שטעלט א טויער, אויסגעמאָלט א גרויסן שילד און אָנגעזאָגט דעם עולם, אז דאָ ווערן פארקויפט „שעלטערס“ געבויט, צו ראטעווען זיך פון אטאָמישע אויפרייסן — פאר עטלעכע הונדערט דאָלאַר.

די געגנט איז דאָ א יידישע, שבת און יום־טוב זעט מען דאָ מענער, פרויען און קינדער גיין אין שול און פון שול. מען הערט רעדן יידיש, העברעיש, אונגאריש, א סימן — די מענטשן זענען נישט לאנג אין לאנד.

איבער דער גאס טראָגט זיך א פרילינג־געזאנג פון פייגל־נעסטן,

עס טראָגט זיך אויך א שושקעריי: „האָט איר געזען וואָס א דייטש האָט דאָ אוועקגעשטעלט?"....

דער עולם איז דערשראָקן און דערצאַרנט: „א דייטש, א נאַצי, יידיש בלוט"...

פון א ראַדיאָ קומט א ספּעציעלער מעסעדזש:

„ווייסט איר ווי אַזוי, ווען איר געפינט זיך אין גאַס, זיך אויסצו־היטן פון א נוקלעאַרן אויפרייס? אויב איר געפינט זיך אין אייער אױ־טאָמאָביל רעקאָמענדירן מיר, אַז איר זאָלט זיך אויסציען פלאַך, עפענען די פענצטער, האַלטן די אויגן פאַרמאַכט, דעם קאָפּ פאַרדעקט, און ווען דער אויפרייס וועט פאַריבער, וועט איר קריגן אינסטרוקציעס"...

אליין האָב איך מורא געהאַט צוגיין באַטראַכטן און זיך „פאַראינ־טערעסירן". איך האָב געטראַכט „א דייטש, בלייבט א דייטש"... גייען מיר כלומרשט א גאַנצע פאַמיליע: מיין פרוי, איידעם און אייניקל...

— וויפל קאָסט אַזא בלעכן ביידל, וואָס מ'דאַרף באַגראָבן טיף אין ד'ערד, כדי זיך צו באַשיצן פון אַטאָמישן פייער? — פרעגן מיר.

— צוויי טויזנט דאָלאַר, זאָגט ער ארויס, מיט א שאַרפן דריי־גאַרנדיקן — ר־ר־ר. מיר זענען אריין אין א „שעלטער", וואָס איז שוין געווען איינגעגראָבן טיף. בלויז א קליין רערל האָט ארויסגעשטעקט ווי א שפּיץ פון אן אונטערוואַסער־שיף...

מאָמענטאַל האָט אויסגעפּעלט אָטעם — ווי אַזוי וועלן מיר די גאַנ־צע משפּחה, קאָנען דאָרט לעבן א לענגערע צייט? — האָב איך נאַיוו געפרעגט דעם דייטש, וואָס האָט שוין באַלעקט זיינע גראָבע ליפּן פאַר פרייד — אָט, אָט, האָט ער געפּאַקט דעם ערשטן קונה...

— ביסט א דייטש — האַ? ווייסטו נישט, אַז אין א נוקלעאַרער מלחמה... דאָס מיינט דאָך חוזק־מאַכן פון מענטשלעכן פאַרשטאַנד.

א מאַן, געבויגן א ביסל צו דער ערד, איז געגאַנגען איינהאַנדלען א „שעלטער". מיט זיך האָט ער געטראָגן א ביכעלע, „אַז אויב אַן אַטאָמישע באָמבע וועט פאַלן איבער דער שטאָט, זאָלט איר זיך אויסציען אויפן דיל פון אויטאָמאָביל, עפענען די פענצטער, פאַרמאַכן די אויגן, צודעקן מיט די הענט דעם קאָפּ און אַזוי ליגן ביז ס'וועט פאַריבער"....

— איר פאַרשטייט, פאַר די אייניקלעך, איך דאַרף עס שוין נישט. אָבער די קינדער האָבן נאָך א וועלט פאַר זיך. איך וויל זיי עפּעס איבער־לאָזן... א „שעלטער".

די טאָכטער, קוקט אין ביכל און לייענט ווייטער:

נישט אָנשטעלן די אויגן צום הימל, ווען עס וועט פּאַרקומען דער אויפריים... זיך איינקאָרטשען ווי אַן עמבריאָן אין מוטערס טראַכט...

דער דייטש האָט פון ווייטן געקוקט מיט ביסטרע אויגן — „יודע" האָט ער זיכער געזאָגט...

— איר הערט די הוצפּה פון אַ דייטש, קומט אין אַ יידישער געגנט, ווייל שנעל רייך ווערן. ווו האָט ער אַזוי שנעל גענומען אַזוי פיל געלט? יידיש בלוט. גאַז־קאַמערן, פּאָנאַר, טרעבלינקע, אָשוויענטשים...

— ער וועט באַלד דערפילן דעם האַס פון דער יידישער גאַס, שנעל רייך ווערן אויפסניי, פון „שעלטערס".

— לאָמיר, אָנשרייבן דעם גובערנאַר, אַז „איך, מיר אַלע, מיין מאַן, די קינדער, שכנים, ווילן שלום! נישט קיין „שעלטערס" האָט די סימפּאַטישע פרוי געזאָגט — „אַמעריקאַנער ווייסן נישט, וואָס ס'האָט געמיינט זיין אַ ייד ביי די נאַציס אין דייטשלאַנד"...

צוזאַמען האָבן מיר זיך דערווייטערט פון דעם פאַרשאָלטענעם „שעלטער"־פּלאַץ, — אויב, אַפילו, עס זאָל עמיצן געלינגען זיך ראַטעווען — זאָגט שוין דער זיידע — וואָס פאַר אַ לעבן וועט דאָס זיין? פאַרסמטע שפּייז, אָן שפּיטאָלן, קיין אַנשטאַלטן. דאָס וועט דאָך זיין אַ קללה פון גאָט: די לעבעדיקע וועלן מקנא זיין די טויטע, — יאָ, איר זענט גערעכט! — זאָגט די פרוי. „איך האָב איבערגעלעבט דעם גאַזישן גיהנום־פייער. גלייבט מיר, בלויז קוקן אויף דעם „שעלטער" דערמאַנט אין היטלערס קאַלכאַוויוונס".

מיר זענען אַריין אין הויז, איר מאַן, ווינדאָר, אַן אינטעליגענטער, סימפּאַטישער יונגערמאַן איז געווען פאַרזאָרגט... דערנאָך האָט ער גענומען דערציילן וועגן זיין פרויס קאָשמאַרן. ווי זי כאַפּט זיך אויף ביינאַכט... „מיין רחלע קאָן קיין פליג נישט אָנרירן, נאָר ביינאַכט שלאָגט זי זיך, אַנטלויפט... די ערשטע צייטן האָט זי ווייניק גערעדט, נישט געזונגען — איר מעגט הערן אַ סאָפּראַן־שטימעלע. ערשט ווען ס'איז געבוירן געוואָרן דאַניעל, האָט זי אָנגעהויבן זינגען וויג־לידער — פון דעם געטאָ, איינס אַזאַ לידל האָב איך אויסגעלערנט: „ס'דרעמלען פייגל אויף די צווייגן"... שלאָף מיין טייער קינד.

— ווען זי זינגט דאָס, וויינט זי מיט ביטערע טרערן... נו, היינט איז זי שוין אַ מענטש, ווייזט אויס, אַז די צייט פאַרהיילט... איך העלף רחלען פאַרטרייבן די קאָשמאַרן...

— יעדעס מאָל, ווען זי זינגט דאָס ליד פון אַן אומגעקומענעם דיכטער:

„וויש אוים דיינע טרערן,
פאַרגעס דיינע זאָרגן,
צו טרויערן איז נישט כדאי.
ס'קאָן זיין אז מאָרגן,
כ'בין זיכער אז מאָרגן
וועט אויפשיינען זון אויפדאָסניי".

גיסן זיך טרערן פון אירע ווייכע ברוינע אויגן. זי נעמט מיך ארום און זאָגט: „וויגדאָר, עס איז אזוי גוט צו לעבן, לעבן אויף דער וועלט. עס זאָל נאָר נישט פארשטערט ווערן. אָבער זע — בלייענע הימלען..." און זי צעוויינט זיך.

יאָ, ס'איז פרילינג אויף מיין גאַס, דאָס גראָז איז גרין, ביימער בליען שוין, קנאָספן זענען פול מיט זאפט, ווי ווייַנטרויבן. פייגעלעך זינגען שירה, א לויב צו דער נאַטור.

געווען איז א „שעלטער" אויף מיין גאס און איז שוין מער נישטאָ...

מיר זענען ארוים אין דרויסן, א טויב האָט פארבייגעשוועבט, געפלאַטערט און זיך אראָפּגעלאָזט נעבן די רויט-געפּארבטע טרעפּלעך, באלד האָט צוגעשוועבט נאָך א טייבל, וואָס האָט געוואַרקעט און קאָקעטירט...

די גאַס האָט געשמעקט מיט יונגע פרילינג-בליאונג, די נאַקעטע ביימלעך האָבן זיך אָנגעהויבן באנייען מיט גרינע קליידער, פון הייזער האָט געשמעקט מיט שבת-יום-טוב.

עס איז אָנגעלאָפן א ייִנגעלע, פארשוויצט, מיט פוציקע רויטע בעקעלעך, אָנגענומען וויגדאָרן פאר דער האַנט:

— קום זיך שפּילן אין בעים-באָל.

— נישט היינט, היינט איז שבת, האָט דאָניעל זיך געוואָלט ארויסדרייען, כדי צו זיין בעסער מיט די געסט און טאַטע-מאַמע.

— מיין מאַן האָט אייך שוין געזאָגט דערציילט וועגן מיר, כאָטש ער איז דאָרט נישט געווען ווייסט ער, אז די וועלט האָט געשוויגן און די רוצחים האָבן געשאָכטן...

— איך זעט, א מענטש, האָט א קאָפּ און א האַרץ, נישט אַלעמאָל האַרמאָנירן זיי. ווינדאָר זאָגט, אז א קינד דאַרף נישט וויסן וועגן דעם גרויל פון נאַציזם — ווען ער וועט אויסוואַקסן... ווען האַניעלקע זעט מיך וויינען זאָגט ער: „מאַמע, מאַמע — איך ווייס"... א מענטש, א פרוי, איז שוואַך און שטאַרק, א סימן איך בין דאָ. איך קאָן נישט פאַרגעסן, מיר טאָרן נישט פאַרגעסן.

רחל ווישט אָפּ א טרער און זאָגט:

— איך האָב אַזוי געוואָלט שטאַרבן, אָבער נאָך מער האָב איך געוואָלט לעבן, האָבן קינדער און דערציילן דעם קינד אין וויגל וועגן די מערדער, וואָס האָבן געקוילעט און געלאַכט... נישט מיט — „אונטערן וויגעלע, שטייט א גאָלדן ציגעלע".

— זעט ווי זויבער עס איז דאָ אין די יידישע גאַסן און דער נאַציזם האָט געדרימשעט: „שמוציקע יודע", מישט זיך אריין דער זיידע.

ווינדאָר מאַכט זיך כלא יודע, ווי ער הערט נישט, וואָס זיין ווייבל רעדט און שושקעט מיר אריין אין אויער:

ווי נאָר א פלאַנץ, א בלום, א קאַקטוס, א פּרילינג־שפּראָצונג, ברענגט זי דאָס אין הויז, זי פּלעגט דאָס ווי א גרויס געווינס, וויַיל איך לאַגער — — — ער האַקט אָפּ די רייד ווען רחל דערנעענטערט זיך...

רחל מיט האַניעלן זענען אריין אין הויז. ווינדאָר האָט אויסגעדריקט פרייד מיט דער נייער באַקאַנטשאַפט און צום אַוועקגיין געזאָגט:

— מיין פאָטער עליו השלום פלעגט זאָגן „דאָס יידישע פאָלק איז אַן עם קשה עורף" א האַרטנעקיק פאָלק, מיר וועלן איבערלעבן אַלע שונאים.

יידן האָבן געמיטלעך שפּאַצירט איבער דער גאַס, פאַרבייגייענדיק די שול „בית אברהם", האָבן יידן זיך פאַרזאַמלט צו מנחה און די געדאַנקען האָבן זיך אריבערגעטראָגן צו די קינדער־יאָרן פון אַמאָליקן לעבן, ווען כ׳בין א קליין יינגעלע געווען...

ביים ברעג פון פאַציפישן ים

געווען איז עס אין ווענים ביים ים, צווישן טאָג און נאכט. די זון האָט פאמעלעך געניִדערט, אויסגעזען בלאַס און מיד פון הייסן טאָג זי האָט זיך גענומען אראָפּלאָזן הינטער א בארג און גלייכצייטיק זיך אָפּגעשפּיגלט אויף די שוימיקע כוואַליעס, וואָס האָבן שטורמיש זיך געיאָגט צום ברעג. מיטאמאָל איז דער זון־אָפּגלאַנץ פארשוואונדן, ווי די זון וואָלט זיך באהאלטן אין ים.

איבערן וואסער האָט זיך אויסגעשפּרייט א געדיכטער מילך־ווייסער נעפּל, וואָס האָט איינגעהילט די צפון־בערג און דעם ים.

מיט מינוטן שפּעטער איז דער נעפּל געוואָרן דורכזיכטיקער, עס האָבן זיך צוריקגענומען ארויסשיילן בערג, און דער ים איז שטילער געוואָרן.

די זון, א פלאַמיקע, האָט ווידער א שיין געטאָן און פארשוואונדן.

פון גאנץ ווייט קוים צו דערזען, האָבן זיך ארויסגעהויבן מאסטן פון א שיף, וועלכע האָט זיך געוויגט אויף די כוואַליעס פון ים.

ווען די זון איז געמיטלעך פארגאנגען, האָט דער ים זיך אויפגעהערט קאָכן און זידן, דער הימל איז געוואָרן ליכטיקער. עס האָט אויסגעזען, אז עס הויבט ווידער אָן טאָגן, איידער ס'ווערט נאכט.

אין שטאָט איז געווען א תמימה. ארבעטער פון שעפער אין אפיסעס האָבן זיך אין מאסן א לאָז געטאָן צום וואסער אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם, איינזאַפּן די קילע ים־לופט. אייניקע האָבן שפּאצירט האַרט ביי די ברעגן פון ים. אנדערע ווידער, האָבן זיך אריינגעוואָרפן אין וואסער, הילכיק און פריידיק געלאכט פון דערפרישונג.

ביים ברעג זענען געשטאַנען פישער־לייט מיט ווענטקעס, און געהיט יעדע באַוועגונג פונעם לאַנגן שטעקן.

איינער האָט זיך שטאַרק דערפרייט, ווען דער שטעקן האָט זיך אַ שטאַרקן בויג געטאָן און האָט אַרויסגעצויגן אַ פיש פון אָנדערטהאַלבן

פּים לאַנג. דער „פּיש" איז געווען דין, מיט גרוי־שוואַרצע פּאַסן.
„אָ, אַ שאַרק!" האָט אַ דיקע, קורצע פרוי, וואָס איז אויך געשטאַנען מיט אַ ווענטקע, אַ געשריי געטאָן. דער פּיש איז געלעגן אויפן זאַמד.

מענטשן זענען זיך אָנגעלאָפן אויף ביין־וווּנדער. דאָס איז באמת געווען נאָך גאָר אַ יונגער שאַרק מיט אַ גרויס מיאוס מויל, וואָס האָט זיך געעפנט, געוואָלט כאַפּן לופט.

נאָך אַ לאַנגער באַראַטונג פון די פּישער־לייט, האָט די פרוי פאַרזיכטיק אָנגענומען דאָס שאַרקל ביים „קאָם" פון רוקן, און עס אַ שלייַדער געטאָן צוריק אין ים אַריין. עטלעכע מעווען האָבן מיט ליאַרעם זיך נאָכגעיאָגט נאָכן שאַרק און פאַרשוווּנדן...

צוויי יינגלעך זענען געלאָפן איבער דעם גאָלד־ווייסן זאַמד „איינגעשפּאַנט" אין אַ דראָטן „וועגעלע", מיט לאַנגע דישלען, זיי האָבן „געקעמט" און געזיפּט דאָס זאַמד; זיך געווישט דעם שווייס פון אָנשטרענגונג, איבער דער לענג און ברייט פונעם ים־ברעג איז געווען פּוסט. אַ „טרעילער" מיט אַ מאַטראַץ אויפן דאַך, אָפּגעטראָגן און אַלט, איז געווען צוגעבונדן מיט שטריק. אינעווייניק זענען געלעגן אַ מוטער מיט האַלב־נאַקעטע קינדערלעך. זיי האָבן זיך אויסגעמישט מיט בלעכענע טעפּ, פלעשער, קישנס.

די צוויי יינגלעך האָבן אונטערן לאַמטערן־ליכט דורכגעזייט דאָס זאַמד דורך דער זיפּ, אויסגעליידיקט דאָס זאַמד, עפּעס געגישטערט — אַזוי אָן אויפהער.

„מיר זענען ריקשאַ־באָיס. מיר טוען דאָס יעדן הייסן טאָג, ווען עס קלייבן זיך אָן אַ סך מענטשן, נאָכדעם ווי זיי פאַרלאָזן דעם ים־ברעג, זוכן מיר געפינסן — זאַכן, וואָס פאַלן אַרויס פון קעשענעס. אַמאָל פאַרלירט עמעצער אַ זייגערל, אַ בראַסלעט, אַ פינגערל, אַ ביסל קליינגעלט. אַרבעט איז שווער צו קריגן; האָבן מיר זיך דערטראַכט"...

„נו, עס לוינט זיך?"...

„פּונקט ווי כאַפּן פּיש אין ים אויף אַ ווענטקע, אַמאָל כאַפּט מען"...

די יינגלעך האָבן זיך איינגעשפּאַנט, געלאָזט אין אַ גאַלאָפּ איבערן זאַמד, און געווישט דעם שווייס.

*　　　　*

*

איבער דער לענג פונעם ים־ברעג איז אויפגעמויערט געוואָרן אַ גידעריקע וואַנט, וואָס איז אָפּגעטיילט פון שטאָט, כדי דאָס זאַמד און דער

ווינט זאָלן זיך מיט האַסטעניש אַרייַנרייסן ווינטער־צייט אין די הייַ־זער, וואָס שטייען לענגאויס דעם ים. אין דער טונקל האָבן מיר באַמערקט אַ פעקל שמאַטעס, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין איין באַוועגן. מיר זענען געבליבן שטיין אַ ביסל פאַרחידושט, אַ ביסל דערשראָקן; געקוקט צו דער וואַנט, וואָס טיילט אָפּ דעם ים פון שטאָט, און געבליבן געפּלעפט:

אַ ווייסער קאָפּ מיט לאַנגע האָר ביז די אַקסל. אַ זקן. זיינע אויגן האָבן שטאַר געקוקט, דערשראָקן. צוקאָפּנס איז געלעגן אַ גרויס שאַכטל — אַ „קישן“. עפּעס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז איך זע אין דעם אַלטן אַן איידל פּנים, וואָס איז נישט אַזוי אַלט, ווי זיינע ווייסע האָר.

אַ מענטש אָן אַ היים, אָן אַ היינט, אָן אַ מאָרגן. ער האָט גערעדט גיכטערע רייד. ער איז „בלויז“ עלנט און היימלאָז.

„ווען איך האָב אַ האַלבן דאָלער, וואָלט איך געפּאָרן אין הקדש אויף מעין סטריט אין אַ מישאָן־הויז, ווו עס וואַלגערן זיך הונדערטער אַזעלכע ווי איך... עס וועט הייַנט זיין אַ קאַלטע נאַכט; מ'זעט דאָס אין די שטערן“...

די לבנה האָט זיך גענומען אַרויסרוקן פון הינטער די בערג, דער ים האָט שטיל גערוישט און דערציילט פון מענטשן און לעבנס, טראַגישע און סודותפולע געשיכטעס. דער אַלטער האָט געזאָגט „אַ גוטע נאַכט“.

מיר האָבן זיך געיאָגט אין שטאָט אַריין און געזאָגט צו זיך: „אין רייכסטן לאַנד פון דער וועלט!...

דאָס נייע פּנים פון האָליוווּד

אויף איינער פון די הויכע, ריזיקע מויערן, אויף די דרויסנדיקע ווענט, איז אויף אַ שטריק געהאָנגען אַ „וויגל“. צוויי מענטשן זענען געשטאַנען אויף אַ הוידלקע עפּעס אויסגעצאַצקעט. מענטשן האָבן פאַרריסן די קעפּ און יעדעס מאָל, ווען דאָס ברעטל האָט זיך אַ וויג געטאָן האָט זיך געהערט אַן „אוי“ פון די צושויער.

„זייער לעבן איז איינגעשטעלט“, האָט אַ פרוי געזאָגט. „דאָס זענען נישט קיין געוויינלעכע אַרבעטער“, האָט זיך אָנגערופן אַ מאַן. „זיי קריגן גוט באַצאָלט, זיי מאַכן פיינע אַרבעט“, זאָגט אַ דריטער, „און פאַרדינען מער אין אַ וואָך, ווי איך אין אַ חודש“. „די אונטערנעמער שאַרן אַריין געגוג, זיי קאָנען באַצאָלן פאַר לעבנס, וואָס זענען איינגעשטעלט“, באַמערקט אַ פערטער. אַזוי איז אָנגעגאַנגען דער שמועס צווישן דעם רעדל מענטשן.

און דאָ דערהערט זיך אַ שטים:

„לאָס אַנדזשעלעס איז זיך אַליין אַריבערגעוואַקסן אין די לעצטע 20 יאָר, די שטאָט איז נישט צו דערקענען. עס האָט זיך געביטן דאָס גאַנצע פּנים, אפילו האָליוווּד, וואָס איז אַמאָל געווען אַנדערש האָט פאַרלוירן איר חן“.

אַלע האָבן אויסגעדרייט די קעפּ צו דער עלעגאַנטער פרוי, וואָס האָט געהאַט גרויסע טענות צו די אַקטיאָרן, פילמס, שטאָט־טאַטעס און — צו די שטאַרקע רעגנס, וואָס האָבן זיך אין יענע טעג אַראָפּגעלאָזט איבער דער שטאָט. „די רעגנס“ — האָט די פרוי געטענהט — „ווערן פאַראורזאַכט פון אַטאָמישע אויפרייסן. זיי וועלן אויסלאָדן דעם כּטראַנטיום און ברענגען מער פאַרקריפּלטע קינדער, וואָס זענען נאָך אין זייער מוטערס טראַכט“...

אַ רגע איז געוואָרן שטיל. ווען די פרוי איז אַוועק האָבן די מענטשן איר נאָכגעקוקט און צוגעשאָקלט מיט די קעפּ: „גערעכט, גערעכט“.

מיט צוואַנציק יאָר צוריק איז אַ הויכע מויער געווען אַ זעלטענע דערשיינונג אין דער שטאָט. אין לאָס אַנדזשעלעס און אין האָליוווד, האָבן דאָמינירט קליינע, נידעריקע, ווייסע, קאָלירפולע, איין פאַמיליע-הייזער. לעצטנס זענען אָבער אויסגעוואַקסן „הימל-קראַצערס“ געבויט פון בעטאָן, שטאָל, גלאָז און פון די טייערסטע אימפּאָרטירטע מאַרמאָר-שטיינער. לאָס אַנדזשעלעס און האָליוווד זענען לעצטנס געוואָרן אַ ניו-יאָרק אין מיניאַטור און דאָס קאָנען די „אַלד טאַימערס“ נישט פאַרדייען...

עס ווערן אויפגעבויט פאַנטאַסטישע, קאָלאָסאַלע אַפּאַרטאַמענט-הייזער, וואָס מען פאַרקויפט פאַר פופציק טויזנט דאָלער אַ „ווינונג“ — מיט אַ צוגאָב פון צען טויזנט דאָלער פאַר באַדינונג און אַנדערע קלייניקייטן...

סאַנסעט סטריט און בעל עיר, שעוויאָט היל און מאַליבו זענען געגנטן, וואָס געפינען זיך אַרום און צווישן בערג. אַמאָל זענען דאָס דאָרט געווען עקסקלוזיווע היימען פאַר דעם „בעסערן“ קלאַס. איצט איז דאָרט אַ שפּאַן ערד ממש מיט גאָלד צוגלייך. די בערג ווערן צעפּאַלמעסט און עס וואַקסן אויס נייע שטעט. עס הודזשען ריזיקע מאַשינען, וואָס שניידן די ערד מיט קראַפט. דאָ וועלן נישט וווינען די, וועלכע דאַרפן האָבן אַ דאַך איבערן קאָפ, די וואָס זענען מיט געוואַלד אַרויסגעטריבן געוואָרן פון „באַנקער היל“ און אַנדערע היימען. דאָ בויט מען פאַר די, וואָס באַזיצן ריזיקע פאַרמעגנס.

פון די קליינע „בענקעלעך“ זענען אויסגעוואַקסן ריזיקע קאָמערציעלע בענק אויף פלעצער מיט פאָנטאַנען און קאָלירפולע וואַסער-פאַלן. צו יע-דער צייט קאָנט איר אַהין אַרייַנגיין טרינקען קאַווע מיט קיכלעך און לעקעך, אויסגעלייגט אויף זילבערנע טאַצן.

אין די בענק אַרבעטן מיידלעך, אַמעריקאַנער און אימיגראַנטישע; אַנדערע — נישט לאַנג געקומענע. איר באַמערקט דאָס אין זייער אַק-צענט און אַרט רעדן. מ'זעט שוין אויך עטלעכע נעגערישע מיידלעך — אָבער נאָך ווייט נישט אומעטום וועט מען אַרײַנלאָזן אַ נעגער-מיידל. אַלע אַרבעטן פאַר אַ נישטיקן לוין. חוץ קאַווע באַקומט איר אויך פריי קעשענע-ביכלעך וועגן פרענקלין דעלאַנאָ רוזוועלט, אָסקאַר וואַילד, דזשאָן סטיינבעק, סינקלער לואיס, וויליאַם פאָלקנער, טשעכאָוו, פושקין, גאָגאָל, טורגעניעוו, בעלינסקי, דאָסטאָיעווסקי, וויליאַם שאַירעס, וועגן די מער-דערלעכע געסטאַפּאָ-מעטאָדן, ביכער וועגן נאַצישע גרוילטאַטן, ערסקין קאַלדוועל, אַרטור מילער, מילטאָן קראַס, וועגען-אָפּערא, ביכער אין ווייכע טאָוולען וועגן פלאַסטישער קונסט, מוזיק, באַלעט, פּיקאַסאָ-רעפּראָדוק-

ציעס, אַלץ כדי אַריינצוקריגן דעם קונה. קלוג־זענען די באַנק־דירעקטאָרן אין לאָס אַנדזשעלעס...

אין יאָר 1885 איז די שטאָט געווען אַ פאַרוואָרפן ווינקל, וואָכן און מאָנאַטן האָט געדויערט צו דערגרייכן פונעם אַטלאַנטיק ביזן פאַציפיק, הײַנט אַ ווינציק מיטן אויג — איז מען דאָ... מיט אַכציק יאָר צוריק האָט די שטאָט פאַרמאָגט צוועלף טויזנט איינוווינער, וועלכע האָבן דורכאויס זיך פאַרנומען מיט אַגריקולטור, איצט איז דאָ צעבליט דאָס טעאַטער, די פילם־אינדוסטריע. אין 1913 יאָר איז דאָ געשאַפן געוואָרן דער ערשטער גאַנצער פילם, וועגן דער געשיכטע פון די אַמאָליקע אינדיאַנער אין אַמעריקע.

ווען מיר פאָרן איבער די מדבריות, איבערן לאַנד, וווּ עס האָבן געלעבט און געהאָרעוועט די אינדיאַנער זעען מיר, וואָס פון זיי איז געוואָרן.

זיצן זיי אין ליימיקע, קליינינקע הײַזעלעך, ערגעץ ווייט אין אַ טאָל, דערציילט אַ מאַמע דעם קינד אַ מעשהלע, אַז „אַמאָל האָבן מיר געהאַט אַ לעבן"... געהאַט אַ משיח, האָט ער געזאָרגט, אַז עס זאָל הערשן ברייִ־דערלעכקייט, מיר זאָלן האָבן ברויט און פרידן. האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט די ווייסע מיט ביקסן און רעוואָלווערן... ווייניק זענען מיר געווען און באַוואָפנט מיט פייל און בויגן... די ווייסע זענען געקומען ווי לייבן און טיגערס. זיי האָבן פון אונדז אַלץ, אַלץ אַוועקגערויבט, געפּלינדערט... נישט דערלאָזט שאַפן אַן אייגענע שפּראַך... מיט פייער און שווערד גאַ־לאָפּירט... געלט־גייציק זענען זיי געווען, צעשטערט אונדזערע טענץ און מנהגים...

— מאַמע לאָמיר גיין אין שטאָט.

— די שטאָט, מיין קינד, איז פול מיט מענטשן און וועגענער, נישטאָ קיין פּלאַץ...

— מאַמע, איך האָב מורא פאַר דער שטאָט...

— קינד מיינס, לאָמיר בלייבן אין געצעלט, ביז אַ זון וועט אויפגיין אַ ליכטיקע — פאַר אַלע גאָטס מענטשן...

אָרעמקייט און נויט

אין הויז איז געווען אָרט פּונקט פאַר צוויי מענטשן, אָבער געוווינט האָבן צען — טאַטע־מאַמע און אַכט קינדער.

די עלטערע צוויי טעכטער, סאַנדראַ, 16, און גיגי, 13, האָבן איינ־מאָל, אַזוי פאַרבייגייענדיק, זיך אונטערגעהערט צו אַ מאָדנעם געשפּרעך פון זייערע עלטערן, ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון דעם ייִנגעלע, מאַיק, וועלכער איז 20 חדשים אַלט און איז די גרעסטע לאַסט אין הויז.

— מיר מוזן דאָס טאָן וואָס שנעלער — האָט דער 44־יאָריקער היל געטענהט צו זיין פרוי — ווייל שוין מאָנאַטן־לאַנג ווי איך מעסט די גאַסן, שלאָג אָפּ אַלע טירן, זוך אַ דזשאב, בעט אַרבעט, אָבער, נישטאָ קיין דזשאבס...

— יאָ, איז געקומען צו אים דער געדאַנק — אַוועקגעבן מאַיקן, לאָזן אים אַדאַפּטירן, וועט זיין אַן עסער ווייניקער און ס׳וועט אריינ־טראָגן אַ ביסל געלט אויפצוהאַלטן ס׳הויז־געזינד.

מאַיקל איז אַ שיין ייִנגעלע, אַ געראָטנס, סימפּאַטיש, מיט רונדע זייבע בעקעלעך, ברוינע גרויסע אויגן. ער וועט זיכער געפעלן א רייך פּאָרל, מ׳עט אים פאַרצוקערן.

ווען סאַנדראַ און גיגי האָבן זיך אונטערגעהערט, אַז טאַטע־מאַמע ווילן זייער ברודערל פאַרקויפן, זענען די הערצעלעך ביי די צוויי שוועס־טער פאַרגליווערט געוואָרן.

טאַטע־מאַמע האָבן זיך געקריגט: יאָ, ניין, מ׳מוז! איז באַשלאָסן געוואָרן, כדי עס זאָל הערשן אין הויז שלום־בית.

עס איז געווען זונטיק פרי. קינדער האָבן געוואָלט עסן און די על־טערן אויך. די פאַרצווייפלונג האָט אַריינגעדרונגען טיף אין גאַנצן הויז־געזינד. דאָס „פּאַפּיר“ איז געלעגן אויפן טיש. דער פאָטער האָט שוין געהאַט כמעט אונטערגעשריבן; די מאַמע האָט זיך נאָך געקווענקלט...

טאַטע־מאַמע זענען אַרויס פון הויז; נאָכמאָל איבערטראַכטן ווען

זייער טרויעריקן באַשלוס. סאַנדראַן און גיגין האָט א בליץ געטאָן א געדאַנק: — לאָמיר נעמען אונדזער ברודערל, מאַיק, אַנטלויפן מיט אים ווייט, ווייט, נישט געבן אים צו פרעמדע מענטשן. שנעל, שנעל האָבן זיי אײַנגעוויקלט מאַיקן אין אַ קאָלדרע, אַ כאַפּ געטאָן פאַרן קינד וואָס עס איז געקומען אין האַנט, איבערגעלאָזט אַ צעטעלע אויפן טיש, און הײַדאַ אין דער וועלט אַרײַן.

זיי האָבן גענומען וואַנדערן איבער גאַסן און שליאַכן, צווישן בערגלעד, קוסטעס און גראָזן. עס איז צוגעפאַלן די נאַכט. אַ קילקייט האָט אַרומגענומען די נאַקעטע, באָרוועסע, הונגעריקע און פאַרמאַטערטע קינדער. קיינער האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף זיי; מאַלע וואָס קינדער בלאָנקען אַרום איבער דער שטאָט.

נישט ווייט איז געווען אַ מוווי, האָבן די קינדער זיך אַרײַנגעכאַפּט, אײַנגעגאָרעט אין אַ ווינקל אין דער פינצטער און אײַנגעשלעפערט זייער ברודערל.

אין שטאָט איז געוואָרן אַ רעש, אַ טומל. עס האָט גענומען ברויזן און קאָכן. פּאָליציי איז געשטעלט געוואָרן אויף די פיס... מיט 24 שעה שפּעטער האָט מען די געטרייע שוועסטערלעך מיט מאַיקן געפונען זיצנדיק אין שאָטן אויף אַ באַנק.

„ווּ איז מאַמע און פּאַפּאַ?“

אַ בריוול, געשריבן אין געאייל, און מיט אַ ציטערדיקער האַנט, האָבן די קינדער געפונען אויפן טיש, ווען זיי האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף. דער בריוו האָט אָנגעזאָגט זייער טרויעריקע גייעס.

„מיר קאָנען מער נישט צוזען דעם גרויסן צער פון הונגער פון די ליבע קינדער... דעריבער האָבן מיר באַשלאָסן צו פאַרלאָזן דאָס הויז... מיר גייען זוכן אַרבעט... לאָזט וויסן דער פּאָליציי... זאָגט די קינדער, אַז מיר האָבן זיי שטאַרק ליב... מיר וועלן זיין צוריק אַזוי שנעל ווי מיר וועלן געפינען אַרבעט און קאָנען די קינדער העלפן“.

זעקס קינדער זענען געבליבן... אָן אַ טאַטן, אָן אַ מאַמען; אַלע געבוירן אין לאַנד פון גרויס „אָפּאָרטוניטי“, נישט ווייט פון האָליווּד, ווו מיליאָנען דאָלער ווערן פאַרשווענדט אויף לוקסוריעזע בעלער און הוליאַנקעס, וועלכע האַלטן אָן פון שפּעט אין דער נאַכט ביז צום מאָרגן־רויט.

זעקס קינדער, מיידלעך און ייִנגלעך, זענען געווען אין אַ געשמאַקן זיסן שלאָף. צום ערשט האָט זיך אויפגעוועקט דער עלטסטער, יהושע. עפּעס האָט ער דערפילט אַן אומהיימלעכקייט אין הויז. עס איז געווען שטיל. אַ מורא איז אים באַפאַלן, כאָטש די זון האָט געשיינט אויף דעם אַנטקעגנאיבערדיקן ברוינעם, נידעריקן הויז מיטן אָפּגעברענטן דאַך. מיט שטילע טריט איז ער צוגעגאַנגען ווו די מאַמע פלעגט שלאָפן. ס'אָרט איז געווען ליידיק... מיט אַ קלאַפּעדיק האַרץ איז ער האַסטיק צוגעלאָפן צום טאַטנס אָרט און געוואָלט אַליאַרמירן, אַז די מאַמע איז נישטאָ. פאַרגליווערט איז ער געבליבן שטיין און דערזען דאָס בריוועלע.

די עלטערן זענען שוין געווען ווייט פון דער היים, זיך געשלייכט מיט אַ שווער געמיט איבער די גאַסן, ריזיקע מאַרקעטס האָבן זיך אויפגעשלאָסן; פון אינעווייניק האָבן אַרויסגעשמעקט פרישע טענדזשערינס, באַרן, עפּל, געשמאַקע פלוימען, אַלערליי געבעקסן, מילך און האָניק. זייערע הערצער האָבן זיך פאַרקלעמט פאַר ווייטיק; זיי האָבן געקוקט אויף

די געשמאַקע מאכלים, שפּייזן פון אַלע מינים און געטראַכט וועגן דעם גורל פון זייערע קינדער און פון זייער אייגענעם לעבן.

ווען פּאָליציי איז געקומען האָט די לענדליידי עדות געזאָגט, אַז „אדרבא: פאָטער און מוטער זענען זייער פיינע מענטשן. אמת, שוין א לאַנגע צייט ווי זיי האָבן נישט באַצאָלט קיין רענט, נאָר וואָס קאָנען דערוואַרטן מענטשן... מ'זוכט אַרבעט און מען געפינט נישט. וואָס איז דער אויסוועג? קינדער הונגערן; אפשר וועלן זיך מענטשן דערבאַרעמען...“

* *
*

דאָנאַלד איז אַ פאָטער פון פינף קינדער; 31 יאָר אַלט. איינער פון אַ פיל־מיליאָניקער אַרבעטסלאָזער אַרמיי. דאָס נאָר־וואָס געבוירענע קינד אין דער פאַמיליע געפינט זיך נאָך אין אינקיובייטאָר; אַלע שרייען: עסן! עסן! אַז מען קאָן פון זינען אַראָפּ. אַ פאַרצווייפלטער, ווייסט דער פאָטער נישט ווו זיך צו קערן און ווענדן: „שוין געקלאַפּט אין אַלע טירן, געבעטן אַרבעט, אָבער אָן דערפאָלג“.

עס האָט אים נאָך מער פאַרדראָסן, ווען עמיצער האָט אים אַנומלט אַ זאָג געטאָן: „אַז מ'וויל אַרבעטן קריגט מען“... דאָס איז געווען אין סטאָר, ווען ער איז אַריין דערציילן וועגן זיין ביטערע דאָליע און געוואָלט עפּעס נעמען אויף באָרג.

איצט ליגט דאָנאַלד אין שפּיטאָל. אַ קויל פון אַ רעוואָלווער האָט אים געטראָפן. „ער האָט געוואָלט אין מיטן העלן טאָג גנבענען שפּייז פאַר די קינדער“ — אַזוי שרייען די צייטונגען און ווייזן, ווו ער ליגט אין שפּיטאָל. אַ קראַנקן־שוועסטער צערטלט אים, ווייל דאָנאַלדן ראַטעווען, און די פרוי, אַ דערשראָקענע, האַלט אַרומגענומען די קינדער און פאַרשטייט נישט וואָס מיט איר מאַן האָט פּאַסירט... ווען מ'האָט געלאָזט וויסן זיין פרוי, דער 27־יאָריקער זשאַנין, אַז איר מאַן האָט אין מיטן העלן טאָג געוואָלט באַגנבענען אַ שפּייז־קראָם, האָט זי געצוקט מיט די אַקסלען און אַ דערשראָקענע דערציילט:

— מיין מאַן דאָנאַלד איז געווען לעצטנס שטאַרק פאַרצווייפלט, ספּעציעל וועגן דער בייבי אין אינקיובייטאָר. ער איז זייער באַשיידן, קיינמאָל נישט געטאָן קיין זאַך, וואָס זאָל נישט זיין אין די געזעצן פון מאָראַל אין געזעלשאַפט אָדער אין פאַמיליען־לעבן. ער איז אַ געטרייער

פּאָטער, אַ גוטער מאַן. אפשר צוליב דעם, וואָס ער האָט געאַרבעט בלויז צוויי וואָכן היינטיקן יאָר?...

דאָנאַלד האָט געקוקט אין די געשעפטן, אין די ריזיקע סופּער־מאַר־קעטס, וואָס זענען אָנגעפּראָפּט מיט אַלדאָס גוטס, און זיך געטראַכט: „גאָט, מענטשן זוכן אַרבעט און קיינער שטרעקט נישט אויס אַ פריינד־לעכע האַנט... קינדער ווילן עסן, קיינער זעט דאָך נישט... ער וועט „אַראָפּציען" אַ „העם" פון קאַונטער, אָנזעטיקן די קינדער. ער האָט נישט געטראַכט, אַז באַהאַלטענע אויגן לויערן אויף יעדן מענטשן, אין אַלע ווינקעלעך שטייען היטער, מישן זיך אויס מיטן עולם און וואַרטן אויף אַ קרבן...

— יאָ, איך בין זיך מודה — האָט ער געזאָגט אין שפּיטאָל — איך האָב געוואָלט נעמען פאַר די קינדער שפּייז...

די ריוויעראַ ביים פּאַציפֿישן ים

דאָס שטעטל לאַגונאַ ביטש ליגט אַרום פֿערציק מייל אויף דרום פֿון לאָס אַנדזשעלעס. דאָס שטעטל ווערט פֿאַררעכנט אַלס די קונסט־קאָלאָניע, דעריבער רופֿן דאָס די קינסטלער „די ריוויעראַ ביים פּאַציפֿישן ים". אין די חדשים יוני, יולי און אויגוסט באַקומט לאַגונאַ ביטש אַן אַנדער אויסזען. עס קומען אַהין באַזוכער פֿון לאַנד און אויסלאַנד, סיי צוליב די נאַטור־שיינקייטן און סיי צו זען די פּלאַסטיקער ביי דער אַרבעט פֿון שאַפֿן עפּעס נייס און איבערבויען דאָס אַלטע.

דאָ קומען פֿאָר פֿעסטיוואַלן און אויך קונסט־אויסשטעלונגען פֿון באַרימטע און ערשט אויפֿגעקומענע מאָלער און סקולפּטאָרן. יעדעס פֿענצטער, יעדע קראָם, יעדע טיר ווערט אויפֿגעפּראַלט פֿאַר געסט און אַנטיקן־הענדלער. איר זעט די קינסטלער ביי זייער „וואַרשטאַט" — אין די גאַלעריען, ביי די אויסשטעלונגען; מענער און פֿרויען, יונג און אַלט. ווער עס אַרבעט פֿיבעריש און ווער אַפּאַטיש. איר זעט בילדער פֿון באַרימטע מייסטער, בילדער וואָס זענען דורך אַ צופֿאַל באַשעדיקט געוואָרן און ווערן רעסטאַווירט, צוריקגעבראַכט צום אָריגינאַל. מען זעט מאָלערייען, וואָס באַגייסטערן, וואָס דרינגען אַריין טיף אין דער נשמה. מענטשן שטעלן זיך אָפּ און גאַפֿן פֿון אַ געמעל, אַ סטאַטוע און מאָזאַיק. פֿאַראַן באַזוכער, דער עיקר קינסטלער, וואָס זעען ניט בלויז דאָס אויבנאויפֿיקע, נאָר וואָס עס טוט זיך „אונטער דער הויט".

שאַפֿונגען פֿון קינסטלער זענען אַזוי פֿאַרשידנאַרטיק, ווי די פֿיש אין וואַסער. אָט איז אַ ווערק מיט נשמה־געפֿיל: אַ בילד פֿון אַ נעגער־יינגעלע. דאָ האָט דער מאָלער אַריינגעגעבן סאָציאַלן אינהאַלט. דאָס יינגעלע אין ראַם דערציילט וועגן אַן עפּאָכע, וואָס האָט שוין אָפּגעלעבט און אַ נייער עפּאָכע, וואָס קומט אָן.

אין די חדשים פֿון קונסט־יאַריד ווערן געגעבן ספּעקטאַקלען, פֿעסטיוואַלן און אַנדערע אַטראַקציעס. בעת די קינסטלער קומען אַהערצו פֿון אַלע עקן לאַנד ווערט לאַגונאַ ביטש אָנגעפֿילט מיט היימלעכקייט.

מיר האָבן שוין געזען פֿיל נייע קונסט־פֿאָרמען, נאָר אָט איז עפּעס, וואָס איז גאָר, גאָר ניי און איינפֿאַלעריש: אויף אַ ווייסן „פּיטש“ לייוונט האָט אַן עלטערע פֿרוי, איינע פֿון די קינסטלער, אויסגעגאָסן אַ געדיכטע, זיסע דזשעלאָ, „איינגעמאַכטס“, אָפּגעהיט, אַז עס זאָל זיך נישט אַריבערגיסן די ברעגן פֿון טיש — און אויך אויסגעאַרבעט פֿיר סערוועטקעלעך. דאָס אַלץ האָט די פֿרוי דריי טעג געטריקנט אויף דער זון. ווען מען רירט דאָס אָן פֿילט מען אַ ווייכקייט אין די הענט, ווי גומי, ווייל דאָס אַנטהאַלט אַ כעמישן צונויפֿמיש, קלעפּט עס נישט צו די פֿינגער — אַ נייער אופֿן פֿון קונסט...

לאַגונאַ ביטש איז אַרומגערינגלט מיט אַ פּאַרקאַפּנדיקער שיינקייט, די נאַטור איז אידיליש. דאָס גראָז איז פֿריש, גרין־בלוי. דער ים־ברעג איז פֿול מיט קאָלירן פֿון בלומען, מענטשן, און ציכטיקע, איינגעאַרטיקע, רייכע הייזער. אַלץ איז אָפּגעהיט, רחבותדיק און דאָרפֿיש שטיל.

אין די אָוונטן קומען פֿאָר פֿעסטיוואַלן, לעבעדיקע מאָדעלן פּאָזירן, לויט די בילדער, וואָס די קינסטלער האָבן געשאַפֿן.

אָט איז „פּיגמאַליע“. זי באַווייזט זיך אין אַ גאָלדענער ראַם, טוט נישט אַ צוק מיט אַן אָדער. פּלוצים הייבט די פֿיגור זיך אָן באַוועגן. עלאַסטיש גייט זי אַרויס פֿון דער ראַם און באַווייזט איר פֿיגור אין פּראַכטפֿולע קליידער, אַזוי ווי מיר האָבן דאָס געזען אין אַ בילד, וואָס הענגט אויף דער וואַנט.

מיר גייען פֿאַרביי אַ קליינע, ציכטיקע קינסטלעריש־אויסגעשטאַטע קאַפֿע — „פּרענטיש קאַפֿע האַוז“. די ווענט זענען באַהאָנגען מיט אַלערליי פּראָווינציעלישע אַפֿישן, רעקלאַמעס אין בונטע קאָלירן, אויסגעמאָלטע בריקן, טעאַטערס, מוזייען, דער אייפֿעל־טורעם — גאַנץ פּאַריז...

גייען מיר אַריין און רעדן פֿראַנצויזיש. אונטער דער צאָל־באַנק פּאָרעט זיך אַ ברונעטער, הנעוודיקער בחור, צו די טישלעך קומט צו אַ יונגע סימפּאַטישע קעלנערין. זי טראָגט אויפֿן האַלדז אַ דין גאָלדן קייטעלע מיט אַ מגן־דוד. מיר באַמערקן דאָס נישט... רעדן מיר פֿראַנצויזיש, די קעלנערין איז אין פֿאַרלעגנהייט. זי פֿאַרענטפֿערט זיך און זאָגט:

— דער באַלעבאָס איז אַ פֿראַנצויז, ער איז איצט ביי דער פּליאַזשע.

— יידיש רעדט איר?

— יאָ — רופֿט זיך אָן דער בחור פֿון הינטערן „קאַונטער“ — מיין פֿאָטער קומט פֿון ביאַליסטאָק. זיך געראַטעוועט. איך דאַרף פֿאַרדינען

אַ פּאָר דאָלער אויף שטודירן, אַרבעט איך איבערן זומער, ס'איז אינטערעסאַנט, ס'איז גוט צו הערן אַ יידיש וואָרט פון אַ היימישן מענטשן.

די קעלנערין ווערט צוגעלאָזן. קיין סך געסט זענען נישטאָ, איז זי זיך מחיה מיטן מאַמע-לשון. זי וויל אַ סך דערציילן, לויפן אָן געסט ווי די היישעריקן, ווילן טרינקען אַ טעפּעלע פראַנצויזישע קאַווע.

ביים אַרויסגיין קומט אַנטקעגן אַ מיטליאָריקע פרוי, מיט אַ טאָרבע, באַהאָנגען מיט גלעקלעך און אָרנאַמענטן פון פאַרשידנאַרטיקע קאָלירן. זי רעדט נישט, נאָר ווען זי באַוועגט זיך, קלינגט די טאָרבע מיט גלעקלעך און ציט די אויפמערקזאַמקייט פון פאַרבייגייער. די פרוי האַלט אַ פּעקל בלייפעדערס אין האַנט, ברומט אין דער שטיל אַ געבעט, וואָס מיינט: קויפט, קויפט אַ בלייפעדער, העלפט אַן אָרעמער פרוי.

מיר לאָזן זיך אויף אַ שפּאַציר איבער דער שטאָט, וואָס איז פול מיט מענטשן. זיי שפּאַנען מיט נייגיר, קינדער שלעפּן זיך נאָך, עסן נאַשערייען און טומלען.

ביי דער הינטער-טיר פון אַ שפּייז-קראָם איז געשטאַנען אַ גרינגער, מעטאַלענער מיסט-קאַסטן. אַ פרוי איז געווען איבערגעבויגן און גענישטערט טיף אין קאַסטן. כאָטש די היץ איז געווען גרויס, האָט די פרוי געטראָגן אַ גרויען לאַנגן מאַנטל, אַ פּאָר מעגערישע שווערע שיך און אַ געבלימלט קאָפּ-טיכל אַרום איר האַלדז. די פרוי האָט גערעדט הייזעריק, מיט אַ דיקער שטימע: „גאָטס גאָב, אַ שאָד... אַ סך קינדערלעך... אויך אַלטע לייט, וואָס געפינען זיך אין לאַגונאַ, וואָלטן זיך מחיה געווען"...

מיר האָבן באַמערקט ווי די פרוי סאָרטירט עפּעס אין דעם קאַסטן; לעטום באַזונדער, ברויט אין אַ זייט, טאָמאַטן רוקט זי אין אַ ווינקעלע.

ווען זי איז פאַרטיק געוואָרן מיטן סאָרטירן, האָט די פרוי אַראָפּגענומען דאָס טיכל פון האַלדז, אַרומגעווישט דעם שווייס פון שטערן און פּנים און געווען גרייט אַוועקצוגיין מיט צוויי פולע זעקלעך... פּלוצעם, ווי פון דער העלער הויט, איז דורך אַ הינטער-טיר פון שפּייז-קראָם אַרויסגעלאָפן אַ מענטש, ווילד, ווי אַן אָקס אין געפּעכט, אַ כאַפּ געטאָן די זעקלעך אָנגעקליבענע, צונויפגעשאַרטע שפּייז, אַ שליידער געטאָן צוריק אין מיסט-קאַסטן, אַריינגעשפּרונגען שנעל ווי אַ קאַץ, געטראָטן מיט די פיס אליץ, וואָס ער האָט אויסגעשאָטן פון די זעקלעך, געכאַפּט אַ שטעקן, צעמישט די אויסגעשאָטענע שפּייז, זיך געבייזערט און געטריבן די פרוי מיט רשעות.

די פרוי האָט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ זיך געשאַרט מיט די שווערע שיך איבערן אַספאַלט. ווען זי איז געווען נעבן מיר האָט די פרוי זיך אָפּגעשטעלט, אויפגעהויבן איר קאָפּ, זיך געווישט דעם שווייס און געריעדט:

„האָסט געזען ווי ער האָט זיך דאָס איזדעקעוועט? וואָס וואָלט אים געאַרט, אַז אַן אָרעמע פרוי וועט האָבן אַ זאַטן מאָלצייט? אַלץ איז דאָך שרעקלעך טייער, קאָן מען דען לעבן פון דעם, וואָס די שטאָט גיט? זאָל ער שוין קומען אויף אַנדערע הענט. אַ דאַנק פאַר אייער סימפּאַטיע. יאָ, זאָל ער שוין קומען אויף אַנדערע הענט“...

עס״ען וועגן שרײַבער

כאַווער פּאַווער — אַזוי זע איך אים

„מיין קאַפּיטאַן, ער ענטפערט נישט,
זיין פּולס, זיין האַרץ שוין שלאָגט נישט מער,
ער ליגט פאַר מיר אַ בלאַסער, שטום,
און זעט שוין קיינעם נישט אַרום."

וואָלט וויטמאַן

עס איז אַוועק פון ייער וועלט איינער פון אונדזער דור, וואָס האָט איבערגעלאָזט אַ חותם אויף דער יידישער ליטעראַטור. פון זיינע 63 יאָר לעבן האָט ער 40 יאָר פון זיין שאַפן געווידמעט די ברייטע יידישע פאָלקס־מענטשן.

געקומען איז ער פון קליינעם שטעטעלע בערשאַד און מיטגעבראַכט פון דאָרט זיין אייגנאַרטיקייט, וואָס האָט צום ערשט געטליעט און שפּעטער זיך פאַנאַנדערגעשפּרייט אין קאָלירן פון רעגנבויגן.

„...זיין טאַלאַנט האָט זיך אויסגעברייטערט אויף אַ גאָר אַ סך געביטן, באַזונדערס ווי אַ מייסטער פון קינדער־מעשיות. מ'האָט אין בערשאַד, ווי אויך אומעטום, ווו מ'האָט געלייענט יידישע ליטעראַטור, געוווּסט, אַז גרשון איינבינדער — כאַווער פּאַווער האָט זיך דערוואָרבן אַ הויכן פּרעסטיזש ווי אַ דראַמאַטורג, מייסטער פון קינסטלערישן רעפּאָרטאַזש, אַ בן־יחיד אויפן געביט פון קינדער־שפּילן — אַ געבענטשטער פאָלקס־שרייבער פון די יידישע אַרבעטער און פאָלקס־מאַסן אין אַמעריקע און איבער דער גאַנצער וועלט, ווו עס לעבט און עס פונקציאָנירט אַ לעבעדיקער און שעפערישער יידישער ישוב"...

חיים אָסטריצקי

כאַווער פּאַווער איז ביים לעבן געקרוינט געוואָרן אַלס אַ פאָלקס־שרייבער, ער איז אויך געווען אַ סענסיטיווער, אַ געפילפולער, צו אַלץ וואָס איז נישט געווען יושרדיק אין לעבן. און פול מיט פרייד איז געווען

זיין שאפן פארן גערעכטן הארעפּאשניק און פאלקס־מענטש. פאווער איז געווען באַשיידן און צוריקגעהאַלטן אין זיין אַרט רעדן, ווי ער וואָלט גע־טראַכט: „יאָ דערציילן, צי נישט"... ער איז אויך געווען שעמעוודיק, גע־גאַנגען אַ ביסל אין אַ זייט, זיך געשלייכט ביי דער וואַנט, מ'זאָל אים נישט אָנזען...

אין רעפּאָרטאַזש, אין געבן אַ פּאָרטרעט פון אַ מענטשן, אַ באַ־שעפעניש איז ער געווען אַ גבור אַזוי ווי די „גבורים פון דער נאַכט"... און ווען מ'האָט אים אויפגעפאָדערט רעדן האָט ס'האַרץ זיינס ביי אים געקלאַפּט — „איר וועט מיך רופן צום וואָרט, ווען ס'וועט נישט זיין קיין אַנדערער"...

ווען ס'האָבן אים אויסגעפעלט ווערטער בעתן רעדן, האָט ער דאָס דערגאַנצט מיט מימיק, מיט פּלאַסטישער באַוועגונג. זיינע הענט האָבן זיך עלאַסטיש באַוועגט ווי זיי וואָלטן דערציילט איינע פון „גרשון מאיר דעם בלינדנס" לעבנס־פּאַסירונגען.

כאַווער פאַווער איז געווען אַן אַמעריקאַנער יידישער שרייבער, אָבער אפילו ווען ער האָט אונדז געגעבן זיינע פאָלקס־טיפּן „לעבנס אויף דער וואָגשאָל" איז ער, דאַכט זיך, געווען אין זיין היימשטאָט, קיינמאָל נישט פאַרגעסן — בערשאַד, פּונקט ווי דער קינסטלער מאַרק שאַגאַל, ווען ער מאָלט אין פּאַריז, ניו־יאָרק, תל־אביב, רום, זעט ער וויטעבסק, אַזוי האָט כאַווער פאַווער דורך זיין ברילי־אַנטענער פּעו געזען דאָס שטעטל, וווּ זיין וויגעלע איז געשטאַנען.

אין וועסטלעיק־פּאַרק קורסירן שיפלעך מיט קאָלירטע דעכלעך, וואָס פאַרשטעלן די גליענדיקע זון. אויף דער אָזיערע שווימען שוואַנען, מעוועס און קאַטשקעס. צוויי ווייסע, שטאָלצע, מאַיעסטעטישע שוואַנען, שווימען צו צום ברעג. אַ יינגל וויל זיי אַ גלעט טאָן, גליטשט ער זיך אַריין אין וואַ־סער. ער ראַטעוועט זיך אײדער די מענגע מענטשן קומען אָן צולויפן, און אַנטלויפט.

אַהער קומען אויך גאַנץ סטראַפּטשעס, פּרעפלען און שרייען, שטראָפן און וואָרענען די „גאַט־לעסטערער"... אַהער קומען אויך „אוים־געגלימשטע", צווישן וועלכע עס געפינען זיך זינגער, מוזיקאַנטן און פּאָ־עטן, זיי זינגען און שפּילן סאָנאַטן, סענטימענטאַלע ראָמאַנסן און פאָלקס־לידער. דאָ ווערט געשלאָסן באַקאַנטשאַפט צווישן צוויי פרעמדע נאַציאָ־נאַליטעטן, וועלכע גייען שפּעטער צוזאַמען — מאַן און ווייב, דינגען

אַ מעבלירט צימערל פֿאַר זעקס דאָלער אַ וואָך, די צוויי מענטשן זענען מער נישט איינזאַם...

אין אַ זייט פֿון פּאַרק, אַרומגעצוימט מיט פּאַלמע=ביימער, שטייען אָפּגעזונדערט ווי אַן אינדזל, לאַנגע טישן מיט בענק, דערנעבן איז אַ „בודקע“, וואָס פֿאַרקויפֿט אַ טרונק, אַ נאַש, אַ צוביים. דאָ זיצן אַ גאַנצן טאָג פֿרויען און מענער, גריכן, מיטליאַריקע, אַלטע און יונגע, יידן, איטאַליענער, מעקסיקאַנער און כאַפּן אַ שפּיל אין קאָרטן. פֿאַר זיי, איז די „בודקע“ אַ דערפֿרישונג.

פֿאַווער אין זיין „פֿרייער צייט“ קומט אויך דאָ אַהער, מישט זיך אוים מיט די פֿאַרשידנאַרטיקע מענטשן, זעצט זיך אַוועק ביי אַ לאַנגן טיש און וואַרט, ער וואַרט עס זאָל עמעצער אים אָנבאָטן שפּילן אין שאַך.

כאַוועך פֿאַוועך איז געווען גוט=ברודער מיטן פֿאָלקס=מענטש, ער האָט קיינעם נישט באַלעסטיקט מיט „איך בין נישט אַבי=ווער“, נאָר זיך אויסגעמישט מיט די, וועמען ער האָט פֿאַראייביקט אין זיינע ביכער.

אין זיין לעצטן בוך „גרשון אין אַמעריקע“ זאָגט ער „און, אַז גרשון דערמאָנט זיך איצט אין זיי, קומט אָן אַ וואַרעמקייט נישט נאָר צו די, מיט וועלכע ער האָט זיך געחברט, נאָר אויך צו די, מיט וועלכע ער האָט גאָרנישט געלעבט בשלום“, ווייל צו אַלע מענטשן איז ער געווען אַ בעל=רחמים, נאָר נישט צו שונאים. אָפט פֿלעגן מיר צוזאַמען פֿאָרן צו אַ יום=טוב, אַ פֿייערונג, אַ פֿאַרזאַמלונג.

מיר זיצן איינמאָל ביים טיש און זיינע פֿינגער רוען נישט, נאָר באַוועגן זיך אויף אַ קאַרטל, וואָס איז צופֿעליק געלעגן אויפֿן טיש. צווישן זיינע לאַנגע פֿינגער האַלט ער אַ פֿען און צייכנט, מאָלט עפּעס אַן אויסמערלישע פֿיגור. ווען ער ווערט פֿאַרטיק, זאָגט ער צו מיר: „נאַ דיר — רפֿאל אַן אָנדענק פֿון כאַוועך פֿאַוועך“.

איך וויל נאָך עפּעס זאָגן וועגן דער צייכענונג, וואָס ר׳האָט מיר געגעבן: אויף דער צווייטער זייט פֿון דעם קאָלירט=ראָזעווע קאַרטל איז אָפּגעדרוקט אַ רעקלאַמע, וואָס לייענט זיך אַזוי:

„יערלעכער קאָנצערט פֿון דעם קאָמיטעט פֿאַר די פּראָגרעסיווע יידישע קינדער=שולן אין לאָס אַנדזשעלעס. קינדער=אָפּערעטע „דאָס געשריי פֿון די ביכער“, פֿון כאַוועך פֿאַוועך. די אָפּערעטע, אַ שפּיל אין צוויי אַקטן, פֿאַרמאָגט אַ גרויסע צאָל שיינע פֿאָלקס=לידער, חנעוודיקע טענץ, פּראַכטפֿולע דעקאָראַציעס און קאָסטיומען, רעזשיסירט פֿון מאיר אייזענבערג“.

פאַוועררס לעבן און שרייבן איז געווען פול מיט טראַכטונגען ווי אַזוי צו ברענגען פרייד דעם יידישן קינד און דעם יידישן פאָלקס־מענטש.

זייער אויפריכטיק פלעגט ער פאַר מיר דערציילן וויפל מאַנוסקריפטן מיט קינדער־מעשיות, דראַמען, קינדער־שפּילן עס ליגן ביי אים אין שופ־לאָד „און דאָ האָבן מיר אַזאַ רייכע אַמעריקע"...

ביי פאַווערן האָט נישט עקזיסטירט אַ „קלענערער" אָדער „גרעסע־רער" שרייבער אַזוי לאַנג, ווי יענער האָט „געאַרבעט" פאַרן האָרעפּאַש־נעם פאָלקס־מענטש, פאַר די ברייטע יידישע פּראָגרעסיווע פאָלקס־מענטשן.

זעט, זעט, ווי וואַרעם און אויפריכטיק, ווי פאַרכאַפּנדיק שיין ער ברענגט אַרויס זיך אַליין און אַ גאַנצע פּלעיאַדע „יונגע" און „אַלטע" שאַפער פון יידישן געליטערטן וואָרט, וויפל זאַפט פאַוועער גיסט אַריין אין זיין „גרשון אין אַמעריקע". וויפיל האַרץ, נשמה און לויטערקייט ער גיט אונדז אין „דאָס לאַנד פון יידישע שרייבער אין אַמעריקע", מיט וואָס פאַר אַ פּיעטעט ער זעט די „גאָר יונגינקע שרייבער, די אָנפאַנגער" פון זיין צייט.

פאַווער האָט פיינט געהאַט די, וואָס האָבן געבלאָזן פון זיך. לויב, חניפה, פאַלשקייט איז ביי אים געווען סם. מיט אַזאַ מענטשן האָט ער נישט געוואָלט זיך באַגעגענען.

וועגן זיך זאָגט פאַווער אַזוי: „און ווען גרשון איז אַרויף אויף דער בינע, האָט ער זיך דערפילט אַזוי עלנט און איינזאַם, און ס'האָט אים געקלאַפּט דאָס האַרץ פון מורא..." אָט, די מורא איז אים נאָכגעגאַנגען פון בערשאַד קיין ניו־יאָרק, שיקאַגאָ, לאָס אַנדזשעלעס.

משה לייב האַלפּערן

„קינדער-יאָרן, קינדער-יאָרן, אייביק בלייבן זיי אין מיין זכרון" — זינגט זיך אין אַ יידיש פאָלקס-ליד. אָבער יענע יאָרן גייען נאָך ביז — דער זכרון דינט נישט מער... אָט יענע צייט, ווען כ'בין געווען אַ יינגעלע און נאָכגעלאָפן די קונצנמאַכער, וואָס האָבן געשפּאַנט גאַס-איין גאַס-אויס, אין די ענגע דושנע הויפן פון באַלוט, וווּ עס האָבן געוווינט די קאָמפּאַקטע יידישע דלפנים, דעמלט זענען די אַקראָבאַטן געווען אַן אי-בעראַשונג פאַר גרויס און קליין. די אָרעמקייט האָט אויפגעפראַלט טיר און פענצטער און מיט גרויס נייגער באַוווּנדערט די זשאָנגלירערס, רייפן-וואַרפער, פייער-שלינגער, גוויכט-הייבער, סטענגע-ציערס און נאָך טויזנט און איינס פון דעם מין.

קונצנמאַכערס זענען געווען פון פאַרשידענעם קאַליבער, זיי זענען געגאַנגען גרופנווייז: פיר, זעקס און מער. פון אַלע קונצנמאַכערס האָב איך צום בעסטן ליב געהאַט דעם פויקער, ער איז געווען יונג, געזונט, הויך און האָט אויסגעזען ווי — פון „זייערע". ווען ער האָט זיך גענומען דרייען מיט דער גרויסער פויק, וואָס ער האָט געטראָגן אויף דעם רוקן, איז עס געווען דער גרעסטער ווונדער... פון די מעשענע טאַצן האָט זיך געצויגן אַ דינער לעדער-פּאַס, וואָס האָט זיך מיט אַ האַקן אַריינגעשטאָכן אין קלעצל פון שטיוול, אַזוי האָט ער זיך געדרייט ווי אַ ווינט-מיל, די פויק איז געווען אַ גאַנצער „אָרקעסטער", די קלאַנגען פון דער פויק האָבן אַרויסגערופן — טרויער און פרייד...

העט — העט שפּעטער, ווען איך האָב זיך געפונען אַרום די אַמע-ריקאַנער ברעגן, איז עפּעס, כ'ווייס נישט פונוואַנען, אַריינגעפאַלן אין מיינע הענט משה לייב האַלפּערנס „די גאָלדענע פּאַווע", מיט גאָלדענע אותיות אויפן טאָוול. האָב איך זיך צוגעכאַפּט צו די לידער ווי אַ מענטש נאָך אַ שלוק וואַסער, ווען ער וועקט זיך אויף נאָך אַן אָפּעראַציע.

„שפּיל, שפּיל, מיין קאַטערינקע“, האָב איך זיך צוריק אָנגעהויבן דערמאָנען די קאַטערינקעס פון לאָדזש, פּאַריז, בערלין, אומעטום האָב איך זיי באַגעגנט אין אַלערליי וואַריאַציעס, נאָר דאָ ביי משה לייבן איז עס געווען אַ ביסל אַנדערש... „אין האַלבער נאַכט“, זאָגט משה לייב האַלפערן צו זיך אַזוי:

„משה לייב, ווייסט וואָס?
זאָל זיך דיר אויסדאַכטן, אַז זאַמד איז גראָז“...
הער, זאָג איך שוין צו זיך, ס'איז
דאָך עפּעס אַזאַ פאַרשייטע פּאָעזיע... און אין מיטן
טוט ער זיך אַ זאָג:
„פאַרדאַמט זאָל ער זיין דער פראַזן־דרעשער,
דער פאַרשאָלטענער אינטעליגענט,
ער האָט צוויי פּאַסקודנע ווייסע הענט,
וואָס ווילן נישט אַרבעטן, דרייט ער מיט זיי
דאָס אייביקע גראָבע פינגער־געדריי...
ווער איך שוין אינגאַנצן צעטומלט און פרעג זיך:
ווי־אַזוי קאָן מען זיין אַ דיכטער
און נישט קיין אינטעליגענט?...
און פאַרוואָס זאָל דער דיכטער, וואָס געפעלט מיר אַזוי אַ זאָג טאָן אין זיין „מיין צוואה“...
„ווי נאָר עס איז אויפגעגאַנגען די זון
בין איך אַוועק און צונויפגעקליבן
קאָזע־באָבקעס אין דעם ליד אַריין“ (?)

און וואָס מער איך לייען זיינע לידער, אַלץ מער הייבט מיר אָן געפעלן דעם דיכטערס וואָקאַבולאַר, אָט איז ער פאַרשייט, אָט שפּילעוו־דיק און אָט טויט־ערנסט „הכלל, עס איז אומעטיק ליבע ברידער“. און, אַז עס איז אומעטיק דאַרף מען זיך מאַכן פריילעך. קלייבט מ. ל. ה. אויס נישט קיין נעגער־ייִנגל ווי עס טוען די ווייסע לינטשערס אין דרום, נאָר ער נעמט גאָר מאַיעסטעט דעם „קעניג“.

„...דער קעניג אַליין אין זיין גאַנצער פּראַכט,
האָט די שיך צו פאַריכטן געבראַכט —
טראַסציאַ — טוואָיע — מאַטיערי“.

ווען איך האָב דערזען „דעם גאַסן־פּויקער“, וואָס זשושעט מיט די טאַצן בים־בום און ער דרייט זיך רונד אַרום, אַז די אַדערן פּלאַצן, האָט

מיר דער דיכטער צוריק געבראַכט „מיין גאַסן־פּויקער“ און דערזען האָב איך אים אין גאָר אַן אַנדער געשטאַלט, ליב און אייגן איז ער מיר געוואָרן ווייל... „איך אַליין, וואָס וואַלגער זיך אַרום שוין צען יאָר צייט מיט מיליאָנען מענטשן אינאיינעם... אין דעם אומגעלומפּערטן מיסטקאַסטן ניו־יאָרק“.

האַ, ניו־יאָרק אַ מיסטקאַסטן? עס וואַרפט דאָך
אָן אַ שרעק, ווי רייסן זיך דאָס די
מיליאָנען מענטשן פון ערד־קוגל, צום מיסטקאַסטן?...
„ווען אַ לייב זאָל דאָ פאַרבלאָנדזשען —
וואָלט ער וואַנזיניק געוואָרן,
וואָלט ער זיך אַליין צעריסן“.

מיט יאָרן שפּעטער, קומט דער דיכטער ז. ווייַנפּער, דער וואָס האָט צוזאַמען מיט מ. ל. ה. רעדאַגירט דעם זשורנאַל „אויפקום“ און ער אַנטפּלעקט אים פאַרן ברייטן עולם אויפסניי.

געוואוסט האָב איך, אַז פּאָעטן באַזינגען די לבנה, שטערן, פרויען און אַלץ, וואָס ס'האָט נישט צו טאָן מיט ערדישעם, דיכטער זענען „אויסדערוויילטע“, ווייל — „גייט צו צום צאַרטן דיכטער, זאָגט אים, זיין ליד איז נישט גוט אָנגעשריבן, וועט ער עפּענען דאָס מויל ווי אַ לייב“...

משה לייב האַלפּערן איז געווען דער דיכטער, וואָס האָט גענומען פון היינע, שעקספּיר, מאָריס ראָזענפעלד, באָושאָווער און צענדליקער אַנדערע וועלט־באַרימטע און ווייניק באַקאַנטע, דעריבער איז ער געווען אַ דיכטער פון אַזאַ פאַרנעם, וואָס אין זיין צייט האָט זיך קיינער נישט געקאָנט מיט אים פאַרגלייכן, צוליב זיין אימפּעטפולן גייסט, וועלכער האָט געברויזט ווי אַן אָקעאַן, איז ער געווען שטורמיש אפילו דעמלט, ווען ער האָט געמיינט, אַז ער איז מילד...

ער האָט געשטראָפט זייגע קאָלעגן שרייבער, פּאָעטן, געדראָט מיט זיין שטאַרקער פויסט:

— דער שריפטשטעלער האָרף און מוז זיך אָננעמען פאַר די קולטור־ווערטן פון פאָלק, אויב ער זעט ווי מען פאַלשעוועט זיי. מיר זענען פאַר פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור אפילו ווען דער נאָמען געפעלט אונדז נישט, ווייל מיר העלפן שטאַרקער מאַכן די גרענעץ־וואַנט, וואָס דער רוי־בערישער קלאַס האָט אַוועקגעשטעלט צווישן אים און דעם אַרבעטס־מענטש.

טײלמאָל האָט ער גערעדט נביאישע רייד — „אין סוף פֿון די טעג װען מענטש װעט שטײן גאָר הויך... אַװעקצופֿליען אויף דרײ יאָר צײט, װײל אַזוי לאַנג װעט דויערן דער װעג צו דער לבֿנה... אַ פֿליגל שטוים שװעבט ער שוין“... אין אונדזער צײט זעען זיך שוין גרויסע מעגלעכקײטן דאָס צו דערגרײכן. עס װעט שוין קײן דרײ יאָר נישט דויערן, דאָס איז זיכער. האָט דאָך זשול װערן אין זײן צײט געטרוימט פֿון אַ „רײזע אַרום דער װעלט אין אַכציק טעג“, איצט, דויערט װײניקער װי 80 שעה...

צום סוף פֿון זײן יונג לעבן איז ער געבליבן, דאַכט זיך, אײנזאַם, פֿאַרלױרן, אינדיװידואַליסטיש. עס זעט אויס, אַז ער האָט זײנע אײגענע פּערל צעפּטרט... זײן האַנטשריפֿט איז געװען צו באַװונדערן, אַזאַ האַנטשריפֿט האָב איך געזען בײ מ. אָלגין, װעלכן כ'האָב באַװונדערט פּונקט װי משה לײב האַלפּערן.

אין זײנע יאָרן, אין זײן דיכטונג, האָט ער נישט געװאָלט זײן דער א ײ נ פּ אַ כ ע ר פּאָעט, ער האָט געװאָלט זײן ה ו י ך „אויב נישט נאָך העכער“ מעגלעך, אַז ער װאָלט דאָס דערגרײכט, װײל ער האָט נישט געקאָנט „צױמען זײן װעלט דורך פּראָגראַמען“ װי עס האָט געזונגען מאָריס װינטשעװסקי.

יאָ, װען איך דערמאָן זיך אין מ. ל. ה. זע איך די קאַטערינקע, דעם גאַסנפּױקער, די קונצנמאַכער פֿון לאָדזש, בערלין, פּאַריז, איך זע אַ קאַלײדאָסקאָפּ פֿון יידישן און אַלגעמײנעם לעבן, אַ לעבן, װאָס איז געװען און װעט שוין מער נישט זײן.

עס דערװעקט זיך די נאָסטאַלגיע, פֿון צײט צו צײט נאָך דעם אַמאָל, װאָס כאָטש ס'איז געװען ביטער װי כרײן, האָט עס אָבער געהאַט אַ געװיסן לעבנס=טעם. אַ לעבן צו בענקען און געדענקען, װײל דאָס שענסטע זענען חלומות... איז אַװעק דער ריז פֿון דער יידישער פֿיל=פֿאַרביקער פּאָעזיע און קײן צװײטער צו פֿאַרנעמען זײן אָרט בײם יידישן פֿאָלק — האָט זיך נאָך נישט באַװיזן.

מ. אָלגין אין קעמפּ

(זכרונות)

„מען דאַרף נאָר קענען זען
מיט אָפענע אויגן דעם גאַנצן
אומגעהויערן פּראָצעס,
וואָס קומט פאָר אין לאַנד,
אז דאָס מיגדעסטע געפיל פון
פאַרצווייפלונג זאָל זיך נישט קענען
אַריינגנבענען אין הארצן אויף
קיין איינציקער מינוט“.
אַ שטילער זומער אין קעמפּ.
ווי אַ טונקל־בלויער סאַמעט איז אויסגעשפּרייט
דער טיפער הימל,
באַלד וועט זיך צעזילבערן די בלייכע לבנה.
דאָס גראָז אין קעמפּ איז באַדעקט מיט אַ ווייסן טוי.

דאָ און דאָרט בלישטשעט אַ ליכטל און ס'קליינע טייכל דערציילט מיט אַ ווייך קול אַ גאָר אַלטע געשיכטע, וואָס קלינגט ווי סימפאָנישע מוזיק.

אַלע רוען אין אַ טיפן שלאָף, די זילבערנע לבנה שוועבט פאַרחלומט, שטראַלן פון ווייטן רוים ציען זיך פאַרביי מיניענדיקע שטערן.

משה אָלגין איז וואַך, ער הערט זיך איין צו דער שטילקייט, וואָס קומט אַריין פון אָפענעם פענצטער, אָטעמט איין דעם שאַרפן אַראָמאַט פון פרישער לופט. (אַ גריל האָט זיך באַזעצט הינטערן פענצטער און מיט איר גרילן אויסגעזונגט מוזיקאַלישע טענער אין דער שטילקייט פון קעמפּ).

איבער אַ טישל, אַריבערגעבויגן, זיצט משה אָלגין, שרייבט שנעל מיט זיין פערלדיקער האַנטשריפט, טראַכט אַ ווײלע און שרייבט ווייטער.

אומגעריכט ווערט זיין אַרבעט איבערגעריסן, אַ ווייטיקדיקער שטאָך האָט זיך אין זיין לינקער ברוסט באַוויזן.

„באַדאַרפט זיך אָפּרוען, נעמען אַ לאַנגע וואַקאַציע".

רעדט אָלגין צו זיך, „אָבער ווי קאָן איך, אַ וועלט מיט אַרבעט"...

אין דער טיפער נאַכט איז אָלגין איינגעשלאָפן, חלומות האָבן אים געטראָגן אין די ווייטע וועלטן, אין די טיפע הויכן... די נאַכט איז אַוועק, דער טאָג האָט גענומען וועקן, ס'איז אויפגעגאַנגען אַ גאָלדענע זון, ליבלעך האָט זי באַשטראַלט אָלגינס צימער, אפילו די ווייסע ווענט האָבן געשמייכלט און באַגריסט דעם ליבן גאַסט. „דער הימל האָט זיך אָנגעצונדן מיט אַ רויטן „פלאַם" און האָט גערופן דעם פירער צו זיין שרייב־טיש. —

„דורך אַ רויט געפאַרבטער גלאָז
ווען מען קוקט אויף דער וועלט,
דאַן פאַרענדערט זיך דער הימל און ערד...
דער נעפל פאַרהילט איצט אַמעריקע, פון עק ביז עק..."
מען דאַרף דאָס פאָלק דערוועקן, די בעלמעס אַראָפּציען...

אויף אַ בערגל אונטער אַ שאָטנדיקן בוים, אויפן ווייכן גרינעם גראָז, זיצן זיינע מיטקעמפער אין גרויס שפאַנונג, פנימער לייכטן. —

פון ווייטן באַווייזט זיך משה אָלגין, מיט געמאָסטענע טריט, איינגעאַרעמט, אַ ביסל מיד, באַטראַכט ער מיט מילדע אויגן די פאַרזאַמלטע.

עס ווערט שטיל, אַ מילדער ווינטל וויברירט די צווייגן, גרינע בלעטער שאָרשען, סודען זיך, אָלגין רעדט:

„דער פלאַם פון קאַמף וועט נישט אויפהערן צו באַלייכטן אונדזער לאַנד"... ביז עס וועלן נישט צעשמעטערט ווערן אַלע שלעסער, געעפנט ווערן אַלע טירן און אַרויסגעלאָזט ווערן אויף דער פרייער וועלט אַלע אונדזערע מאַרטירער"...

אין „אַ צייט פון מלחמה. —
די באַדריקער, — זיי קעמפן מיט צאָרן און יאוש. —
פון רייד צו הריגות,
פון שריפות צו תליות,
צו פינצטערע תפיסות".

אויסגעשפרייט איז אַ גרויס ראַד פון יונגוואַרג, די פיס פאַרלייגט הינטער זיך, הערט מען זיך צו מיט באַגייסטערונג וועגן אַמעריקע, וואָס האָט נישט בלויז באַשאַפן אינדוסטריאַליסטן, רעאַקציאָנערן און מלחמה־

צינדער, נאָר אויך אַרבעטער־פירער, קעמפער פאַר שלום און געדעכ־טיקייט.

(משה אָלגין איז נאָר־וואָס צוריק געקומען פון סאָוויעטן־פאַרבאַנד, פון זיינע גרוסן האָבן אויגן געלויכטן, גרויס ליבע איז געווען צום לערער און ווענ־ווייזער).

אומדערוואַרטעט בלייבט אָלגין שטיל, מיט אַ הייזעריקן הוסט, רייסט איבער די געשפּאַנטע שטילקייט:

„נו, וואָס זיצט איר ווי פאַרגליווערט?
זענט איר פון אַלץ צופרידן, וואָס איך דערצייל?
וואָס שווייגט איר?
ווי לאָזט מען דאָס אַ חבר רעדן אַזוי לאַנג?
רייסט איבער,
שטעלט פראַגן,
נו, מאַכט עס לעבעדיקער!“

...חבר אָלגין: —

— ווי אַזוי ווערט דאָרט געלייזט די נאַציאָנאַלע פראַגע?

— וואָס פאַר אַ ראָל שפּילט דאָרט די פרוי אין אַלגעמיינעם לעבן?

— ווער דער סאָוויעטן־פאַרבאַנד אויסהאַלטן, ווען מען וועט אים באַפאַלן?

— איז רעליגיע דערלויבט?

— קענען מאַמעס האָדעווען זייערע קינדער?

צען פראַגעס,
צוואַנציק, פופציק,

האָבן זיך אַ שאָט געטאָן, אויף יידיש און ענגליש, פון אַלע זייטן.

„אָט אַזוי, דאָס וואָס איך האָב ליב. מען דאַרף זיך לערנען פון דעם סאָוויעטישן אַרבעטער, ווייל זיי האָרט וועלן נישט לאָזן אַ חבר די גאַנצע צייט רעדן און אַליין שווייגן“.

(אָלגין ענטפערט אויף אַלע פראַגן. זיין שטימע איז ווייך, די רייד באַרואיקן ווי באַלזאַם. דערפרישט גייען מיר זיך פאַנאַנדער באַגלייט פון די וואַרעמע גרוסן און שטראַלנדיקע בליקן פון משה אָלגין).

* *
*

...אין דעם טאָג איז דער הימל געווען גרוי.
אַ קאַלטער פייכטער ווינט האָט דורכגענומען די ביינער.

די ערד איז געווען נאַס און בלאָטיק.
טונקעלע וואָלקנס האָבן באַדעקט דעם הימל.
שטיל איז געווען אין אַלגינס צימער...
„וואָס וועט איצטער זיין?"...

איבער דער גאָרער וועלט האָבן טעלעגראַף-דראָטן געבראַכט אַ שווערלעכע נייעס...

ביים שוסטער איז דאָס העמערל אין האַנט געבליבן הענגען.
די הויז-פרוי האָט אַ טרער פאַרגאָסן.
אַלגינס פריינד, דאָס פאָלק פון אמת, האָבן די קעפּ געבויגן.
דער האָריזאָנט איז פאַרוואָלקנט געוואָרן...

צו דער לוויה זענען האָרעפּאַשניקעס פון גאַנצן שטאָט געקומען.
די ערלעכע וועלט האָט אַ קעמפער, אַ חבר פאַרלוירן.
פון שניידער שעפער,
פון קינדער-שולן,
פון קראָמען און וואַרשטאַטן:
לערער, שרייבער, אינטעלעקטואַלן, האָבן אַ בלום
געפלאַנצט, אויפן קבר —
„אַ רויטע בלום". ווען „די זון וועט אויפגיין וועלן
„די בלומען שירה זאָגן".

ס'וועט קומען אַ צייט — די וועלט וועט זיין פון בלויז ליכט, די זון לויטער, דער הימל ריין. אויף דער אויבערפלאַך פון דער ערד וועלן קיין שונאים פון דער גערעכטער מענטשהייט מער נישט געוועלטיקן. די וועלט וועט זיין אָן גרענעצן, אָן מלחמות. זאַט און צופרידן וועלן לעבן אַלע פעלקער — ברידער אַלע ראַסן, אַלע קאָלירן:

„ווייסע, שוואַרצע, ברוינע, געלע, —
מישט די פאַרבן אויס צוזאַמען.
אַלע מענטשן זענען ברידער
פון איין טאַטן פון איין מאַמען".

צו יעדער יאָרצייט וועלן מיר לידער זינגען, לידער, וואָס אַלגין האָט אויף אונדזער „מאָרגן פרייהייט" אויסגעקריצט. קלינגענדיקע שטימען מיט זילבערנע מוזיקע שטראַלן וועלן שאַלן און וועקן צום אויפגייענדיקן ליכטיקן מאָרגן.



ז. װײנפּער (דער דריטער פֿון רעכטס אין דער ערשטער רײ) אין די צװאַנציקער יאָרן צוגאַסט אין זײַן געבורטס־שטעטל, טריסק, מיט די פֿאַרװאַלטונגס־מיטגלידער און לערער פֿון דער דאָרטיקער ייִדישער פֿאָלקס־שול

ז. ווײנפּער

(זכרונות וועגן אַ נאָענטן מענטשן)

דעצעמבער 1937, גלײַך נאָכן אַלוועלטלעכן קולטור־קאָנגרעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין פּאַריז, זענען אין אַ מאָנטיק־אָוונט אין באַל רום פון מיד־וועסט אַטלעטיק־קלוב אין שיקאַגאָ, געקומען צוועלף הונדערט מענטשן אויסצוהערן באַריכטן פון די דעלעגאַטן וועגן די אויפגאַבן פון פאַראייניקן די קולטור־כוחות אויף דער יידישער גאַס.

צווישן די רעדנער זענען געווען ד״ר מוקדוני און י. אָפּאַטאָשו, עס האָט אויך באַהאַפט זײַן מ. אָלגין, נאָר צוליב זײַן קראַנקהייט איז ער נישט געקומען, וואָס דער עולם האָט שטאַרק באַדויערט.

ד״ר מוקדוני האָט דעמלט געזאָגט:

„אויף דער יידישער גאַס האָבן מיר הײַנט אַ גײַע מחלוקה און דאָס איז דערפאַר, ווײַל מען האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן אייניקייט פון דער יידישער קולטור. יעדע גרופּע יידן, יעדעס לאַנד, האָט זיך איר אייגענע קולטור, אַזוי צו זאָגן. זענען געקומען מענטשן, וואָס האָבן געזאָגט: ראַ־מעוועט די יידישע קולטור פון אונטערגאַנג! און די מענטשן זענען גראָד געווען ליגקע“.

ד״ר מוקדוני האָט מיט באַגייסטערונג דערציילט ווי אַזוי עס זענען צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע זיך צוזאַמענגעקומען דעלעגאַטן פון 23 לענדער, וואָס האָבן גערעדט און באַהאַנדלט די יידישע קולטור אין דער יידישער שפּראַך. נישט ווי אַלע אַנדערע יידישע קאָנגרעסן, וואָס קומען זיך צוזאַמען און רעדן אויף אַלע 75 לשונות, נאָר נישט קיין יידיש.

די מענטשן, וואָס זענען אָנוועזנד געווען האָט זיך אײַנגעקריצט אין זכרון די באַגייסטערונג פון יענעם היסטאָרישן אָוונט, ווען ס׳איז געלייגט געוואָרן דער ווינקלשטיין פאַר אַ ברייטער פּראָגרעסיווער פאַר־אייניקטער קולטור־טעטיקייט, וואָס מיר טראָגן נאָך עד היום.

מיט פינף חדשים שפּעטער, אין אָנהייב יוני, איז ז. וויינפּער געקו־מען קיין שיקאַגאָ אויף זיין ערשטער רייזע אין די אינטערעסן פון איקוף, און האָט באַלד אַרייַנגעשריבן אַ וויכטיק בלעטל אין דער געשיכטע פון קולטור־טעטיקייט צווישן די ברייטע יידישע פאָלקס־מאַסן אין שיקאַגאָ.

שוין דעמאָלט איז ער געקומען מיט דער ברכה פון מ. אָלגין, און האָט דאָס איבערדערציילט ביי אַלע אַרויסטרעטונגען:

„אָלגין האָט מיך געבענטשט אויף מיין רייזע, מיט דער ברכה „זאָלסט זיין אַ לעקטאָר און אַ קאָלעקטאָר". אַנטפּלעקט האָט זיך ז. וויינ־פּער פאַר טויזנטער פאָלקס־מענטשן דאָרט, וו פריער איז ער נאָר געווען בלויז באַקאַנט ביי אַ באַגרענעצטער צאָל.

די ערשטע באַגייסטערטע קאָנפערענץ איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן מיט פאַרטרעטער פון עטלעכע און דרייסיק אָרגאַניזאַציעס, און אונטער דער ווירקונג פון ז. וויינפּער, האָבן אַ צאָל גרויסע פּערזענלעכקייטן, צווישן זיי, ריכטער, סעמיועל העלער, זיך אָנגעשלאָסן אין איקוף.

וויינפּער איז שוין פריער געווען ברייט באַקאַנט אין די ליטעראַ־רישע קרייזן, אָבער דער פּאַריזער קאָנגרעס האָט אים אַרויסגעפירט אויף ברייטערע שליאַכן. דאָס וואָס ער האָט געשעפּט פון די טיפע קוואַלן פון די נביאים ביז די קלאַסיקער און שפּעטער פון „ליעסינס געזאַנג" פון ביאַליק, זשיטלאָווסקי און אָלגין, האָט זיין שפּרודלדיקער טאַלאַנט צו־ריקגעגעבן די ברייטע יידישע פאָלקס־מאַסן.

צו זיין ערשטן באַזוך אין שיקאַגאָ, האָבן די פּראָגרעסיווע פרויען פּרעזענטירט וויינפּערן אַ מתנה — אַ לייען־קרייז אויף זיין נאָמען. ביי דעם יום־טוב, וואָס איז געווען פול מיט באַגייסטערונג האָט דער מאָלער מאָדרעס געזאָגט: — „אַמאָל איז געשטאַנען די פראַגע צי קינסט־לער דאַרפן זיך אידענטיפיצירן מיטן אַלגעמיינעם עקאָנאָמישן און סאָ־ציאַלן לעבן, אָדער שווימען אין די וואָלקנס און חלומען... איצט ווערט קלאָר, אַז מיר מוזן זיך אינטערעסירן מיט פּראָבלעמען פון די ברייטסטע פאָלקס־מאַסן".

צו יענער צייט האָב איך זיך צום ערשטן מאָל פּערזענלעך באַקענט מיטן דיכטער ז. וויינפּער, און 20 יאָר געשעפּט פון זיינע קוואַלן.

אין לאָס אַנדזשעלעס, וו איך בין געווען אַ לענגערע צייט סעקרע־טאַר פון איקוף און געשטאַנען אין נאָענטער פאַרבינדונג מיטן צענטער און ספּעציעל מיטן חבר וויינפּער, האָב איך שטענדיק באַמערקט די גרוי־סע ליבשאַפט צו אים, די יומטובדיקייט און דערהויבונג, וואָס ער האָט

געבראַכט, ווען ער איז יאָר־איין יאָר־אויס געקומען צו אונדז מיט זיין געלייטערט וואָרט און געקראָגן די מזל ברכה פאַרן איקוף. זיינע לעקציעס, וועלכע זענען געווען אָנגעהויכט מיט דער שטראַליקייט פון שבת קודש, האָבן געהאַט אַ באַשטימטן ציל, „ווייל קולטור מוז זיין פאַרבונדן מיטן קאַמף פון אונטערדריקטע, מיטן קאַמף פאַר שלום, פאַר פּראָגרעס, פאַר העכערער קונסט און נייע הויכן און קעגן אַגרעסיווער מלחמה“, און דאָס טאַקע האָט, אין זיינע פּרעכטיקע לעקציעס, רעפעראַטן און אויף פייערונגען, ז. וויינפער אונטערגעשטראָכן.

ווי ליב וויינפער האָט געהאַט דאָס לעבן, די אַרבעט, דאָס שעפערישקייט פון אים מיט זיינע מיט־מענטשן. ווי פאַרבנרייך ער איז געווען אין זיינע שילדערונגען וועגן משה לייב האַלפערן, שלום אַש, זישע לאַנדוי, מאַני לייב, אָלגין, זשיטלאָווסקי. ער האָט קיין איינמאָל נישט פאַרגעסן צו דערמאָנען מיט באַגייסטערונג דעם ערשטן פאַריזער קולטור־קאָנגרעס. און כאָטש ער האָט גערעדט מיט פאַרדראָס וועגן די, וואָס זענען געווען און אַוועק, האָט ער אָבער זייערע שאַפונגען פאַר דער יידישער ליטעראַטור נישט מבטל געמאַכט.

און ווי גוט עס איז געווען צו זיין אין זיין סביבה, זיין הויז איז געווען ענג, זענען מיר געזעסן אויפן דיוואַן, אין אַזאַ פייערלעכקייט האָט וויינפער זעלטן געלייענט זיינס אַ נײַ ליד, יעדעס מאָל אָבער איז געווען אַזוי גוט אים צו הערן זינגען „אַ פאַסטוכל, אַ טרוימער“, „פּאַווע פּאַווע“ און „טויבן“ זיין געזאַנג, ווי זיינע שריפטן, זענען געווען זיס און האַרציק.

וויינפער איז געווען מילד ווי זיינע בלויע אויגן, טיילמאָל אויך ביי־סיק און שאַרף. עס האָט אים פאַרדראָסן, ווען אַ האָרעפּאַשניק האָט צוגעטראָגן פּופּציק האָלער אויף זיינס אַן אַפּעל פאַרן איקוף, און אַ פאַרמעגלעכער מענטש האָט געגעבן אַ קלענערע באַשטייערונג.

אַ טראַדיציע האָבן מיר געהאַט אין לאָס אַנדזשעלעס, אַז אין יאַנוואַר האָבן מיר שוין גערעדט וועגן חודש מאַי, ווייל מאַי האָבן מיר פאַרבונדן מיטן קומען פון גענעראַל־סעקרעטאַר פון איקוף ז. וויינפער. וואָס נעענטער עס איז געוואָרן די צייט פון זיין קומען, אַלץ אינטענסיווער איז געוואָרן די קולטור־אַרבעט. ווען וויינפער איז געקומען, זענען די יומטובדיקע טישן שוין געווען געגרייט פאַר דער אויפנאַמע פון אונדזער גרויסן און ליבן גאַסט. און ביי די יומטובים האָבן מיר דעם חשובן שליח אויסגעדריקט אָנערקענונג פאַר זיין אומדערמידלעכער אַרבעט.

חבר ווײַנפּער, דער אומדערמידלעכער בויער פֿון איקוף, האָט נישט געוואָלט איבעררײַסן די פֿרײַנדשאַפֿט מיט קיינעם, אפֿילו ווען דאָס האָט זיך געהאַלטן בלויז אויף אַ האָר, ווײַנפּער איז נישט געווען פֿון די גרויסהאַלטער, ער האָט געקאָנט זאָגן צו אַ חבר:

„דו ווייסט רפֿאל, האָסט מיך פֿאַרגעסן צו פֿאַרבעטן אויף אַ טעפּל קאַווע, כ'בין שוין דאָ צוויי וואָכן אין שטאָט און בין נאָך דאָס מאָל אין דײַן הויז נישט געווען".

און אַ צווייט מאָל:

„געהערט האָב איך, אַז דו האָסט גרייט מאַנוסקריפּטן אויף אַרויסצוגעבן אַ בוך, אויב מעגלעך, וויַז מיר אַ קוק טאָן".

„חבר ווײַנפּער, איך וויל דיך נישט באַלעסטיקן".

— אָבער אַרויפֿקומען צו מיר אינדערפֿרי מעגסטו, ווען מיר אַ שמועס טאָן.

ווײַנפּער האָט זיך אויפֿגעהאַלטן אין אַ באַשיידענעם מעבלירטן צימער. אויפֿן טיש — ביכער יידישע און ענגלישע, וואָס ער האָט געלייענט בעת זײַנע לאַנגע רייזעס. האָט ער איבערגעלייענט דאָס בוך, האָט ער עס איבערגעלאָזט עמעצן אַ מתּנה.

איינמאָל, גאַנץ פֿרי, קום איך אַרײַן צו אים, אַזוי האָבן מיר אָפּגערעדט, קומט ער מיר אַנטקעגן מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט, האַלט אַ פֿאַרשריבן בלעטל און זאָגט מיט פֿרייד, „חבר פּאָזנער, איך האָב נאָר וואָס פֿאַרענדיקט די לעצטע צוויי שורות פֿון אַ נײַע ליד, ווילסט דאָס הערן?

„חבר ווײַנפּער, ווען? ביסט דאָך געגאַנגען אַזוי שפּעט שלאָפֿן... קום חבר פּאָזנער, לכּבֿוד דעם נײַעם ליד וויל איך דיך מכבד זײַן מיט אַ טעפּעלע קאַווע.

בײַ יעדן איבערגעגעבענעם איקוף־טוער אין לאַנד געפֿינען זיך צענדליקער בריוו פֿון ז. ווײַנפּער, די בריוו געשריבן פֿון אַלע עקן לאַנד און פֿון אויסלאַנד דערציילן, אַז אחוץ אַ גרויסער קינסטלער איז ער געווען האַרציק, פֿרײַנדלעך און מענטשלעך ביז גאָר.

אין זײַנע בריוו פֿלעגט ער שרײַבן:

חבר, איך געפֿין זיך איצט אין מעקסיקאָ, איך שטיי איין בײַ........ און אָפּגעמאָלן אַ בילד...

אַ צווייט מאָל:

— אויף מיין באַזוך אין קאַנאַדע האָט אַזוינס פּאַסירט... טשעקאַ־ווע... יאָ?... — נו, באַלד וועל איך זיין ביי אייך אין לאָס אַנדזשעלעס, מיר וועלן אין דעם יאָר מוזן מאַכן בעסער, לְהַכְעִיס די שׂוֹנְאִים.

ביי זיין אָנקומען אין לאָס אַנדזשעלעס, נאָך איידער וויינפּער האָט זיך איינגעאָרדנט אין זיין באַשיידענעם צימער, איז ער שוין געווען ביי „מענדעלען" דעם קאַסירער פון איקוף, און כאָטש אין קאַסע איז קיין געלט נישט געווען, איז וויינפּער באַשטאַנען, אַז איידער וואָס־ווען, מוזן מיר אָפּשיקן טויזנט דאָלער צום איקוף אין ניו־יאָרק און דאָס איז טאַקע געשען.

ווען מיר האָבן געיומטובט מיט וויינפּערן, האָט ער אַלע מאָל אַריינגענומען זיין טייערע זיטאַ און זיין ליבע נחמהלע. אַז מיר זענען געקומען צו גאַסט אין ניו־יאָרק, האָט וויינפּער אין זיין גרויס פאַרנומענקייט נישט פאַרגעסן די געסט אַריינפירן אין זיין הויז, פּראַווען אַ יום־טוב. נחמהלע האָט געשפּילט פּיאַנאָ און וויינפּערס ליכטיקע בלויע אויגן האָבן געלויכטן, פול מיט פרייד. פאַר אַלעם האָט ער געפונען צייט.



קלמן מרמר — דער „מיטברודער פון מענטשן"

די גאַס, וו קלמן מרמר האָט געוווינט איז געווען אַ קורצע, אַ שמאָלע און אַן אייגנאַרטיקע. דער וועג, וואָס האָט געפירט צו אים איז געווען בערגיק און זיג־זאַגיש. דאָס איינשטאָקיקע הויז איז שיין געבויט, פון פאָרנט — אַ גרין גערטנדל. די באַלעבאַטים — הארציקע, פריינדלעכע מענטשן.

21־טער דעצעמבער — ערשטער טאָג ווינטער, חנוכה 1954, מיר זענען געקומען מיט געסט פון ווייטע מרחקים.

דער טאָג איז געווען אַ וואַרעמער, די זון האָט געבלענדט און געלויכטן איבער די ריזיקע דרום־בערג, וועלכע האָבן זיך געשפיגלט אין דער קרישטאָלענער קלאָרקייט.

אינעווייניק אין מרמרס צימער האָט געפינקלט אין יעדן ווינקעלע, אויף דעם קאָמאָד זענען געשטאַנען צוויי ביוסטן פון אונדזערע קלאַסיקער שלום עליכם 1859—1916 און י. ל. פּרץ, 1851—1915 און אין דער מיט — אַ חנוכה־לעמפּל. פיל ספרים, ביכער, זשורנאַלן. אַלץ ליגט אין דער בעסטער אָרדענונג.

קלמן מרמר, איז נאָר־וואָס געהאַט צוריקגעקומען פון אַ לאַנגן שפּאַציר. ער האָט אויסגעזען פריש, אָבער אַ ביסל מיד, ער איז געזעסן אין רחבותדיקן אויפנאַם־צימער, זיך צוגעהערט אויפמערקזאַם, וואָס די געסט דערציילן פון זייערע ווייטע וועגן און פון פריינד.

קלמן מרמר האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף שרייבער, פאָלקס־מענטשן, געזעלשאַפטלעכע טוער, געוואָלט וויסן וועגן אַלץ און אַלעמען. באַזונדערס האָבן אים אינטערעסירט „אַלטע" דערינערונגען.

ווען מיר האָבן דעם ליבן מרמר געפרעגט אַ מיינונג וועגן אַ ניי יידיש בוך און עמעץ פון די געסט האָט אים געזאָגט, אַז דאָס בוך איז גאָר אַ פיינס, האָט ער זיך אָפּגערופן: „איך דאַרף עס אליין לייענען". —

ער רעדט שטיל, געלאַסן: קודם־כל דאַרף אַ בוך האָבן אינהאַלט און אַריינ־זאָגן, נאָר אַ שאַרפן וואָרט דעם שונא — שאַט אויך נישט.

מרמר ווערט נישט מיד צו רעדן וועגן שרייבער און זייערע ווערק. ער דערציילט מיט וויפל ליבשאַפט ער האָט געמאַכט די איבערזעצונגען פון אָסקאַר וואַילדס „דע פּראָפונדיס“, איין אויפלאַגע אין לאָנדאָן און אַ צווייטע אין ניו־יאָרק. ווייל ער האָט זייער גרינטלעך און טיף באַנומען די טראַגעדיע פון אָסקאַר וואַילדן און אָפּגעשאַצט זיין גרויס קונסטווערק.

עס איז גוט געווען צו זיצן מיט אונדזער גרויסן געלערנטן קלמן מרמר, אים הערן דערציילן וועגן דער אַמאָליקער און היינטצייטיקער ליטעראַטור.

אַנאַטאָל פראַנס איז אויך מרמרס אַ באַליבטער שרייבער נאָך פון זיינע יונגע יאָרן. און אָט דערציילט ער וועגן זיין רייזע אין ארץ ישראל אין 1906. א קליינינקייט ארץ ישראל אין יענע יאָרן!...

בעתן שרייבן, זאָגט מרמר, האָט ער ליב צו שטיין, דאָס האָט ער זיך געלערנט פון יינגערן דיכטער, בנום העלער. „איך האָב זיך דעמלט — דערציילט מרמר — געפונען אין וואַרשע. דער דיכטער בינום העלער איז געזוכט געוואָרן פון דער פּאָליציי, האָט ער זיך כסדר געפונען אין גאַס, ווייל אין אַ הויז איז פאַר אים געווען אַ געפאַר אַריינצוגיין. האָט ער פאַרטראַכט זיינע לידער גייענדיק“...

קלמן מרמר דערמאָנט אויך דעם גלענצנדן עסייאיסט, דיכטער און ליטעראַטור־קענער דוד ספארד, וועלכער האָט צוזאַמען מיט העלערן זיך געראַטעוועט אין סאָוויעטנפאַרבאַנד.

קלמן מרמר האָט ליב געהאַט צו שווייגן און געקוקט גלייך אין פּנים ווען עמעצער האָט גערעדט. עס איז געווען אַ גרויסער נחת־רוח צו זיין אין דער געזעלשאַפט פון מרמרן און אים הערן רעדן און דערציילן. אָפט, אַזוי בלויז פאַרבייגייענדיק, האָט ער אַרויסגעזאָגט טיפע געדאַנקען, וואָס האָבן זיך איינגעקריצט אין זכרון.

אמת, פון צייט צו צייט האָט ער זיך באַקלאָגט, אַז דער זכרון דינט אים נישט מער אַזוי ווי אַמאָל, און שרייבן וואָלט ער נאָך וועלן. באַלד אָבער הייבט ער אָן רעדן וועגן פאַרשידענע תקופות אין דער געשיכטע פון ליטעראַטור. ער רעדט מיט פּיעטעט וועגן מאָרים ראָזענפעלד, יהואש און אַנדערע שרייבער און דיכטער.

ווען ס'איז באַקאַנט געוואָרן, אַז אונדזער באַליבטער שריפטשטעל־לער, היסטאָריקער און קולטור־בויער קלמן מרמר געפינט זיך אין שפּי־

מאָל, זענען פון גאַנצן לאַנד אָנגעקומען בריוו, וואָס האָבן אויסגעדריקט גרויס זאָרג און ליבשאַפט צו אים. אַלס סעקרעטאַר פון היגן איקוף, האָב איך דערהאַלטן אַ סך אַזעלכע בריוו און אויך טעלעפאָן־רופן אפילו ווען מרמר איז שוין אַרויס פון שפיטאָל.

אין דער היים, ביי זיין טעגלעכער אַרבעט האָב איך אים געטראָפן אַ ביסל אויסגעבלייכט, אָבער אַזוי שנעל ווי ער האָט גענומען רעדן וועגן קולטור־פראַגן, וועגן דער יידישער ליטעראַטור פון אַמאָל און היינט, האָט זיין פנים געקראָגן קאָליר און אין די אויגן האָט זיך באַוויזן אַ פייערל.

פון צייט צו צייט האָט ער זיך באַקלאָגט, אַז די כוחות דינען אים נישט אַזוי ווי אַמאָל, אָבער באַלד דערציילט ער, אַז ער האָט בדעה אָנ־צושרייבן די געשיכטע פון זיינע קינדער־יאָרן, וואָס ער געדענקט אַזוי, ווי עס וואָלט ערשט נעכטן פּאַסירט...

עס איז גוט געווען צו זיצן מיט אונדזער גרויסן געלערנטן און אים הערן דערציילן געשיכטעס. ווען עס וואָלטן אויפן אָרט געמאַכט געוואָרן סטענאָגראַפישע פאַרצייכענונגען, וואָלטן פון די שמועסן אַרויסגעקומען באמת וויכטיקע היסטאָריש־ליטעראַרישע ווערק. אָט זאָגט ער אַרויס אַ מיינונג וועגן ל. שאַפיראָס „דער שרייבער גייט אין חדר" און ברענגט אַרויס אינטערעסאַנטע ליטעראַרישע עפּיזאָדן. און אָט רעדט מרמר וועגן דעם עסייאיסט דוד ספאַריד, וועלכער לעבט און שאַפט אין דעם היינ־טיקן פוילן.

יאָ, דער זכרון דינט חבר מרמרן אויסגעצייכנט.

פון צייט צו צייט האָט ער זיך פאַרטראַכט — און היסטאָרישע דאַ־טעס און געשעענישן קייקלען זיך ווידער פון זיין מויל.

און אָט קומען ווידער דערינערונגען — פון דוד עדעלשטאַט, מאָ־ריס ווינטשעווסקי, מאָרים ראָזענפעלד און נאָך צענדליקער עפּיזאָדן פון דיכטער, פילאָזאָפן, שרייבער און קולטור־טוער.

חבר מרמר דערמאָנט זיך וועגן דעם ערשטן אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס אין פּאַריז, וווּ ער איז געווען אַ דעלעגאַט. דאָ קומען בימערע ווערטער וועגן די, וואָס האָבן דעמלט פאַראַדירט אַלס פריינד פון דער פּראָגרעסיווער יידישער קולטור, און איצט געפינען זיי זיך אין דעם שונאס לאַגער.

— איך האָב לעצטנס — האָט ער געזאָגט — איבערגעלייענט ד״ר חיים זשיטלאָווסקיס אַ פילאָזאָפיש ווערק, האָב איך געוואָלט אָנ־שרייבן עטלעכע מיינע געדאַנקען, דייגט נישט דער זכרון.

אָבער אין דער זעלבער צייט האָט ער ציטירט דעם גאַנצן אינהאַלט פון וויכטיקע, גרויסע, טיפע ליטעראַרישע ווערק, וואָס ער האָט געלייענט מיט יאָרן צוריק.

חבר מרמר האָט נישט גערעדט סתם אַזוי. יעדעס וואָרט איז געווען געמאָסטן און דורכגעטראַכט. אויב ער האָט נישט אויפן צונג דאָס וואָרט, וואָס ער וויל זאָגן, וועט ער צוואַרטן אַ רגע, כדי דאָס וואָרט זאָל טראָגן מיט זיך די געהעריקע חשיבות.

קלמן מרמרס געדאַנקען זענען דורכגעגאַנגען מיט דער לויטערקייט פון די נביאים, וואָס האָבן זיך איינגעשטעלט פאַר סאָציאַלן יושר. ווען מען שמועסט מיט אים, ווערט מען באַרייכערט מיט אינטערעסאַנטע עפּיזאָדן פון קולטור־געשיכטע, ליטעראַטור, מיט דעם זין פון לעבן און קאַמף פאַר עטיק, אמת און יושר, פאַר אַ בעסערער וועלט.

די זון איז געווען טיף באַהאַלטן צווישן די וואָלקנס, דער הימל איינגעקאָוועט אין שווערע כמאַרעס, דער טאָג איז געווען פייכט. אַ ביי־סיקע לופט איז געהאָנגען איבער דער שטאָט.

אין גאַרפילד־סאַנאַטאָריום, צימער 21, ליגט מרמר, האַלט די אויגן פאַרמאַכט. ער איז פאַרטיפט אין געדאַנקען. מיר ווילן אים נישט שטערן מיטן פּלוצעמדיקן וויזיט. שליכן מיר זיך אַריין אויף די שפּיץ פינגער און שטעלן זיך אָפּ נעבן זיין בעט.

צווישן זיינע ביינערדיקע פינגער האַלט מרמר אַ יידישן בריוו אין אַ פערלדיקן כתב. ער הייבט־אָן באַוועגן מיט די ליפּן, ווי ער וואָלט גע־פילט אַ גוטן טעם, עפנט פאַמעלעך זיינע קלוגע אויגן, קוקט אויף די געסט, און אַ וואַרעמער שמייכל באַווייזט זיך אויף זיין ליכטיקן פּנים.

„גוט מאָרגן, חבר מרמר" באַגריסן מיר אים. „גוט מאָרגן, גוט יאָר", ענטפערט ער, ליגנדיק אויפן הויכן, ווייסן קישן. „איר זעט, זאָגט ער, פאַר איין גוט מאָרגן קריגט איר פּראָצענט — אַ גוט יאָר".

„וואָס האַלט איר אַזוי איינגעקלאַמערט אין האַנט? מעגן מיר וויסן וואָס דאָס איז?".

„דאָס איז אַ בריוו פון מיין זון, ער שרייבט מיר אין יידיש".

„וואָס מאַכט איר, חבר מרמר?"

קוקט ער מיט זיינע מילדע אויגן גלייך אין פּנים, ווי איינער זאָגט: — איר זעט דאָך...

קלמן מרמר נעמט ווידער דעם בריוו אין האַנט, לייענט אָן ברילן, און אַ צופרידענער שמייכל באַווייזט זיך אויף זיין פּנים.

דער געהער איז ביי אים אויסגעצייכנט גוט, ווייל אויף אַ שטילן שושקען זיך פון די געסט רעאַגירט ער באַלד און וויל אַלץ וויסן. זיין זכרון איז נישט אַלע מאָל גרייט אויפצונעמען געשעענישן פון דער נישט־ווייטער פאַרגאַנגענהייט, אָבער ווען מיר שמועסן מיט אים וועגן „ק ל אַ ס ן־ק אַ מ ף א י ן אַ ל ט ע ר ט ו ם“, אָדער „מאָריס ווינטשעווסקי“, ווערט זיין געדאַנק קלאָר ווי קרישטאָל. אַ וואַרעמע פרייד באַווייזט זיך אויף זיין פּנים און די ליכטיקע אויגן הייבן אָן רעדן, ווי ער וואָלט אויפסניי איבערגעלעבט די פרייד פון שאַפן.

רעדן מיט מרמרן איז אַ תענוג. ער קוקט אייך אין פּנים מיט דרך־ארץ, ער וויל נישט איבעררייסן יענעמס געדאַנק, ער מאַכט נאָר אַ גרימאַסע, ווען ער איז נישט צופרידן, און שפּעטער וויל ער עפּעס זאָגן, אָבער ער איז מיד...

עס קומט אַריין די קראַנקן־שוועסטער, גייט־צו צום בעט, באַרירט צערטלעך מרמרס שטערן און קוקט מיט אָפּשיי צום געלערנטן, וואָס איז איצט אומבאַהאָלפן ווי אַ קינד. די נוירס דערציילט, אַז אין בעט איז מרמר אַ גיבור, נאָר ווען עס קומט צו שטעלן די פיס אויפן דיל, וואַקלט ער זיך ווי אַ בעיבי...

אָט פאָר איך נאָכאַמאָל זען וואָס חבר מרמר מאַכט. דער טאָג איז אַ לויטערער, אין די גאַסן שמעקט מיט פריש־געשניטענעם גראָז, אַ פרי־לינג־ווינטל שפּילט זיך מיט אַראָפּגעפאַלענע בלעטער, עס הערט זיך דאָס געזאַנג פון פייגעלעך: זיי פליען פון בוים צו בוים, פרייען זיך מיטן אָנ־קומען פון פרילינג.

איך בין אַריין אין צימער 21, קלמן מרמר איז געווען „אויף שפּאַ־ציר“, די קראַנקן־שוועסטער האָט אים געפירט אין אַ „ווהיל טשעיר“. מרמר האָט זיך געבעטן צוריק אין בעט. ער איז מיד...

דאָס צימער איז באַלויכטן פון דער וואַרעמער זון, אָבער מרמרס הענט זענען קאַלט, דער גוף איז שוואַך. אין בעט איז אים לייכטער צו רעדן. ער הערט זיך צו אויפמערקזאַם, אָבער נישט אַלעמאָל נעמט ער אויף דאָס געזאָגטע.

די גוירם פאַרלאָזט דאָס צימער, קוקט ער זיך אַרום און דערזעט אַ פרעמדן מענטש.

„חבר מרמר, איר דערקענט מיך? דאָס איז — — — “.

„יאָ, איך ווייס. איר האָט לעצטנס אַרויסגעגעבן אַ בוך“. פריי איך זיך, וואָס ער ווייסט, ווער עס איז אים געקומען זען און דערצייל אים, אַז מיט עטלעכע חדשים צוריק בין איך געווען אין סיראַקיוז, געשפּאַצירט איבער די גאַסן, וו עס האָט מיט 75 יאָר צוריק געוווינט אהרן ליבערמאַן. און איך זאָג אים, וואָס פאַר א גוואַלדיקן איינדרוק עס האָט אויף מיר געמאַכט אהרן ליבערמאַנס פאַנטאַסטישע דערציילונג „דער האָלער“...

„יאָ, ליבערמאַן!“ — לייכטן־אויף זיינע אויגן און אַ וואַרעמקייט, זעט מען, גייט אים דורך די גלידער. ער הייבט־אָן רעדן, ווערט פול מיט דערינערונגען... אין אַ שוואַכער שטימע, זומנדיק געדאַנקען און ווערטער, נעמט מרמר דערציילן מיט וויפל מי און פליים ער האָט שטודירט אַלץ, וואָס אהרן ליבערמאַן האָט געשאַפן, איידער ער איז צוגעטראָטן צו שרייבן די לעבנס־געשיכטע פון אהרן ליבערמאַן. און אויב איך ווייס נישט, זאָגט ער אין איבערגעהאַקטע ווערטער, דאַרף איך וויסן, אַז געשריבן האָט ליבערמאַן אויף פאַרשידענע שפּראַכן — רוסיש, העברעיש, יידיש און דייטש — און אַז ער איז אין זיין צייט געווען אַ רעוואָלוציאָנער און אפילו געווען אַרעסטירט און געזעסן אין טורמע.

„חבר מרמר“, זאָג איך, „איר האָט גרויסע פאַרדינסטן דורך אייערע אַרבעטן איבער היסטאָרישע ווערק, צום ביישפּיל, אייער פּרעכטיקע איבערזעצונג פון אָסקאַר ווײַלדס „דע פּראָפונדיס“, ווען נישט איר וואָלט דער יידישער לייענער זיך נישט באַקענט מיט דעם און מיט אַנדערע אומשטערבלעכע ווערק“.

מרמר איז גלייכגילטיק צו די שבחים, אָבער איך זע, אַז אין זיין אָפּגעשוואַכטן זכרון געדענקט ער בעסער געשיכטע, ווי הייַנטיקע געשעענישן. עס ווילט זיך רעדן מיט אים אַזוי לאַנג ווי דאָס רעדן פאַרשאַפט אים אַ ביסל נחת.

אָבער אַ מידער, דרימלט ער איין. איך פאַרלאָז דאָס צימער. דער טאָג איז ליכטיק, די זון וואַרעמט און געדאַנקען פלאָנטערן זיך... זאָל אונדזער ליבער מרמר זיין מיט אונדז וואָס לענגער.

קלמן מרמר האָט נאָך דעמלט געווינט אויף 825 פּאַרמאַזאַ גאַס אין לאָס אַנדזשעלעס. עס איז געווען פעברואַר 1954. איך בין צוזאַמען מיט אַ גאַסט פון ניו־יאָרק, געפאָרן זיך דורכשמועסן מיט מרמרן וועגן אַ ליטעראַרישן ענין. מיר האָבן אים געטראָפן לייענען אַ חודשלעכן זשור־נאַל, ארויסגעגעבן פון די לינקע סאָציאַליסטן אין אַמעריקע.

ער האָט זיך דערפרייט מיט די געסט און אונדז אַריינגעפירט אין זיין באַשיידן קליינעם צימער. אויף דער קאָמאָד זענען געשטאַנען צוויי ביוסטן פון י. ל. פּרץ און שלום עליכם.

מרמר האָט אָנגעוויזן אויף אַן אַרטיקל פון סקאָט נירינג אין דעם זעלבן זשורנאַל, וואָס ער האָט געלייענט און קאָמענטירט. אין צווישנ־צייט האָט ער דערמאָנט מאַני־לייבן און דערציילט, אַז ער, מרמר, איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אָפּגעדרוקט מאַני־לייבס אַ ליד פון עט־לעכע שורות.

באַלד דערמאָנט ער זיך אַ וויכטיקע פּאַסירונג און וויל אָנרופן אַ נאָמען, וואָס האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין סאָציאַליסטישן אַרט דענקען.

„איך זעט ווי דער זכרון דינט נישט מער?“ העלפן מיר אים אַרויס — שיינען אויף זיינע אויגן מיט דאַנקבאַרקייט.

מיר פירן ווייטער דעם שמועס:

„חבר מרמר, ווי לעבט זיך אייך עקאָנאָמיש?“

„זייער גוט. איך האָב אַ פעטער, אָנקל סעם און מיין זון. זיי גיבן שוין אַכטונג אויף מיר“.

פּלוצעם הייבט מרמר אָן פירן דעם שמועס אויף אַנדערע רעלסן:

„איך האָב שוין אַוועקגעגעבן מיין גאַנצע ביבליאָטעק און מאַנו־סקריפּטן. עס געפינט זיך נאָך ביי מיר דער חיים וויצמאַן־אַרכיוו. קומען צו מיר הסתדרות׳ניקעס, אייניקע זענען נישקשה, מען קאָן מיט זיי רעדן. אָבער דאָ נישט לאַנג צוריק, נאָך אַ לאַנגן איבעררייס, קומט צו מיר איינער, רעדט און רעדט, פרעג איך אים עפּעס וועגן אהרן ליבערמאַן, קוקט ער מיך אָן מיט אַ פּאָר אויגן ווי דער אַרענדאַר אויפן אָץ־קוציץ... האָב איך אים מער נישט געוואָלט זען“.

מיט אַ חודש שפּעטער האָבן מיר מרמרן שוין געטראָפן אין אַ נייער וווינונג. אין לאָס אַנדזשעלעס האָט זיך דעמלט געפונען זיין נאָענטער פריינד און תלמיד, דער דיכטער י. א. ראָנטש. מיר האָבן געטראָפן

מרמרן פאַרטיפֿט אין אַן ענגלישער שריפֿט. ווי נאָר מיר זענען אַריין אין הויז, האָט ער זיך גענומען באַקלאָגן:

„דאָרט, אין יענער וווינונג האָב איך שוין געטראָפֿן בלינדערהייט. איך בין אַליין געגאַנגען צום פּאָסט אַפּיס, וועלכער פֿאַרבינדט מיך מיט דער וועלט. דאָ איז מיר אַלץ פֿרעמד, דער וועג איז באַרגיק, די גאַס איז שמאָל און קורץ, זיג־זאַגיש, דאָס הויז האָט צופֿיל טירן, טרעף איך נישט צו מיינער. יענע גאַס איז געווען אַ גלייכע, האָב איך יעדן טאָג געשפּאַצירט צוויי שעה. עס וואָלט אפֿשר גוט געווען אויפֿצוהענגען אַ צע־טעלע אויף מיין טיר, אַז איך זאָל טרעפֿן צום שלאָף־צימער".

מרמר איז געווען ריין און נעט אָנגעטאָן. אין צימער איבערן בעט איז געהאָנגען אַ פּאָרטרעט פֿון זיין פֿרוי, שרה־שפּרה. אַן אייגנאַרטיקע חנוכה־מנורה איז געשטאַנען אויפֿן שענקל מיט ספֿרים.

„איך קאָן מער נישט שרייבן", נעמט ער זיך באַקלאָגן, און באַלד גאָכדעם: „איך געדענק נאָך עפּעס פֿון 35—40 יאָר צוריק".

אַ ביסל שפּעטער זאָגט ער: „איך וואָלט נאָך וועלן אָנשרייבן די געשיכטע פֿון מיין שטעטל, איך וואָלט נאָך געדענקט..." און ער פֿרעגט: „אפֿשר וואָלט מיר עמעצער געהאָלפֿן? איך פֿלעג פֿירן אַ גרויסע קאָ־רעספּאָנדענץ"...

און ווידער אַמאָל האָב איך זיך געפֿונען ביי קלמן מרמרן. דער טאָג איז געווען אַ הייסער. די זון האָט געבלענדט.

מרמר איז נאָר־וואָס צוריקגעקומען פֿון זיין שפּאַציר, זעט ער אויס פֿריש. זיין באַגלייטער, לואיס רובינשטיין, איז איינער פֿון די סאַמע ערשטע גרינדער פֿון שיקאַגער געזאַנגס־פֿאַריין, יעקב שייפֿערס אַ תּלמיד. מרמר דערפֿרייט זיך מיט די געסט. ער האָט אָבער נישט ליב, אַז מען קומט צו אים פּלוצלונג, ער וויל זיין אָנגעטאָן אַקוראַט.

ווידער פֿאַרקניפּט זיך אַ שמועס. מרמר זאָגט:

„אַ סך מיינען, אַז איך בין שוין אַלט. פֿיזיש קאָן איך זיך אפֿשר נישט פֿאַרמעסטן מיטן יונגן דור, אָבער גייסטיק האָב איך נאָך גרויסן באַגער. דער מענטש האַרף אַלעמאָל לערנען".

ער האָט נאָר־וואָס געהאַט באַזוכט די האַנטיקוואַן־ביבליאָטעק. דאָ האָט ער געזען אַ סך אַנטיקן, זאַמלונגען, היסטאָרישע מאַנוסקריפּטן און

בילדער. זעלטענע שריפטן ווי די „גוטענבערג־ביבל“ פון מאַינץ (דייטש־לאַנד) פון 14־טן יאָרהונדערט. די ערשטע זאַמלונגען פון שעקספּירס דראַמען, בענדזשאַמין פרענקלינס אויטאָביאָגראַפיע אין זיין אייגענער האַנטשריפט, דשזאָרדזש וואַשינגטאָנס „גענעאַלאָגיע“ געשריבן מיט דער אייגענער האַנט ווען ער איז געווען פּרעזידענט, און אַנדערע היסטאָרישע דאָקומענטן.

מערסטנס האָט מרמר גערעדט וועגן שרייבער פון זיין דור און אַנדערע, וואָס זענען געווען באַהויכט מיטן סאָציאַליסטישן אידעאַל.

ער דערציילט:

„אין די יונגע יאָרן האָב איך אויך ליב געהאַט צו לייענען די ווערק פון אָסקאַר וואַילד, איך האָב געלייענט אַלע זיינע ביכער און די ביכער פון אַנדערע שרייבער, וואָס וואַילד האָט געלייענט. וואַילד איז געווען אַ גרויסער קינסטלער. ער האָט דערהויבן די קונסט, אַז זי זאָל דינען דער מענטשהייט“.

מרמר ווייזט אָן די נעגאַטיווע און פּאָזיטיווע זייטן פון אָסקאַר וואַילדס שאַפונגען און זאָגט:

„די בורזשואַזיע האָט אים פיינט געהאַט, ווייל אין זיינע ווערק האָט זי זיך אַליין דערזען ווי אין אַ שפּיגל... די לאָרדן זענען געווען דעגענע־רירט. די אַריסטאָקראַטיע האָבן דערזען אין זיין שרייבן די מיאוסע זייטן פון זייער אייגענעם קלאַס“.

לאַנגזאַם האָט די לעבנס־קראַפט פאַרלאָזט קלמן מרמרס קערפּער. אָבער ביז דער לעצטער מינוט האָט ער גערעדט וועגן די נביאים, וואָס האָבן געטראָגן צווישן די פעלקער פלאַמיקע ווערטער פון סאָציאַלן יושר.

אין זיינע לעצטע שעהן האָט מרמר קיין יסורים נישט געליטן. די נאַטור האָט אים, דעם זעלטענעם מענטשן, באַהאַנדלט מיט ליבשאַפט, אים צוריקגעגעבן דאָס, וואָס ער אַליין האָט געגעבן דער מענטשהייט — גוטסקייט.

אַ ליכטיקער שטראַל האָט גערוט אויף זיין פּנים, ווען ער האָט צום לעצטן מאָל געעפנט זיינע קלוגע אויגן — און אויף אייביק פאַרמאַכט.

קלמן מרמר איז געווען דער, וואָס האָט אונדז באַקענט מיט דער רעוואָלוציאָנערער, פּראַקטפולער געשטאַלט, מיטן דיכטער און באַשאַפער פון „אינטערנאַציאָנאַל“ — אייזשן פּאָטיע. „דאָס איז געווען אין פרי־לינג פון 1871. די פּאַריזער קאָמונע איז געווען דערטרונקען אין בלוט.

אַרום הונדערט טויזנט פּראָלעטאַריער זענען געלעגן צעשאָסענע... ס׳איז כמעט נישט געווען קיין פּראַנצויזיש אַרבעטער־הויז, וואָס האָט נישט געהאַט צו באַקלאָגן — אַ טאַטן, אַ מאַמען, אַ ברודער, אַ שוועסטער, אַ קינד!“

„אָט אין דעם מאָמענט... האָט זיך פּלוצלינג דערהערט אַ געזאַנג, וואָס האָט גערופן די באַזיגטע — ווידער זיך אויפצוהייבן אין קאַמף צום „לעצטן שטרייט“. דאָס האָט געזונגען אַ פּאַריזער קאָמונאַר — אייזשען פּאָטיע“.

קלמן מרמר דערציילט, אַז די יולי־רעוואָלוציע אין 1830, האָט אויף דעם פּופצן־יאָריקן פּאָטיע געמאַכט אַ טיפן איינדרוק. אייזשען פּאָטיע איז אַ דיכטער און אַ קעמפער אויף די באַריקאַדן.

נאָכן זיג פון דער בורזשואַזיע, ווערט ער פאַראורטיילט צום טויט, ער באַהאַלט זיך אויס און ראַטעוועט זיך שפּעטער קיין אַמעריקע.

אין אַמעריקע זעצט ער פאָר זיין טעטיקייט אַלס קאָמונאַר און אַגיטאַטאָר. „ער זינגט זיינע רעוואָלוציאָנערע לידער אין ניו־יאָרק, באָסטאָן, פּעטערסאָן און ברוקלין“.

אין יאָר 1880 איז געגעבן געוואָרן די אַמנעסטיע פאַר קאָמונאַרן, און דער 64־יאָריקער פּאָטיע קערט זיך אום צוריק אין זיין פּאַריז.

ער באַטייליקט זיך אין אַ לידער־קאָנטעס „שאַקאַן ווי דע סאָן מעטיע“ (יעדער לעבט פון זיין פּראָפעסיע). פאַר דעם ליד קריגט ער אַ זילבערנעם מעדאַל.

צו 67 יאָר איז אייזשען פּאָטיע שוין געווען קראַנק, אַלט און האַלב פּאַראַליזירט, אָבער זיין זינגען האָט נאָך געמאַכט אַ טיפן איינדרוק. ווען מ׳האָט אים געשטעלט אַ פראַגע צי וויל ער בעסער, אַז מען זאָל אים שאַפן אַ סומע געלט „צו פאַרזיכערן זיין עקזיסטענץ, אָדער עפּענען אַ פאָנד אַרויסצוגעבן זיינע לידער“ האָט אייזשען פּאָטיע געענטפערט „זאָל מען בעסער אַרויסגעבן מיינע ווערק, אפילו ווען איך זאָל דאַרפן אויסגיין פון הונגער“.

דעמלט איז אַרויסגעגעבן געוואָרן זיין בוך לידער „קעל על ע פו?“ („ווער איז דער נאַר?“). צו 70 יאָר האָט ער אָנגעשריבן אַ שטאַרק קאַמפס־ליד „פּאַריז איז נישט טויט, די קאָמונע איז נישט טויט“.

אין 1961 ווען איך בין געשטאַנען ביי דער קאָמונאַרן־וואַנט, האָט ווידער אויפגעלעבט אין מיין געדעכעניש די געשטאַלט פון אייזשען פּאָ־

טיע, די פּראָצעסיע פון זיין לוויה אין 1887 מיט די פּאַרבאָטענע רויטע פאָנען צום פּער־לאַשעז. ווידער ווילדער צאָרן מיט בלאַנקע שווערדן פון דער פּאָליציי, ווידער אַרבעטער־בלוט... עס רעדן ביים קבר די אַלטע קאָמונאַרן אַנרי ראשפאר און לואיז מישעל, זיי, עמיל זאָלאַ און אַנ־דערע זענען זייגע לידער געווידמעט.

אפרים קאַגאַנאָווסקי

מיט גרויס ליבשאַפט האָבן מיר נאָכגעפאָלגט דעם לעבנס־וועג פון גרויסן מייסטער אין דער יידישער ליטעראַטור, אים פאַרערט אַלס מענטש און שרייבער, ווייל ער האָט קיינמאָל נישט פאַראַטן זיין אָנגעצייכנטן וועג, זיינע קאָלעגן שרייבער, דיכטער, קינסטלער, דעם וועג פון פּראָגרעס און טרייקייט צו די ברייטע יידישע פאָלקס־מאַסן.

* א. ק. איז די לעצטע יאָרן ברייט באַקאַנט געוואָרן אין די פּראָגרעסיווע קרייזן פון אַמעריקע, וואָס האָבן אים געלייענט מיט גרויס אינטערעס. פאַר די יידן אין פוילן און אין די ליטעראַרישע קרייזן איבער דער גאָרער וועלט, איז ער געווען באַקאַנט און געשעצט ווי דער וואָרטקינסטלער פון דעם יידישן און אַלגעמיינעם לעבן אין פוילן.

קאַגאַנאָווסקיס טיפן אין זיינע דערציילונגען זענען קלאַסישע, זיי דרינגען אַריין טיף אין דער מענטשלעכער נשמה. די באַשרייבונגען וועגן „יידישע שרייבער אין דער היים" זענען פריש, רעאַליסטיש, און עכט ווי דער פרילינג אין מאַי.

די „פוילישע יאָרן" פאַרמאָגן אַזויפיל פאַרבנרייכע געשטאַלטן, ווי דער רעגנבויגן אין אַ זומער־טאָג. עס דאַכט זיך, אַז זיי לעבן מיט אונדז, געפינען זיך צווישן אונדז און זענען דאָך געמאָלן פאַר דער אייביקייט.

ביי קאַגאַנאָווסקין אָטעמט אַלץ מיט יוגנטלעכקייט, אַלץ איז פאַרביק און וואָרהאַפטיק, געמאָלן מיט דער האַנט פון אַ געניטן קינסטלער, וואָס פאַרמאָגט אַ צאַרטע מאָלערישע פען צו שילדערן אַ מענטשן.

איך געדענק דעם רושם פון זיין ערשטן בוך „מיידלעך", וואָס איז אַרויס אין וואַרשע קורץ פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה; שוין דעמלט איז ער געווען אָנערקענט אין די ליטעראַרישע און אַרבעטער־קרייזן. ער איז געווען „פאַן בראַט" מיט דער פען און מיט דער סביבה, זייער אָפט שפּאַצירט ער איבער די געדיכטע יידישע אָרעמע קוואַרטאַלן, באַזוכט

קראָמען צוזאַמען מיט זיין העלד קאַווע, דעם קליינטשיקן קאַווע, וואָס איז געווען אָנגעזען אין ליטעראַרישן וואַרשע.

ווען מיר לייענען זיין „טונקעלע דירה" דאַכט זיך, אַז די מיליאָנען יידן פון וואַרשע און איבער גאַנץ פוילן לעבן נאָך...

פאַראַן שרייבער, וואָס שרייען הויך אין זייערע ווערק, קאַגאַנאָווסקי רעדט שטיל אין זיינע שאַפונגען, אַזוי איז ער אויך געווען אין פריוואַטן לעבן. אָבער זיין קינסטלעריש אויג דרינגט אַריין טיף אין אונדזער וועלט, מיר זעען דאָס באַזונדער אין זיין בוך „יידישע שרייבער אין דער היים". ער זעט קליינע שוואַכקייטן ביי גרויסע מענטשן... ער רופט אַרויס אַ טרער, אַ שמייכל, אַ מיטגעפיל, אַלץ איז רעאַל, אמת ווי ער אַליין וואָלט דאָרט געווען.

קאַגאַנאָווסקי חוזקט נישט פון זיינע קעגנער, פון די „שיינגייסטער", נאָר מיט אַ שאַרזש פון זיין געניטער, פליסיקער פען גיט ער אונדז אַ גאַנצן פאָרטרעט פון אַ מענטשן, און דער לייענער דערזעט אַלץ אין פולן קאָליר, דאָס איז עכטער רעאַליזם.

קאַגאַנאָווסקי ווייזט אַרויס גרויס ליבשאַפט צום פאָלקס־מענטש, ער האַלט ווי י. ל. פרץ, „אַלע מענטשן זענען ברידער". ער איז שטאַרק באַאיינפלוסט פון דער טלאָמאַצקער סביבה. שוין אין סאַמע אָנהייב פון זיינע ערשטע ליטעראַרישע טריט האָט ער זיך געפונען אין דער פרץ־פלעיאַדע שרייבער און געזען „דעם הינטערגרונט פון פרצעס פערזענלעך לעבן".

פרץ — זאָגט קאַגאַנאָווסקי — „האָט אַרויסגעשטעלט פאַר זיינע פענצטער די העלסטע לייכטער פון זיין נשמה, ווען ער אַליין איז געשטאַנען אין אַ געדריקט־טונקל פון זיין גורל". קאַגאַנאָווסקי האָט אין דעם זיך נאָכגעטאָן פרצן.

קאַגאַנאָווסקי איז געווען דער גרויסער באַשיידענער אינטעלעקט. ער האָט פיינט געהאַט „סנאָבס", אפילו ווען זיי האָבן קאָקעטירט אין דער וועלט פון קינסטלערישקייט. ער האָט פיינט געהאַט די, וואָס האָבן זיך געהאַלטן „אויבן נישט נאָך העכער", ער האָט געהאַלטן ווי דער נאָרוועגישער שרייבער מאַרטין אַנדערסען־נעקסע, וואָס האָט געזאָגט: „וואָס פעסטער אַ שרייבער שטייט מיט ביידע פיס אויפן אַלגעמיינעם־מענטשלעכן באָדן, וואָס מער אַלגעמיין־מענטשלעכעס ער טראָגט אין זיך, אַלץ מער באַדייט האָט ער גופא פאַר דער מענטשהייט", ווייל אַ שרייבער איז — אָדער דאַרף זיין — אַ מיט־ברודער פון מענטש, ווען דער שריי־

בער, וואָס איז מער מענטש ווי קינסטלער איז בעסער ווי אַ קינסטלער און נישט קיין מענטש... קאַגאַנאָווסקי איז דיכטעריש אין זיינע נאַטור־שילדערונגען, אייגנאַרטיק אין אַריינטראַכטן זיך אין דער פּסיכאָלאָגיע פון מענטש, ער דרינגט אַריין טיף אין יעדן ווינקל פון לעבן. איידער ער האָט דאָס וואָרט אָנגעשריבן אויפן פּאַפּיר איז עס ביי אים גוט דורכגעטראַכט. אַזוי איז ער אויך געווען אין זיין רעדן. ער איז אייגנסטיליסטיש, דער לייענער באַקומט גרויס דרך־ארץ פאַר זיין געלייטערט וואָרט, ער ברענגט דעם לייענער דאָס אַלטע פּשוטע וואַרשעווער לעבן, דאָס יידישע, ער פאַראַכט אָבער נישט דאָס קאַטוילישע, ווייל דאָס קאַטוילישע רייכטום אין פּוילן האָט אים געגעבן פאָרם און פאַרב פאַר יידישער שיינקייט — זאָגט ער.

דאָס יידישע לשון ביי אפרים קאַגאַנאָווסקי, האָט חן און אַלערליי שאַטירונגען און ניואַנסן. ער דערזעט די בלום פון טונקלסטן ווינקעלע, דעם ציטער פון אַ זומער־פלאַטערל אין אַ רעגנדיקן טאָג. ער ברענגט דעם לייענער דאָס זאַפטיקסטע אין דער יידישער ליטעראַטור, ער מאָלט די שיינקייט פון פרילינג־באַשאַף מיט נאָך נישט פאַראַנענע פאַרבן, זיין אויג זעט טיף און ווייט.

קאַגאַנאָווסקי דערהייבט די יידישע ליטעראַטור דערמיט, וואָס ער זעט נישט בלויז זיך אַליין, נאָר גיט אונדז דאָס שיינקייט פון אַנדערע דיכטער, נאָוועליסטן און די, וואָס גייען מיט די פאָלקס־מאַסן, מיט זייערע ליידן, זיגן, קאַמפן. ער אַליין האָט גרויס דרך־ארץ פאַר די, וועלכע דערהייבן דעם יידישן לייענער צו העכערע קולטורעלע ווערטן.

קאַגאַנאָווסקי פירט אונדז אַריין אין די געדיכטע וואַרשעווער גאַסן, אין די געדיכטע נאַלעווקעס, גענשע, דזשיקע, פראַנציסקאַנער, מוראַנאָווסקע און אַנדערע. דאָ האָבן העלדן פון געטאָ־אויפשטאַנד געקעמפט, געזיגט, געפאַלן צום רום פון יידישן פאָלק.

ער זעט דאָס אַסימילירטע וואַרשע, די וועלכע לעבן אין די עכט־פּוילישע גאַסן. קראַקאָווסקע פשעדמיעשטשע, אויך פון דאַנעט מאָלט ער די האָטעלן פון „בריסטאָל“ און דאָסגלייכן. אויך פון דאַנעט מאָלט ער זיין רעפּאָרטאַזש אויף ברייטע קאַנווען, דאָס איז קונסט אין דער געלייטערטסטער פאָרם, דאָס איז שאַפן מענטשלעכע געשטאַלטן דורך אייגענער, אויפריכטיקער איבערלעבונג, ווייל ער אַליין האָט געלעבט מיט זיי אין זייערע רייען און אַזוי אַרום געשעפּט פון די טיפסטע ברונימער פונעם יידישן פּוילישן לעבן. קיין ייד אין וואַרשע איז אים נישט פרעמד,

קיין פּאַסירונג איז נישט אויסגעחלומט, אפילו זיין קלאַסישער ש. ל. קאַ=ווע איז פון בלוט און פלייש, הגם קאַווע איז אַרוים אַ ביסל פּאַלירט פון קאַגאַנאָווסקים קינסטלערישער פּעדער.

אַ גרויסע טראַגעדיע האָט קאַגאַנאָווסקי דורכגעלעבט, ווען ער האָט געמוזט פאַרלאָזן פּוילן, אין די בהלה=צייטן פון נאַציזם. ער האָט צום לעצטן מאָל אַ קוק געטאָן אויף דעם טויזנט=יאָריקן יידישן וואַרשע און אַוועק אויף אומהיימלעכע וועגן.

קאַגאַנאָווסקי האָט געזען זין און טעכטער פון אַלע פּאַזן אין יידישן און אַלגעמיינעם לעבן, הן די פון מלוה=מלכהס, הן די פון „קוילער=געסל“, אינטעליגענץ, הענדלער, אַרבעטער, רעוואָלוציאָנערן א. א. וו. זיין קינסט=לעריש אויג האָט אַלץ אויפגעכאַפּט און די האַנט האָט געמאָלן טיפּן, גע=שטאַלטן פאַר דער אייביקייט, סיי צניעות און סיי אויסגעלאַסנקייט. אין דער טיפקייט פון זיין שרייבן האָט ער פאַרוועבט די שענסטע געשטאַלטן פון דער אַלטער וואַרשע — די יידישע קינסטלער. ער האָט געגעבן טיפּן יידישן אינהאַלט באַהאַפטן מיט דער שיינער פּוילישער פאָרם.

איידער ער איז אַוועק פון וואַרשע, האָט ער געזען ווי אַ יידישע טאָכטער האָט אויסגעהויכט די נשמה אונטער די שטיוול פון אַ שיכורן „עס=עס“=מאַן. אין די מיטעלע יאָרן פון זיין בעסטן שאַפונגס=פּראָ=צעס האָט ער גענומען וואַנדערן איבער היימלאָזע וועגן, מיטאַמאָל האָט אים באַהערשט אַ געדאַנק, אַז אפשר גייט ער אויף צוריק, צו די דייטשן... „פּלוצלונג פאַלט אים איין ס'האַרץ, צוויי רייטער גאַלאָפּירן אים אַנטקעגן, די רייטער זענען שוין, אָט=אָט נעבן אים. זענען דאָס נאַציס?

— פון וואַנען, וואַנדערער?

— פון... וואַרשע...

— וועמען האָסטו באַגעגנט אויפן וועג?

— וווהין גייסטו?...

גיי גיך... אַהער קומען די דייטשן...

דער רייטער האָט זיך אַ ריס געטאָן, אַ צווייטער נאָך אים, זייער לעצטע פראַגע איז געבליבן אַ נישט דערזאָגטע:

— אַ ייד?

— דאָ!...

אין טיפן סאָוויעטנפאַרבאַנד גייט ער אין די שפּיטאָלן פאַרלייענען פאַר די קראַנקע. ער גיט אונדז זעלטענע טיפּן, דעם רוישיקן ים, דאָס

געזאַנג פון דער נאַטור, דאָס שורשקען פון צווייגן און בלעטער און ווי עכט און אמתדיק דאָס קומט אַרויס אין דער שילדערונג פון זיינע טיפע איבערלעבונגען.

און אַט איז ער אין מדינת ישראל, ער זעט דאָס לאַנד אַנדערש ווע עס זעען דאָס מענטשן מיט באַשטימטע מיינונגען, ווייל ער איז דער מאָלער־רעאַליסט, ער איז פשוט, היימיש. קאַגאַנאָווסקי הענגט נישט אָן די סיוזשעטן, קיינע אָרנאַמענטן, לאַכט נישט אָפּ פון קיינעם, נישטאָ ביי אים קיינע קאַריקאַטורן, מיט לייכטן גראַטעסק גיט אונדז קאַגאַנאָוו־סקי די סיטואַציעס, וועלכע זענען נישט סימפּאַטיש דעם האַרעפּאַשניק און פאָלקס־מענטש. ער לאַכט נישט פון קענער און הענגט אויך נישט אָן קיין טראָלדן דאָס פּאָזיטיווע אין אונדזער געזעלשאַפט.

און אַט איז ער ווידער אין וואַרשע, וואַרשע אָן יידן... אָבער ער געפינט אַ טרייסט אין דעם אייגנגעשרומפּענעם פּוילישן יידישן ישוב. עס דערשיינען ביכער און צייטונגען, יידיש טעאַטער, קינדער־שולן, אַלץ אויף דער שפּראַך פון שלום עליכם, פּרץ, מענדעלע. עס דערשיינען זיינע ביכער אין פאַרלאַג „יידיש בוך", מיט פיל פון זיין האַנט געצייכנטע קינסטלערישע מאָלערייען.

קאַגאַנאָווסקי איז צוריק אין שפּרודלדיקן פּאַריז, וו עס קאָכט מיט יידיש פּראָגרעסיוו לעבן. פריינד בעגעגענען אים, שונאים שאַרפן זייער שווערד אויף אים, דאָס פאָלק אָבער האָט אים ליב אַלס שרייבער, קינסט־לער און מענטש.

פון 1893 ביז 1958 איז אפרים קאַגאַנאָווסקי אָפּגעגאַנגען אַ ווייטן מהלך, געמיינט האָבן מיר, אַז ער וועט נאָך לאַנג גיין מיט אונדז צו אַ שלומדיקער וועלט, צו וועלכער ער האָט געשטרעבט...

אומגעריכט... געווען און שוין נישטאָ, דער איינציקער נאָך פון דער פּרץ־פּלעיאַדע!

לאָמיר געפינען אַ טרייסט אין זיינע שרייבערישע ווערטן און וועלטן, לאָמיר האַלטן טייער זיינע שאַפונגען פאַרן ווילזיין פון יידישן פאָלק און נאָך לאַנג שעפּן די שיינקייט פון זיינע קינסטלערישע קוואַלן.

אהרן גאָרעליק

אַרום טויזנט מענטשן האָבן אָנגעפילט דעם עמבאַסי אודיטאָריום אין לאָס אַנדזשעלעס. זיי האָבן זיך פאַרזאַמלט צו אַ גרויסן יום־טוב, אָפּ־געבן דעם פאַרדינטן כבוד אַ שרייבער און זיין ווערק.

דער מחבר איז דווקא נישט געווען פון די גרויסע שיינענדיקע שטערן אויפן ליטעראַרישן האָריזאָנט. אַ ייד, אַ האָרעפּאַשניק, וועלכער האָט געווידמעט זיין לעבן אויף ביידע זייטן ים פאַר זיין קלאַס און זיין פאָלק — דעם יידישן אַרבעטער־קלאַס.

אהרן גאָרעליק, אַ מענטש, וועלכער האָט געהאַט אַ סך פאַרדינסט־פולע „שטורעמדיקע יאָרן“ ווי עס הייסט זיין בוך.

לייענט מען דאָס בוך, דערזעט מען פאַרוואָס אַזעלכע באַקאַנטע נעמען, ווי נחמן מייזיל, ד״ר ר. מאַהלער, אהרן קוריץ, סעמועל אַרגיץ „חבר פאַווער“ און נאָך און נאָך ליטעראַרישע און געזעלשאַפטלעכע פערזענלעכקייטן, האָבן באַגריסט דעם שרייבער פון פאָלק, דעם איידעלן האָרעפּאַשניק.

אהרן גאָרעליקס בוך איז נישט קיין בעלעטריסטיק אין געוויינלעכן זין פון וואָרט. נישט די שרייב־קונסט איז ער אויסן געווען, נאָר דערציילן וואָס ער האָט אַליין געזען, געהערט און דורכגעלעבט.

איר האָט דאָ זיין באַגעגעניש אין לאָנדאָן מיטן גרויסן שעפער פון אָקטאָבער, לענין. זיין הערן אַ לעקציע פון לענינען און דער באַרימטער פרוי נאַדיעזשדאַ קרופּסקאַיאַ אין זייערע עמיגראַציע־יאָרן אין לאָנדאָן. און איר האָט דאָ נאָך צענדליקער עפּיזאָדן און געשעענישן, וואָס דער זעלטענער זכרון פון גאָרעליקן האָט אַרויסגעבראַכט אויף פּאַפּיר און פאַראייביקט. עס זענען זכרונות וועגן געשעענישן אין אַלטן רוסלאַנד מיט פינף צענדליק יאָר צוריק.

אין זיין אַריינפיר צום בוך פון אהרן גאָרעליק זאָגט משה כץ, אַז ערשט אין דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט זיך דער חבר גאָרעליק דער־

טראַכט וועגן שרייבן זיין אויטאָביאָגראַפיש בוך, ווייל דאָס האַרץ האָט געציטערט צי וועט דעם נאַצישן מאָנסטער דאָס מאָל געלינגען אויסצו־לעשן דאָס סאָוויעטישע ליכט.

פאַר אונדזער דור, און די שפּעטערדיקע דורות, שיינט אַרויס די געשטאַלט פון אַ שטילן, באַשיידענעם, אינטעליגענטן מענטשן, ווי ער אַנטפּלעקט זיך אין דעם בוך פון העכער פיר הונדערט זייטן.

גאָרעליק האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט פּלענער אָנצושרייבן און אַרויסגעבן נאָך אַ בוך. ער האָט פאַר מיר געלייענט אַ פּאָר פאַרכאַפּנדע קאַפּיטלען, געשריבן אין א דערציילערישער פאָרם, אָבער זיין האַרץ האָט נישט אויסגעהאַלטן, נישט דערלאָזט זיין ווונטש זאָל דערפילט ווערן.

דער מענטש פון „שטורעמדיקע יאָרן" איז מער נישטאָ אין אונדזער וועלט. אַ מידער פון תפיסות און קאַמפן, איז דער קעמפער גאָרעליק איינגעשלאָפן אויף אייביק.

דער מחבר פון „שטורעמדיקע יאָרן" פלאַטערט נישט מער ווי אַ פאָן פון האָפענונג, וואָס ער האָט אַלע מאָל געהאַלטן פעסט אין די הענט...

זיין גאַנץ לעבן איז אהרן גאָרעליק געווען צוגעשמידט מיט זיין נשמה און האַרץ צו דעם טייל פון דער מענטשהייט, וואָס האָט געקעמפט פאַר יושר און שלום, פאַרן געלייטערטן וואָרט, פאַרן יידישן לשון פון אונ־דזערע קלאַסיקער, פאַר אַלץ, וואָס איז שיין אין לעבן.

אהרן גאָרעליק איז געווען אַ פאָלקס־אינטעליגענט, אין זיינע יונגע יאָרן איז ער געווען אַ לערער, אַ פירער פון אונטערדריקטע, באַוואָלטע, אַ קעמפער פאַר אַלע אונטערדריקטע, ער איז שטענדיק געשטאַנען אין די פאָדערשטע רייען, דערפאַר געשמאַכט אין טורמעס. —

פון דער נאַטור אַ באַשיידענער, גוטמוטיקער, ערלעך צו זיינע מיט־מענטשן, טיף באַוואוסטזיניק אויף זיינע גערעכטע פּרינציפּן, האָט ער גע־ווידמעט זיין אידעאַל קעגן עקספּלאָאַטאַציע.

דאָס בוך „שטורעמדיקע יאָרן" שפּיגלט אָפּ דאָס רעוואָלוציאָנערע לעבן אין יענער צייט, ווען דער מחבר האָט געלעבט אָין אָדעס, קיעוו, וואַרשע, קאַטערינאָסלאַוו און אין אַנדערע שטעט און לענדער.

אין אַמעריקע איז ער נישט געווען קיין פרעמדער, קיין זייטיקער מענטש, ער האָט געהאָלפן בויען דאָס לאַנד מיט זיינע האָרעפּאַשנע הענט. מיט זיינע געשניטענע שיך־פּאַסאָנען האָבן מענטשן געשפּאַנט אי־בער ברייטע וועגן פון לאַנד, געבויט הייזער, פאַבריקן, אויטאָמאָבילן,

טראַקטאָרן, פּאַלאַצן און אַרבעטער=היימען. צוזאַמען מיט מיליאָנען אַנדערע אימיגראַנטן האָט ער געהאָלפן בויען אַמעריקע.

ער האָט געוואָלט זען אַ זאַטע, צופרידענע אַמעריקע פאַר זיך, פאַר זיינע מיטמענטשן, פאַר זיין פרוי אידיט, פאַר זיינע קינדער און אייניקלעך, פאַר אַלע מענטשן.

ווען גאָרעליק האָט דערזען אַמעריקע, איז ער געווען פול מיט באַגייסטערונג:

„ריזיקע קראַנען, ווו מ׳קאָן קריגן וואָס דאָס האַרץ גלוסט, עס פאַרכאַפּט דאָס אויג. בענק, ריזיקע אַנשטאַלטן, און מענטשן אין מאַרקעט=סטריט און אין זייטיקע גאַסן — אַ ים. לעבן די קיאָסקן בערג מיט צייטונגען“.

דאָס זענען געווען די ערשטע טריט אין אַמעריקע, אין דער שטאָט פילאַדעלפיע.

גאָרעליק דערזעט באַלד ווי „הימל און זון זענען פאַרשטעלט פון הימל=קראַצערס, באַנען פאָרן איבער דעכער... טראַמווייען קלינגען, רוישן, עס קלאַפּט דאָס האַרץ פון שטאָט, דאַכט זיך, ווי ביי אַלע לעבעדיקע מענטשן... איך פאַרגלייך פילאַדעלפיע מיט לאָנדאָן, בערלין, אַ מאָדנע שטאָט: ריזיק גרויס, האָט אַ פּנים פון אַ כלה, און אַ טאַליע האָט זי פון אַן אַלטער מויד“...

אהרן גאָרעליק האָט געמאַכט צוויי רייזעס אין סאָוויעטנפאַרבאַנד. איינמאָל איז ער דאָרט פאַרבליבן אַ לענגערע צייט, איבערגעגעבן זיינע קענטעניש צו אַרבעטער פון זיין פאַך, ער האָט געוואָלט, אַז זיין „אַלטע היים“ זאָל זיין באַשוכט, און עס זאָל דאָרטן גוט זיין.

ווען דאָס גרויסע האַרץ פון דעם גוטן חבר, האָט פּלוצים אויפגעהערט קלאַפּן דעם 22=טן יוני 1955, האָבן חברים מיט געבויגענע קעפּ באַגומען דעם גרויסן פאַרלוסט פון אַ שיינעם מענטשן אין אונדזער דור.

איבערן גרויסן פעלד האָט וויברירט אַ מילדער ווינט, בלעטער אויף צווייגן זענען געווען גרין, ערשט ניי געבוירן, אַנדערע גאָלדיק=רויט — וואָס זענען אָט=אָט געווען גרייט זיך אָפּרייסן פון די צווייגן, און פאַלן צו דער ערד. אויפן פעלד איז שטיל ווי אין אַ טיפער נאַכט...

שלום אַש

כאַראַקטעריסטיק און זכרונות
(די מאַטעריאַלן פון אַשס לעבן און שאַפן זענען גענומען פון פאַרשידענע קוועלן)

„פון מיין מאַמען האָב איך געירשנט מיין דיכטערישע פעיקייט, וואָס די לאַנדשאַפט פון איר היימאַט האָט מיר געגעבן. די מאַמע שטאַמט פון מאַזאָוויע — פוילן. דער טאַטע ווידער האָט זיך מיט גאָרנישט אויסגעצייכנט. ער איז נישט געווען קיין שטאַרק פרומער מענטש, נישט קיין חסיד, נאָר אַן איינפאַכער, פרימיטיווער דורכשניטלעכער ייד, געפירט אַ שווערן קאַמף פאַרן לעבן, און דאָך האָב איך אים אַלץ צו פאַרדאַנקען".

מען האָט שפּעטער געשפּונען לעגענדעס וועגן אַשס טאַטן, דערציילט, אַז ער האָט פאַר מענטשן געהאַט מער יראת־הכבוד ווי פאַר גאָט. דער פאָטער האָט נישט געמאַכט קיין אונטערשיד צווישן קריסט און ייד, זיך געטיילט מיטן לעצטן ביסן. מידות, וואָס זיין גרויסער זון האָט געירשנט אָדער געוואָלט ירשנען...

אין „דאָס שטעטל" און אין „שלמה נגיד", אויך אין אַנדערע דערציילונגען פון געדיכטן יידישן לעבן האָט אַש קינסטלעריש געמאָלט זיין טאַטן, אָבער ער אַליין זאָגט, אַז נישט אַלעמאָל איז אים געלונגען צו געבן דעם פאָטערס כאַראַקטער.

ווען אַש איז געבוירן געוואָרן אין קוטנע אין יאָר 1880 איז ער געווען דאָס צענטע קינד ביים פאָטער, און דאָס פינפטע קינד ביי דער מאַמען, צוזאַמען זענען זיי געווען צען ברידער און פינף שוועסטער.

שלום אַשס פאָטער האָט געהאַנדלט מיט שאָף און רינדער, פון אָט דער סביבה האָט אַש געקראָגן די ערשטע איינדרוקן פון פעלדער, וועלדער און בעלי־חיים. איין ברודער פון דער צווייטער פרוי האָט זיך גע־

הברט מיט די אַרומיקע פּויערים, געווען פֿאַרקאָכט אין טויבן, פֿערד, ליב געהאַט די נאַטור, די בנים ווידער פֿון דער ערשטער פֿרוי זענען אַלע געווען חסידים און אין הויז האָט מען געשמועסט, אַז מען דאַרף שלום אַש מאַכן פֿאַר אַ רבין, ווייל ער האָט פֿלייסיק געלערנט אין בית־מדרש און דאָרט ביים לערנען האָט ער אָנגעהויבן טראַכטן און זיך גריבלען אין קבלה־ספֿרים און זיך פֿאַרטראַכט וועגן דעם, „פֿאַרוואָס גאָט אין הימל האָט צעטיילט די מענטשן אויף יידן און קריסטן און אַזוי פֿיל פֿעלקער־שאַפֿטן“?

שוין דעמלט ביים לערנען האָט אַש פֿאַרשריבן אַלע גמראס מיט לידער, וואָס ער האָט פֿאַרפֿאַסט אין ריטם און אין פֿערזן פֿון תהילים. געשריבן האָט ער די לידער אין אַ מליצהדיקן העברעיש מיט אַ געמיש פֿון אַראַמעישע ווערטער, וואָס ער האָט גענומען פֿון דער גמרא. דאָס זענען זיינע ערשטע שרייבערישע דעביוטן, וואָס זענען אים גישט שטאַרק געלונגען.

אַשס באַקאַנטשאַפֿט מיט דער דייטשישער שפּראַך איז געקומען פּלוצלונג, עפּעס דורך אַ צופֿאַל האָט ער גענומען לייענען גטע, שילער, היינע און אַנדערע, ער האָט אָנגעהויבן שרייבן דייטש מיט יידישע אותיות. אַדאַנק זיין שרייבן איז ער געוואָרן צום ערשטן אַ בריוו־שרייבער פֿאַר יונג און אַלט, און אַזוי האָט ער זיך באַקענט מיט די טיפֿע סודות פֿון לעבנס. ער האָט געטרונקען, ווי אַ דאָרשטיקער אין מדבר, אַלערליי ביכער: קלאַסישע, פֿילאָזאָפֿישע, אַפֿילו שונד, אַלץ וואָס איז אים געקומען אונטערן האַנט.

אַן איבעראַשונג, וואָס האָט פֿאַר אים געעפֿנט נייע האָריזאָנטן, איז געווען זיין אָנהייבן לייענען יידישע ליטעראַטור. דאָס ערשטע, וואָס האָט אים ווי פֿאַרכישופֿט איז געווען פּרצעס „שטריימל“ און „באָנטשע שווייג“. אַ פֿאַרוווּנדערטער האָט ער אויסגעשריגן, „רבונו של עולם“! זוי שרייבן דאָך ווי מע רעדט! עס איז דאָך אַזוי לייכט און פּשוט! שפּעטער איז געקומען בעל־מחשבות מיט זיינע פּירושים וועגן מענדעלען און שלום אַשן.

„זייער מלוכה האָט זיך געטיילט אין צוויי העלפֿטן, מענדעלע האָט גענומען די ליטווישע וועלט, די מתנגדישע און שלום אַש די פּוילישע, חסידישע וועלט און ביידע קעניגן אויף זיי מיט דער קאַנצער קראַפֿט פֿון גאָט געבענטשטע פּאָעטן“. אָבער פֿאַר דעם, איידער ער האָט זיך באַקענט מיט דעם לשון פֿון „פּראָסטן פֿאָלק“, וואָס דער געזאַלבטער י. ל. פּרץ

האָט דערהויבן צו אַ שפּראַך מיט לייטן גלייך, האָט שלום אַש געמראַכט, דאָס קאָן ער אויך באַווייזן און אַזוי ווי ער האָט שוין געהאַט געגאַשט פון דער דייטשישער און אַנדערע ליטעראַטורן, האָט אַש געזאָגט: גו, איך וועל נישט שרייבן ווי אַנדערע וועגן באַראַנעו, רויבער, דאָן קיכאָטס, סאַנטשע־פאַנטשעס א.א.וו. ער איז דאָך געווען אַ בריוונשרייבער, זיך דערוווּסט פיל סודות פון יידישן לעבן, וועט ער שרייבן נישט קיין אויס־געטראַכטע מעשה, ווי עס טוען די דייטשישע און אַנדערע שרייבער, ער וועט נעמען אַ ייד פון היינט, וואָס ער באַגעגנט זיך מיט אים יעדן טאָג, אַ מענטשן, וואָס ער זעט און קען. געזעדט און געטאָן! ער האָט זיך מיט אימפּעט אַ לאָז געטאָן צו י. ל. פּרץ קיין וואַרשע. ער איז געווען זיכער, אַז ער האָט געשאַפן עפּעס, וואָס וועט דערפרייען די יידן פון זיין דור.

דאָס איז געווען ס'ערשטע מאָל אין זיין לעבן, וואָס ער האָט זיך באַגעגנט פּנים אל פּנים מיט פּרצן. דאָס פּעקל כתבים, וואָס אַש האָט געבראַכט, האָט פּרץ איבערגעלייענט און אים מבטל געמאַכט, ווייל ראשית האָט אַש געהאַט די אַזוי גערופענע דערציילונגען אָנגעשריבן אין דער העברעישער שפּראַך און איז אַ זייער שלעכטן דקדוק. אַש האָט זיך אָבער האַרט ביי פּרצן באַקענט מיט נאָמבערגן, א. רייזענען און אַנדערע פאַרערער פון גרויסן מייסטער, וואָס האָבן אים געהייסן שרייבן אויף דער שפּראַך פון פאָלק — אין יידיש.

מיט אַ צייט שפּעטער זענען ביי אַשן אויסגעוואַקסן די דערציילונ־גען „משה" און באַלד נאָך דעם „מאָטעלע". זיין שפּעטערע באַקאַנט־שאַפט איז געווען דינעזאָן און ד"ר לוריע, רעדאַקטאָר פון „יוד" און אין 1897 האָט טאַקע דער „יוד" אָפּגעדרוקט „מאָטעלע" און „משה", פאַר וועלכן שלום אַש האָט געקראָגן זיין ערשטן האָנאָראַר. אַש האָט באַשלאָסן, אַז ער וועט שוין פאַרבלייבן ביי יידן אַ גרויסער שרייבער.

(...„יאָך וועל זיי באַוואַזן", ווי ז. ווייַנפּער פלעגט דערציילן וועגן אַשן), ער האָט גענומען אַרומפאָרן איבער שטעט און שטעטלעך, געהונגערט, גענעכטיקט מיט דער האַרטער פּויסט צוקאָפּנס, איינגעזאַפּט אין זיך דאָס אָרעמע לעבן פון יידן אין פּוילן, פון צייט צו צייט זיך געדרוקט אין דער „הצפירה".

אַש האָט געהאַט אַן אויג פון אַן אָדלער, געזען וואַרשע אין אַלע אַספּעקטן, די „בלימעלעך" פון דער אונטערוועלט מיט זייער שפּראַך און „איינגאַרטיק" לעבן... און דעמלט האָט זיך ביי אים אויסגערייפט

און אויפגעוויירן דאָס לעבן פון די אונטערשטע שיכטן... ער האָט אָנגעשריבן „מאָטקע גנב" — „וואַרשע" און זיין קרוין-ווערק „גאָט פון נקמה". זיין ליטעראַרישע וועלט איז געווען דעראָבערט, ווייל קיין יידישער שרייבער איז נאָך קיינמאָל פריער און אויך נישט שפּעטער געשפּילט געוואָרן אין אַלע וועלט-טיילן און פאַרשידענע לשונות ווי שלום אַש.

אַש איז שנעל אַרויס פון דעם ענגן ווינקל, זיך באַקענט אין קראָקע מיט דעם באַרימטן פּוילישן שרייבער און קריטיקער זשעראָמסקי. אין קראָקע האָט ער אָנגעשריבן „צוריקגעקערט" און „זינד", די צוויי „זאַכן" זענען באַלד איבערגעזעצט געוואָרן אין דער פּוילישער שפּראַך פון מאַדאַם וויטקאָוויטש, אַ באַוווּסטע ליטעראַטור-קענערין.

די צוויי פּיעסן, זענען אויך שנעל אויפגעפירט געוואָרן אויף דער פּוילישער בינע אין קראָקע אין פּוילישן נאַציאָנאַלן טעאַטער, אָט אַזוי איז אַש געגאַנגען פון איין טריומף צום צווייטן. מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז קראָקע איז דעמלט געווען דער צענטער פון דער פּוילישער אינטעליגענץ און קולטור.

אין יאָר 1905, אין די „מאָמענטן פון די פרייהייטס-טעג" האָט אָנגעהויבן דערשיינען „דער פריינד". אַש איז שוין געווען ברייט באַקאַנט אין דער אייראָפּעישער וועלט, זיין פּאָפּולאַריטעט איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג, די פּוילישע וועלט האָט אים צוגעטיילט כבוד מער, ווי וועלכן עס איז אַנדערן יידישן שרייבער פון זיין צייט. ער האָט זיך אַריבערגעצויגן נעענטער צו דער ווייסל און אין דער אידילישער אַרומרינגלונג האָט ער אָנגעשריבן „דאָס שטעטל" און „משיחס צייטן", וואָס איז אויפגעפירט געוואָרן אויף דער רוסישער בינע. צו זיין רום און פּאָפּולאַריטעט איז גאָר נישט געווען קיין שיעור, ווייל ער האָט געקראָגן אָנזען אין דער רוסישער ליטעראַטור, וואָס קיין אַנדער יידישער שרייבער פאַר אים, האָט עס נישט באַקומען.

די פּיעסן און ביכער האָבן זיך אַריבערגעטראָגן איבער ימען און לענדער. זיין „גאָט פון נקמה", וואָס איז געשריבן געוואָרן אין קעלן ביים ריין, איז אויפגעפירט געוואָרן מיט גרויס דערפאָלג אויף דער דייטשישער און רוסישער בינע. זיין פּאָפּולאַריטעט האָט אים געפירט צו דער באַקאַנטשאַפט מיט מאַקסים גאָרקי און לעאָניד אַנדרעיעוו, וועלכע האָבן געדרוקט זיינע דערציילונגען אין רוסישע זשורנאַלן.

ש. אַש האָט אָנגעהויבן זײַנע רײזעס קײן אַמעריקע, פּאַלעסטינע און — אומעטום איז אים זײַן מזל נאָכגעגאַנגען פּאָרויס.

אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז אַש געווען אין אַמעריקע, אָנגעשריבן די באַרימטע ביכער „אָנקל מאָזעס", „כּישוף־מאַכערין פון קאַסטיליע" און „קידוש־השם". קײן שרײַבער איז נישט געווען אַזוי פּראָדוקטיוו ווי שלום אַש. ער האָט כּסדר געפיבערט מיט נײַע, שעפערישע ליטעראַרישע געדאַנקען און באַוויזן דער וועלט, אַז אויך אַ יידישער שרײַבער קאָן ווערן אוניווערסאַל.

אַש איז קײנמאָל פריער נישט געווען אַזוי געזעלשאַפטלעך אַקטיוו ווי אין די ערשטע מלחמה־יאָרן, ווען ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער אַרבעט פאַרן „דזשוינט", און מיט זײַנע רײזעס פון אַמעריקע קײן אײראָפּע און צוריק. נאָך דער אַרבעט איז ער געפאָרן קײן דײַטשלאַנד און דאָרט בײַם „רײַן" האָט ער געשאַפן דאָס ווערק „די מוטער" און אַ רײ גרעסערע דערצײלונגען און נאָוועלן.

* *

*

שלום אַש איז געווען אַ פענאָמען אין דער ליטעראַרישער וועלט, כאָטש אַלס מענטש נישט צו שטאַרק באַליבט בײַ געוויסע טײלן פון יידישן פאָלק. דאָך האָבן די ברײטע יידישע פאָלקס־מאַסן אים מער געלייענט, ווי וועלכן נישט־איז אַנדערן שרײַבער אין דער איצטיקער צײַט.

ווער עס האָט געקענט שלום אַשן ווייסט, אַז ער איז געווען אַ מענטש פון שטימונגען און ווידערשפּרוכן. אָט איז ער געווען שטורמיש, אויפבראַוזנדיק און אָט איז ער צאַרט, געפילפול ביז גאָר.

מיר דערמאָנען זיך אין די יאָרן, ווען דער היטלעריזם האָט געבושעוועט אין אײראָפּע. אפילו אין שיקאַגער „סאָלדזשערס פילד", וואָס נעמט אַרײַן איבער הונדערט טויזנט מענטשן, האָבן די נאַצים געשריגן „האַיל" און מער קעלי האָט זיי האַרציק באַגריסט, פריץ קין האָט אין מילוואָקי בײַגעוווינט מיליטערישע איבונגען פון שטורם־טרופּעס מיט סוואַסטיקאַ־פאָנען, האַקנקרײַצן, און געשריגן „דויטשטום ערוואַכע" און „ווען דאָס יודנבלוט פון מעסער רינט". דעמאָלט ווען שיקאַגאָ האָט געזען ווי דער „שטורמער" פון שטרײַכער און דער „אַמע־

ריקען דזשענטאַיל" ווערט פאַרשפּרייט פראַנק און פריי, האָבן מיר זיך דערשראָקן און גענומען פאָדערן פון אַמעריקאַנער יידישן קאָנגרעס — אַקציע...

דעם 30-טן אויגוסט 1942, ווען די אַמעריקאַנער נאַציס זענען גע-לעגן פאַרשטעקט אין זייערע נאָרעס, ווען דער פאָלקס-פראָנט אויף דער יידישער גאַס אין שיקאַגאָ האָט געלאָזן טיפע וואָרצלען, ווען די סימ-פּאַטיעס פון די יידישע מאַסן זענען געווען פאַר אַ ברייטן פאָלקס-פראָנט, האָבן זיך אין שערמאַן האָטעל פאַרזאַמלט דריי הונדערט דע-לעגאַטן, פאַרטרעטער פון לאַנדסמאַנשאַפטן, אויף אַ קאָנפערענץ, כדי צו שאַפן פופציק טויזנט דאָלאַר פאַר „ראַשען וואָר רעליף". די דעלע-גאַטן האָבן גערעדט מיט ווייטיק, אַז די יידן אין אַמעריקע זענען נאָך נישט גענוג אויפגעשטורעמט פון דער היטלעריסטישער מגפה, און האָבן נאָך נישט גענוג דעם נאַציזם, וואָס וויל אומברענגען דאָס יידישע פאָלק און די מענטשלעכע ציוויליזאַציע.

די פאַרזאַמלטע האָבן געשווירן נקמה צו נעמען פאַר דעם פאַר-גאָסענעם בלוט פון אונדזערע ברידער און שוועסטער.

אין דער אויבנדערמאָנטער קאָנפערענץ האָבן אָנטייל גענומען: פּראָ-פעסאָר בענדזשאַמין מילער, הרב גאָלדמאַן, פון מרכז הרבנים, ראַבאַי מ. בערמאַן, ריכטער הערי פישער און אַ צאָל אַנדערע פּערזענלעכקייטן פון יידישן ברוויזנדיקן שיקאַגער לעבן. עס געדענקט זיך מיר ווי ריכטער פישער האָט געזאָגט צו די פאַרזאַמלטע: — ווען די מלחמה וועט זיך ענדיקן, וועט דער סאָוועטנפאַרבאַנד אַרויס די שטאַרקסטע מאַכט אין דער וועלט. און הרב שאול סילווער האָט געראָטן די פאַרזאַמלטע, אַז זיי זאָלן איבערלאָזן ווייניקער געלט נאָך טויט פאַר זייערע קינדער און בעסער איצט העלפן די סאָוועטישע יידן.

ביי יענער היסטאָרישער באַגעגעניש איז באַשלאָסן געוואָרן איינ-צולאַדן דעם „געניאַלן יידישן שרייבער שלום אַש".

אין יענער צייט בין איך געווען אַקטיוו אין דער לאַנדסמאַנשאַפט-דיוויזיע פון אַמעריקאַנער יידישן קאָנגרעס און זייער געוואָלט אַראָפּ-ברענגען שלום אַשן צו אַן אָוונט, וואָס זאָל זיין געווידמעט — צעמענ-טירן די פריינדשאַפט מיט די סאָוועטישע יידן.

ס'איז געווען דער פערטער נאָוועמבער 1942, דער אָרקעסטער-זאַל איז געווען איבערגעפּאַקט מיט יידן פון אַלע קלאַסן און שיכטן, אַזוינס

האָט נאָך שיקאַגאָ נישט געזען. יידישע מלחמה־וועטעראַנען האָבן אַריינ־מאַרשירט מיט די סאָוויעטישע, אַמעריקאַנער און יידישע פאָנען.

ד"ר פערלצווייג, פון יידישן וועלט־קאָנגרעס האָט אַלעמען אויפ־געשטורעמט מיט זיין רעדע. ער האָט געזאָגט: „אַלס יידן און אַלס אַמע־ריקאַנער דאַרפן מיר דאַנקען דעם סאָוויעטן־פאַרבאַנד, וואָס האָט גע־ראַטעוועט העכער אַ מיליאָן יידן פון די נאַצישע רוצחים און זיי עוואַ־קואירט פון פוילן, ווייסרוסלאַנד, ליטע און אוקראַינע". — מיר מעגן דאָס איצט אויך געדענקען.

עס האָט יענעם אָוונט געשטורעמט מיט רעדעס און רעזאָלוציעס וועגן אייניקייט אין יידישן לעבן, אַ רוף צום גאַנצן אַמעריקאַנער יידנטום נאָכצופאָלגן דעם ביישפּיל פון שיקאַגאָ. עס איז געווען אַזוינס, וואָס עס וועט זיך געדענקען דאָס גאַנצע לעבן, פרייד און טרערן, מוח און האַרץ, פון אינטעליגענץ און פאָלקס־מענטש, האָבן זיך פאַראייניקט.

און עס באַווייזט זיך אויף דער בינע שלום אַש. דער עולם בלייבט שטיל ווי עלעקטריזירט און אַש הייבט אָן רעדן: „מיינע ברידער און שוועסטער"... אין זאַל הערשט אַ הייליקע שטילקייט. עס ברעכט אויס אַ ספּאָנטאַנער אַפּלאָז. אַ גערירטער פון דער פּאָרכטיקער אויפנאַמע — האָבן הייסע טרערן גענומען פליסן פון אַשס אויגן, ווי אַ באַהאַלטענער קוואַל וואָלט זיך געעפנט. ער רעדט ווייטער וועגן פאַראַט פון פראַנקרייך, אַנטיסעמיטיזם אין פאַנסקע פוילן, ענגלאַנד מיט אירע קעניגן... „און מיר, די שרייבער זענען געזעסן אין די קאַפעען, חוזק געמאַכט פון די סאָוויעטישע טאַנקען און אַעראָפּלאַנען... רוסלאַנד איז דאָס איינציקע לאַנד, וואָס האָט מיט פייער באַגעגנט היטלערן. די רויטע אַרמיי אויפן שלאַכט־פעלד פירט מלחמה פאַר אונדזער גאַט, פאַרן יידישן פאָלק. נו, איז וואָס, אַז מען האָט צוגענומען פון די רייכע יידן? זיי האָבן אויך צוגענומען ביי די רייכע גויים. דערפאַר קריגן זיי פרייע בילדונג, פרייע אוניווערסיטעטן... איך בין איצט 63 יאָר אַלט געוואָרן, 42 יאָר פון מיין לעבן האָב איך אָפּגעגעבן פאַר פאַרשידענע טעטיקייטן אָבער קיינמאָל האָב איך נישט געטאָן אַזאַ וויכטיקע אַרבעט ווי איצט".

שלום אַש האָט אין געראַנגל צווישן מענטש און היטלעריזם, געזען דאָס אונטערגיין פון יידישן פאָלק, אויב די נאַצישע אוממענטשן וועלן חלילה זיגן, איז ער געקומען מיט זיין וואָרט און געזאָגט:

„אין איצטיקן מאָמענט האָב איך מיטן סאָוויעטנפאַרבאַנד קיין חשבונות נישט. דאָס פאַרגאַנגענע ווערט אָפּגעוואַשן אין דעם שטראָם בלוט, וואָס פליסט פון אירע וואונדן פאַר מיין און דיין פרייהייט“.

שלום אַש האָט געוואָלט פרייהייט פאַר זיין יידיש פאָלק און דאָס זעלבע פאַר אַלע אונטערדריקטע פעלקער. אַש איז געווען גענויגט מער צום קאָנסערוואַטיזם ווי צום ליבעראַליזם, דאָך האָט ער גרויסע פאַר־דינסטן אין זיינע רעדעס בעל פּה און בכתב, פאַר שלום צווישן קריסט און ייד.

ער שרייבט...: „איך גלייב, אַז איך האָב געמאַכט מיין בייטראָג צום אַמעריקאַנער אידעאַל מיט דעם, וואָס איך האָב זיך געמיט צו ברענגען צו אַ פאַרשטענדיקונג צווישן קריסט און ייד דורך זייער געמיינשאַפטלע־כער רעליגיעזער ירושה“.

קענער פון שלום אַשן, שרייען, אַז „אַש וויל צוריקברענגען יעזוסן צו יידן...“ און „אַש האָט געוואָלט דורכפירן אַ קריסטלעכע טענדענץ, ער האָט זיך אָבער אָנגעשטויסן אויף אַזוי פיל שטרויכלונגען, אַז ער איז קינסטלעריש אונטערגעזונקען“...

ווען מיר באַקענען זיך נעענטער מיט די ווערק פון שלום אַש, אפילו פון זיינע ערשטע „זאַכן“, זעען מיר, אַז נאָך אין בית־מדרש, ביים לער־נען, האָט ער שוין געטראַכט וועגן דעם, „וואָס גאָט אין הימל צעטיילט די מענטשן אויף יידן און אַזוי פיל פעלקערשאַפטן?“

שלום אַש, ווי בעל מחשבות האָט געזאָגט, האָט איינגענומען באַלד ביים אָנפאַנג שרייבן די פוילישע, חסידישע וועלט און געקעניגט מיט דער גאַנצער קראַפט פון זיין פּאָעטישקייט. פון זיין אָנפאַנג שרייבן ביז זיין שאַפונגס־פּראָצעס אין די לעצטע צענדליק יאָר און ביז פאַר זיין טויט זעען מיר, אַז קינסטלעריש איז אַש געשטיגן מיט יעדן נייעם ווערק, אפילו ווען דאָס זענען געווען „טענדענציעזע“ ראָמאַנען, וועלכע האָבן גלאָ־ריפיצירט „קריסטוסן“, ווי די קעגנער זאָגן.

מיר זעען אין זיין דערציילונג „אַ קאַרנאַוואַל־נאַכט“, „מענטשן און געטער“, „קריסטוס אין געטאָ“, און — זיינע לעצטע ווערק „דער מאַן פון נצרת“, „אַפּאָסטאָל“ און פיל אַנדערע ווערק, וואָס האָבן „אויפגע־טרייסלט“ די קעגנער פון אַשן, די וואָס האָבן אים געוואָלט גייסטיק אומ־ברענגען, ווייל זיי האָבן אים נישט געקאָנט בייגן צו זייערע קני... אַש האָט קיינעם נישט געוואָלט אָפּשמדן, ער האָט געוואָלט, עס זאָל הערשן ברידערלעכקייט צווישן אַלע פעלקער, כדי מען זאָל זיך נישט דאַרפן

שרעקן אין דער אַטאָמישער צייט... שלום אַש איז שטאָלץ מיט זיין קרוין־ווערק „נאַזאַרין“. ווי אַ לייט־מאָטיוו אין אַלע זיינע ווערק זאָגט ער אַזוי: „דער מענטש־גאָט האָט זיך געווענדט צו משיחן און געזאָגט אַזוי: —

— משיח, דאָס בין איך צו דיר געקומען, זיי מיר מוחל, וואָס זיי כּוען אין מיין נאָמען...

ראובן זאַלצמאַן

(פון שיקאַגאָ ביז ניו־יאָרק)

אין משך פון יאָרן געזעלשאַפטלעכער אַרבעט איז מיר אויסגעקומען זיך צו באַגעגענען מיט ראובן זאַלצמאַן אין פאַרשידענע צייטן און אין פאַרשידענע שטעט איבערן לאַנד. צום ערשטן מאָל האָבן מיר זיך געטראָפן אין דער „וויטער וועסט“ ווען ער איז געקומען אין די אינטערעסן פון דער „פרייהייט“. דורך דער לאַנגער באַקאַנטשאַפט האָב איך אים דערקענט אַלס גלענצנדיקן אָרגאַניזאַטאָר, אַ האַרציקער חבר און אַ היימישער פאָלקס־מענטש. ער איז נישט געווען פון די באָמבאַסטישע „אָראַטאָרס“, פון די געשליפענע פּאָליטיקער, נאָר בעת זיין רעדן האָבן זיינע אויגן געשטראַלט און אַ ליכטיקער שמייכל האָט זיך אויסגעגאָסן אויף זיין פּנים. זיינע ווערטער זענען געווען ערלעך און אויפריכטיק. איך דערמאָן זיך אין דענווער קאָלאָראַדאָ אַ דריי־פיר יאָרן נאָך דעם דערשיינען פון דער „פרייהייט“, איז נאָך דאָרט געווען אַ באַדייטנדיקער פּראָגרעסיווער סעקטאָר, טייל זענען געקומען פון ניו־יאָרקער „סוועט־שעפּער“ זיך היילן פון דער „פּראָלעטאַרישער קרענק“ — שווינדזוכט, אַ טייל האָבן זיך קורירט אין דענווער ספּיוואַק־סאַנאַטאָריום. די, וועלכע האָבן זיך „אויסגעהיילט“ זענען נאָך אויף אַ לענגערער צייט געבליבן אין שטאָט, אַנדערע — האָבן אויסגעשפּיגן די לונגען און געבליבן בשכבות מיט דעם דיכטער „אָ, גוטע פריינד, ווען איך וועל שטאַרבן, טראָגט צו מיין קבר די רויטע פאָן...“ — דוד עדעלשטאַט. דער זינגער „פון פאַרשקלאַפּטן קריסט און ייד“...

אין זאַלצמאַנס פּשוטע רייד איז אַלעמאָל געווען פיל אָפּטימיזם און דערמוטיקונג. פון זיינע ווערטער האָט געשטראַלט מיט איבערצייגונג און ערלעכקייט. פון אונדזער ערשטער באַגעגעניש ביז זיין לעצטן מאָל זיין אין לאָס אַנדזשעלעס זענען מיר געבליבן פריינד און חברים.

ר. זאַלצמאַן איז געוואַקסן און רייף געוואָרן צוזאַמען מיט דער צייט דאָס האָט ער באַוויזן דורך די קאַמפּן, וואָס ער האָט געפירט פריער אין אַרבעטער-רינג, מיט זיין איבערגעגעבנקייט פאַרן פּראָגרעסיוון יידישן שול-וועזן און נאָכדעם בעתן גרינדן פונעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער-אָרדן, וועמענס פירער ער איז געוואָרן (זע זיין בוך „די געשיכטע פון דער פּראַטערנאַלער באַוועגונג“). ביז דער מעקאַרטיזם האָט פאַרניכטעט אַלץ, וואָס צענדליקער טויזנטער מיטגלידער, פאָלקס-מענטשן, האָבן אויפגעבויט אונטער זיין פעיקער פירערשאַפט.

איינמאָל איז מיר אויסגעקומען פאָרן פון שיקאַגאָ ביז ניו-יאָרק אין זאַלצמאַנס „פּלימוט“. נאָך די יאָרן פון גרויסן קריזיס, ווען דער אַמעריקאַנער פּרעזידענט הערבערט הוווער האָט צוגעזאָגט אַ „טשיקן“ אין יעדן טאָפּ און אַן אויטאָמאָביל אין יעדן „גאַראַזש“... און אין עטלעכע יאָרן נאָך דער גרינדונג פון דער פּראָגרעסיווער פּראַטערנאַלער באַוועגונג, וועלכע האָט גענומען שלאָגן טיפע וואָרצלען אין אַמעריקע צווישן די ברייטע האָרעפּאַשנע מאַסן און פאָלקס-מענטשן, האָבן מיר זיך באַגעגנט אין דער „לאָבי“ פון האָטעל „שיקאַגאָ“. ר. זאַלצמאַן האָט שוין געוואַרט, אַנטקעגנגעקומען מיט אַ הילכיקן „גוט מאָרגן!“ און אַ זאָג געטאָן: „כ'האָב געמיינט, אַז נאָכן שפּעטן מיטינג פון דער לעצטער נאַכט, נאָכן אַריינגעמען אַזויפיל נייע מיטגלידער, וועט זיך דיר דער קאָפּ פאַרדרייען... כ'האָב נישט דערוואַרט זאָלסט אַזוי פרי זיין גרייט אין וועג“.

אַזוי שנעל ווי מיר זענען אַריין אין אויטאָמאָביל, איבערגעלאָזט הינטער זיך „די שטאָט פון שטאָל-פאַבריקן, שעכט-הייזער, „סלאַמס“, די הויכע פינצטערע מויערן, הויקערדיקע שוואַרצע הייזער און זענען אַרויס אויפן ברייטן שליאַך, האָט ער געלאָזט — די מאַשין... עס האָבן זיך באַוויזן גרינע פעלדער!... שיטערע וועלדלעך, קוסטעס, בלומען, אַלץ איז פאַרבייגעלאָפן מיט דער שנעלקייט פון 50—60 מייל אַ שעה. ביים אָפּשטעלן זיך אין אַ דאָרף זענען מיר געוואָרן אויפגעלעבט, ווען עס האָט זיך דערהערט — פון גרינע צווייגן, פון ביימער און פעלד, דאָס געזאַנג פון פייגל, דאָס גרילצן פון אַ גריל און דאָס געזאַנג פון דער נאַטור. זאַלצמאַן האָט אויפגעזונגען רעוואָלוציאָנערע לידער פון דוד עדעלשטאַט, באָווישאָווער, ווינטשעווסקי און אויך ראָמאַנטישע פאָלקס-לידער: „איך האָב דיך ליב, דו מעגסט מיר זיכער גלייבן, נאָר חתונה האָבן מיט דיר קאָן איך נישט“...

וואָס־וואָס, קיין מוזיקאַלישע שטימע האָט ער נישט פאַרמאָגט, נאָר אין די פרייִדיקע מאָמענטן אונטערן פרייען הימל איז געווען גוט צו זיין מיט אים. אין דער יום־טובדיקער שטימונג האָט ער עובר געווען דעם טראַפּיק־געזעץ... פּלוצלונג פאַרלויפט אונדז דעם וועג אַ פּאָליציימאַן. סיגנאַליזירט „שטעלט זיך אָפּ“... שטייען מיר אונטער אַ געדיכט פאַר־צווייגטן בוים.

— וואָס האָט פּאַסירט?

— האָסט געבראָכן דאָס טראַפּיק־געזעץ. אין אַ „זאָן“ פון 20 מייל זענט איר געפאָרן 30.

— וויפל קומט דיר?

— איך וועל דיך פירן צום ריכטער, דאָס איז צען מייל פון דאַנעט.

— מיר איילן זיך, אפשר קאָנען מיר דורכקומען דאָ, אויפן אָרט? מיש איך זיך אַריין.

— וווּהין פאָרט איר?

— זוכן אַרבעט אויפן דאָרף...

— דער ריכטער וואָלט אייך באַשטראָפט מיט 20 דאָלער, איר פאָרט דאָך זוכן אַרבעט... פאָרט.

דער שליאַך איז געווען שמאָל, פון ביידע זייטן זענען געוואַקסן הויכע קאָרן־זאַנגען. מיר האָבן זיך געיאָגט צו אַ שטעטל, וו מען זאָל קאָנען איבערנעכטיקן.

די נאַכט האָט זיך שלעכט געשלאָפן. האָבן מיר זיך געזעצט ביים פענצטער, געשמועסט ביי דער פאַרלאָשענער ליכט. מיר האָבן זיך איינ־געקוקט אין די פייער־פליגעלעך, וועלכע האָבן אויפגעפלאַמט צווישן די ביימעלעך ביים פענצטער. די לופט איז געווען קרישטאָל־ריין, עס איז געווען גוט איינצואָטעמען דעם האַרפישן אַראָמאַט, די שטילקייט פון דער געמיטלעכער נאַכט.

ווען עס האָט גענומען טאָגן האָבן מיר זיך געפעדערט פאַר דער ווייטערדיקער רייזע.

די זון איז אויפגעגאַנגען פלאַמיק־רויט, איינגעהילט אין אַ פורפור־קלייד. האָבן האָט זיך צעזונגען אויף די סאַמע העכסטע טענער. די שטימע איז געווען אַ ביסל הייזעריק, די ווערטער — פּאַטעטיש — קאָ־מוניסטיש...

— וווּ האָסטו גענומען די געזאַנגען?

— קידער וואַקסן מיטן געמיט, מיט ליכטיקע בלויע הימלען, מיטן זון־אויפֿגאַנג. אין ניו־יאָרק רפֿאל, ווערט דאָס געזאַנג פֿאַרשטעלט, איינגעשלונגען פֿון „הימל־קראַצערס" — זאָגט זאַלצמאַן.

אָט, פֿאָרן מיר אַריין אין שטאָט פּענסילווייניע צווישן בערג, טאָלן און פּרעכטיקער לאַנדשאַפֿט. זאַלצמאַן איז באַגייסטערט. נעמט ער דערציילן וועגן אַמעריקאַנער געשיכטע וויאַזוי דער ערשטער פּרעזידענט פֿון אַמעריקע דזשאָרדזש וואַשינגטאָן האָט דאָ געפֿירט אַן אַרמיי...

די בערג און טאָלן ווערן אַלץ געדיכטער און גרעסער. ס'איז שפּעט אין פֿרילינג. די גוטע, גרינע נאַטור שפּראָצט אַרויס פֿון מאַמע־ערד.

„עפּעס אַ צויבער" זאָגט זאַלצמאַן. ער פֿאַרלאַנגזאַמט דאָס פֿאָרן, באַוווּנדערט דעם גאַנצן אַרום ווי ווייט זיינע אויגן קאָנען גרייכן.

ביי די בערג, וואָס דערגרייכן אַזש ביזן „טיפֿן הימל" שטעלט ער אָפּ דעם „פּלימוט", ווייל אַלץ איז דאָ אַזוי אָטעמפֿאַרכאַפּנדיק. קוועלט דאָס פּנים זיינס ווי די שעפֿערישע נאַטור, ווי איר צויבער וואָלט געווען זיינס אַ דערגרייכונג...

אַריינפֿאָרנדיק אין ניו־דזשוירזי האָבן די הימלען זיך פֿאַרצויגן מיט שווערע כמאַרעס. די וואָלקנס זענען געוואָרן געדיכט־שוואַרץ. הימלען האָבן זיך געעפֿנט, דער רעגן איז געפֿאַלן שווער, געדיכט, דער מבול פֿון הימל האָט פֿאַרפֿלייצט די שטאָט.

צווישן די ניו־יאָרקער „הימל־קראַצערס" געזעגענען מיר זיך. דער רעגן האָט אויפֿגעהערט. די זון וויל זיך אַרויסרייסן איבער די הויכע מויערן, וואָס קומט איר נישט אָן אַזוי לייכט...

„דאָס איז די נאַטור, ווי דער מענטש... ס'וועט זיין שיין... עס מוז זיין אַ שיינע וועלט... מאָרגן טרעפֿן מיר זיך אין אָפֿיס פֿון „אָרדן", איך וועל דיך נעמען אויף אַ שפּאַציר איבער פּאַרק־עוועניו. זאָלסט קומען!

איך בין געקומען.

אברהם רייזען

אין צאַרישן רוסלאַנד און אין דעמאָלטיקן פּוילן, ווען די יידן האָבן זיך געפֿונען אונטערן קנוט פֿון פֿאַרפֿאָלגונגען, בלבולים און פּאָגראָמען, האָבן די יידישע פֿאָלקס־מאַסן אַרויסגעגעבן פֿון זיך אָנגעזעענע שרייבער, אינטעלעקטואַלן, אָנערקענטע מאָלער, דיכטער אד״גל.

עס זענען אַרויסגעוואַקסן שטורמישע פּראָטעסטן אין דער יידישער ליטעראַטור, וואָס האָבן געמאַכט אַ גרויסן רושם אין דער דעמאָקראַטישער וועלט.

צו אָט דעם דור יידישע שרייבער האָט אָן ספק געהערט אברהם רייזען.

רייזען איז געקומען מיט זיין טאַלאַנט אין דער צייט, ווען עס האָט שוין גענומען יערן די סאָציאַליסטישע באַוועגונג, און ביי זיין ערשטן דעביוט זיך אידענטיפֿיצירט מיט די פֿון נויט און באַוועלטע.

קיין יידישע פּרעסע איז דעמאָלט כמעט נישט געווען. מיט דער יידישער שפּראַך האָט געהאַלטן זייער שמאָל. יידן האָבן גערעדט יידיש — דייטש־זשאַרגאָן. טאַקע דעמאָלט האָט זיך דאָס יידישע שטעטל, די ברייטע יידישע פֿאָלקס־מאַסן, צוזאַמען מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג אויפֿגעוועקט פֿון לעטאַרגישן שלאָף. אין דער זעלבער צייט קומט אָן דער רענעסאַנס פֿון דער יידישער שפּראַך און עס גלאַנצט אויף דער יונגער דיכטער רייזען, אַ דערצויגענער אויף דער רוסישער ליטעראַטור, דרינגט אַריין אין מיין שטאָט לאָדזש, וועלכע איז דער גרעסטער אינדוסטריעלער צענטער אין פּוילן, ער קומט אַריין מיט זיין ליד און דערציילונג צווישן די יידישע וועבער־געזעלן און באַאיינפֿלוסט די טויזנטער פֿרויען און מענער פֿון דער טעקסטיל־בראַנזשע מיט דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטישער פּאָעזיע, מיט דער פּען, וואָס האָט געצויגן איר יניקה פֿון די בעסטע רוסישע פּאָעטן און פּראָזע־שרייבער.

רייזען ווערט דער באַזינגער פון פּראָטעסט און טרויער, סיי אין זיינע לידער און סיי אין די נאָוועלן.

רייזען פאַלט באַלד אַריין אין דער סביבה פון י. ל. פּרץ. דאָ באַ־גענגט ער זיך מיט יעקב דינעזאָן, נאָמבערג, לאמעד שאַפּיראָ און אַנ־דערע; צוזאַמען מיט זיי שאַפט אברהם רייזען די צווייטע פּלעיאַדע שריי־בער און בויער פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור.

רייזען, ווי מיר ווייסן, ווערט שטאַרק באַאיינפלוסט פון דער פּרץ־סביבה, וואָס האָט דירעקט און אומדירעקט שטאַרק געווירקט אויף אים.

הגם, רייזען שרייבט וועגן דער שרעקלעכער אָרעמקייט, אויסזיכטי־לאָזיקייט און גסיסה פון יידישן שטעטל, זאָגט אָבער נחמן מייזיל, אַז: „דער דיכטער האָט זיך זעלטן־ווען געהאַלטן ביי איין פּאַסירונג, ביי איין געשעעניש, ביי איין געמיט־צושטאַנד“.

אין זיין פּאָפּולער ליד „מאי קא משמע לן“ ברענגט אונדז רייזען אַרויס די טראַגישע לאַגע פון אויסגעהונגערטן קלויזניק, פון נויט און פינצ־טערניש. זיינע לידער וועקן אויף די שוועסטער און ברידער פון די גע־דיכטע לאָדזשער אַרבעטער, האָרעפּאַשניקעס, פון לאָדזש־באַלוט, וואָס זענען צוגעשמידט צו די וועב־שטולן פון פאַרטאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט.

מיר, די יידישע יינגלעך, די ברייטע יידישע פאָלקס־מאַסן, שאַצן דאָס שטאַרק אָפּ, ווייל ער גיט אונדז נישט קיין אויסטערלישע טעמעס, נאָר אַ טייל פון אייגענעם חושכדיקן לעבן. דערפאַר טאַקע ווערט ער באַליבט אין דער סאָציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און אפילו צווישן די חדר־יינגלעך, וועלכע באַלאַנגען שוין צום יונגן „בונד“. מיר דערזעען אין אים אַ פריינד, אַ מיטבויער אין קאַמף פאַר אַ בעסערן לעבן, פאַר אַ ליכטיקן מאָרגן.

אברהם רייזען אַליין איז אויך יונג און קעמפעריש־געשטימט, „ער פירט אַ קאַמף פאַר די רעכט פון יידיש, קעגן העברעיזם און ציוניזם“.

רייזען, ווי פריער י. ל. פּרץ, הייבט אָן אַרויסצוגעבן צייטשריפטן און זאַמל־ביכער, ער טוליעט זיך אַלץ מער צום אַרבעטער, וואָס האָט אים געשאַפן אַ בריק צו די פּראָגרעסיווע ליטעראַטורן פון אַנדערע פעלקער.

רייזענס שאַפונגען זענען איבערזעצט געוואָרן אין רוסיש, פּויליש, דייטש און אין פיל אַנדערע שפּראַכן. באַלד ביי זיין אָנהייב, קאָן מען זאָגן, ווערט ער אַריינגענומען אין די ליטעראַרישע ביילאַגעס פון דער דייטשיש־

עסטרייכישער סאָציאַליסטישער פּרעסע און אין אַ סך פּוילישע פּאַרג־עַ־שריטענע ליטעראַרישע אויסגאַבעס פון יענער צייט.

רייזען האָט אַ שלל מיט איבערזעצטע מאָטיוון פון דער וועלט־ליטע־ראַטור, וועלכע טראָגן מיט זיך אויך אַ טאָן פון פּעסימיזם, אָפּגעזען פון דעם, זאָגט בער מאַרק „איז ער אין פולן זין אַ פּאָלקישער דיכטער אָבער נישט קיין רעוואָלוציאָנער“. און בער מאַרק זעצט פאָר אין זיין קריטיק: „אין רוב פון זיינע שאַפונגען גופא איז ער נישט קעמפעריש“.

אין די יונגע יאָרן האָבן מיר אין רייזענס שאַפן געזען די סאָציאַל־דינאַמישע, שטורעמדיקע לידער, וואָס ער האָט געשאַפן אונטערן דיר־רעקטן איינדרוק פונעם פּאָלקישן צאָרן, מיר האָבן דאָס געפילט אין זיין ליד „די וואַנט“ ווו ער רעדט צו די מאַסן:

„מיט העק און מיט האַמערס און אייזנס אין האַנט —
מיר ברעכן די וואַנט“.

און ווייטער:

„פאַרזאַמלט זיך ברידער, קומט אַלע אַהער, זאָל יעדער
צולייגן אַ האַנט, מיר וועלן די הויכע, די פינצטערע וואַנט
צעברעכן, צעברעכן“.

אברהם רייזענס „טרעגער“ איז דאָך אַ שטיק לאָדזישער לעבן...
איך זע זיי נאָך היינט ווי זיי שטייען איבער די באַלוטער גאַסן מיט די „פורמאַנעס“ און וואַרטן אויף אַ קונה. ערלעכע יידן געווען, ברייט־פּליי־ציקע, וואָס האָבן געשלעפּט די שווערע משא, די ריזיקע פּעק אויפן נאַקן, פאַר עטלעכע קאָפּיקעס האָט אַזאַ איינער אַריבערגעטראָגן אויף איינמאָל דאָס גאַנצע באַלעבאַטישקייט פון אַ הויזגעזינד, פון איין עק באַלוט צום אַנדערן...

„איך בין נישט געקומען
צו דיר פון דער הויך:
דיין קאַמף איז אויך מיינער.
דיין האָפענונג אויך“.

אזוי האָט דער דיכטער זיך אידענטיפיצירט מיטן האָרעפּאַשנעם פאָלק.
———ד———

אין די קורצע דערציילונגען, וואָס רייזען האָט אָפּט פאַרצייכנט אויף צוויי געדרוקטע זייטלעך, ברענגט ער אַרויס נישט בלויז דאָס פאַמיליען־לעבן, דעם שאָפּ, דאָס אָרעמקייט, די גאַס, דאָס הויז, די קראַנקע מאַמע, דעם קראַנקן טאַטן, דאָס קינד אין דעם יידישן לעבן, נאָר אויך די ביטערע דאָליע פון אָרעמען פויער, אין פעלד און אויפן מאַרק, ווען ער קומט פאַרקויפן זיין ביסל קאָרן פון פעלד, וואָס ער און זיין הויזגעזינד האָבן אַראָפּגענומען. („דאָס ביסל קאָרן וואָס אַנטאָש האָט אַראָפּגענומען פון פעלד“...).

אין רייזענס דערציילונגען איז נישטאָ קיין טיפקייט, אויסטערלישעס, דאָס איז אַ מעלה ביי רייזענען; אַז מען וויל איז דאָס אויך אַ מעלה ביי אַנדערע פּראָזע־שרייבער. רייזען זעט „בלויז“ דעם שוסטער, שניידער, בעקער, דעם אַרבעטער־האָרעפּאַשניק. אָבער אָפּגעזען פון רייזענס טיפע סימפּאַטיעס צום אונטערדריקטן זאָגט ער אַליין, אַז ער איז „שיעור נישט געוואָרן אַן אַנטייל־נעמער פון דער אַרבעטער־באַוועגונג“. ער איז נישט געוואָרן קיין דירעקטער אַנטיילנעמער, ווייל ער האָט זיך נישט געקאָנט פאַנאַנדערקלייבן אין די פּראָגראַמען...

ער האָט אָבער אָנגעצונדן די הערצער פון דער יוגנט, פון די טרע־גער אין לאָדזש מיט זיינע לידער „פלאַטערט, פלאַטערט פאָנען, איבער קעפּ אָן צאָל“....

די פאָנען, וואָס האָבן גערופן צום קאַמף „קעגן פאַלשקייט, קעגן שקלאַפעריי“, זענען אויך געווען רייזענס פאָנען. „העי, פאָנען מיינע פאָנען, אין גלויטיקע קאָלירן!“

אין רייזענס אַ דערציילונג „נייע באַלעבאַטים“, רעדט ער וועגן אַ רב, וואָס ווערט אַראָפּגעבראַכט קיין ניו־יאָרק, פון לאַנדסלייט אָלרייט־ניקעס. זיי לערנען אים, דעם רב, ער זאָל דערלאַנגען אַ „ספּיטש“, אַז אַ רויד זאָל גיין...

די דערציילונג, ווי מיר ווייסן, איז געווען אַ שטיק פון זיין אייגענער איבערלעבונג....

הגם, רייזען האָט צום סוף אָפּגעווייכט אַ ביסל פון זיינע אידעאַלן... האָט ער דאָך געזאָגט: „איך האָב ליב מיין דור, מיין דור פון אידעאַלן, און ביז מיין לעצטן לעבנסיאָר זיין ליכט וועט אויף מיר פאַלן“. איז ער טאַקע געבליבן אונדזער פאָלקישער דיכטער, דער אברהם רייזען פון גמרא־ניגון, „מאָסקווער גאַסן“, „ערשטער מאַי“. דער דיכטער פון אָרע־מען, עלענדן פאָלק...

אברהם פּאָלאַנסקי,
דער פֿאָלקס־קינסטלער און לאָדזשער לאַנדסמאַן

פּאָלאַנסקי איז געווען אַ קינד פֿון האָרעפּאַשנעם פֿאָלק. געבוירן אין דער ריזיקער אינדוסטריעלער, פֿילפֿאַרביקער שטאָט לאָדזש, די שטאָט, וואָס האָט אַרויסגעגעבן פֿיל קינסטלער און קולטור־שאַפֿער, וועלכע האָבן שוין אין די קינדער־יאָרן געגאַרט צו אַ מענטשלעכער און יושרדיקער איינשטעלונג, פֿאַר אַ וועלט אָן עקספּלאָאַטאַציע.

זייענדיק ביים פֿאַך אַ פֿאַרבער, האָט פּאָלאַנסקי שוין אין די קינדער־יאָרן געהאָלפֿן צעברעכן די קייטן פֿון אונטערדריקונג.

אין די יאָרן פֿון אויפֿברויז, ווו לאָדזש איז געלעגן אונטערן יאָך פֿון צאַריזם, האָט פּאָלאַנסקי, אַלס חדר־ייִנגל גענומען רעוואָלטירן קעגן די איינגעשטעלטע מנהגים.

זיין וועג האָט ער אָנגעצייכנט. אַנשטאָט חדר און ישיבה, אָנשטאָט אַבערגלויבן און געהאָרכזאַמקייט, האָט ער אָנגענומען דאָס וועלטלעכע, דעם שטורעם און אויפֿברויז, דעם פֿאָרויסמאַרש צו ליכטיקע מאָרגנס.

אין מאָלן איז פּאָלאַנסקי געווען אַ מייסטער. ער האָט געזען די שפּראָצונג פֿון אַ גרעזל, די בליונג פֿון בעז, די שיינקייט פֿון בלומען און רויזן, די גרינקייט פֿון אַ בלעטל אין פֿרילינג, דעם בלויען און גרויען הימל, דעם אָנגעפּאַלענעם ווייסן, פֿוכיקן שניי אין ווינטער, דאָס יונגע און אוראַלטע פֿון דער נאַטור. דאָס אַלץ און נאָכמער האָט ער געגעבן אין פֿאַרשידנאַרטיקע פֿאַרבן, מיט צאַרטקייט און נשמה־געפֿיל.

פּאָלאַנסקי האָט אין זיין קינסטלערישער אַרבעט זיך אַרויסגעהויבן פֿון טאָג־טעגלעכן לעבן, איידער ער האָט געמאָלן דאָס טייכל, די סטעזשקע, דעם נעגער אין „טשעין־גענג“, האָט ער לאַנג געטראַכט און געזוכט די פֿאָרמען. ווען די סכעמע איז געווען אַריינגעדרונגען אין זיין האַרץ

און נשמה, האָט ער פּיבעריש געאַרבעט; עס האָט אים אויסגעפּעלט אָטעם און צייט, געוואָלט איבערלאָזן אַ רייכע פּילפּאַרביקע ירושה...

ער איז געווען אַ פֿאָלקס־מענטש און פאַרמאָגט אַן איינגעבוירענעם קינסטלערישן טאַלאַנט, ער איז געווען איינער פֿון די זעלטנסטע, וואָס אונדזער פּראָגרעסיווע באַוועגונג האָט פאַרמאָגט.

אבֿרהם פּאָלאַנסקי איז געווען אַ לערער פֿון סקולפּטור און מאָלעריי אין די קינדער־שולן אין ניו־יאָרק, שפּעטער אין שיקאַגאָ און טיילוויז אין די לאָס אַנדזשעלעסער קינדער־שולן פֿון דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג.

די לעצטע צוויי יאָר איז ער געווען אַ פרייוויליקער קינסטלער־לערער אין „גערישווער"־שפּיטאָל, ער איז געווען אויפֿן סטעפּ פֿון קומען יעדן מיטוואָך און פרייטיק, ווו עס איז זייער אָפּגעשאַצט געוואָרן זיין ביישטייער. ער איז מיט די פּאַציענטן געגאַנגען אין „אַרט־מוזעום", גרופּן גענומען צו זיך אין הויז, כּדי בעסער צו דערקלערן דעם אופֿן פֿון פאַרבן אין בילדער.

פּאָלאַנסקי האָט געהאַט אויסשטעלונגען, באַקומען פּריזן, אָנערקענונג, אויסצייכענונגען און לויב, אָבער געלעבט האָט ער פֿון זיין אַ האָרעפּאַשניק. הונדערטער בילדער און צענדליקער סקולפּטורן האָט ער איבערגעלאָזט, זיך קיינמאָל נישט באַגנוגנט מיט זיין קענטעניש, נאָר כּסדר ביז שפּעט פאַרטאָג, ספּעציעל די לעצטע יאָרן, האָט ער געזוכט און געפאָרשט אין די ביכער פֿון מיקעל אַנדזשעלאָ, דיעגאָ ריווערא, מאַרק שאַגאַל, פּיקאַסאָ, באַגײַסטערט אין דער הײַנטצײַטיקער און טויזנט־יאָריקער געשיכטע פֿון קונסט, זיך אַלץ מער פאַרטיפט אין זיין שאַפֿן.

די לעצטע יאָרן, ווען ער האָט זיך טיילוויז צוריקגעצויגן פֿון דער שווערער פּראַצע, האָט ער באַקומען מער צייט זיך צו פאַרטיפן אין סקולפּטורן. אַזוי האָט ער געשאַפֿן „פּראַגמענטן" פֿון יידן אין געטאָ", פֿון זעקס מיליאָן יידן, וואָס דער נאַציזם האָט פאַרטיליקט, געמאָלן דעקאָראַציעס צו די געטאָ־מעמאָריאַלס.

דאָס געשפּענסט פֿון די אומגעבראַכטע זעקס מיליאָן יידן, דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, האָט אים נישט געלאָזט צורו. שלאָפלאָזע נעכט האָט דאָס אים פאַרשאַפט...

אין סקולפּטור האָט פּאָלאַנסקי באַוויזן צו געבן דעם גרויל פֿון מלחמה. ער ווייזט — עס פאַלן באָמבעס פֿון עראָפּלאַנען, אַ פרוי לויפט

מיט אַן עופעלע אויפֿן אָרעם און דאָס צווייטע פּיצעלע קינד שלעפּט זי מיט דער לינקער האַנט, זי לויפֿט אַ דערשראָקענע זיך ראַטעווען...

אָט, גייט אונדז פּאָלאַנסקי א פּויערטע, א יונגע פּאַרטיזאַנטקע מיט אַ ביקס אין האַנט, אין האָלץ־שניט. און אָט איז נאָך אַ טראַגיש בילד אין קלעי: אַ גרופּע אומגעבראַכטע יידן אין איין קנויל. און נאָך אַן איינדרוקספול, טראַגיש בילד: אַ מאַמע האַלט אַרומגענומען אירע צוויי קינדער אין מאַרש צו די גאַז־קאַמערן...

צו די פּייערונגען פון די געטאָ־אויפשטאַנדן האָט פּאָלאַנסקי געמאָלן געטאָ־בילדער און דעקאָראַציעס, וועלכע זענען געווען אין די ראַמען פון שפּאַנענדיקסטן קאַמף און מאַסן העלדן־טויט פון דער טויזנטיאָריקער יידישער געשיכטע פון פּוילישן יידנטום.

אָט, ווייזט ער מיר א סקולפּטור „זעלבסט־פּאָרטרעט“, וואָס ער האָט פאַרענדיקט די לעצטע מינוט... און אָט, ערשט, פאַר זיין אַוועקפאָרן נאָך שיקאַגאָ, מיט זיין פרוי יאַניאַ, ווו ער איז נאָך עטלעכע טעג זיין אין שפּיטאָל געשטאָרבן, אָט „נעכטן“ האָט ער גערעדט צו מיר מיט נאָסטאַלגיע וועגן זיין היים־שטאָט לאָדזש, דאָרט ווו עס זענען געשטאַנען באַריקאַדן און דאָרט ווו ער, דאָס חדר־ייִנגל אברהם פּאָלאַנסקי, האָט זיך באַטייליקט אין דער ערשטער דעמאָנסטראַציע קעגן דער צאַרישער הערשאַפט. „אוי, וואָלט איך וועלן זיין דאָרט אויף די היסטאָרישע פּלעצער און מאָלן... געבן דאָס אַ מתנה דעם איצטיקן באַפרייטן פּוילן, יאָ, איך טראַכט נאָך... כ׳על פאָרן...“

גינאַ מעדעם — איר „לעבן און שאַפן“

אין שרייבן, ווי אין רעדן רייסט גינא מעדעם מיט דעם לייענער און צוהערער. זי איז רייך אין אירע באַשרייבונגען און שילדערונגען, אזש — פאַנטאַסטיש, טרוימעריש, רעאַליסטיש, פּאָעטיש. אין אַלץ וואָס זי שרייבט און דערציילט קומט צום אויסדרוק דער שאַרפער, היסטאָרישער הינטערגרונט.

דאָס בוך „לענדער, פעלקער, קאַמפן“ אַרויסגעגעבן פון דעם גינא מעדעם בוך־קאָמיטעט אין ניו־יאָרק — לאָס אַנדזשעלעס, איז אַ זאַמלונג פון 3—4 צענדליק יאָרן זשורנאַליסטישער אַרבעט, וואָס זי האָט אין זיך איינגעזאַפּט בעת אירע רייזעס אין פאַרשידענע וועלט־טיילן, ווען זי איז געפאָרן מיט שיפן, באַנען, פערד און וואָגן. דאָס איז אַ פאָרזעצונג פון גינא מעדעמס „א לעבנסוועג“ ארויסגעגעבן דורכן איקוף־פארלאג, ניו־יאָרק, 1950.

„לענדער, פעלקער, קאַמפן“ איז אַ קרעאַטיוו בוך מיט אַ קרעפטיק אינטערעסאַנטן, פאַרשידנאַרטיקן מאַטעריאַל, וואָס האַלט געשפּאַנט דעם לייענער. אויף די 330 זייטן פון בוך ברענגט גינא מעדעם אַרויס „טייערע געשטאַלטן פון פיר קאָנטינענטן“. גינא מעדעם גייט לייכט איבער פון יידיש אויף שפּאַניש, פון ענגליש אויף פראַנצויזיש, פון רוסיש אויף יידיש, פון פויליש אויף דייטש, ווער קאָן זיך צו איר פאַרגלייכן אויף דער יידישער פּראָגרעסיווער גאַס? איך ווייס אויך נישט ווער עס קאָן זיך מיט איר פאַרגלייכן אינעם אופן פון אַרויסברענגען איינדרוקן, פאַסירונגען פון איר קינדהייט, ווען גינאַ איז אַ קליין מיידעלע געווען אין דער שטאָט טאָמאַשאָוו?

אין אירע רייזע־באַשרייבונגען נעמט אייך מיט די אויטאָרין איבער פיל שטעט און לענדער, באַקאַנט אייך מיט די מנהגים און לעבן פון פעלקער, אַז איר זענט דאַנקבאַר דער שרייבערין פאַר אירע איינדרוקספולע און אינטערעסאַנטע דערינערונגען. סיי אין איר רעדן און סיי אין

איר שרייבן ווערט מען אַריבערגעטראָגן איבער ווייטע לענדער מיט זייער קאָלאָריט, מיט דער לאַנדשאַפט און מענטשן. גינא מעדעם ברענגט דעם לייענער אין קאָנטאַקט מיט דער וועלט און — מיט די פּראָגרעסיווע פאָלקס־מאַסן, וואָס ווערן אייך נאָענט און אייגן.

אין ערשטן קאַפּיטל „פון טשערנאָוויץ ביז ירושלים" שילדערט זי „דעם טיף רויטן זונען־אונטערגאַנג אין ים ביי סאַנטאַ מאָניקאַ". דאָס איז אַן אַריינפיר פון „מעטאַפאָרן" דער שייכות פון ירושלים ביז סאַנטאַ מאָניקא איז אן אָנצוהערעניש, וואָס זי גייט דערציילן וועגן טערקיי, פּאַלעסטינע, איבער אַלע שבעה ימים.

אין איר שרייבן ווי אין רעדן גיט אונדז גינא מעדעם: מוזיק, דיאַלאָגן, געזאַנג, דראַמע, געשעענישן פון „על אם הדרך". אין איין אָטעם־פאַרכאַפּנדיקן פערז גיט אונדז די שרייבערין אַ צען טויזנט־מייליקן שטח.

און ווו זי זאָל ניש קומען, פאַרנעמען די מענטשן דעם אויבנאָן, ווייל זי האָט זיי ליב, פּונקט ווי די מענטשן האָבן זי ליב און שאַצן אָפּ איר גרויסקייט און פּשטות. דערפאַר ווייל זי האָט ליב דעם פאָלקס־מענטש, קאָן זי פאַרגעדענקען צענדליקער און אפשר הונדערטער נעמען: שפּאַנישע, יידישע, רוסישע, טאָטערישע, בעדואינישע, פראַנצויזישע און פיל אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן. ספּעציעל די נעמען, וועלכע זענען דורכגעדרונגען מיטן גייסט פאַר אַ גערעכטער וועלט — אַזוי ווי גינא מעדעם איז.

די שרייבערין פאַרמאָגט אַ ניש געקינצלטע שפּראַך, איר ווערט מיטגעריסן פון איר אַרט שרייבן און רעדן. ביי גינא מעדעם איז נאַטירלעך „אַ שפּרונג טאָן" פון סאַנטאָ דאָמינגאָ קיין לובלין... פון קובאַ קיין וואַרשע, פון ביראָבידזשאַן קיין ניו־יאָרק און אַלץ אין איין פאַרבנרייך פאַרכאַפּנדיקן אָטעם.

ווען גינאַ מעדעם רייזט איבער קאָנטינענטן און זי קומט אָן אין אַ ניי לאַנד, אין אַ שטאָט צו „פרעמדע" מענטשן, האָט זי ליב פּשטות, היימישקייט, האָט הנאה פון זיצן אין ארץ ישראל פּראַווען דעם פּסח־סדר מיט אַ היימישן טישטוך פון זשיראַרדאָווער לייוונט, וואָס זי זעט ביי אַן אַלטן קאַרטאָפל־הענדלער פון פּולנאָצנע גאַס, אין דעם אַמאָליקן וואַרשע.

„מיר איז אויך געפעלן געוואָרן דער פאַקט, וואָס מען האָט מיך באַהאַנדלט ניש ווי אַ גאַסט, נאָר חבריש און וואַרעם". גינא מעדעם וויל ניש זיין קיין אויסדערוויילטע. אומעטום, ווו נאָר זי קומט, זוכט

זי גישט די אינטעלעקטואַלן, שרייבער, מאָלער, פּאָעטן וכדומה, נאָר חלוצים אין הייליקן לאַנד, שטאָל־אַרבעטער אין פּיטסבורג, האַרעפּאַשני־קעס אין פּאַריז, ווייל זי האָט ליב עמך, „שער און אייזן". ווען גינא מעדעם באַגעגנט זיך מיט אַ פּראָפעסאָר, אַ געלערנטן, איז עס נאָר ווייל זי וויל זיך באַקענען מיט אינפאָרמאַציע, וואָס זאָל זיך אַריינפּאַסן אין די ראַמען פון אירע — „באַאָבאַכטונגען".

איידער גינא מעדעם קומט אָן אין אַ לאַנד, אַ שטאָט, וואַרט מען אויף איר מיט גרויס ליבשאַפט. זי פאַרצייכנט אַלץ אין זכרון, זאַפּט איין פּאַסירונגען, ווי אַ שוואָם. איר מוח איז אַן ענציקלאָפּעדיע. זי ווערט „פּאַן בראַט" מיטן פּשוטן פאָלק, קיין זילבע גייט נישט פאַרלוירן פון איר געדאַנק, זי פאַרגערנקט דאָס גוטע ווי דאָס שלעכטע: עס גייען איר נאָך די פּאָגראָמען אויף יידן אין אַלטן פּוילן, רומעניע, שפּעטער — היטלער, פראַנקאָ, פּעראָן, און מוסאָליני...

ווען גינא מעדעם רעדט וועגן דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע קאָן זי נישט פאַרבייגיין די מנחם־מענדלס, די געלע יידישע הויט פון קאַבצאַנסקן לעבן.

די אָקטאָבער־רעוואָלוציע ווערט אין בוך „לענדער, פעלקער, קאַמפן" געקניפּט און געבונדן מיט דער רעוואָלוציע פון פּאַריז, ווען מ'האָט גע־משפט דעם קעניג פון 1789 פאַר זיינע פאַרברעכערישע מעשים. אָבער די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט געזיגט און די פראַנצויזישע איז געבליבן בלויז אַ שטן פון — פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט.

צוויי יאָר האָט געדויערט אירס א רייזע איבער מערב־אייראָפּע, סאָ־וויעטנפאַרבאַנד, בירָאָבידזשאַן, בעלגיע, פראַנקרייך און די סקאַנדינאַ־ווישע לענדער. גינא מעדעם איז די ערשטע יידישע פּראָגרעסיווע פרוי פון אַמעריקע, וואָס ברענגט צוריק פאַרבנרייכע שילדערונגען פון קרים, אוקראַינע. ביי גינא מעדעם איז צייטנווייז פאַראַן אַ דין שנירל הומאָר, אַ האַרעלע סאַטירע. זי האַלט זיך נישט צוריק פון אַ „זאָג טאָן"...

פיין געשילדערט זענען אירע איינדרוקן איבער ימען, אויף שיפן; זי זעט יעדן פּאַסאַזשיר, מענער, פרויען; וואָכן לאַנג באַוועגט זיך די שרייבערין איבערן פּאַציפיק און אַטלאַנטיק, אין ערגעץ איז זי נישט קיין זייטיקער צושויער, זי געפינט אויס וואָס עס טוט זיך אונטערן האַרץ פון יאַפּאַנער, אונטערן נאַגל פון כינעזער, ביי אַ געליבטער, וואָס פאַרט צו איר חתן... גינא מעדעם זעט די שיינקייט פון ים און הימל, האָט אַ ליבשאַפט צו אַ הינטל, וואָס געפינט זיך אויפן שיף. די שרייבערין

רעדט מיט באַגייסטערונג וועגן אַ קעצל, פּונקט ווי דאָס וואָלט געווען אַ טייל פון איר רייזע און אַ גרויס פאַרגעניגן.

אָט, דערזעט זי א פּיצינקע פייגעלע אויף דער שיף, ווייזט זי אַרויס צום שוואַכן באַשעפעניש ליבשאַפט און צערטלעכקייט.

גינא מעדעם טיילט איין די געזעלשאַפט אין צוויי טיילן: אָנגעפּרע־טענע רייזנדע, פון מכל המינים, דינער פון דער אומגערעכטער קאַפּיטאַ־ליסטישער געזעלשאַפט און דעם האָרעפּאַשנעם קלאַס, ספּעציעל ווען עס קומט צום סאָוויעטישן מענטשן: אַלץ איז זייערס: דער טייך, די שיפן, די בערג, פאַבריקן און דאָס גאַנצע לאַנד. דער 63־יאָריקער מאַט־ראָס דזשעקסאָן, אַרבעט שוין 45 יאָר אויפן ים, ער האָט אַ קליין פּנים, בלויע אויגן און אַ נאָז ווי אַ פויגל, ער וועט אַרבעטן אויף דער שיף ביז ר'עט שטאַרבן, ווייל קוים גייט ער אַוועק — וועט ער אויסגיין פון הונגער. דאָס איז די אַנאַלאָגיע פון אַרבעטער אין אַ סאָציאַליסטיש לאַנד און די, וואָס אַרבעטן פאַר הונגער־לוין אין דער „פרייער" גע־זעלשאַפט.

גינאַ מעדעם ווערט מיט פרייד אויפגענומען אין יאָהאַנעסבורג. זי שילדערט אַ קריגס־טאַנץ — אַ גאַנצע וועלט מיט קאָלירן, פּראַכט פון דזשונגל און מדבר... עס בושעוועט די שלאַכט... אַ פאַרוויילונג פון ליידנשאַפט, אויסברוכן פון נאַטור־קראַפט. אַנדערש איז אין דער „טיי־גאַ": סאָוויעטישע און קאָרעישע יעגער יאָגן זיך נאָך חיות, זיי גיבן דאָס אַוועק אין די קאָלעקטיווע ווירטשאַפטן, די „טייגאַ" הילכט פון האָלץ־זעגן, פון שאָסן פון יעגער, טראַקטאָר־געפייף. די יוגנט אויף די פעלדער... עס צעשפּילט זיך די האַרמאָשקע אָך, איז דאָס אַ לעבן!

אין דער וועלט וווּ דער אַרבעטער איז פאַרשקלאַפט ביי דעם „באָס" און „מאַסטער" פון די ווייסע הערשער זעט זי דאָס אַפריקאַנער פאָלק שרייען:

„גיב אַוועק צוריק מיין לאַנד אַפריקא!".

אין יאָר 1933 געפינט זיך גינא מעדעם אין דייטשלאַנד, זי זעט דעם אָנהייב פון היטלערס באַנדעס. די געפאַר פון ברוינעם עס־עס־מאַן זעט זיך שוין אין גאַסן, שפּאָנען פאַרשן יעדן אויסלענדישן זשורנאַ־ליסט. דורך די פענצטער פון באַן דערזעט זי די ערשטע סוואַסטיקעס. שפּעטער: דורך היטלער־לאַנד קיין שפּאַניע, קיין פּאַריז, קובאַ, מעקסי־קע און אַנדערע לאַטייניש לענדער — אַ רייזנדע זשורנאַליסטין.

ווען גינא מעדעם איז אָנגעקומען קיין שפּאַניע פאַרצייכנט זי אין בוך:

„אַ מערקווירדיק-וואַרעמער שטראָם איז מיר אַדורך איבערן קערפּער. עס איז אוממעגלעך אויסצודריקן דאָס געפיל, וואָס האָט מיך פאַרכאַפּט: אַ געמיש פון פרייד צו האָבן דערגרייכט דעם ציל“, און ווייטער: און נאָך אַ געפיל איז דאָ געווען: „דו קעמפסט פאַר אַ לאַנד, וואָס האָט שוין אין איין יאָר צייט, געגעבן אַ דאַך איבערן קאָפּ און אַ שטיקל ברויט 28 טויזנט פוילישע און דייטשישע יידן, אַנטלאָפענע פון פאַשיסטישע רעגירונגען“. אַזאַ וואַרעמער שטראָם האָט אויך מיך אַרומגענומען, לייענענדיק גינא מעדעמס בוך „לענדער, פעלקער, קאַמפן“.

משה וויינשטיין — דער דיכטער און פאָלקס־מענטש

אין זיינע לידער איז משה וויינשטיין געווען דער דיכטער פון אומעט, פונקט דער היפּוך פון דעם, וואָס ער איז געווען אין רעאַלן לעבן. אַ מענטש מיט זעלטענע טאַלאַנטן האָט ער אַריינגעטראָגן פּייערלעכקייט און געמאַכט אַ גרויסן בייטראָג לטובת דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג מיט זיינע מוזיקאַלישע אינסטרומענטן. מ. וויינשטיין איז אויך געווען אַ גראָ־סער דערציילער פון מעשיות.

איך בין געווען אַן אָפטער אַריינגייער צו אים אין זיין באַשיידענער היים. קיין איינציק מאָל האָט ער נישט פאַרפעלט אויסצוזוכן עפּעס אַ גייעס פון זיינע מוזיקאַלישע קענטעניש און מכבד זיין די געסט. אָפט, ווען איך האָב געזען ווי לייכט זיינע פינגער באַוועגן זיך איבער די מוזיקאַלישע אינסטרומענטן, איז דאָס פאַר מיר געווען דער גרעסטער וואונדער...

העגט האָט משה וויינשטיין געהאַט שווערע, מיט מאָזאָליעס, פון צוויי צענדליק יאָר זיין אַ הויז־פּאַרבער אין אַמעריקע; ווי גאָר ער האָט באַרירט די סטרונעס און קלאַווישן פון דער פּיאַנאָ, זענען זיינע הענט געוואָרן עלאַסטיש און האָבן אַרויסגערופן צאַרטע און קלאַסישע טענער.

ווען משה האָט זיך געזעגנט מיט דער וועלט איז ער אינגאַנצן אַלט געווען זיבן און פופציק יאָר, נאָר אין לעבנס־דערפאַרונג איז ער געווען רייך אָן א שיעור...

אָנהייב צוואַנציקער יאָרן בשעת דער רוסישער רעוואָלוציע און בירגער־קריג, האָט ער זיך פרייוויליק געמאָלדן אין דער רויטער אַרמיי. האָט געדינט צוויי יאָר אין קיעוו, נאָכדעם באַשטימט געווען אַלס פאַר־וואַלטער אין אַ „ראַבאָטשע“ קלוב (אַרבעטער־קלוב) געווען רעזשיסאָר, געשריבן און געשפּילט טעאַטער, זיך באַטייליקט אין אַ סימפאָנישן אָר־קעסטער אַלס טשעליסט, געשפּילט פידל, פּיאַנאָ, קלאַרנעט, באַגעגנט זיך מיט דער „קיעווער שרייבער־משפחה“ און געמאַכט אַליין אַ גרויסן ביי־

טראָג לטובת דעם נייעם לעבן אין קיעוו, פון וועלכן ער איז קיינמאָל נישט מיד געוואָרן צו דערציילן.

אַלס ייִנגל נאָך פלעגט ער שפּילן פּיאַנאָ אין די שטילע קינאָ־מאַטאָ־גראַפן, אין קאָוועל. די עלטערן אָרעמע, האָבן דערפילט, אַז משה איז אַנדערש פון אַנדערע ייִנגלעך, האָבן זיי אים געהאָלפן, געשיקט צו אַ מוזיק־לערער. מיט זיין קלאַוויר שפּילן אין פוילן האָבן זיך פאַרנומען נאָר בלויז „וווילע־האָבנדיע" דאַמען און „פּאַניענקעס" פון סוחרישן און אַריסטאָקראַטישן קלאַס, אַ יונגערמאַן ווי משה, איז געווען אַ פענאָמען, אַ זעלטנהייט, ביי נישט פאַרמעגלעכע עלטערן.

אין יאָר 1933 האָט משה וויינשטיין אַרויסגעגעבן אין זיין היים־שטאָט, קאָוועל, זיין ערשטן בוך לידער „פון מיין גאָרטן". דער וואָר־שטווער „מאָמענט" האָט דעמלט געשריבן, אַז „דאָס זענען לירישע פאָלקס־לידער, עטוואָס אַנעקדאָטיש, עטוואָס הומאָריסטיש, עטוואָס טרויעריק... דערביי איז ער זייער בילדלעך, רעאַליסטיש, און נישט באַ־רויבט פון אמתער פּאָעטישער, הגם אומאַנטוויקלטער קראַפט... פאָרם פעלט, אָבער דער קינסטלער, דער חכם איז דאָ!".

משה האָט נישט געמאַכט קיין צו גרויס וועזן פון זיין מוזיקאַלישער קענטעניש, פון ליטעראַטור און אַנדערע קענטענישן, וואָס ער האָט פאַר־מאָגט, ווייל אין זיין נשמה איז ער געווען אַ פאָלקס־מענטש און דורכאויס פיינט געהאַט גרויס־האַלטער.

ער איז געווען גוט באַהאַוונט אין דער ייִדישער קלאַסישער און מאָדערנער ליטעראַטור, ער האָט פאַרמאָגט אַ וווּנדערבאַרן זכרון און ציטירט פליסיק גערדאַנקען פון פיל באַרימטע שאַפער.

משה וויינשטיינס צווייט בוך לידער אונטער דעם זעלבן נאָמען „פון מיין גאָרטן" מיט אָריגינעלע צייכענונגען פון באַוווסטן מאָלער דוד בעקער, איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין שיקאַגאָ אין יאָר 1940. אויך די לידער, ווי אין זיין ערשט בוך, זענען פעסימיסטיש, ערנסט, סאַטיריש, פּראָטעסטאַרטיק קעגן הונגער, און אומגערעכטיקייטן פון דער רייכער אמעריקע לגבי דעם האָרעפּאַשניק, דעם אָרעמאַן.

ער זאָגט דאָרט אין אַ ליד:

„באַהאָנגען מיט צירונג — אַ כלה פול חן, איז מיין לעבן.
דעם ביטערן ווי גאַל, געקומען די נויט אַ פאַרפוצטע צוגיין...

אַזוי זענען מירביידע פאַרבליבן מאַן און ווייב און וויינען
אין קעלער צווישן נאַסע פיר ווענט, ביינאַכט מיך אומאַרעמט
איר מאָגער לייב!
און ביי טאָג שפּאַצירן מיר אונטער די הענט".
און ווייטער:
„פינף טעג אין וואָך כ'טאַפּטשע אויף אַ ברעט, וואָס ליגט אויף צוויי
לייטערס און וואָרקען ווי טויבן.
כ'פויזע ווי אַ שפּין אין דער לענג, אין דער ברייט,
ביז פינצטער הענגט נאַכט אויף די שויבן".
אין אַ יושרדיקער געזעלשאַפט, וואָלט משה וויינשטיין געווען אײנער פון די באַדייטנדיקסטע אָנגעזעענע מענטשן אויפן געביט פון מוזיק. ער וואָלט געמאַכט אַ גרויסן ביישטייער צו אַלץ וואָס איז נוגע די ברייטע יידישע פאָלקס־מאַסן, ער וואָלט נישט באַדאַרפט שטיין אויפן לייטער „טאַפּטשען אויף אַ ברעט", כדי פאַרדינען אויף חיונה.
זייער אָפט איז אים די אַרבעט געווען שווער, באַזונדערס די לעצטע יאָרן, ווען ער האָט באַקומען אַ האַרץ־פעלער. ער פלעגט זיין מער אין דער היים, ווי ביי דער אַרבעט. משה האָט ליידיק אָבער נישט געקאָנט זיצן, האָט ער צוזאַמענגעשטעלט אַ „קראַנץ לידער" פון יידישע נגונים, פאָלקס־לידער, מעלאָדיעס פון א. גאָלדפאַדען אד"גל. זיך אריינגעלעבט אין דעם מיט ליבשאַפט און אַליין געשעפּט באַגייסטערונג.
„העלער זיך צו רפאל, צו די טענער, פלעגט ער זאָגן ביי זיך אין דער היים, ווען ער האָט געפירט די האָרעפּאַשנע פינגער איבער די קלאַ־ווישן אָדער „געצופּט" די סטרונעס פון דער מאַנדאָלינע, „דאָס איז בראַמס", און אַ מינוט שפּעטער — „דאָס איז טשאַיקאָווסקי", און דאָס איז ——— דו דערקענסט אין דער מוזיק דעם יידישן ניגון פון ——— יאָ, האָבן מיר איינגעשטימט. „מוזיק איז אינטערנאַציאָנאַל, איין פאָלק שעפּט פון צווייטן און דאָס ברענגט פרייד צו דער מענטשהייט".
באַלד פאַרטראַכט ער זיך אַ רגע, לאָזט אָפּ די האָרעפּאַשנע הענט פון דער פּיאַנאָ און זאָגט:
„און איך בלייב דער זינגער פון נויט און פון הונגער".
משה האָט זיך געקוויקט מיט אַ ניי יידיש בוך פון די שרייבער, וואָס זענען פאַר דעם המשך פון אונדזערע יידישע קלאַסיקער, מיט די שריפטן, וואָס רופן צו יושר, שלום, צו הומאַניזם און פעלקער־פאַר־ברידערונג.

רייך איז געווען זיין קינסטלערישע נשמה, גוט איז געווען זיין האַרץ, מיט פיל פרייד האָט ער אנטקעגן געטראָגן צום פאָלקס־מענטש, די שעפער פון מוזיק, וואָס זענען געווען ליריש, צאַרט און מענטשלעך.

משה וויינשטיין איז געווען באַשיידן ביז גאָר. זיך נישט געשטופּט צו דער מזרח־וואַנט, נאָר שטיל מיט עניוות האָט ער אין זיך געטראָגן די ירושה פון די גייסטער, וואָס האָבן געבראַכט אַ ליכטיקן שטראַל צו דעם אַרבעטס־מענטש און האָרעפּאַשניק.

אין בוך „מיין בלוט איז אויסגעמישט" פון ברוך אָליצקי, (איקוף־פאַרלאַג 1951) איז דאָ אַ פאָטאָגראַפיע פון משה וויינשטיין, יונה ראָזענפעלד, ברוך אָליצקי, אברהם סעגאַל און אַ שול־מיידל. דאָס זענען געווען יוגנט־חברים, וועלכע האָבן געמאַכט אַ גרויסן ביישטראָג צו דער יידישער ליטעראַטור אין זייער צייט.

עטלעכע שעה פאַר זיין טויט, האָט זיין פרוי חוה אים געזען אין שפּיטאָל, משה איז געווען גוט אויפגעלייגט, געטראַכט פון לעבן...

„משה, שטאַרק זיך, עס איז היינט אָנגעקומען אַ בריוו פון... אַז דו וועסט מער נישט דאַרפן אַרבעטן, אַ פאַרזיכערונג...." האָט חוה געזאָגט פאַרן אַוועקגיין. אָבער די „פאַרזיכערונג" איז געקומען צו שפּעט...

געבן די ווייסע קלאַווישן זענען געבליבן שטיין די נאָטן פון בראַמס „אונגאַרישע טענץ", די נאָטן פון טשאַיקאָווסקי, ניגונים פון גאָלדפאַדען, אויף דער פּיאַנאָ ליגט איינזאם די מאַנדאָלע און מאַנדאָלינע און צווישן ליגט דאָס „פאַסטוך־פייפל", וואָס פלעגט אַרויסגעבן צאַרטע טענער דורך משהס ליפּן.

די מוזיקאַלישע אינסטרומענטן ליגן שטיל, בענקען נאָך דער באַרירונג פון דעם אַרבעטער, דיכטער און קינסטלער — משה וויינשטיין.

דער דיכטער ל. גאָרעליק

גאָרעליקס ערשט בוך לידער איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון דער ליטעראַריש־דראַמאַטישער געזעלשאַפט פון קליוולאַנד אין יאָר 1919.

ל. גאָרעליק שטעלט זיך דעמאָלט פאָר פאַרן לייענער:

„איך בין ווי אַ ווייך ביימעלע,
וואָס וווינט גאַנץ אַליין אויף אַ פעלד,
עס ליידט אינעם זומער פון היצן,
אינעם ווינטער ליידט עס פון קעלט".

כדי דער לייענער זאָל זען, אַז ער שפּילט זיך נישט גלאַט מיט שיינע ווערטער, ווייזט ער באַלד די עכטקייט פון ליד און די אָרעמקייט אַרום אים:

„נישטאָ קיין בלום אין הויז ביי מיר, עס וואַקסט קיין
גרעזל אויף מיין הויף,
און יעדן טאָג אַ פעדלער קומט און קלייבט די שמאַטעס
דאָרט צונויף".

שוין דעמאָלט האָט דער דיכטער געפילט, אַז סתם זינגען און נישט זען דאָס רעאַלע לעבן „פון דעם רייכסטן לאַנד אין דער וועלט", בלויז זינגען צום אַלטאַר פון „קונסט" זענען אויסגעחלומטע וועלטן.

גאָרעליק איז געווען איינפאַך אין זיינע לידער, ספּעציעל ווען ער האָט געשריבן פאַר קינדער. און קינדער־לידער האָט ער געשריבן אַ סך. זיינע פערזן זענען געווען קורץ און שפּילעוודיק, כאָטש לייִדער, וויט נישט געגנוג געשליפן.

אין זיין שרייבן איז ל. גאָרעליק אָפט געווען שטיפעריש, כאָטש אין לעבן איז ער געווען ערנסט און צוריקגעהאַלטן:

„געליבטע, דו ביסט הייליק
און הייליק איז דיין צימער,
נאָר בעט ביי מיר אַ דרייער
פאַר אַלע הייליקטימער...“

גאָרעליק איז געווען דער דיכטער, וואָס האָט ליב געהאַט צו רעאַגירן אויף אַלע וועלט־געשעענישן, וועלכע האָבן אָנגערירט די סאַמע טיפענישן פון מענטשלעכן לעבן, ווייל שוין אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז ער אַרויסגעטראָטן קעגן אומברענגען אומשולדיקע לעבנס.

גאָרעליק האָט אחוץ לידער געשריבן פעליעטאָנען, סקיצן, דערציילונגען אד"גל. זיינע שריפטן האָבן זיך געדרוקט אין „הומאָריסטישן דעקלאַמאַטאָר“, „יידישע אַרבעטער וועלט“, „יידישער רעקאָרד“, „נייער דור“, „דאָס יידישע פאָלק“, „ניי לעבן“ און „פאָרווערטס“, און אין משך פון אַ לאַנגער צייט אין דער „מאָרגן־פרייהייט“.

מיט זיינע לידער און דערציילונגען איז גאָרעליק געווען פאַרטראָטן אין אַ צאָל זאַמל־ביכער און אַנטאָלאָגיעס איבער דער גאָרער וועלט.

גאָרעליק האָט זיך אָפגערופן אויף אַלע קאַמפן פאַר מענטשלעכע רעכט.

אין דער צייט פון שפּאַנישן קריג האָט ער אָנגעשריבן אַ ציקל לידער. אין איינעם אַזאַ ליד „צו אַ וואָלונטיר“ שרייבט ער:

„באַלאָדן מיט פעסטקייט און ווילן,
נעמסטו געווער אין די הענט,
אויף שפּאַנישן שלאַכטפעלד צו קעמפן
און שטורמען פאַשיסטישע וועלט“.

ווען דער פאַשיזם און נאַציזם האָט געקלאַפּט אין די טירן פון דער וועלט, אין אָנהייב פון די דרייסיקער יאָרן, האָט גאָרעליק געשריבן:

„אין אַזעלכע שטורמישע צייטן ווי קאָן אַ דיכטער טראַכטן וועגן „ריינער פּאָעזיע, ריינער קונסט“... ווען אַ וועלט איז אין פלאַמען!“.

ל. גאָרעליקס לעצט בוך איז אַרויסגעגעבן געוואָרן קורץ פאַר זיין טויט, דורך די פּרוויען לייען־קרייזן ביים איקוף אין שיקאַגאָ.

אין דעם בוך לידער באַקענט אונדז גאָרעליק מיט דער שטאָט שיקאַגאָ, מיט די ליכטיקע און שאָטנדיקע זייטן, מיט די שלאַכט־הייזער,

פֿאַרקן, אַרבעטס־אַזיקייט, דאָס אָרעמע נעגער־לעבן און — מיט „קייטן, קייטן, קייטן, אויף די דזשאָרדזשיער פֿעלדער, טשעין־גענגס".

ווען דער היטלעריזם איז געקומען צו דער מאַכט, האָט גאָרעליק אין אַ צאָל צאָרנדיקע לידער, געוואָרנט, אַז פֿאַר יעדן טראָפּן אומשולדיק בלוט וועלן זיי טייער באַצאָלן —

„...דו וועסט באַצאָלן פֿאַרן טויט פֿון יעדן קאָמוניסט!
פֿאַרן בלוט פֿון יעדן ייִד, וואָס טריפֿט אין דייטשלאַנדס מיסט".

גאָרעליק איז געווען אַ ייִדישער מענטש, וואָס האָט געוויטיקט מיט זײַן פֿאָלק, און עס טוט אים שטאַרק וויי, ווען ער גייט אַרײַן אין אַ רעסטאָ־ראַן און זעט ווי אַ ייִדישע קעלנערין טראָגט אַ צלמל, כּדי אָפּצונאַרן דעם באַלעבאָס פֿון רעסטאָראַן: „אַזוי האָבן אונדזערע עלטער־זיידעס אָפּגענאַרט די מאַרקוועמאַדאָס, און איצט ווערט אַ מיידל געצוווּנגען צו זײַן אַ מאַראַן פֿון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, צוליב אַ שטיקל ברויט".

גאָרעליק, ווי שוין געזאָגט, האָט געשריבן אַ היפּשע צאָל קינדער־לידער. לאָמיר דאָ ברענגען עטלעכע פֿערזן פֿון איין ליד:

„איציק שפּילט אויף דער האַרמאָנקע,
טרי־לו־טוטו־טי־טוטו —
שרײַט די מאַמע מיט אַ שמייכל,
אַך, דו שלעכטער בחור דו!"

האָסט פֿאַרגעסן גאָר אַז מאָרגן
ווערסטו דרײַצן יאָר שוין אַלט?
ביסט נאָך אַלץ אַ ווילדער שטיפֿער,
ווי געוואַקסן אין אַ וואַלד.

אַרום דיר אַ רעדל קינדער
טאַנצן, האָפּקען, זינגען צו —
זאָג מיר איציק, ביסט אַ קלעזמער?
קום אין הויז, דו ווילדער, דו!

נאָר די קינדער־הענטלעך, פּיסלעך
פֿלעכטן אויס אַ טאַנצנדיקן קראַנץ.
ווי דאָס לעבן וואָלט געווען נאָר
אַ האַרמאָניקע און אַ טאַנץ".

ל. גאָרעליקס טויט איז געקומען פּלוצלונג, אַזוי ווי ער האָט פאָר־אויסגעזאָגט.

ל. גאָרעליק האָט זיין פּען געשטעלט צום דינסט אין קאַמף קעגן רעאַקציע און פאַשיזם, — פאַר זיין פאָלק און פאַר דער מענטשהייט.

יוסף קאַראַבעלאָ — זיין נאָמען געבליבן

עס האָט געשטראַלט פון אים מיט ליבשאַפט און פריינדשאַפט צו זיין חבר און מיטמענטש. ער איז געווען פילבאַר צו אומגערעכטיקייטן. פון זיין ערשטן באַזוך אין 1947 אויף דער איקוף־קאָנפערענץ ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן איז ער געווען דאָס שיינדל צווישן אַ גאָר גרויסער צאָל חברים און פריינד, וואָס האָבן אים באַטראַכט פאַר אַ מוסטער פון אַ פּראָגרעסיוון קולטור־געזעלשאַפטלעכן מענטשן.

קאַראַבעלאָ איז געווען דער באַשיידענער פאָלקס־מענטש, וואָס האָט זיך נישט אויסבאַהאַלטן בהדרי חדרים מיט זיין ארט דענקען. ווי אַ פּראָגרעסיווער מענטש האָט ער נישט מורא געהאַט, אַז זיין שטעלונג קעגן מלחמה־העצעס און פאַר פעלקער־פריינדשאַפט, וועט אים שאַדן פערזענלעך, ווי אַ דערפאָלגרייכן געשעפטסמאַן.

יוסף איז געווען אַ גרויסער מעצענאַט פון דער פּראָגרעסיווער יידישער ליטעראַטור. ער האָט באַנומען, אַז אמתע קולטור־ווערטן דערהויבן דעם מענטשן. דערפאַר איז ער געווען אַזוי איבערגעגעבן אַלע ווערטפולע קולטור־אינסטיטוציעס און זיי געשטיצט מיט ליבשאַפט, ווייל עשירות מיינט גאָר נישט אויב דער מענטש האָט נישט קיין געפיל פון האַרץ, קיין מענטשלעכע נשמה און קעמפט נישט פאַר גערעכטיקייט — „אין אַן אַטאָמישער מלחמה וועט נישט זיין מער קיין אָרעם און רייך...“ — אַזוי האָט ער געזאָגט.

זיין איבערגעגעבנקייט, זיין גרויסער ביישטראָג צום איקוף האָט אים איינגעוואָרצלט אין לעבן פון די ברייטע יידישע פאָלקס־מאַסן. יוסף איז געווען אַ מבין אויף אַ גוט בוך און עפנטלעך פאָלעמיזירט און אויך צייטנווייז רעאַגירט מיט דער פעדער. עס איז געווען אַ פאַרגעניגן צו זיין אין זיין מסיבה, דאָ האָט ער אַרויסגעוויזן זיין ענטוזיאַזם צום יידישן פאָלקס־ליד, צו אַ פאָלקס־מעשהלע, געוואָרן אַנטציקט פון לירישע מאָטיוון

און לידער פון מאָרים ראָזענפעלד, ווינטשעווסקי, הירש גליק און אַלץ וואָס איז געווען מענטשלעך און פאָלקסטימלעך.

געקומען צו דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג איז יוסף אין מעקסיקאָ. דער דיכטער ז. ווייספּער האָט אים געבראַכט צו דער ערשטער איקוף־קאָנפערענץ אין לאָס אַנדזשעלעס.

לאָמיך דאָ פאַרצייכענען אַ פּאָר עפּיזאָדן פון זיין לעבן, ווי זיין לאַנג־יאָריקער חבר האָט אים אַזוי גאָענט, אינטים געקאָנט.

געשטאַמט האָט קאַראַבעלא פון א יהוסדיקער לאָמזשער משפּחה, אַלס זעכצן־יאָריק יינגל אַרבעט ער אין אַ שניט־קראָם, אַ „מענטש" ביי יענעם. אין יאָר 1924 קומט ער אָן אין האַוואַנאַ, קובאַ. אין יענער צייט בין איך האָרט געווען. אין יענעם יאָר איז אויסגעבראָכן אַ שטרייק ביי די האַפן־אַרבעטער, ווו איך בין געווען איינער פון די שקלאַפן אין פּאָרט ביי די שיפן. בלוט האָט זיך געגאָסן בעתן שטרייק. אין יענעם יאָר האָבן די יידישע, באַוווסטזיניקע אַרבעטער אויף אַ בערגל אין „רעגלא" געפלאַנצט אַ לענין־בוים, דאָס איז געווען אַ קליין יונג ביימעלע, מיר האָבן גישט געהאַט קיין געדולד און כוח צו וואַרטן ביז עס וועט אויסוואַקסן אין אַ גרויסן פאַרצווייגטן בוים, וואָס וועט שפּעטער ברענגען דעם הונגעריקן, נאַקעטן, קעמפערישן פאָלק רייפע, גוטע פרוכטן...

דערווייל דאַרף מען עסן און קיין אַרבעט איז נישטאָ, האָט יוסף, ווי איך זיך אָנגעהאָנגען אַ קעסטעלע אויף די אַקסלען, אַ קעסטעלע גרויס ווי אַ געגעץ, וואָס איז געווען באַהאָנגען מיט זאָקן, און קראַוואַטן, מיט זייף און שפּיגעלעך, מיט נאָדלען און פאַטשערקעס, געווען איז דאָס אַ לעבן... דער צענטער שטאָט איז געווען פול מיט לוקסוס. ביי די האַפנס, ווו מיר האָבן געוווינט, איז געווען די גרעסטע נויט און אַ גרויסע גערעטעניש אויף פּראָסטיטוציע. ביי „איזראַעלן" אין דער „באַדעגא" האָבן געקויפט אַלע אימיגראַנטן, ווייל אין זיין גראָסערי האָט ער געגעבן אויף באָרג און נאָך גערעדט אַלערליי לשונות...

די נויט אין האַוואַנאַ האָט געטריבן ווייטער, איבער לענדער, איבער ימען, דער אימיגראַנט האָט געקענט אַנטלויפן, דער קובאַנער האָט געמוזט בלייבן.

ווען יוסף קאַראַבעלא איז אין יאָר 1926 אָנגעקומען אין מעקסיקאָ, אין דער שטאָט וועראַ־קרוז, בין איך שוין געווען אויפן וועג צו די פאַר־אייניקטע שטאַטן. אויך אין מעקסיקאָ זענען אין יענער צייט געווען שווערע, ביטערע יאָרן. שפּעטער, האָבן זיך די אימיגראַנטן איינגעוואָרצלט

דורך שווערער האָרעוואַניע, און זיך איינגעשאַפּט אַ באַקוועם לעבן.

מיט יאָרן שפּעטער האָבן מיר זיך ווידער געטראָפן. ביי יעדער באַגעגעניש — וואַרעמער האַנטדרוק, פריידיקע אויגן. קיין סך צייט צו שמועסן האָבן מיר נישט געהאַט, געווען פאַרטאָן — ער ביי זיין געשעפט, איך — ביי מיין אַרבעט. האָבן מיר באַשטימט צו מאַכן אַ רייזע מיט זיין אויטאָמאָביל, באַפרייען זיך אויף עטלעכע וואָכן פון געשעפט און אַרבעט, נעמען אַ „שפּאַציר" איבער דער ברייט און לענג פון אַמעריקע.

צום ערשטן מאָל האָבן מיר געזען די אַמעריקאַנער גרויסע וועלט, פון סאַן־פראַנציסקאָ ביז ניו־יאָרק און קאַנאַדע. מיר זענען געשטאַנען ביים רוישיקן, פאַנטאַסטישן ניאַגאַראַ־פאַל. אַריינגעזאַפּט די באַרכאַפּנדיקע שיינקייט פון „געפּאַרבטן מדבר", זיך צוגעקוקט ווי אַ בלום אין מדבר ווערט געבוירן: ווען ס'איז אַרויסגעקומען די זון האָט די בלום גענומען געבוירן ווערן, צום ערשט האָט אַרויסגעקוקט אַ געל קעפּעלע ווי דאָס שנעבעלע פון אַ פּוכקע הינדל, וואָס נעמט זיך אויספּיקן פון איי. שפּעטער האָבן די גרינע בלעטער זיך פאַנאַנדערגעלאָזט ווי אַ שירעם, די בלום האָט גענומען קוועלן און זיך פאַנאַנדערגעשפּרייט, מיט גלאַנץ און פּראַכט. זי האָט געהאַט צוויי קאָלירן: גאָלד און ווייס. אַזאַ פענאָמען איז אַ זעלטנהייט. שעהן לאַנג האָט מען געקאָנט שטיין און באַטראַכטן דאָס אויפגיין פון דער בלום, וואָס איז אויסגעוואַקסן אויף די „נעיקעט־לעידי" אויף אַ דאַרער הויכער צווייג. ביים זון־פאַרגאַנג האָט די בלום זיך פאַרמאַכט, צוזאַמען מיט די גרינע בלעטער. געמיינט האָבן מיר, אַז מאָרגן וועט זי ווידער בליען אָבער ניין: זי האָט גענומען וועלקן און געוואָרן אַטראָפירט אויף אייביק...

דער גרענד קעניאָן האָט אים און מיך פאַרכישופט. דאָס איז געווען אַ חלום אויף דער וואר. דער בלענד פון זון־אויפגאַנג, די הירשן מיט מאַיעסטעטישע הערנער, זייערע גרויסע, ליכטיקע תמימותדיקע אויגן, דעו' גאַנצער אַרום איז געווען איין גרוים וונדער.

געפאָרן זענען מיר צוזאַמען מיט אונדזערע פרויען שרה און סאָניע, צוזאַמען האָבן מיר געטיילט די איינדרוקן פון די פאַרכאַפּנדיקע וועלדער, טייכן, בערג און טאָלן, די געדיכטע רחבותדיקע קאָרן־פעלדער מיט הויכע גאָלדענע זאַנגען, די נאַציאָנאַלע פּאַרקן, יעלאָסטאָן און יוסעמיטי. אָך — ווי גרוים און רייך אונדזער לאַנד איז פון אַטלאַנטיק ביזן פּאַציפיק, האָבן מיר געשעפּטשעט...

אַלץ האָט אימפּאָנירט. אַפּילו דאָס לעבן פון די אינדיאַנישע שבטים, מיט די נאַקעטע קינדער, וועלכע זענען געלעגן אין אַן אימפּראָוויזירטן וויגל. זייער אָרעם לעבן האָט געוויזן אַ נײַ ווינקל פון אַמעריקע...

אין ניו־יאָרק האָט די רעדאַקציע „מאָרגן־פרײַהייט“ אויף דער שנעל געפּראַוועט אַ „טיש“. דאָס איז געווען צום ערשטן מאָל, וואָס קאַראַבעלאַ האָט זיך באַקאַנט מיט די פּראָגרעסיווע שרײַבער, דאָס זענען געווען פרײַדיקע מאָמענטן אין יוספס לעבן.

ז. ווײַנפּער האָט אונדז פאַרבעטן צו זיך אין הויז, אויך פאַרבעטן די חשובע שרײַבער נחמן מייזיל און פּ. נאָוויק, דאָס איז געווען פאַר קאַראַבעלאַ און זײַן פרוי סאָניע אומפאַרגעסלעכע מאָמענטן אין זייער לעבן. יוסף האָט געשטראַלט פאַר פרייד.

אין שיקאַגאָ האָבן משה און עטל רעזניקאָוו אײַנגעאָרדנט אַן אָוונט אין „הוירש לייסעום“. שפּעטער, ווען מיר זענען געווען אין רעזניקאָווס הויז, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עטל מיט סאָניען זענען לאַנדסלײַט. אומעטום האָט קאַראַבעלאַ געפֿיבערט מיט קולטור־פלעגער פאַרן איקוף, פאַר דער קולטור און ליטעראַטור, וואָס איז אים געווען אַזוי ליב און האַרציק. זײַן פולס האָט אַלע מאָל געקלאַפּט מיטן ריטם פון גערעכטיקייט.

ער האָט ליב געהאַט די שרײַבער, וואָס זייערע ווערק זענען געווען דורכגעדרונגען מיט ליבע צום בעוולטן מענטשן און פאַראַכטעט די, וואָס ווילן אײַנשלעפּערן מיט מיסטיציזם, געטלעכקייט און פּאָרנאָגראַפיע.

אַמעריקע איז אים געווען ליב און טייער, דאָס לאַנד האָט אים פיל געגעבן, יוסף האָט אָבער נישט געקאָנט זײַן גלײַכגילטיק צו די אומגערעכטיקייטן, עס האָט אים וויי געטאָן, ווען מיר האָבן אויף דער לאַנגער רייזע געוואָלט אַרײַן אין אַ רעסטאָראַן — האָט אַ שילדל אויף דער טיר אָנגעזאָגט „נישט פאַר נעגערס“...

יאָ, אויף דער לאַנגער רייזע האָב איך ערשט דערקענט אַ מענטש אין די דרײַ ווענן: „בכוסו, בכיסו, בכעסו“...

ווען עס איז דערשינען אַ יידיש בוך אין איקוף־פאַרלאַג איז זײַן פרייד געווען אין לשער, ווײַל ער האָט ליב געהאַט די ביכער, וואָס שטעלן זיך איין, אַז אַלע מענטשן זענען ברידער...

איינמאָל איז קאַראַבעלאַ געקומען פון מעקסיקאָ מיט אײַנדרוקן פון אַ גוטן באַאַבאַכטער. פאַרבנרייך זענען געווען זײַנע שילדערונגען פון יענעם רײַכן און אָרעם לאַנד... יוסף האָט גוט געקענט מעקסיקאָ —

איר רייכטום און איר גרויסע גוט. זיינע אויגן האָבן פאָטאָגראַפירט אַלץ וואָס ר'האָט געזען — סיי די באָרוועסע און סיי די זאַטע...

יוסף קאַראַבעלאַ האָט קיינמאָל נישט פאַרריסן דעם קאָפּ, נישט פּרעטענדירט אויף אַזוינס, וואָס איז אים געווען פרעמד. זיין שוואַרצער קאָפּ געדיכטע האָר, דאָס רונדיקע פּנים זיינס, זיין פריינדלעכע צוגעלאָזנ־קייט, זיין פּשטות — זענען געווען דער אויסדרוק אַלס פריינד פון אַלע מיט־מענטשן.

ווען יוסף איז אָנגעקומען אין לאָס אַנדזשעלעס צום ערשטן מאָל פון מעקסיקאָ, זיך אַ ביסל איינגעאָרדנט, איז ער געוואָרן אַקטיוו אין איקוף. שפּעטער פאַרנומען אַ חשובן פּלאַץ אין קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן. ער איז אויך באַלד געוואָרן אַקטיוו אין דעם נאָר־וואָס געגרינדעטן „לאַטיין־אַמעריקאַנער יידישן קלוב". אַ קלוב פון די יידן, וועלכע האָבן געוווינט אין מעקסיקאָ און אין אַנדערע לאַטיין־לענדער. ער האָט געהאַט גרויס אָנזען און ברייטע באַקאַנטשאַפט צווישן די איינגעוואַנדער־טע, האָט ער אויסגעברייטערט די קולטור־אַרבעט און געהאָלפן אָנהאַלטן אייניקייט אין לעבן פון קלוב.

פאַר זיין לעצטן וועג נאָך אייראָפּע, ווען יוסף האָט זיך געזעגנט, ביים באַנקעט מיט די מיטגלידער פון לאַטיינער קלוב האָב איך געזאָגט: „איצט פאָרט אַ מענטש, וואָס איז נישט טענדענציעז", ער וועט שוין דערציילן דעם אמת פון ישראל און פון די סאָציאַליסטישע לענדער, אויף וואָס אונדזערע מיטגלידער האָבן שוין לאַנג געוואַרט".

געוואַרט האָבן הונדערטער פריינד אויף זיין צוריקקער, אַ פריידיקן שוין געזונטן...

מען האָט אים ליב געהאַט און מיט דרך ארץ זיך באַצויגן צו אים אַפילו דאָרט, ווו מ'איז מיט אים נישט געווען איינשטימיק אידעיש.

אין די שווערסטע אָנפאַלן פון קעגנערישן צד, האָט יוסף קיינעם נישט באַליידיקט, נאָר מיט גרויס געדולד און איבערצייגנדיק האָט ער געענטפערט לאָגיש וועגן זיך און וועגן זיין גלויבן אין סאָציאַלער גע־רעכטיקייט.

אָנקומענדיק אין וואַרשע, ווי עס גיט איבער א. קוואַטערקאָ, האָט קאַראַבעלאַ געזאָגט: „אַמעריקע האָט רייכע טראַדיציעס פון קאַמף פאַר פרייהייט, פאַר הומאַניזם. מיר האָבן דעריבער דעם טיפן גלויבן, אַז די אַמעריקאַנער בירגער וועלן קומען צום אויספיר, אַז עס איז היינט

נישט אַלץ אין אָרדענונג אין דעם גרויסן און שיינעם לאַנד, אַז מען דאַרף באַקעמפן דאָס שלעכטס, כדי די וועלט זאָל פריייער אָפּאָטעמען".

יוסף איז נישט געווען צופרידן מיט דעם. וואָס ער איז געווען עקאָנאָמיש פאַרזאָרגט, ער האָט געוואָלט, אַז אַלע מענטשן זאָל זיין גוט.

די יאָרן, וואָס קאַראַבעלאָ איז געווען אַקטיוו אין איקוף, אין דער פּראָגרעסיווער קולטור-געזעלשאַפטלעכער באַוועגונג איז ער רייפער געוואָרן און מער באַנומען וואָס איז רעכט און פאַלש.

מיט אייגענע אויגן האָט ער געוואָלט זען וויאַזוי עס בויען זיך לענדער מיט אַנדערע סיסטעמען, אַלץ זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן פון פּערזענלעכער און געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, ער האָט געפיבערט מיט חלומות און בענקשאַפט צו זען זיין אַלטע היים אונטער אַ נייער אָרדענונג.

פון וועג שרייבט מיר יוסף: „מיר געפינען זיך אין וואַרשע. בייגעווען די געטאָ-מעמאָריאַל-פייערונג. זיך געטראָפן מיט אייגענע. אַלץ גייט יוי מיר האָבן אויסגערעכנט. ביי אַ צווייטער געלעגנהייט וועלן מיר מער שרייבן. זייט האַרציק געגריסט!"

„יוסף און סאָניע".

אָנשטאָט דערוואַרטעטע בריוו, האָט זיך אָבער איבער דער וועלט, שטאָט און לאַנד דערהערט די פּלוצעמדיקע טרויער-ידיעה...

ווען איך וועל צוריקקומען, האָט יוסף געזאָגט פאַר זיין אָפּפאָרן, וועלן מיר נאָכאַמאָל מאַכן אַ רייזע איבער אַמעריקע... ער האָט גוט געדענקט סיראַקיוז, די שטאָט פון אהרן ליבערמאַן, פילאַדעלפיע, דעם „ליבערי בעל", די באַרזשעס מיט קלעצער אין סיאַטעל, וואָס זענען געשווומען אויפן טייך, דאָס שיינקייט איבערן לאַנד, גרין און גאָלד אויף די פעלדער, באַגילדטע ביימער מיט שטראַלן, זון און די סימפאָניע, וואָס האָט זיך געטראָגן פון סווישטשעדיקע פייגל. אַך, וואָס פאַר א שיר השירים!".

ביי זיין אָנקומען אין וואַרשע האָט זיך יוסף שוין געפילט נישט גוט... ביי זיין אָנקומען די ערשטע שעה אין מאָסקווע האָט ער זיך גלייך געמאָלדן צום „אינטוריסט", אַז ער זאָגט זיך אָפּ פון זיין רייזע קיין סאָטשי... יוסף האָט אין די געציילטע שעהן אין וואַרשע און אין מאָסקווע אַלץ פאַרצייכנט, ווייל אַפילו צווישן זיינע לאַטיינער לאַנדסלייט און פריינד זענען געווען אַ סך, וואָס האָבן נישט איינגעשטימט מיט זיין אַרט דענקען. ער האָט געוואָלט צו זיי ברענגען דעם אמת פון סאָציאַליסטישע לענדער.

אזוי ווי ער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז מיר וועלן נאָכאַמאָל מאַכן אַ רייזע איבער אַמעריקע האָט ער צו מיר געזאָגט, אַז דאָס וועט נישט זיין ס'לעצטע מאָל, וואָס ער פאָרט זען ווי עס בויט זיך אַ נייער סיסטעם אין די סאָציאַליסטישע לענדער...

יוסף האָט געגאַרט צו זען דעם ערשטן־מאַי־פּאַראַד אין מאָסקווע און זיין צו דער פייערונג פון אומאָפּהענגיקייט אין מדינת ישראל.

אַ געדיכטער סאַמעטענער הימל. שטערן לעשן זיך... עס איז שטיל ביים לופט־פּאָרט. אויפן האַרצן איז שווער, גרוי־אומעטיק... ס'איז פיר אַזייגער פאַרטאָג. מיר קומען אָפּוואַרטן אונדזער חברס פרוי סאָניע, מיט איר זון ראובן, אַ דאָקטאָר, וואָס איז געפאָרן קיין מאָסקווע צו זיין פאָטערס לוויה און אַהיים ברענגען זיין מאַמען.

אין דער מאַשין ווו עס פאָרן מערי און נעיטן גארפילד, יעקב אָשפּיז, שמואל פּראַנצבלי און רפאל פּאָזנער, איז אַ שווער שטילשווייגן... מיר באַגעגענען די משפּחה מיט געבויגענע קעפּ... סאָניע דערזעט איר מאַנס חברים — — „אונדזער יוסף איז מער נישט־אָ!...

צו דער פאָלקס־לוויה זענען געקומען שרייבער, קינסטלער, קולטור־טוער, פאָלקס־מענטשן. בריוו, טעלעגראַמעס, פון אויסלאַנד און פון גאַנצן לאַנד. די אויסדרוקן זענען געווען פון דער טיפער נשמה מיט אָנגעווייטיקטן מיטגעפיל. טרויער און ליבשאַפט, פון מאָסקווער שרייבער, פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד פון די יידן אין פוילן.

צו דעם זענען נאָר זוכה אויסדערוויילטע פון אַ גדול הדור. יוסף איז געווען אַ מענטש מיט האַרץ, מיט נשמה פאַר יושר פון וועלט און מענטש.

פון די צוגעשיקטע בריוו פון פ. נאָוויק און אַנדערע, שאַצן מיר אָפּ דעם ווערטפולן ביישטייער צו העם לעבן, וואָס איינער מאַכט פאַרן קיום פון פראָגרעס פאַר דער יידישער קולטור.

און נחמן מייזיל שרייבט:

„איך האָב נישט קיין האַרץ און קיין ווערטער צו שרייבן... נאָך דער טראַגישער רייזע. ווער האָט זיך דאָס געקאָנט ריכטן..., אַז דאָס איז די לעצטע באַגעגעניש. עס האָט דאָך געשטראַלט פון אים — גוטס־קייט און פרייד און האָפענונג...

אָבער אַזוי איז עס, דאָס לעבן בכלל איז אַ גרויזאַמע זאַך, און עס גיט אָפּט אַזעלכע לעקציעס, וואָס מען קאָן זיי קוים אויסהאַלטן.

...ער האָט געהאַרפּט נאָך פיל, פיל לעבן פאַר זיך, פאַר דער משפּחה און פאַר אונדז אַלעמען".

נישט לאַנג צוריק האָב איך געלייענט:

„אַ טאָג גייט אוועק, קירצער ווערט דאָס לעבן,
וואָס האָט דער טאָג געבראַכט,
וואָס האָסטו אונדז געגעבן?
געאַרבעט, אַוועקגעלייגט דעם כוח.
פאַרגאָסן שווייס און בלוט
געטריקנט מאַרך און מוח.

וואָס האָבן מיר פון דעם?
ווערט אונדזער נויט דען קלענער?
וועלכע האָפענונג האָבן מיר אויף בעסער
און אויף שענער?"

יוסף קאַראַבעלאַ האָט געשטרעבט צו דעם, אַז די נויט זאָל אַוועק און דאָס לעבן זאָל ווערן בעסער און שענער.

עס ווערט דאָך דערציילט, אַז דאָס איינציקע יינגעלע, וואָס איז טראַגיש אומגעקומען האָט די מאַמע געזען אין חלום ווי עס טראָגט אַ ליכט, וואָס פלאַמט אַזוי העל. ווען דאָס קינד האָט געזען דער מאַמען וויינען, האָט עס צו איר געזאָגט:

— וויין נישט מאַמע, מיט בלויזע טרערן, און נאָך אַזוי פיל, העלפסטו דאָס ליכט לעשן. איך וויל, אַז דו זאָלסט דאָס ליכט ווייטער־טראָגן ביז די וועלט וועט זיין אינגאַנצן אַ ליכטיקע.

יאָ, מיר וועלן ווייטער טראָגן דאָס ליכט פון אומפאַרגעסלעכן פאָלקס־מענטש, פאָלקס־אינטעליגענט — יוסף קאַראַבעלאַ.

„אין אונדזער גאָרטן בליִען בלומען“

(שפרה די דיכטערין)

דאָס הויז וווּ שפרה האָט געוווינט איז געווען אַרומגעצוימט מיט אַ נידעריקן הילצערנעם פּלויט. אַ שמאָל טירל מיט אַ צעמענטענער סטעזשקע האָט געפירט צו דער ברייטער טיר, וואָס איז געווען אויפגע־פראַלט פאַר שרייבער, דיכטער, קולטור־טוער און פּראָגרעסיווע פאָלקס־מענטשן. די טישן זענען אַלעמאָל געווען געגרייט מיט וויין, פּרוכטן, מיט ברויט, פרייד און פּאָעזיע.

שפרה די דיכטערין האָט נישט געקאָנט לעבן אין שטילקייט, ווייל אין איינזאַמקייט, אין רו האָט זי נישט געפונען קיין פרייד. „מעג עס גיסן און רעגענען, בענקט דאָס האַרץ עמעצן צו באַגעגענען“. — זינגט זי אין אַ ליד.

שפרה ווייס האָט 32 יאָר געשריבן לידער, געפלאַטערט און געזונגען ווי דער פויגל אין פרילינג. זי האָט ליב געהאַט דאָס לעבן ווי אַ הונגע־ריקער אַ שטיקל ברויט. זי איז געווען עמאָציאָנעל און פילבאַר צו אַלע אומגערעכטיקייטן, און ווען איר האַרץ איז געוואָרן שוואַך און מער נישט געקאָנט אַריינאָטעמען אַלץ, וואָס איז געווען איר באַגער, האָט זי דאָס אויסגעדריקט דורך עמאָציעס. מיט אירע עלאַסטישע הענט...

אין אירע לידער האָט די דיכטערין געזונגען „צו דער קומענדיקער באַפרייטער וועלט“, צום „מאָרגנדיקן מאָרגן“. שפרה האָט אויך געזונגען צו לבנה און שטערן, טייכן און וועלדער, בערג און טאָלן. זי האָט אָבער קיינמאָל נישט פאַרגעסן צו זען, אַז פון אַלע שיינקייטן און אוצרות, וואָס די נאַטור האָט געגעבן דעם מענטשן איז נאָך אַלץ דער מענטש דער גרעסטער אוצר, דאַרפן מיר אים באַשיצן און קעמפן פאַר זיינע רעכטן.

אין די גרויליקסטע מאָמענטן פון אונדזער צייט, ווען געדיכטע כמאַרעס האָבן זיך געשפּרייט איבער די קעפּ פון די יידן אין אייראָפּע, זינגט די דיכטערין:

„האַרץ מיינס, זיי געשטאַרקט,
נייע פרילינגס וועלן איבערפליען דעם טויט
אין די וואַרשעווער געטאָ־ווענט“.

ווייל —

„אונדזערע לעבנס אונדזערע זין
וועלן זיגן איבער בערלין“.

דער זיג פון שונא איז בלויז אַ צייטווייליקער, זאָגט אונדז אָן די דיכטערין שפרה וויים, איז וואָס? „אויב די בעסטיעס האָבן פאַרנומען פּאַריז, דאָס לאַנד פון אַנאַטאָל פראַנס, עמיל זאָלאַ, זשאַרעס און ראָמען ראָלאַן... מיין האַרץ זיי זיכער, מיר וועלן דיך פון די רוצחים באַפרייען“.

שפרה קוקט אין שפּיגל און זעט אירע זילבערנע האָר, זי פילט אויך, אַז איר האַרץ איז מער נישט יונג, גיט זי זיך אָפּ אַ רין וחשבון:

„דאָס האַרץ איז שוואַך, די האָר ווי ווייסער שניי, אַ סימן די פולע רו — דערנענטערט זיך...“ אָבער כל־זמן דאָס לעבן גייט אָן און דאָס וואַרעמע בלוט פליסט נאָך אין אירע אָדערן, איז דער דיכטערינס הויז ברייט אָפן פאַר די געסט, וואָס קומען צו איר.

„אין אונדזער גאָרטן בליען בלומען,
שטאָלצע ביימער, מדבר־פלאַנצן
וואַרטן זיי מיט אונדז אינאיינעם
עס זאָלן קומען מענטשן.“

„איך לאָז דעם טויער אָפן,
וואַקסן שענער נאָך די פלאַנצן.
אַ נישט־געצוימטער גאָרטן מיין האַרץ
פאַרן וווּנדער פון נאַטור,
פאַר די ביימער — מענטשן“.

שפרה האָט געווידמעט פיל פון אירע לידער איר מאַן לואי, קינדער, אייניקלעך, שכנים פון איר גאַס, צו אַלע ראַסן און קאָלירן, — אַלע לידער זענען אָבער דורכגעדרונגען מיט סאָציאַלן אינהאַלט.

שפרה האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז אַ ליד קאָן זיין אַ פריינד און אַ שונא צו דער גערעכטער מענטשהייט, זי ווייסט אויך, אַז אַ מלחמה קאָן זיין אַ גערעכטע און אַ פאַלשע, זאָגט זי אָן איר קינד:

„אין יעדן פּרט, אין יעדן זין,
צושטייער מײַנע הענט, מײַן האַרץ, מײַן זון.
טאָ גיי מײַן קינד אין שלאַכט, שמיד אָן מיט פײַער אַ רוט,
פֿאַר די פּייניקער פֿון אונדזער בלוט.“

שפּרהן פּאַרדריסט, וואָס אירע קאָלעגן, שרײַבער און דיכטער פֿון „יונגער לאַנגער“ האָבן איבערגעריסן די פֿרײַנדשאַפֿט מיט איר, ווײַל זי אידענטיפֿיצירט זיך מיט די ברייטע יידישע פּראָגרעסיווע פֿאָלקס־מענטשן אין קאַמף פֿאַר שלום און פֿאַר אַ וועלט אָן מלחמות און קעגן פֿאַרפֿאָלגונגען אויף פֿרייע געדאַנקען — — —
רופֿט זי צו זיי:

„פֿון די פֿראָנטן נישט אַנטלויפֿן.
ס׳וועט קומען דער נצחון!“

שפּרה איז געווען אימפּולסיוו, אומעטום האָט זי געוואָלט זײַן, און צוטראָגן איר האַרץ און הענט פֿאַר דער בוויגנג פֿון דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג, ווײַל זי האָט געשטרעבט, אַז

„וואַר זאָל ווערן אונדזער חלום
אַ וועלט פֿון יושר און פֿון שלום!“

די לעצטע יאָרן, ווען איר שוואַך האַרץ האָט שפּרהן זייער אָפֿט צוגעשמידט צום ווייכן קישן אויף הער קאַנאַפּע אַפֿילו בײַטאָג, ווען די שפּילעוודיקע זון־שטראַלן האָבן באַלויכטן איר וואַרעמע היים, און ווען די פֿייגעלעך פֿון איר גרינעם גאָרטן האָבן מיט זייער שירה איר אַ טרייסט וואָרט דורך דער אָפֿענער טיר געבראַכט, האָט די דיכטערין געזאָגט, אַז אַפֿילו

„אין מיטן ווינטער, אין פֿראָסט און געוויטער,
פֿאַל איך בײַ זיך נישט אַרונטער“.

פֿון שפּרהן האָט געשפּראָצט דאָס לעבן „ווי אַ פֿלאַנץ דורך שטיין“, ווײַל די טעג און יאָרן, וואָס זענען בײַ איר אַוועק אין פֿרייד, שטרעבונג, געלעכטער און — אַנטוישונג וועלן סײַ־ווי סײַ מער נישט קומען צוריק, איז וואָס?

„איך וועל שבעה נישט זיצן נאָך מיינע יאָרן,
מיינע געכטנס,
וואָס זענען פולע אָדער ליידיקע אַוועק״...

זייער אָפט קומט שפרה אַרויס מיט אַ שטימונגס־פולן און צער־פולן געדאַנק, ווייל דאָס לעבן גייט נישט אַלעמאָל גראַד־ליניק, אָבער באַלד פאַרוואַרפט זי דעם פעסימיזם און ווערט שטיפעריש ווי די קינדער אין גאַס.

„יוגנט איז געזאַנג,
אַז מען לעבט נישט יונגערהייט
טוט עס שפעטער באַנג.״

„שטיפט־זשע, שטיפט־זשע קינדערלעך,
שטיפן איז כדאי
ווייל צו דעם, וואָס אָן אַ שטיף
דאָס לעבן גייט פאַרביי.״

אָט ווי שפרה די דיכטערין זינגט:

„איך אַ מיידל פון ליטע
דו, פון אוקראַינע אַ זון,
האָט יוגנט געברענט מיט ליבע.
ווי אין מיטן זומער די זון.

דעמבעס פון האַרבסט און פרילינגס
אין ווילדן וואַלד פון דער וועלט,
און מיר בויען אַלץ נאָך די שלעסער
פאַר אַ ליכטיקער ברידערלעכער וועלט״.

מיטן טויט פון שפרה ווייס איז אַוועק די דיכטערין, וואָס האָט מיט איר פען געדינט די געקריוודעטע און דעם שלום.

נחמן קרופין

קורץ פאַר זיין טויט האָט ער אַרויסגעגעבן אַ בוך „האַנטבוך פון העברעיזמען אין דער יידישער שפּראַך“.

אדם — אדם... — מענטשן און בלומען...

דער הימל איז געווען פול מיט שווערע וואָלקנס, עס האָט אויסגעזען ווי ערגעץ ווייט טריפט אַ רעגן. די הויכע געקייטלטע בערג, שוואַרץ און גרין, האָבן זיך קוים אָנגעזען דורך די געדיכטע וואָלקנס. פון אַ ריזיקן הויכן באַרג האָט זיך אַרויסגעזען אַ שטאָלענער טורעם. עס איז געווען שווער צו אַנטשיידן צוליב וועלכע אורזאַכן דער טורעם געפינט זיך דאָרט. איך בין עפּעס געגאַנגען ווי פאַרחלומט. מיט אַ שווינדלערישער שנעלקייט ווי אַ בליץ איז פאַרבייגעלאָפן אַ קאַר, אַן אַלטער, גרויער, שווערער הונט איז שנעל לויט זיינע כוחות, אַריבערגעלאָפן דעם וועג, די טאָרמאָז פון דעם אויטאָמאָביל האָבן אַ גרילץ געטאָן, דער אימפּעט האָט פּלוצעם אָנגעיאָגט אַ האַרץ־קלאַפּן, אויפגעוועקט פון אַ חלום און זיך געפרייט, וואָס דאָס פיר־פיסיקע באַשעפעניש האָט זיך געראַטעוועט.

דער אָנטרייבער, אַ מאַן אין די מיטעלע יאָרן, מיט אַ האַלבן ציגאַר אין מויל האָט אַרויסגעשטעקט זיין רונדיקן קאָפּ דורכן אָפענעם פענצטער. אַרויסגעוואָרפן עטלעכע שאַרפע ווערטער מיט אַזאַ בייזקייט, ווי מען וואָלט אים גאָר באַדאַרפט באַלייגען און האַסטיק געלאָזט דעם אויטאָמאָביל אין ווייטערדיקן גאַנג.

מיר זענען אַריין אין אַן אָפן טויער מיט אייזערנע קראַטעס, אויף דער רעכטער זייט פון וואַנט איז געווען אויסגעקריצט מיט גרויסע אותיות „בית החיים“. פון אַ זייט איז אָנגעפלויגן אַ שוואַרצער פויגל מיט גלאַנציקע פעדערן, געפלויגן איבערן קאָפּ און געקראַקעט. מיר האָבן פאַרלאַנגזאַמט דאָס שפּאַנען, זיך אָפּגעשטעלט נעבן אַ בוים. דער פויגל האָט זיך געשטעלט אויף אַ צווייג, זיך געבייזערט....

נישט שווער איז געווען צו פאַרשטיין זיין פאַרדראָס. מיר האָבן געזוכט א נעסט, געמיינט, אז אפשר האָבן מיר פאַרשוועכט עפּעס פון זיין הייליקייט. ניין, קיין שלעכטס זענען מיר נישט באַגאַנגען, דאָך איז געווען שווער צו פאַרשטיין — „וואָס ער וויל". געטראַכט האָבן מיר, אַז מסתמא וויל ער עפּעס...

ווען איך האָב גענומען רעדן צו אים „פויגל־שפּראַך" האָט האָס באַשעפעניש געענטפערט. ווען מיר זענען אַריין אין מאַוזאָלעום האָט ער צוגעשוועבט און נאָכגעשריגן בייז לשון. עס איז צוגעקומען אַ באַיאַרטער ייִד מיט אַ ספרל אין האַנט, געפרעגט צו מיר ווילן ער זאָל זאָגן א קאַפּיטל תהילים. „ניין, מיר ווילן נישט", מ'איז נאָר געקומען אַ קוק טאָן אויפן קעסטל אַש... פון אַ נאָענטן חבר.

„יאָ, זאָרגט זיך נישט ס'איז גוט פאַרחתמעט, דאָ דאַרף מען שוין נישט זאָרגן... די וואָס טוען גוטע מעשים ביים לעבן געדענקט מען. די אַנדערע ווידער, וועלכע מיינען, אַז דאָס לעבן איז אייביק, ווייסט איר דאָך..."

„איר ווילט אוודאי צו דער מצבה פון פּרץ הירשביין? קומט, אָט־דאָרט, צו דעם מענטשן, זעט איר, קומט מען, נישט גענוג, אָבער מ'קומט".

דער קראַקענדיקער פויגל איז ווידער נאָכגעפלויגן, זיך געבייזערט, געקרייזט איבערן קאָפּ, געשטעלט זיך אויף דער מצבה, אויף דער אויפגעוויקלטער מגילה. ווען מיר האָבן גענומען לייענען הויך אויף אַ קול, האָבן מיר געהערט ווי דער פויגל זאָגט נאָך די ווערטער, וואָס זענען אויסגעקריצט אויף דער מצבה:

„עס האָבן די ווערבעס־ביימער אויפגעהויבן די קעפּ פון סטאַוו און האָבן נאָכגעקוקט ווי ליפּע דער מילנער טראָגט זיין פּרצן איינגעוויקלט אין אַ טלית, צו משה מרדכין אין חדר אַריין".

פון יענער זייט ווינקל האָט אַנגעהויבן אַרויסקוקן א ליכטיקער וואָלקן. די זון האָט זיך געוואָלט באַווייזן מיט איר פּראַכט און גלי און פאַר דער אין טונקל איינגעהילטער וועלט ברענגען אַ טרייסט...

דער ייִד מיטן ספרל איז ווידער צוגעקומען — „איצט ווייס איך שוין ווער איר זענט". אַז מען האָט געלאָזט אויסהרגענען אַ פאָלק און די וועלט האָט געשוויגן... אָט, דער דור פון דער מצבה וועט שוין מער נישט זיין... איר זעט דאָך: די דייטשן זיי לעבן ווידער, וועלן ווידער אומברענגען... מ'עט זיי לאָזן, די וועלט האָט גאָרנישט געלערנט...

אַ קליין פייגעלע האָט זיך געיאָגט נאָך אַ שמעטערלינג, דאָס געכאַפּט אין שנעבעלע און נאָך שווערע האַנגלעניש האָט דער שמעטערלינג זיך באַפרייט, געפלאַטערט ביז עס איז ווידער געכאַפּט געוואָרן אין פּיסקל פון פייגעלע.

אַ לאַנגע צייט איז אָנגעגאַנגען אַ געראַנגל... דער שמעטערלינג האָט געוואָלט פלאַטערן אונטער דער וואַרעמער זון צווישן בלומען און גרינגע בלעטער און דאָס פייגעלע האָט זיך געוואָלט אָנזעטיקן מיט אַ געשמאַקן ביסן... דער ייד מיטן ספרל איז צוגעקומען: „איר זעט, נישט אַלעמאָל זיגט דער גערעכטער, אונטער דער האַק פון שלעכטן פאַלט דער שוואַכער"...

די טירן פון „טשאַפּעל" האָבן זיך ברייט געעפנט, און דער „טשאַפּעל" איז אָנגעפילט געוואָרן ביזן ראַנד. אַ טייל מענטשן זענען געבליבן אין דרויסן, האָבן פילאָזאָפירט „וואָס איז לעבן?".

זאָגט איינער:

— זיי, די מענטשן זענען ווי דיאַמאַנטן, זיי לויכטן אין דער פינצטער.

רופט זיך אָן אַ צווייטער:

— די מענטשהייט, דאָס איז אַ גאָרטן מיט בלומען, זיי קומען און וואַקסן אין עקזאָטישע קאָלירן, זיי גייען אויף אנטקעגן דער זון, ווערן געפלעגט און געצערטלט, וואַקסן אין גערטנער, ווי רויזן, וויאָלעטן, גלאַדיאָלן, כריזאַנטעמעס. ביי די וואַסערן קומען אַרויס „וויינענדיקע ווערבעס". די עקזאָטישע געוויקסן קומען נישט פון זיך אַליין, פּונקט ווי דער מענטש קומט פון זוימען, פון שטויב אַזוי אויך די נאַרציזן. דער מענטש ווי די „זיידענע בלום" וואַקסט אין קאָלירן פון רעגנבויגן, און נאָך דעם ווי זיי האָבן אַלץ אָפּגעגעבן צו דער ערד, וואָס האָט זיי באַשאַפן, און קאָנען נישט מער הייבן די קעפּ צו דער לבנה, שטערן אין הימל, הייבן זיי צוריק זיך אָן בייגן צו דער ערד און ווערן פאַרוויאַנעט. —
אַ בלום באַצירט די טישן פון רייכע היימען, רופט זיך אָן אַ דאַרינקע פרוי — וואַקסן אין גערטנער, אָבער ווען עס פאַרגלוסט זיך עמעצן באַצירן די בלומען פריילעכע טישן און אויך אַ טרויער־פּראָצעסיע...

אַן איינגעבויגענער מאַן אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטעקן זאָגט:

— די בלום ברענגט פרייד און פריילעכקייט צו פאַרליבטע און כאָטש ווען זי הייבט אָן וויאַנען און מען וואַרפט זי אַרויס, דאָך דערמאָנט זיך עמעצער מיט פופציק יאָר שפּעטער: „געדענקסטו דעם ערשטן

בוקעט בלומען, וואָס איך האָב פון דיר באַקומען? דאָס האָט פאַרזיגלט אונדזער צוגעבונדנקייט"...

— אויב מען דערמאָנט אַ מענטשן מיט פופציק יאָר שפּעטער מוז ער האָבן געטאָן גוטע מעשים אין לעבן פאַר גליק און פרייד פון אַנדערע, אַזוי ווי די בלום האָט געטאָן ביים לעבן...

— אדם, אדם, וואָס איז דער מענטש? דער מענטש איז ווי דער ווינט, דער טאָג, די נאַכט, ווי דאָס פייער אין די טיפע הימלען, וואָס טוט אַ בליץ און פאַרשווינדט, ווי דער פאַלנדיקער פייער־שטערן וואָס לעשט זיך אויס בעתן פאַלן... אין אַן אויסגעשטערנטער סאַמעטענער נאַכט.

— פאַרוואָס זאָגט מען שלאָף רואיק אין קבר? ווייל:

„עס איז גוט ווען דער מענטש קאָן שלאָפן רואיק אין דער אייביקייט".

— אָבער וואָס איז מיט דער ווילדקייט? מיט דער טראַגישער געשיכטע פון אונדזער פאָלק, מיטן אַש און ביינער פון מאַידאַנעק? דאָס אַש פון די, וועלכע האָבן טויזנט יאָר באַרייכערט מיט טיפן וויסן די געשיכטע פון יידישן פאָלק? אַ באַרג פון מענטשלעך אַש איז אויפגעשטעלט געוואָרן, אַזאַ לויה האָט האָך נישט איר גלייכן אין דער געשיכטע, דאָס אָנשיטן דעם באַרג מיט „שפּאַדלען" האָט געדויערט הונדערט מיט צוואַנציק מינוט....

— דער מענטש האָט ווייניקער ווערט ווי די בלום, ווייל ווען די רויז בליט, ווען זי איז אין איר לעבעדיקן פּראַכט, וועט קיין האַנט דאָס נישט וואַגן פאַרניכטן. אָבער אַ מענטש? זעקס מיליאָן פון אונדזער פאָלק...

אין „טשאפּעל" איז געוואָרן שטיל, מ'האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן אַ מענטש, אַ נאָענטן, אַ חבר, וואָס האָט אין לעבן זיך געבויגן צום גוטן און זיך קעגנגעשטעלט דאָס שלעכטע.

ווען די נאַטור האָט אים אָנגעזאָגט „דער מענטש בייגט זיך ווי די ווערבע, ווען ער ווערט אַלט" האָט ער געזאָגט: „איך וויל נישט שטאַרבן"... איצט ווען דאָס לעבן ווערט צוריק פינקלדיק...

אַליין איז ער, נחמן קרופּין, געווען אַ גריבלער אין די קלייניקע אותיות. דאָס האָט אים געפירט צום „האַנטבוך פון העברעיזמען אין דער יידישער שפּראַך". תמיד געזוכט דעם שורש, דעם שטאַם און אָפּשטאַם פון תורה, תלמוד, פּסקים, פון דער אַלטער און היינטצייטיקער יידישער ליטעראַטור.

— עס איז דאָ אַ בוים, וואָס וואַקסט אין מעקסיקאָ, ער רופט זיך „גראַציאָזאַ“ אָדער דער „בוים פון זיידנס“. דאָס איז זייער אַן איידעלער שטאַם, האָט אים די נאַטור באַשאָנקען מיט געדיכטע טויזנטער שפּיציקע וואָרצעלעך, מיט הער האַנט קאָן מען דאָס נישט אָנרירן, ווייל די שפּיזעלעך זענען זיין פאַרטיידיקונג...

— אַנטקעגן וואָס זאָגט איר דאָס דאָ, אויפן „גוטן אָרט“, פרעג איך ביי אים.

„אַלץ זעט איר איז באַשאַפן געוואָרן, אַז עס זאָל זיך קאָנען פאַרטיידיקן, נאָר נישט דער מענטש“...

עמעצער, ביים אָפענעם קבר האָט געזאָגט, אַז עס איז גוט, ווען דער מענטש, וואָס גייט אַוועק לאָזט איבער זוימען, וועלכע וועלן באַפרוכטפערן די ערד, און די מענטשן מיט גוטע מעשים, ווי נחמן קרופּין. ווען דער מענטש לאָזט איבער גוטע זוימען איז דאָס לעבן אייביק.

זכרונות—רעטראסקאפ

צוריקגעקומען פון יענער וועלט...

(שרהן פאַר מיטגיין דעם שווערן וועג — באַרג אַרויף)

געמיינט האָבן מענטשן, אַז איך בין שוין טויט, אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז איך לעב נאָך, איך אַליין האָב נישט געוווּסט, וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט. אַ מענטש, וואָס ווייסט נישט צי ס'איז דאָ אַ וועלט אין אים זייער גוט... פּלוצעם האָט גענומען רוישן אין די אויערן — זשו־זשו־זשו. ביסלעכווייז איז דער טומל געוואָרן שטאַרקער, דער אַרומיקער עולם גרעסער, און די וועלט אַרום איז נאָך אַלץ געווען פינצטער...

ווען די אויגן האָבן זיך געעפנט, האָט אַ פּאָליציימאַן, דורך אַ שפּאַלט פון דעם אויטאָ, געטאַפּט דעם דופק, געמינטערט:

„האַלט די אויגן אָפן, שלאָף נישט, הילף קומט, וועסט זיין „אָקעי!"
און ער האָט גערעדט צו די אַרומיקע:

— האַלטן זיך פון ווייטן, עס קאָן אויפרייסן... די דראָטן פון טעלעפאָן־סלופּ זענען געלעגן אויף דעם אויטאָ, איין ריר און דער שטאַרקער שטראָם וואָלט דורכגעדרונגען די גלידער פון מענטשן...

אין דעם מאָמענט איז מיר צוריקגעקומען דער שכל און איך האָב נישט געקאָנט איינהאַלטן די פריידיקע טרערן, וואָס האָבן אָנגעזאָגט, אַז איך לעב...

דער אויטאָמאָביל איז געלעגן איבערגעקערט, מיט די רעדער אַרויף, צעקנייטשט ווי אַ „פּלעצל", בלויז אַ שטיקל אָרט ביים רעדל איז געווען גאַנץ, אַזוי בין איך געלעגן ווי אין אַ „עמבריאָ" אין דער מאַמעס טראכט און געשעפּטשעט עפּעס אומפאַרשטענדלעכעס. כ'האָב נישט געפילט קיין גאַנצן אבר, געמיינט, אַז ס'איז פון מיר געבליבן אַ האַלבער מענטש... מאָדנע מחשבות האָבן זיך אין קאָפּ געפּלאָנטערט — ווערט דען אַ מענטש צוויי מאָל געבוירן?

דער פּאָליציימאַן איז אַוועק און איז באַלד געקומען צוריק מיט טדייסטן:

„דו הערסט די סירענע? אַז אַמבולאַנס קומט, מען וועט דיך ראַטעווען, וועסט לעבן“.

כ'האָב געוואָלט ענטפערן אַ „דאַנק“, אָבער ס'מויל האָט זיך נישט געעפנט, די צונג איז געווען ביי מיר צוגעקלעפּט צום גומען, ווי אַטראָפירט. דער מוח האָט זיך שוין צוביסלעך געגומען וועקן, דער געדאַנק איז געוואָרן קלאָרער, פרייליקער: „יאָ, איך לעב, עס איז דאָך אַזוי גוט צו לעבן אויף דער וועלט“.

פּאַסירט האָט עס אין חודש יולי, אַ חמימה האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער דער שטאָט, אַ הייסע לופט האָט זיך געטראָגן ווי פון אַ מדבר.

ביי דעם „דעליקאַטעסן סטאָר“, וו כ'בין געקומען אַרבעטן, האָבן שוין געוואַרט קויפער און קויפערינס. מיר האָבן באַלד זיך צעאַרבעט ייי מאַשינען, געלאָזן אין גאַנג די עלעקטרישע פעכערס, וועלכע האָבן קוים געקילט די לופט.

באַלד אינדערפרי איז געוואָרן אַ געלויף נאָך קאַלטע געטראַנקען, דעם טאָג האָבן מיר נאָך געהאַט אַן אויספאַרקויף פון „מציאות“. ס'האָט נאָך געפעלט אַ „האַנט“, דער באַלעבאָס איז געווען אויף וואַקאַציע. אין אַזאַ טאָג גרייטן די יונגע פרויען נישט קיין מאָלצייטן, זיי קאָכן נישט, נאָר מאַכן פון „גרייטן“. האָט מען געריסן פון די הענט: געהאַקטע לעבער, מאַרינירטע הערינג, איינגעזייערטע אוגערקעס, אַלערליי וורשטן, סאַלאַטן, קאָרנבויף, פּאַסטראָמע, באָרשטן פון אַלע פירמעס, מאַרינירטע פיש, קעזן, בליניצעס, קנישעס פליישיקע, פּאַרעווע ובדומה.

אַזוי דעם גאַנצן טאָג. ווען איינער פון די אַרבעטער האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ טישל, „נעמען עפּעס אין מויל“, האָבן די פרויען, וואָס האָבן זיך שטאַרק געאיילט „איינערגעץ נישט“, געמורמלט מיט תרעומות.

אַ ביסל שפּעטער אין טאָג איז מען געקומען קויפן פאַר „לאַנטש“ און „בראַנטשעס“ פאַר קאַרד־פּאַרטיס, וואָס האָבן געדאַרפט שאַפן געלט פאַר וווילטעטיקע צוועקן. פון צייט צו צייט האָט נאָך אַ פרוי אונטערגעשטופּט אַ בילעטל מ'זאָל איר געבן אַ „דאָנעיישאָן“, נישט חלילה פאַר זיך, נאָר פאַר אַ שפּיטאָל, פאַר קראַנקע קינדער, פאַר בלינדע, האַרץ־קראַנקע, פאַר אייסברייטערן די „קאָנגרעגעישאָן“ פאַר יתומים און אַלע אַנדערע הולאתן... וואָס האָס לאַנד קאָן נעבעך נישט באַזאָרגן.

אַזוי דעם גאַנצן טאָג, פון אַכט אַזייגער אינדערפרי ביז זעקס פאַרנאַכט. און שוין פאַרן פאַרשליסן האָבן נאָך עטלעכע מענטשן געקלאַפט אין טיר מ'זאָל זיי אַרייַנלאָזן און געבורטשעט, דער אייגנטימער וואָלט נישט פאַרהאַקט די טיר פאַרן נאָז, „זיך פאַרלאָזן אויף פרעמדע הענט קאָן מען שוין איינמאָל"...

אויפן וועג אַהיים, פאַרבייגייענדיק „פאַרמערס מאַרקעט", בײם קרייצוועג, האָט דער זייגער אויפן טורעם פון „פאַרמערס מאַרקעט" געוויזן צען נאָך זיבן, אַהער אין דעם „מאַרקעט" קומט מען פון דער גאַנצער וועלט. טוריסטן דרייען זיך דאָ אַרום ווי אויף אַ ניי אַנטדעקטן אינדזל, אַהער קומט מען עסן אונטערן פרייען הימל. דאָ זענען אויפגעשטעלט בוידן, פאַלאַטקעס, קראָמען און געשטעלן פון רוסישן באָרשט, קובאַנער באַנאַנען, האַוואַיער אַנאַנאַסן, פייגן און באָקסער: דאָ באַקומט מען געריכערטע פליישן און געפרעגלטע וווּרשטלעך. דאָ קויפט מען אויף „סוווענירס" פון ישראל, איטאַליע, מעקסיקאָ, ביכער און זשורנאַלן ערנסטע און פאָרנאָגראַפישע, דאָ דערנעבן איז דאָ אַ פילם-סטודיע, ווו איר קאָנט אַריינגיין אָן אַ גראָשן געלט, דאָ איז אַלעמאָל פרייליך, טומלדיק: מ'זיצט אונטערן פרייען הימל אונטער קאָלירטע שירעמס ביי אַ טעפעלע קאַווע. ביינעריקע פרויען, מענער, יונג און אַלט גאַפן פון דער „וועלט אין מיניאַטור".

ווען ביי מיר אין דער היים וואָלט שרה נישט געהאַט גרייט דעם טיש, וואָלט איך זיך אויך אַריינגעכאַפט אויף אַ „נאַש" און אַ ביסעלע אָפרוען.

די אויטאָמאָבילן פאָרן דאָ ווי אויף אַ פראָצעסיע, עס איז געדיכט. די פירערדלדיקע שטויסן זיך דאָ ווי פיש אין ים, אַ פאָליצייִמאַן רעגולירט דעם טראַפיק, אַ ביסל וויַיטער שטייט אַ גרופע מענטשן, טומלט זיך שטאַרק: אַ פרוי איז „אַרויסגעשטויסן" געוואָרן פון איר אויטאָ ווען זי האָט זיך אָנגעקלאַפט אין אַ קליינעם „טראַק", אַ שניַרל בלוט האָט זיך נאָך אָנגעזען אויף די שטייגער. „מען דאַרף זיין פאָרזיכטיק", האָב איך געזאָגט צו זיך...

דער וועג איז געוואָרן אַ ביסל פרייער, די זון האָט גענומען נידערן, און איז געוואָרן פייערדיק רויט, אירע שטראַלן האָבן זיך אָפגעשפיגלט אין די פענצטער און אויף די ביימער. קינדערלעך האָבן געטאַנצט אויף די גראָזן, וואָס זענען באַגאָסן געוואָרן פון אַ וואַסער-קישקע, זיך געפליוסקעט און פריידיק געלאַכט.

פּלוצעם — האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ שוואַרצער געדיכטער פאָר־האַנג, ווי אַ טונקעלע וואַנט איבער די אויגן, און האָט פאַרשטעלט דעם וועג... דערנאָך האָט מיך אַ פּאָליציימאַן געטראָגן אויף די הענט צום אַמבולאַנס...

דער רעטונגס־אויטאָ האָט זיך געיאָגט מיט אימפּעט איבער די גאַסן, בולוואַרן: — „מאַכט אַ וואַרע“, האָט די סירענע פאַרהילכט די גאַסן, — „אַ מענטש איז טייער“...

אין שפּיטאָל איז געווען שטיל, אָוונט — רו. ס'האָט געשמעקט מיט ציכטיקייט. דורך די פענצטער האָט זיך געזען די שטאָט מיט אירע פינקלדיקע נעאָ־ליכט, וואָס האָבן זיך געמיניעט אין פאַרביקייט פון קאָ־לירן. דער שפּיטאָל איז געשטאַנען אין אַ ווינקל פון שטאָט אויף אַ באַרג. איך האָב געקוקט דורך די גרויסע פענצטער צום הימל. שטערן האָבן זיך געצונדן, געלאָשן, געפינקלט מיט גרינעם גלי. איצט בין איך געווען זיכער, אַז איך לעב און בין אפשר צום צווייטן מאָל געבוירן געוואָרן... די קראַנקנשוועסטער האָט געהאַלטן מיין האַנט, גערעדט זיסע רייד, ווייך ווי סאַמעט איז געווען איר קול. אין איר פּנים איז קענטיק געווען מיטגעפיל. ווען זי האָט געלאַכט האָבן זיך אַנטפּלעקט אירע צוויי שרענ־געם ווייסע ציין, ווי געקליבענע פּערל, אירע גרויסע ליכטיקע טיף־ברוינע אויגן האָבן געשיינט, אירע הענט האָבן געגלעט, געצערטלט, באַרואיקט: „יו אר ניו בארן“, (ביסט ניי געבוירן) האָט די סימפּאַטישע נעגער־באַדינערין געזאָגט.

איך בין געלעגן אומבאַוועגלעך, מיינע אברים, צעטרייסלט און צע־בראָכן, דאָ און דאָרט אַ רויטער און אַ שוואַרצער פלעק...

דאָס בעט איז געווען פאַרשטעלט מיט אַ „שפּאַניש ווענטל“, די פּיס האָבן אַרויסגעסטאַרטשעט און שרה איז געבליבן שטיין ביי דער טיר — אַ דערשראָקענע...

די דאָקטוירים האָבן שוין געשטעלט דעם דיאַגנאָז:

„ער וועט לעבן“, ווייל „אַ מענטש איז שטאַרקער פון אייזן“...

ס'איז גוט וואָס איך קאָן שוין ליגן אין בעט ווי אַ ווירע — אויסגע־צויגן. מ'גיט מיר בלוט און וואַסער דורך רערלעך, וואָס פליסן אַריין אין די אָדערן, און שטאַרקן דעם קערפּער.

ווען דער „אינטוירן“ און די קראַנקנשוועסטער שטייען ביים בעט, הייבן פּלוצלונג אָן טרערן פליסן פון מיינע אויגן ווי פון אַ קוואַל...

„וואָס האָט דאָ פּאַסירט?“ ווילן זיי וויסן.

ביידע האַלטן מײַנע הענט, לאַסטשען מיך, ווילן פאַרהאַלטן די טרערן, איך דערצייל:

„איך ווייס נישט פאַרוואָס ס'איז געקומען צו מיר אין קאָפּ דאָס, וואָס די נאַציס האָבן געטאָן מיט מײַנע שוועסטער, מיט די פרויען, זקנים און קינדער פון יידישן פאָלק. איר גיט מיר בלוט, און זיי האָבן געצאַפּט דאָס בלוט, גערויבט, געשענדעט, פאַרטיליקט. די מעדיצינער, וואָס דאַרפן ראַטעווען מענטשן האָבן גאָר פאַרשעמט דעם נאָמען מענטש".

זיי האָבן גערעדט... איך בין אײַנגעשלאָפן ווי אין אַ היפּנאָלאָגיע.

דער פאַרטאָג איז געווען פול מיט חלומות פון דער וועלט און פון יענער וועלט... כאָטש מיר ווייסן, אַז פון יענער וועלט קומט מען נישט צוריק, פונדעסטוועגן — בין איך דאָ.

הערשל דער פילאָזאָף...

(פּאָרטרעט)

דער פאַרנאַכט אין פּאַסאַדענאַ, איז געווען געמיטלעך־קיל, אַ מילדער ווינט, וואָס האָט וואַרעם געגלעט ס׳פּנים האָט אויפגעהויבן עטלעכע בלעטער אין דער לופטן און זיי איבערגעלאָזט אויף אַ קרומען דאַך.

אַ האַלב־בלייכע לבֿנה האָט זיך גענומען אַרויסרוקן פון אונטער אַ בלויען דורכזיכטיקן הימל, די גאָלדענע שטערן האָבן זיך נאָך מאַט אָנגעזען, דאָס ליכט פון די גאַסן־לאַמטערן האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט דער קאָלירפולער עלעקטרישער באַלייכטונג פון נעאָן־ליכט.

הויך אין הימל, פאַרביי די שטערן און לבֿנה האָט זיך געיאָגט אַן עראָפּלאַן און געווונקען מיט גרינע און רויטע לעמפּלעך, וואָס האָבן אויסגעזען ווי באַוועגלעכע הימלישע ליכט.

הערשל איז געשטאַנען פאַר זיין מאַט־געפאַרבטן, איינגאַרטיקן, באַרימטן שוסטער־געוועלבל און געוואַרט אויף אַ קונה...

ווען ער האָט פּלוצעם דערזען די מענטשן זיך דערנעענטערן צו אים האָט זיך זיין לבֿנה־פּנים שטאַרק צעשמייכלט, דערלאַנגט אַ וואַרעמען שלום עליכם, אויסגעדריקט גרויס צופרידנקייט מיט די נישט דערוואַרטעטע געסט.

— קומט אַריין אין הויז, — זאָגט הערשל, — מיין גאָלדע האָט ליב געסט, בפרט נאָך פרייטיק צו נאַכט. געפילטע פיש האָט גאָלדע גרייט, חלה אויך, און אַ גלעזל היימיש געשטעלטער וויין איז דאָ, איינגעמאַכטס אויך — אַלץ אַזוי ווי אין היימישן שטעטל, כאָטש איך בין שוין 70 יאָר פון דאָרט. ליגט מיר נאָך דער טעם אין די ביינער...

הערשלס הויז זעט מאַקע אויס אייראָפּעיש־נגידיש, פאַרשידענע חפצים, וואָס זענען שוין ווער ווייסט ווי אַלט, בלאַנקען דאָ ווי נייע. אַ סך פון דעם וואָלט זיכער פאַרצוקערט אַ מוזעאום...

ווען מיר נעמען צו „ביסלעך“, שטייט הערשל נישט אָפּ, אַדרבא, ער ווערט גוט אויפגעלייגט:

— איר הערט מיינע פריינד, — זאָגט הערשל, — די מעשה איז אַזוי:

„איף די פיפל וווד טהינק עי ליטל מאר
וואָלטן מיר געלעבט אין שלום — נישט אין וואר“...

אין דעם שוסטער־געוועלבל, וואָס איז געבויט ווי אַ דרייעק, „הערשט“ הערשל שוין — קיין עין־הרע פערציק יאָר. דאָ האָט הערשל מיט גאָלדען אויסגעגעבן די קינדער, אין פריידן חתונה געמאַכט אייניקלעך, געפּראַוועט בר־מצבות. יאָ, ווען הערשל וויל האָט ער געקאָנט האָבן גאַנצע זשמעניעס מיט געלט, אָבער הערשל האָט זיך זיין אייגענע „פילאָזאָפיע“... ער פירט זיך זיין וועלטל, אַפּגעזען וואָס אַנדערע טראַכטן אָדער זאָגן אויף אים...

— איך פיר זיך מיין וועלטל, זאָגט ער טאַקע, און רעדט עס אַרויס מיט שטאָלץ.

הערשל רעדט מיט פסוקים, גלייכווערטלעך, ווייזט אַרויס ביבלישע חריפות, האָט ליב אַליין שרייבן, לייענען פאַר אַן עולם, איז נישט שטאַרק מדקדק אין שפּראַך, אַבי דאָס וואָרט איז ריין, קיילעכדיק־שפּיציק און טרעפט אין ציל...

דאָס פענצטער אין שוסטער־געוועלבל איז באַצירט מיט אויפשריפטן וועגן דער ערשטער און צווייטער וועלט־מלחמה, ציפערן און סטאַטיסטיק... הערשל פירט אייך איבער זשורנאַלן און צייטונגס־אויסשניטן, קאַריקאַטורן, וואָס הענגען אויף אויסגעבלייכטע ווענט און טרעפלעך אָפּגעקליבענע קאַרטונגס און רעדט צו אייך אַזוי:

— ווען מענטשן וואָלטן געווען אַזוי טייער ווי מינעראַלן, אייזן, שטאָל, נאַפט און ברויט, וואָלט קיין איין פוס פון פרעמדע שטיוול נישט געקראָכן אין יענעמס לאַנד“...

— אַמאָל „פאַרבלאָנדזשען“ צו מיר אומגעוואונטשענע געסט, וואָס זיי פאָרשן, פרעגט מיך בהרים... פרעג איך זיי: „איר ווילט אַ דריטע, אַטאָמישע וועלט־מלחמה?“ און טרייב זיי מיטן קאַפּול ווי די הינט, וויל ווי איר קוקט מיך אָן בין איך שוין אָט־אָט אַ 90־קער איז וואָס האָב איך זיך צו שרעקן?, זאָלן אָבער מיינע אייניקלעך געדענקען, אַז זייער

זיידע איז נישט געווען קיין פּחדן, איך האָב מיר מיין אייגענע פילאָ־זאָפיע...

איינמאָל קומען זיי ווידער די „געסט“... זאָג איך ווי אין פּסוק שטייט: „ויבוא המן“ זעען זיי ווי מיין גאָלדע זאָל לעבן שטריקט, מאַכט שאַלן, סוועטערס, וואָס אויגן זעען מאַכן אירע פינגער, הייבן זיי אָן רעדן גאָר צו איר, בכן, אַזוי און אַזוי, כּאָטש גאָלדע זאָל זיך מיט מיר גטן... ווערט גאָלדע אַ ביסל ביידזלעך, ווייל זי האָט נאָך צו מיר אַן אַלטע טענה, באַרוואָס איך האָב זיך נישט אויסגעלערנט פירן אַן אויטאָמאָביל. זאָג איך צו איר: ווייסטו וואָס?

— באַלד ווער איך אַ 90־קער, קויף מיר אַ מתנה — שפּאַסט הערשל און ווינקט... פּלוצעם זאָגט הערשל: שרעקט זיך נישט מיינע טייערע, ליבע געסט, באַלד וועט זיין אַן „ערד־ציטערניש“... אַזוי ווי מיר האָבן געהאַט אויסגעטרונקען עטלעכע גלעזלעך פון דעם גוטן, אייגן־געמאַכטן וויין, וואָס גאָלדע האָט מכבד געווען, און דאָס הויז האָט זיך דווקא אַ טרייסל געטאָן, האָבן מיר סיי־ווי נישט געוווסט, צי פון וויין אָדער פון — ווי עס פּאַסירט אַמאָל אין קאַליפאָרניע... וויזט זיך אַרויס, אַז אין אַ געוויסער צייט צווישן טאָג און נאַכט, פאָרט פאַרביי אַ באַן האַרט ביי די פענצטער. ווען די באַן פאָרט און זי סאָפּעט און זי פייפט, שאָקלען זיך די ווענט פון הויז און די פּאַסאַזשירן פאָכען מיט הענט און טיכ־לעך, אַנדערע וואַרפן לופט־קושן צו הערשלען.

ווען די באַן און די „ערד־ציטערניש“ איז בשלום אַריבער, זאָגט הערשל צו גאָלדען: „איצט, אַז מיר זענען געבליבן לעבן, טראָג אַריין די גוטע איינגעזייערטע אוגערקעלעך און דעם גוטן קאַרשן־וויין, וואָס דו האָסט געשטעלט מיט פינף יאָר צוריק צו דער חתונה פון פערטן איי־ניקל זאָל לעבן, לאָמיר אויפסניי נעמען צו ביסלעך, ווייל די געסט האָבן זיך שטאַרק דערשראָקן“... גאָלדע טוט וואָס איר הערשל הייסט, לאַכט הילכיק און יונג ווי קוואַליק וואַסער.

ווען הערשל זיצט אין געוועלבל, זיצט גאָלדע מיט אים און היט איר הערשלען, „ווייל ער איז אַ גרויסער אויסברענגער, רק ער גיט, אַלע ווילן ער זאָל געבן. מיט געוואַלד האָב איך אָפּגעשפּאָרט אַ ביסל מזומנים, ווען איך פאַרלאָז זיך אויף אים“... הערשל ווינט אין דער הייך, איבערן שוסטער־געוועלבל, קיין סך שיך צו פאַרריכטן קומט שוין נישט אַריין, זיצט ער מיט גאָלדען אין הויז. עטלעכע מאָל אַ טאָג קלינגט דאָס גלעקל,

וואָס הערשל האָט איינגעשטעלט, לויפט ער איבער די טרעפ, וואָס קרעכצן — אַרויף און אַראָפּ ווי אַ „בויטשיקל"... „איר זעט", זאָגט גאָלדע, שוין באַלד אַ 90-קער, זעט ווי גלאַטיק זיין פּנים, אָן אַ קנייטשעלע"... רופט זיך אָן הערשל: אַז איך גיב די פרויען „קאַסטימער" אויף באַרג, גלעטן זיי מיר די באַקן און גלייכן אויס די פאַלדן"... גאָלדען פאַרדריסט, וואָס איר הערשל איז אַן אויסברענגער... „איר הערט ווי זי סטראַשעט מיך מיט אַ גט?". גאָלדע טוט זיך אַ בייזער... און זאָגט: „זאָל מען נישט מיינען, אַז איך בין קאַרג, אויף די עלטערע יאָרן דאַרף מען היטן אַ גראָשן"... און הערשל כאַפּט אונטער: „ווי אין פּסוק שטייט, לסוף ימיו-לעת זקנה".

„צו מיר קומט דער פּראָפעסאָר פון מוזיק, וואָס האָט געלערנט פידלען מיין זון. דער גלח פון שטעטל, יונגע ווייבלעך, און סטודענטן נאָך עצות, ווייל אין אַמעריקע זענען די געלערנטע און דערוואַקסענע ווי קליינע קינדער: איינער לערנט זיך אויס זיין אַ לאיער, ווייסט ער נישט מער, דאָס זעלבע מיט אַ גלח, אַ רבי און פּראָפעסאָר... ווען מענטשלעכקייט און פּאָליטיק קומען זיי צו מיר, ווייל איך האָב מיר מיין אייגענע פילאָזאָפיע"...

גאָלדע האָט ליב הערן ווי איר הערשל רעדט קלוגע רייד און ווען ער לייענט זיינע מעשיות, גיט זי אים אונטער מוט: „זאָלן די געסט זען, אַז איר מאַן איז נישט בלויז אַ שוסטער, וואָס קאָן נישט טרייבן קיין אויטאָמאָביל"...

ווען עס באַווייזן זיך חשובע געסט, זינגט הערשל פרייטיק צו נאַכט אַ זמרל, אַ ניגונדל, דעמלט שיינט גאָלדע, אירע באַקן פלאַמען, זי קוקט הערשלען אין פּנים און זאָגט: „נחת מיינער, לאַנג לעבן זאָלסטו!"

מאַן און ווייב האָבן ליב מענטשן ווי דאָס פריידיקע זוניקע לעבן, ווייל „צו וואָס טויג אַ הויז ווען עס קומען נישט קיין מענטשן?" פרעגט גאָלדע און שטעלט ווידער אַ פלעשל אייגענעם קאַרשן-וויין און היימישגעשטעלטע זויערע אוגערקעס, אַ שטיקעלע זיס-זויערע פיש און פאַרבייסעכץ, אַז עס רייצט דעם גומען און פאַרשמעקט דאָס הויז.

„פון אונדזער שמועס ווייסט איר שוין, אַז איך בין אַ תלמיד פון פרענקלין דעלאַנאָ רוזוועלט, און אייב לינקאָלן, איך בין אַ דעמאָקראַט, נישט ווי יענע פאַלשע, וואָס זיצן אין ווייסן הויז"... יאָ, די וועלט איז „קרוקעט", אָבער איך האָב מיר מיין אייגענע פילאָזאָפיע...

הערשל און גאָלדע האָבן צען אייניקלעך, זיבן אור־אייניקלעך, באַלד וועט מיט גאָטס הילף זיין נאָך... זאָגט הערשל, און גאָלדע לאַכט פריש און הילכיק ווי קוואַליק־וואַסער.

שפּעט אין אָוונט, פאַרלאָזן מיר דאָס הויז. הערשל באַשטייט, אַז מען דאַרף נאָכאַמאָל אַריין אין געוועלבל אָנקוקן די „שיר המעלותן" און די בילדער פון משה רבינו, קאַרל מאַרקס, אייבערעהעם לינקאָלן, פרענק־לין רוזוועלט און דזשאָן פ. קענעדי. לעבן זיי הענגט איינגערעמט מיט גרויסע יידישע און ענגלישע אויתות הערשלס אייגענע פילאָזאָפיע: — דאָס צויבער־וואָרט שלום איז מיין לעבנס־לאַנגער חלום. שלום זאָל קלינגען איבער דער גאָרער וועלט. און יעדנס מענטשלעך האַרץ זאָל זיין אַ שלום־געצעלט.

שבועות אין חדר

אַוועק זענען די קינדער־יאָרן און שוין לאַנג אַוועק אין דער אייביקייט אין דער רבי פּייוול, וועלכער איז פאַרבליבן אין זכרון צוזאַמען מיטן חדר און די יום־טובים, וואָס ער האָט איינגעפלאַנצט אין די לויטערע קינדערשע נשמות.

קיין פאַנאַטיקער איז ער נישט געווען, דער רבי פּייוול, אָבער אויך נישט צו וועלטלעך. דאָך האָט ער באַנומען די געשעענישן פון זיין צייט.

ער האָט פאַרמאָגט גרויסע, ליכטיקע, ברוין־גרויע אויגן, אַ לירישע שטימע און געלערנט האָט ער מיט געזאַנג און געבעט.

סיי די יום־טובים און סיי דאָס לערנען און געשעענישן פון די טויזנטער יאָרן גלות, האָט ער געטייטשט און פאַרטייטשט גאַנץ אַנדערש ווי די פריערדיקע מלמדים.

רב פּייוול האָט מיט די יינגלעך געלערנט די יום־טובים פון פרייד, נסים, זיג און טרויער, וועלכע האָבן פאַרכאַפּט די תלמידים מיט זייערע קאָלירפולע שילדערונגען און העראָישקייט.

געבליבן איז אין זכרון דער יום־טוב שבעות מיטן געזאַנג פון „אקדמות“ און די וווּנדערלעכע ראָמאַנטישקייט, וואָס דער רבי מיט די קינדער האָבן געוועבט אַרום דעם גרינעם יום־טוב, וועלכער קומט צו אונדז אין פרילינג און ווערט אויך אָנגערופן חג הבכורים, ווייל דער יום־טוב שבועות איז געפייערט געוואָרן אין דער צייט פון שניט אויף די פעלדער, פון איינזאַמלען דאָס קאָרן, ווייצן און אַלץ וואָס די מאַמע־ערד האָט אַרויסגעגעבן. אַ טייל פון דעם איינגעזאַמלטן האָבן די פויערים געבראַכט אין בית המקדש פאַר די כהנים. אַ באַווייז, אַז די שניט־צייט איז געווען אַ גרויסער יום־טוב זעט מען אין פיל ספרים. אין דער משנה און אין חומש ווערט דאָס באַזונגען אין דער פאַרבנרייכסטער לירישער

פּאָעזיע: רייך, פּאַרכאַפּנדיק, מעלאָדיש, גיסן זיך פּאַנאַנדער די מוזיק=טענער איבער די רחבותדיקע פּעלדער און גלייכצייטיק ווערט אַריינגעבראַכט א רעליגיעזער אָנדייט, אַז אין דעם טאָג שבועות ווערן געמשפּט די פּרוכט=ביימער.

עס ווערט אויך דערציילט, אז דער מאַן אלימלך האָט געהאַט צוויי זין און א פרוי נעמי. אַזוי ווי עס איז געווען א הונגער אין לאַנד בית לחם, האָבן זיי גענומען וואַנדערן און אָנגעקומען אויף א פעלד, דאָ, איז געמיס מאַן, אלימלך, געשטאָרבן, און נעמי מיט אירע צוויי זין זענען דאָרט פאַרבליבן. האָבןביידע זין חתונה געהאַט. איין פרוי האָט געהייסן רות. שפּעטער זענען די צוויי מענער געשטאָרבן — איז נעמי געבליבן מיט אירע שנורן, געבליבן ווי אויפן וואַסער אָן מיטלען צום לעבן. זאָגט זי צו זיי אַזוי צו זאָגן: האַלט זיך נישט אן אין מיין פאַרטעך... גייט, זוכט זיך אויס אן אָרט, אַ דאַך איבערן קאָפּ, איך וויל, אַז עס זאָל אייך זיין גוט, האָבן די צוויי שנורן נישט געוואָלט פאָלגן די שוויגער און געבליבן מיט אירע שנורן, געבליבן ווי אויפן וואַסער אָן מיטלען צום לעבן. אלט און קיין קינדער וועל איך מער נישט געבוירן, דאַרפט איר נישט וואַרטן ביז איך וועל חתונה האָבן. איז איין שנור אַוועק וואַנדערן, זוכן א היים, א געצעלט און די צווייטע — רות איז געבליבן מיט דער שוויגער נעמי.

נאָך דעם האָט רות מיט איר שוויגער נעמי אויך אויסגעוואַנדערט פון פעלד און צוריק אָנגעקומען אין זייער אַלטער היים, בית=לחם. דאָ האָט זיך נאָך געפונען אלימלכ׳ס משפּחה, ווייזט אויס א רייכער גוט=באַזיצער, זיין נאָמען איז געווען בועז.

איז רות אַרום ארבעטן אין פעלד און געפונען גרויס חן אין זיינע אויגן. אַזוי ווי נעמי האָט דערזען, אז רות האָט געפונען לייטזעליקייט אין זיינע, בועז׳ס אויגן, זאָגט זי צו איר אַזוי צו זאָגן:

היינט אָוונט איז אן אויסגעשטערנטער סאמעטענער הימל. די נאַכט איז שטיל און ראָמאַנטיש, איבער די ריזיקע הויכע בערג איז אויסגעשפּרייט אן אידילישע שטילקייט, א מלאך שוועבט איבער דיין קאָפּ, וואָס זאָגט, אז עס וועט דיר זיין גוט... גיי זיך וואשן און זאלבן... וועסטו היינט ביינאַכט נושא=חן זיין... הער מיין קינד: ווען בועז וועט זיך לייגן, שלייך

זיך אַריין שטילערהייט, אויף די שפּיץ־פינגער, וועסט זיך צוגנבענען צום געלעגער, אָפּרעקן זיינע פּים. אַזוי האָט רות געטאָן...

אין דער סודות־פולער נאַכט האָבן מלאכים געשוועבט אין די זיבן הימלען, און רות האָט מיט אַ צייט שפּעטער געשאָנקען בועזן אַ זון.

. . . .

שבועות אין דער אַלטער היים

קינדער ביי אָרעמע לייט אין באַלוט, לאָדזש, האָבן נישט געהאַט קיין באַגריף פון דער בעלי־חיים וועלט. אויף די הויפן, ערב יום־טוב, פלעגט זיך ארומדרייען א הון, א קאטשקעלע, א גענדזל. אין גאַס האָט ארומגעבלאָנקעט א ציג, א קו, א פערדל, אויף אַזויפיל האָבן די קינדער געוווסט פון אנדערע וועלטן... ווען ס'איז געקומען שבועות־צייט, האָבן מיר פאר א קאָפּיקע געקויפט א גאַנצן בויגן „שבועותלעך“, ווו עס איז געווען אויסגעמאָלן אין שיינע, פאַרשידנאַרטיקע פאַרבן דאָס גאַנצע „קעניגרייך“ אויף דער יבשה, טייכן, ימען, וועלדער — פיל בעלי־חיים, פון וועלכע מיר זענען געווען אנטציקט. אַזוי ארום האָבן מיר זיך באַקענט מיט דער שיינקייט, וואָס די נאַטור האָט באַשאַפן.

די „שבועותלעך“ זענען אויסגעקלעפט געוואָרן אויף די שויבן. זיי האָבן באַצירט די יידישע היימען. אַפילו די פרומע טאַטעס, וואָס האָבן נישט געלאָזט די יינגלעך צו קיין שפילערייען, האָבן אויך באַוואונדערט די שיינקייט פון דער וועלט.

שבועות איז געווען פאַררעכנט ביי די יינגלעך פאַרן שענסטן יום־טוב. פון אַלע יידישע היימען האָט געשמעקט מיט גרינס, בעסער ווי סוכות דאָס סכך. די ליבע זון האָט געוואַרעמט, בלאָטעס זענען געווען אויסגעטריקנט, אַז מ'האָט אָנגעטאָן אַ נייע פאָר הויזן, האָט די מאַמע נישט באַדאַרפט וואָרענען: „שמיר זיי נישט אוים אין די בלאָטעס“...

פון עסן מילכיקס איז דאָך שוין אָפגערעדט... ערב־שבועות זענען די פויערים פון נאָענט און פון ווייט געקומען אין שטאָט, אויפן באַלוטער מאַרק, געבראַכט קעז, פוטער, גרינס. דער יאריד אַליין איז געווען פול מיט קאָלירן, שפּאַנונג, פרייד.

שבועות איז געווען דער איינציקער יום־טוב, ווען די מאַמעס האָבן געטיילט גרויסע „מוציאם“ פוטער־קוכן מיט ווייסער קאַווע. איינטונקען

אַזאַ שטיק קוכן, וואָס איז געווען „אײנס אין דער וועלט“, אין קאַווע איז געווען טעם גן־עדן...

אין חדר ווערן די ייִנגלעך פאַרכישופט פון דער דראַמאַטישער מעשה מגילת רות. אך, רות, די טאָכטער פון מואב... אַזויפיל גוטסקייט פון איר שוויגער נעמי... און צום סוף גייט רות מיט איר שוויגער צום הייליקן לאַנד, איז זיך מגייר און ווערט שפּעטער דערהויבן צום ייִדישן מלכות־הויף...

אין חדר האָט דער מלמד געלערנט מיט די ייִנגלעך „אקדמות“: „איידער איך הייב אָן“. מיט פאַרמאַכטע אויגן האָט זיך דער רבי אַרי־בערגעטראָגן אין אַנדערע וועלטן: „אַ מלאך האָט זעקס פליגל“... און דער ניגון האָט זיך צעגאָסן איבער די געקאַלכטע ווענט, פונקט ווי דאָס געזאַנג פון „שיר השירים“.

שבועות איז נישט געווען קיין „פּראַקטיקער יום־טוב“, מען האָט נישט באַדאַרפט ציטערן ווי „אַ פיש אין וואַסער“. עס איז געווען דער טאָג פון מתן־תורה. אין יענעם טאָג אין סיון האָבן זיך די ייִדן פאַרזאַמלט אויפן באַרג סיני, און אָנגענומען די תורה פון משהן...

די קינדער מיט עלטערע ייִדן האָבן זיך דערלויבט אַ ביסל לצנות, אַ זמרל. עפּעס זענען אונדזערע עלטערן געווען „אויפגערוימט“, זיך נישט געשראָקן פאַרן רבונו של עולם. רייך און אָרעם האָבן זיך „אויסגעמישט“, ווייל יענעם טאָג האָבן די גבירים נישט געגעסן קיין הינער, און דער דלפון — קיין טרוקן ברויט, — אַלע האָבן געגעסן מילכיקס...

די דערוואָקסענע ייִנגלעך זענען אַוועק ווייט הינטער דער שטאָט אַרום דער וואַסער־מיל, ביי די ברעגן פון גרויסן טייך, ווו די „שיינע רויזע“ האָט זיך דערטרונקען צוליב דעם פעלטשערס זון. דאָרט זענען געוואָקסן הויכע „לאַבאַנדזשעס“, האָבן די ייִנגלעך געמאַכט פייפלעך, אַז אָנדייט אויף די ייִדישע פאַסטוכער פון הייליקן לאַנד...

דעם דאָקטאָרס זונדל, שלום פון בעלכאַטאָוו, אַז „אויפגעקלערטער“, האָט דערציילט, אַז אונדזערע טאַטעס האָבן אַזוי לייכט נישט געוואָלט אָננעמען די תורה, האָבן די ייִנגלעך געפילט דעם צער, וואָס משה רבינו האָט געהאַט: „עס האָט שוין געהאַלטן דערביי, אַז אַנדערע אומות זאָלן דערמלט אָננעמען די צען געבאָט“ — אַזוי האָט שלומל דערציילט. גוט וואָלט דאָס מסתמא געווען, ווייל מען וואָלט פאַרשפּאָרט גיין אין חדר און אויסשטיין די צרות פון די פּוילישע ייִנגלעך, וואָס שלאָגן אונדז, ווייל „מיר האָבן שלעכטס געטאָן זייער גאָט“...

ייִנגלעך זענען גרויסע שטיפער און פאַרגעסן באַלד אין דער ערנסט־קייט, און די פּיינטשאַפט צו אַנדערע. איז אָנגעלאָפן דעם סטרוזשס מיידעלע, בראָניע, אַ באָרוועסע, אַ שיינע, מיט אַ פאַררריסן נעזל, אויסגע־צוואָגן. פון שאַטיגענע צעפּעלעך האָט איר די מאַמע געמאַכט צוויי געפלאָכטענע „קוליטשן" מיט אַ שרונט אין דער מיט, און די „קוליטשן" אַוועקגעלייגט נעבן אירע אויערן. האָט בראָניע געהאַט דעם חן פון אַ יידישער טאָכטער, האָבן די ייִנגלעך געזען אין איר דאָס געשטאַלט פון רות...

איז בראָניע געבליבן שטיין, אַרומגערינגלט מיט ייִנגלעך אין חסי־דישע היטעלעך, געדרייטע, לאַנגע פּאהלעך, און פאַרגעסן האָבן מיר, אַז „מען טאָר נישט"...

— און אַ שטיק קוכן ווילסטו?

— טאַק!

— וועסט זיך מגייר זיין?

— טאַק!

און קוכן האָבן מיר בראָניען געגעבן, און בעתן עסן האָט זי געפרעגט:

— צאָ טאָ — מגייר?

האָבן אַלע אויף אַמאָל איר קלאָר געמאַכט דעם פּייטש דערפון.

— טאַק, האָט זי געזאָגט, אַ צופרידענע, און געלאַכט.

מיר זענען שנעל זיך פאַנאַנדערגעלאָפן, ווען פּסחל האָט אַ מורמל געטאָן:

— דער טאַטע גייט...

שבועות איז געווען דער יום־טוב פון באַנייאונג, פון פרוכטן־ביימער, פון גרינס, ווייל נאָר אין די נישט־יידישע הייזער, אפילו ביי די אָרעמסטע, האָט מען געזען אַ בלומען־טאָפּ אויפן פענצטער, אָדער אַ רויז אין קליי־נעם גערטנדל, אויפן הויף. ביי די יידן אין באַלוט איז אַ גאַנץ יאָר געווען „טומאה" זיך צו צאַצקען מיט בלומען־טעפּ ווי ביי זיי... דערפאַר האָט שבועות פאַרשמעקט אַלע הייזער. גרינע צווייגן זענען געלעגן אויף דער פּאָדלאָגע, אויף די וועב־שטולן, און אין אַלע ווינקעלעך פון הויז. דער יום־טוב שבועות האָט פאַרשמעקט די גאַסן, אַ פריילינג־גייסט איז אַריין אין די טוכלע הייזער; פענצטער זענען אויפגעפּראַלט געוואָרן: מען איז אַוועק אין וואַלד, אויף די לאָנקעס און זיך אָנגעהויבן ברידערן מיט דער גרינער נאַטור. מיר האָבן ליב געהאַט דעם יום־טוב שבועות.

שבועות־צייט האָבן זיך באַוויזן אין מאַרק אַלערליי פּרוכטן. אין די שענערע גאַסן איז אין גרויסע פּענצטער געווען אויסגעשטעלט אין דער „ווינטאַווע“ גרויסע, רויטע קאַרשן, מאַלינעס, פּאָמעראַנצן, באַנאַנעס און פּרוכטן, וואָס מ'האָט נישט געוווּסט ווי דאָס אָנצורופן ביים נאָמען. און געזאָגט האָט מען, אַז דאָס קומט פון דער אוקראַינע, קאַווקאַז — פון אויסלאַנד... פון די אָרעמאַנסקע גאַסן זענען די קינדער געלאָפן אויף חדושים אָנקוקן די גרויסע זאַפטיקע פּרות. די פּרוכטן האָבן געלאַקט און מיר האָבן אַרויסגעשמעקט די צינגלעך, ווי די הינטלעך להבדיל אין א הייסן טאָג...

אין די הייזער האָט געשמעקט מיט גרינס. די גאַסן זענען געווען איינגאַנצן יידישע. שטיל, שיין, אידיליש זענען די היימען געווען דעקאָ־רירט מיט רימלעך און גרינע בלעטער. מאַמעס האָבן געשיינט מיט ליב־טיקע פּנימער, טאַטעס האָבן געזאָגט „א מחיה דער ליבער יום־טוב שבועות“.

רפאל פּאָזנער מיט זיין ברודער

חונכה אַמאָל, אין לאָדזשער „באַלוט"

— אַז מען וויל, איז חנוכה גאָרנישט קיין יום־טוב, ווייל אַרבעטן מעג מען, די הייזער ווערן נישט געשייערט און געררוימט, ווי אויף פּסח אָדער סוכות, און בלויז דעמלט ווען די ליכטעלעך ברענען טאָר מען נישט אַרבעטן, — אַזוי פלעגן מיר, די ייִנגלעך פון תּלמוד־תּורה רעדן צווישן זיך, ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די פרעסט און זאַווערוכעס.

דאָך האָבן די ווייסע חבֿרה־ניקעס געוואַרט אויף דעם יום־טוב מיט מער נייגעריקייט, ווי אויף אנדערע יום־טובֿים, וואָס האָבן אַפילו ביי די אָרעמע ווענבערס אין באַלוט געגלאַנצט מיט „כּל־טוב". קודם־כּל מעג מען חנוכה טאָן אַ סך זאַכן: די קינדער שפּילן אין דריידל, די גרעסערע — אין „קוויטלעך", די עלטערן, מייסטערס און געזעלן — אין „אָקע". אַפילו די בייזע טאַטעס, וואָס האָבן נישט קיין פּרנסה, זענען אין די חנוכה־נעכט גוט אויפגעלייגט און שפּילן זיך מיט די קינדער אין דריידל. חוץ דעם עסט מען לאַטקעס, עס קומט דער זיידע פון ליוטאָמירסק, די מומע פון פּאַביאַניץ, דער פעטער פון ווייטע מרחקים, זיי טיילן חנוכה־געלט, און די מאַמע מיט איר שיינענדיק פּנים זינגט מיט אין כאָר:

„חנוכה, אוי, חנוכה, אַ יום־טוב אַ שיינער, אַ לוסטיקער, אַ פריילעכער נישטאָ נאָך אַזוינער"...

אין מיטן שטוב שטייט אַ רונדיק אייוועלע, וואָס האָט כּסדר „רויטע בעקעלעך", די פונקען קנאַקן, דאָס הייסע אַש פאַלט אויף די קאַרטאָפליעס, וואָס ליגן און בראָטן זיך. ווען מען ברעכט זיי אויף, זענען זיי מעליק און האָבן טעם גן־עדן...

דער טאַטע קומט פון בית־המדרש, שטעלט דעם חנוכה־לייכטער אויפן פענצטער־ברעטל, זאָגט — „להדליק נר של חנוכה". די מאַמע מיט די קינדער זאָגן מיט אַן אויסגעצויגענעם ניגון „אמן!". דעמלט, ווען די ליכטעלעך ברענען, און די קליינע פלעמעלעך שמעלצן דאָס אייז פון די פאַרפרוירענע שויבן, צעשטערן די ווייסע פאַנטאַסטישע בלומען, וואָס

דורך דעם ווערט ליכטיק אין די פינצטערע שמאָלע, קרומע געסלעך, און מען זעט ווי פלימערלעך שניי פאַלן געדיכט און מישן זיך אוים מיט די שטראַלן פון די ליכטלעך — אָ, דעמלט איז שוין גאָר אַן אָנגעלייגטער גאַסט דער יום־טוב חנוכה, און דאָס קליינוואַרג צעזינגט זיך ווידער:

„אוי, איר קליינע ליכטעלעך,
איר דערציילט געשיכטעלעך,
וווּנדער פון אַמאָל"...

וואָס די געשיכטע דערציילט, האָבן מיר, די חדר־יינגלעך, נישט געוווּסט, און דער דרדקי־מלמד „רבי שמעיה" מיט דער גלעזער, געדיכטער באָרד און געדיכטע אראָפּגעלאָזענע ברעמען, אויך נישט... ערשט העט שפּעטער, ווען מ'האָט שוין באַדאַרפט טאָן עטלעכע ארבעטן: גיין אין חדר, העלפן אין דער פּרנסה, גיין אין דער רוסישער שולע אויף אָוונט־קורסן אין דער צעגליאַנע גאַס, האָבן מיר זיך דערוווּסט וועגן דעם „גרויסן נס" מיטן קריגעלע אייל, וואָס מען האָט געפונען אין בית־המקדש מיטן זיגל פון כהן גדול...

וואָס עלטער די חדר־יינגלעך זענען געוואָרן, אַלץ שטאַרקער פאַראינ־טערעסירט האָט די מעשה, וואָס האָט פּאַסירט מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק. מיר האָבן זיך געגומען גריבלען אין די ספרים, וואָס האָבן דער־ציילט פון יענער צייט, ווען רשעים האָבן געוועלטיקט איבער דעם היי־ליקן לאַנד, און זיי האָבן געוואָלט אומברענגען תורת משה צוזאַמען מיטן יידישן פאָלק. שווער זענען געוואָרן די יונגע הערצלעך, ווען מיר האָבן געלערנט, אַז צוליב די שונאים פונעם יידישן פאָלק זענען געקומען „העלעניסטן", יידישע פאַרעטער און געדינט דער עבודה זרה מלכות יוון.

אהרן בער דער מתמיד איז געווען באַקאַנט ווי אַ גרויסער קענער פון די הייליקע ספרים, איז מען איין חנוכה געזעסן ביי אים אין שטוב, זיין זון שמריה איז געווען מיין חבר. מיר זענען געזעסן אין דעם אָרעמען דאַך־שטיבל, אינדרויסן איז געווען אַ פראָסט, אָבער אין די יינגלשע הער־צער איז געווען וואַרעם. אויפן טיש זענען געלעגן פאַרגעלטע דיקע ספרים. אהרן בער האָט געכאַפּט אַ בליק אין די דראָבנע אותיות און מיט אַ גמרא־ניגון געלערנט און פאַרטייטשט:

— פינף זין האָט מתתיהו געהאַט, מוטיק, העלדיש, אָן מורא. האָבן זיי זיך געשלאָגן קעגן שונא.

קיין מודיעין זענען אָנגעקומען די גריכישע און סירישע דעראָבערער אויפצושטעלן טעמפּלען אויף צו שעכטן חזירים צום גאָט צעאוס. דער

הויפּט־אָנפירער פון די אַריינדרינגער האָט געפּאָדערט פונעם אַלטן מתתיהו, אַז ער זאָל זיין דער ערשטער צו שעכטן אַ חזיר: „זיי דו אַ ביישפּיל, וועלן אַנדערע פון דיין אמונה דיר נאָכטאָן" — האָט דער קאָמאַנדיר געזאָגט צום טאַטן פון די פינף זין.

מתתיהו איז געוואָרן אַן אויפגעצאָרנטער פון דעם גענעראַלס פאָרשלאָג. די יידישע מחנה האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם. אַ שטילער צאָרן האָט זיך געטראָגן פון איינעם צום צווייטן. אין דעם מאָמענט איז אַרויסגעטראָטן אַ פאַררעטערישער ייד און זיך אָנגעבאָטן צו שעכטן אַ חזיר צום מזבח פאַרן גאָט צעאוס.

בליץ־שנעל איז אויפגעשפּרונגען דער אַלטער מתתיהו און מיט זיין מעסער צעשטאָכן דעם פאַררעטער. געוואַגטע יידישע מענער, אין שפּיץ מיטן אַלטן העלד, צוזאַמען מיט די פינף זין, האָבן געשווינד ווי אַ ווינטער זיך געוואָרפן אויף די סירישע אַריינדרינגער און פיל פון זיי געטויט. און — עס האָט זיך אָנגעהויבן דער אויפשטאַנד, און דער שונא האָט געליטן שווערע נידערלאַגעס.

די יידישע קעמפער האָבן זיך נישט געשלאָגן פּנים־אל־פּנים מיט די גריכישע און סירישע חיילות ווי אַן אַרמיי, נאָר געמאַכט דרייסטע אָנפאַלן, און פאַרשוואונדן. אין אָט־די שווערע קאַמפן איז די יידישע אַרמיי געוואַקסן. און ווען דעם אַלטנס טעג זענען געווען געציילטע האָבן זיינע זין מיט יהודה המכבי בראש איבערגענומען די פירערשאַפט אין די קאַמפן קעגן דעם שונא.

אהרן בער דער מתמיד האָט ווייטער דערציילט וועגן די העלדן און זייערע מוטיקע קאַמפן, און די ייִנגלעך, וואָס זענען געזעסן ביים טיש, האָבן זיך בשעת־מעשה אַריבערגעטראָגן ערגעץ אַהין, צו די בערג פון יהודה.

דער קנויט פון „אַכטער־לעמפּל" האָט זיך גענומען אַראָפּלאָזן. עס איז נאָך פאַרבליבן אַ ביסל נאַפט, און דער מתמיד האָט נאָך אַלץ דערציילט:

— דער רשע עפּיפאַנעס מיט זיינע לעגיאָנערן האָבן באַגעגנט אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד, און סוף־כל־סוף איז די יידישע אַרמיי צוריק אַריין אין ירושלים.

אין אַ ווינקל איז געזעסן חיה־שרה, אהרן בערס ווייב, די צוויי מיידלעך, מינדל און דבורה, זענען געלעגן אָנגעשפּאַרט אויף די קניען. חיה־

שרה האָט געהאַלטן אַ קרבן מנחה סידור. צו די אויערן פון די ייִנגלעך איז דערגאַנגען אַ שטיל געוויין:

— די מוטער חנה מיט אירע זיבן זין האָבן זיך נישט געוואָלט בוקן צו פרעמדע אָפּגעטער. זיי זענען ליבערשט יעדער באַזונדער געטויט געוואָרן, און חנה האָט זיך אַליין אומגעבראַכט...

אין דרויסן האָט געברענט אַ פראָסט, דער הימל איז געווען ליכטיק, דיגינקע פליטערלעך שניי זענען געפאַלן אויף דעם פאַרפרוירענעם פלומפּ פון הויף. די גאַסן זענען געווען ווייס און שטיל. פון ערגעץ האָט זיך געהערט דאָס קלינגען פון אַ שליטנדל. די קליינינקע חנוכה־ליכטלעך, וואָס האָבן פריער אַרויסגעלויכטן פון די ייִדישע פענצטער האָבן זיך געהאַט אויסגעשמאָלצן . דאָ־און־דאָרט האָט נאָך געצאַנקט אַ פאַרשפּעטיקט ליכטל. וועב־שטולן האָבן געגומען ריטמיש קלאַפּן. עכאָט פון — „חנוכה, אוי, חנוכה“ האָבן זיך געריסן דורך פענצטער, וואָס זענען געווען פאַרשטאָפּט מיט שמאַטעס. פייער־פונקען האָבן זיך געיאָגט דורך קוימענס און געפאַלן אויף ווייסע פוכיקע דעכער. און די שטאַרקע פּראָסטיקע לופט האָט זיך געריסן ביז צום לייב פון די אַהיים־לויפנדיקע ייִנגלעך, וואָס זענען געווען דורכגעדרונגען מיטן גייסט פון די מאַקאַבייער...

לאַנג נאָך פאַר חנוכה האָט דער באַהעלפער אָנגעזאָגט אַלע תלמוד־תורה־ייִנגלעך, אַז ער גרייט צו די דריידלעך: דער „פאָרם“ איז שוין פאַרטיק, ער דאַרף בלויז גיין צו מאיר דעם בלעכער קויפן בליי, דאָס צעלאָזן און אָנהייבן „אויסגיסן“ די חנוכה־דריידלעך. און ווער עס האָט אַ גראָשן, אַ קאָפּיקע — זאָל אים דערווייל אויסבאָרגן...

אַ וואָך פאַר חנוכה איז אַלץ געווען פאַרטיק. פאַר איין קאָפּיקע האָט דער באַהעלפער פאַרקויפט אַ דריידל פון האָלץ אָן באַפּוצונגען. פאַר אַ זעקסער, דריי קאָפּיקעס — אויסגעגאָסן פון בליי, און אַז מען האָט דאָס געגעבן אַ לאָז אויפן טיש, איז דאָס „אַ שעה צייט געשטאַנען שמונה־עשרה“.

דער „טרענדער“, ווי דאָס דריידל האָט געהאַט פיר פליגלען מיט די אותיות: נ. ג. ה. ש., וואָס האָט געמיינט: „נס גדול היה שם“. די ייִנגלעך האָבן דאָס אָבער געטייטשט: „ניסן גנב האַקט שלעסער“.

איך האָב געוווסט, אַז נאָך דעם חנוכה וועל איך מער נישט גיין לערנען, ווייל דער טאַטע מאַכט שוין גרייט פאַר מיר אַ וועב־שטול, איך וועל ווערן אַ „פאָלגער" בעל־מלאכה און אין געהיים ווערן אַ מיטגליד אין „קליינעם בונד". גייענדיק פון חדר, האָבן מיר זיך איינגעטיילט אין צוויי מחנות: חשמונאים און „עפיפאַנעסעס אַרמיי". באַלד אויפן הויף פון חדר האָבן מיר זיך געלאָזט אין „שלאַכט" מיט קוילן שניי. „היינט זייַנען די מאַקאַבייער!" — האָט אונדזער „גענעראַל", דער רויטער וויגדאָר, געשריען, און איז געלאָפן פאָרויס...

נאָך שווערע „שלאַכטן" האָבן זיך געהערט קלינגענדיקע שטימען, וואָס האָבן אויפגעלעבט דאָס געפיל. פון אַלע זייטן איז געקומען דער רוף — „שלום, שלום!".

תשעה באב אין לאָדזש
ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה

ווען כ׳בין אַריבער די שוועל און געזאָגט „גוט מאָרגן“ איז פּייוול דער מלמד געווען פאַרטיפט אין אַ ספר. זיינע מחשבות זענען געווען ווייט, ווייט פון די פיר אומעטיקע וו אַ ק ס י ג ע ווענט. זיין יידענע איז פּלוצלונג אַרוים מיטן מענה לשון:

„גיי ברענג אַ קווערטעלע מילך פון „שוויגער“, די פּיצעלעך דאַרפן נאָך נישט פאַסטן...“

רב פּייוול האָט זיך ווי אויפגעוועקט פון אַ חלום, האָט געמורמלט מיט זיינע דינע ליפּן און געשעפּטשעט: „איר מויל זאָל אַריין אין די וויסטע וועלדער“... פּייוול האָט אַ טאַפּ געטאָן ס׳קאַפּל אויפן קאָפּ, וואָס איז געווען באַדעקט מיט פּיצינקע ווייסע פוכיקע פעדערן, פאַרמאַכט דעם ספר, שווער אָפּגעזיפצט, אויפגעהויבן זיינע געדיכטע רויטע ברעמען, צוגעלייגט צוויי פינגער צו דער גרויסער מזוזה, אָנגערירט דעם „שדי“, איז אַוועק און באַלד צוריקגעקומען און געבראַכט פון „שוויגער“ אַ קווערטעלע מילך.

באַלד ביים אַריינקומען האָט ער אָנגעהויבן „זאָגן“... „אין דעם טאָג איז חרוב געוואָרן דער ערשטער און צווייטער בית המקדש“...

רב פּייוול איז געוואָרן פול מיט צער. זיין שטערן האָט זיך געקנייטשט, ס׳פּנים — געל ווי די געקאַלכטע ווענט, געוואָרפן פאַרשעדישע בליקן צו די קינדער וועלן כאָטש פאַרשטיין, באַנעמען דעם גרויסן ווייטיק...

„אין דעם טאָג איז אויך פאַרלוירן געוואָרן די גרעסטע שטאָט ביתר, ווייל ביתר... ציון איז אָפּגעמעקט געוואָרן דורך שונאים, ווייל ביים פאָלק ישראל איז נישט געווען קיין שלום־בית“.

פּייוול האָט צו די חדר־יינגלעך גערעדט מיט שטראָף־רייד פון ירמיה. זיין ווייכע פאָטערלעכע שטימע האָט ווי געצאָרנט אויף די פאַלשע כהנים, צדיקים, סנהדרין, זיי זענען געווען די הערשער איבערן בית־

המקדש, גענומען מעשר און צעשטערט דעם שלום־בית". „אוי!" האָט דער מלמד אַ שווערן זיפץ געגעבן — „שלום־בית".

אין חדר האָט געשוועבט דער איכה־ניגון. מיר, די קינדער, זענען געוואָרן פול מיט טרויער, ווייל — מ'האָט אונדז געיאָגט פון גליל, חברון, געוואנדערט איבער די בערג פון יהודה...

„איך האָב מורא, אַז די מלחמה מיט סיריער, באַבילאָנער איז נישטיק אקעגן דעם וואָס גרייט זיך"... האָט רב פייוול גערעדט און געקוקט צו די פאַרסאַזשעטע, האַלב־אויסגעהאַקטע שויבן.

איבערן שטאָט האָבן שווערע וואָגענער געטראַסקעט. אויסגעפאַשעטע גרויסע בעלגישע פערד האָבן געשלעפט שווערע האַרמאַטן, וואָס האָבן געבראַזגעט איבער ברוקירטע גאַסן, רייטער מיט פאַרשייטע היטעלעך, אויף איין זייט קאָפּ, האָבן גערוטן אויף קליינע פערדלעך. זיך אָפּגעשטעלט מיט די ספּריטנע פערדלעך ביי יידישע געשעפטן, ביי אָרעמע געוועלבלעך, געכאַפּט וואָס עס האָט זיך געלאָזט, אנטרינען און איבערגעלאָזט אין שרעק און אין פאַרצווייפלונג א דערשראָקענע פרוי. מענטשן פול מיט מורא האָבן זיך געשאַרט האַרט ביי די ווענט...

די גראשנדיקע געוועלבלעך אין „באלוט" זענען געווען האַלב אָפן, דורך די צוגעלייגטע געוועלב־טירן האָט מען געזען די „געוועלבניטשקעס" זיצן איבער א „טייטש־חומש", שנייצן די נעזער אין פאַרטעך און וואַרטן אויף א קונה.

אין די הייזער זענען „זאָגעריגס געזעסן איבער די תחנות, אַרום זיי אַ רעדל ווייבער, געוויינט איבער דער מאַמען — רחל, דבורה הנביאה און חנה מיט די זיבן זין.

צעפלאַמט־פלאַטערנדיק, ווי שוואַלבן אין פרילינג, זענען נאָכן האַלבן טאָג די ייִנגלעך אַרויס פון די ענגע אייננגעהויקערטע חדרים, געוואָרן פריי ווי דער ווינט, אייינגעאָטעמט דעם ליבן זומער, אַרויס פון די עלטערנס און רבינס רשות, איינער דעם אַנדערן געפרעגט „וווּהין גייט מען?"

„היינט איז תשעה באָב, אויפן גוטן אָרט".

אויפן בית עולם האָבן שוין „שפּאַצירט" יונגוואַרג „אָפּגערעדטע פּאָרלעך", מענטשן פון אַלע גאַסן, אַלערליי יידן, מענגעס מענער, פרויען און קינדער זענען צוגעפאַלן צו די מצבות פון נאָענטע, געבעטן אויף פרנסה, געזונט, זיך אויסגעטענהעט מיטן רבונו של עולם „פאַרוואָס, פאַרוואָס קומט דאָס מיר, פאַר וועלכע זינד?".

דאָ, אויפן „אַלטן גוטן אָרט" האָט זיך געפונען די „באָניפראַטן",

דאָס הויז פאַר יידישע גייסטיק־קראַנקע, וואָס האָט „געקוקט“ צום גרויסן פעלד דורך די פאַרגראַטעוועטע פענצטערלעך, צו די הונדערט־יאָריקע מצבות פון קינדער, זקנים און „גוטע יידן“.

די „טויטע גאַס“ אין באַלוט, האָבן מיר קיינמאָל פריער נישט געזען אַזוי לעבעדיק, ווי דעם תשעה באב פון יאָר 1914.

פרויען זענען געקומען בעטן, אַז זייערע זין און מענער זאָלן נישט גענומען ווערן אין מלחמה. די קברים זענען געוואָרן נאַס פון יאָמער און בקשות...

די, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין אייגענע אונטער די מצבות, האָבן געבעטן ביים אוהל פון „הייליקן גוטן־ייד“, וועלכער איז דאָ געלעגן שוין פון כמה־יאָרן, אז די גוטע מלאכים זאָלן זיך מיען...

נישט ווייט האָט זיך געפונען דער גרויסער באַלוטער קלויסטער, א מאַסיווער קלויסטער מיט קופּאָלן, מיט אַן אייזערנעם פּלויט, וואָס איז געשטאַנען וויִ־זאַ־ווי דעם ערשטן אוטשאַסטאָק, און פונקט דעם טאָג איז געווען א גרויס גערעטעניש אויף „פּאָגזשעבן“.

— אוי, זיי שטאַרבן אויך — האָט א פאַרבייגייענדיקער ייד געזאָגט, ס׳איז זיי, די אָרעמע אויך נישט גוט, נעבעך.

פיר מענער האָבן אויף אַקסלען געטראָגן א ווייסע טרומנע, גע־פּרעפּלט, פרויען, באָרוועסע זענען שנעל נאָכגעלאָפן, אַראָפּגעלאָזט די קעפּ ווי זיך געשעמט, וואָס א קינד ווערט באַגלייט אַזוי אָרעם נעבעך...

באַלד איז אָנגעפאָרן נאָך א „פּאָגזשעב“ אין א געשפּאַן מיט פיר שווארצע פערד, וועלכע האָבן געגלאַנצט פון ראָסקאָש. דער וואָגן איז געווען באַצירט מיט בלומענקרענץ. נאָכגעפאָרן זענען קאַטשן אין די נאָכ־גייער האָבן זיך ווי געגרויסט מיטן כבוד, וואָס ווערט צוגעטיילט דעם מת.

דאָס גוטע אָרט איז געווען פול מיט בעטלער, פון גאַנץ באַלוט. העגט האָבן זיך אויסגעשטרעקט:

„שענקט א נדבה, האָט רחמנות“.

פאַר א שיינער נדבה האָבן זיי צוגעווונטשן א „רפואה שלימה, אַ גוט יאָר!“ ווידער א קלייגעם געבער, א „געמייגעם מאַן“ און סתם א קאַרגן, ווי דער געבער האָט זיך פאַרדינט.

גרויסע מנדבים זענען געווען פרויען און מענער, וואָס האָבן גערעדט פּויליש, רוסיש, דייטש; צו זיי האָבן די בעטלער גערעדט שטיל מיט חניפה: „גאָט וועט געבן א גוט קוויטל, ר׳עט אייך מוחל זיין, וואָס איר גייט אין אייגענער האָר און פאָרט שבת אויף האָראָזשקעס“.

צדקה געמיץ־געמיץ, הער לעבן, מאַדאַמעשי, ווייבער, „יידן, „ תציל ממות“... די חדר־יינגלעך זענען געלאָפן איבערן פעלד, איבער טרו־קענע, הויכע, ווילדע זאַנגען, זיך גאָרנישט געשראָקן פאַר די מתים, פאַר־געסן אין דער שרעק, וואָס מ׳האָט זיך אָנדערציילט וועגן מתים, וועלכע גייען אַרויס פון קברים און זוכן א תקון... א ייד מיט גרינע אויגן, אָנגע־טאָן „דייטשמעריש“ אין א דרייפערטלדיקן „סאַק“, איז אַרויסגעוואַקסן פון הינטער אַ מצבה. „נישט זיי דאָרט וואָס מאַכן מיט די הענט פון פענצטער־גראַטעס זענען משוגע, די נגידים, די רייכע זינדלעך, זיי, דאַרף מען דאָרט פאַרשפאַרן, זיי האָבן אומגליקלעך געמאַכט מיין טאָכטער“..

אַ ביסל דערשראָקן, זענען די יינגלעך אנטלאָפן און געלאַכט „א ניש־גוטער, אַ ניש־גוטער“...

דעם תשעה באב איז דאָ געווען קאָפּ אויף קאָפּ, עס איז נאָך קיינ־מאָל פריער נישט געווען, אז אויך די רייכע זאָלן קומען אין באלוט אויף קבר אבות און זיך אויסמישן מיט די וועבערינס, שפולערינס, שניידער, שוסטער, אויבסט־הענדלער, מאַרק־יידענעס, אז די „לייטזעליקע“ פרויען פון ווילקע, שייבלערס, גייערס און פיעטרקאָווער גאַס, זאָלן זיך אראָפּ־לאָזן, בייגן זייער שטאָלץ, קומען צו די איינגעבויגענע מצבות בעטן ביי דער פראָסטער אָרעמאַן... „נישט אַנדערש, אז זיי האָבן זיך דערשראָקן פאַר דער מלחמה, פאַרן ראש חודש אלול, פאַר דעם וואָס לעבט אייביק...“

ס׳האָט שוין געמוזט זיין שפּעט נאָכמיטאָג, א סימן: די שטיפערישע יינגלעך זענען געוואָרן שטאַרק הונגעריק. כאָטש די היימען פון די חדר יינגלעך האָבן זיך געפונען נישט ווייט פון „גוטן אָרט“ האָט מען נישט געוואָגט גיין בעטן עסן. איז מען אריינגעלאָפן אין „יאַנקל שאַפּנערס“ בילאַרד־קאַוויאַרניע, דאָרט וו עס האָט זיך אָפּגעשטעלט דער זגערזשער טראַמוויי, וו אין פראָנט האָט געהאָנגען א זייגער גרויס ווי א זעלנערישע פויק אין מאַרש, און וו באַלוטער קינדער זענען געקומען זיך לערנען ליי־ענען די צייט פון טאָג...

אויפן „ריינעם פעלד“ האָט דער עולם אָנגעהויבן פאַרלאָזן די מצבות, אָפּגעשטויבט די קליידער, זיך ארומגעקוקט צי מען האָט נישט עפּעס פאַרגעסן. פּלוצעם איז געוואָרן מוראדיק שטיל, עפּעס אַ זשומען, א שושקעריי האָט זיך געטראָגן אין דער לופט פון די לאָדזשער הויכע פאַבריק־קוימענס, פון די יינגלעך האָט זיך אָפּגעטאָן דאָס לצנות, זיך שטאַרק דערשראָקן, געוואָלט אַנטרינען פון דער שטימונג און פחד. „שרעקט זיך נישט“, איז ווידער אויסגעוואַקסן דער ייד מיט די גרינע

אויגן, „משיחס צייטן, אָט־אָט וועלן די טויטע אויפשטיין, זיך אָננעמען דעם אָרימאַנס קריוודע"...

א רויטע, פלאַמיקע זון איז געוואָרן ארומגענומען מיט פאַנטאַסטישע וואָלקנדלעך און גענומען נידערן איבערן פעלד, אַזוינס האָבן מיר נאָך קיינמאָל נישט געזען. אָט וועט זי באַלד פאַרגיין הינטערן הויז פון די גייסטיק־קראַנקע.

אין דער לעצטער רגע איז פלוצעם אָנגעפאָרן דער טעקסטיל־פאַבריקאַנט, בערקע וויינמאַן פון אָגראָדאָווע גאַס, אין דער באַגלייטונג פון זיינע משרתים, וואָס האָבן אים געפירט צו א הויכער שיינער מצבה מיט העברעישע און „גויאישע" אויסקריצונגען, וואָס איז געשטאַנען אויפן השובסטן אָרט פון פעלד.

די פאַרבליבענע מענער און פרויען, פריער די מענער און די פרויען א ביסל אָפגערוקט אין א זייט, האָבן גענומען נאָכגיין... די שומרים זיינען, האָבן אים פאַרשטעלט, געקוקט אויף א הינטער... בערקע האָט איינגעבויגן זיינע פלייצעס, אַריינגערוקט דעם קאָפּ פאר מורא. אויסגעזען האָט, ווי ערשט איז ער געווען אַזוי הויך און פלוצלונג — קליין ווי א מענטש אָן א קאָפּ...

פון יענעם זייט טויער איז געשטאַנען גרייט א דראָשקע, מיט רויט־גרין פאָלירטע אָרנאַמענטן, אַ דראָשקע מיט גומענע רעדער. א פּאָר־שייט פערדל האָט קאָקעטירט מיט זיינע ווייסע פלעקן אויף דער פעל און מיט אומרואיקע אויגן ווי זיין האר. דער רעכטער ווייס געפלעקטער פום האָט „געדלוביעט" די ווייכע זאַמדיקע ערד, געהאַלטן די אויערן אויפגעשטעלט און וואך, ווי די באַגלייטער פון זיין האַר...

מיט אימפעט איז בערקע אַריין אין דער דראָשקע, זיך נאָך מער איינגעהויקערט. דער קוטשער האָט אַ לייכטן שמיר געטאָן מיטן געפארבטן בייטשל איבער דער פעל פון פערדל, וואָס האָט זיך א ריס געטאָן אין גאַלאָפּ, שנעל ווי אַ ווינטער.

בליקן פון האס האָבן נאָכגעפאָלגט ווי די דראָשקע ווערט נעלם און האָט איבערגעלאָזט אַ וואָלקנשטויב פון די בייסט־ברוקירטע גאַסן.

כ'בין אַריין אין הויז צו מנחה־מעריב, די מאַמע איז געזעסן אויף א פיסנבענקעלע, א ספר איז געלעגן אויף אַ העכערן בענקל אויף דריי פיס, דער פערטער איז געווען אַרומגעבונדן מיט א ווייס טיכל ווי א באַנדאַזשירטער פוס...

1-טער מאַי אין אַמאָליקן לאָדזש

דערינערונגען

דער יום-טוב פּסח איז געווען אַוועק און צוזאַמען מיט אים די זאָרגן „ווו נעמט מען אויף מצה און מלבושים פאַרן הויז-געזינד“.

שוין איז געוואָרן די נאַטור, די גרויע בלאָטעס זענען גערונען, די זון איז וואַרעמער געוואָרן, קלאָרער, ליכטיקער. קינדער האָבן גענומען אַרומלויפן באָרוועס. דער הימל איז געוואָרן לויטערער, גרעסער, די לופט — פרייער און פרייידיקער.

נעכט זענען געקומען ליכטיקע, מיט טיף-בלויע הימלען, און גרויסע שטערן האָבן גענומען פינקלען איבער די ענגע הויפן, עס האָט זיך גע-נומען פילן פרילינג — דופט פון בעז אין מאַי.

זאַפטיקע קנאָספן האָבן זיך באַוויזן אויף די יונגע ביימלעך הינטערן שטאָט, גרעזלעך האָבן זיך באַוויזן איבער דער דינער, פאַרפרוירענער ערד. — „גאָט צו-דאַנקען, איבערגעקומען דעם שווערן ווינטער“, האָבן עלטערע מענטשן זיך געפרייט.

עס איז געוואָרן נענטער צום ערשטן מאַי. רעוואָלוציאָנערע לידער האָבן זיך געטראָגן פון פאַרשטיקטע הייזער אין גאַס אריין, פון אָפענע פענצטער האָט מען געהערט מונטערע געזאַנג. דרייסטער זענען געוואָרן די געזעלן אין זייערע פאָדערונגען צו די מייסטער, וועלכע האָבן געהאַט פאַראַכטונג און ביטול צו די לערנייינגלעך און געזעלן.

די ערשטע פּראָקלאַמאַציעס, געדרוקט מיט רו׳טן דריבנעם שריפט, אין פּויליש, רוסיש און יידיש, האָבן זיך באַוויזן אין די גאַסן.

לידער האָבן אָנגעהויבן שאַלן הויך און מוטיק, גערופן צום קאַמף „קעגן פאַלשקייט, קעגן שקלאַפעריי, גענוג שוין געדולדיק זיין, עס איז שוין צייט צו מאַכן אַ רעפּובליק אין לאַנד“.

אַ טאָג פאַרן ערשטן מאַי איז גאַטשאַלסטווע געוואָרן אומגעדולדיק. אין די באַלוטער גאַסן האָבן זיך באַוויזן פאַטרולן פון רייטער און פוס-גייער, צו פיר, צו זעקס און מער, זיי האָבן באַלאַגערט די ענגע, שמאָלע

פינצטערע גאַסן און אָנגעוואָרפן אַ מורא אויף דער באַפעלקערונג. קאַזאַקן זענען געריטן מיט בלאַנקע שווערדן און לאַנגע פּיקעס, שפּיזן, און דאַכט זיך אַליין געווען דערשראָקענע, מורא געהאַט פאַרן מיגדסטן שאָרך...

פערדישע פּאַדקאָוועס האָבן אָפּגעהילכט איבער ברוקירטע שאָסייען. פון צייט צו צייט האָט זיך געהערט אַ זאַלפּ פון אַ ביקס, אַ רעוואָלווער. די יוגנט איז געווען דרייסט. אָן מורא. מען האָט זיך געגרייט צום אַרבעטער־יום־טוב, צום ערשטן מאַי!

אונדזער גרופּע ייִנגלעך און מיידלעך, וועלכע האָבן באַלאַנגט צום „קליינעם בונד" איז געווען פון פאַרשיידענעם עלטער — אַלע חדר־ייִנגלעך און שקאָלע־קינדער. דרייסט און אומדערשראָקן האָבן מיר געטיילט אויפרופן אין געהיים. געקראָכן דורך לוקן, בוידעמער, צעבראָכענע פּלויטן, אריינגעשפּאַרט זיך אין יעדן פינצטערן שפּעלטל. בלויז איין „פעסטונג" האָבן מיר נישט געקאָנט נעמען — „קראַמערס" הויף.

דאָס הויז איז געווען באַקאַנט איבער גאַנץ באַלוט. דאָ האָבן געוווינט צענדליקער ייִדישע וועבער־משפּחות, אַרבעטער און מייסטער. דאָס הויז האָבן זשאַנדאַרמען געהיט, ווי זייער אייגענע ביקס.

צעוואָרפענע דעמאָנסטראַציעס און צוזאַמענשטויסן מיט פּאָליציי זענען פאָרגעקומען ערב דעם ערשטן מאַי. אָט איז אין איין ראָג גאַס אויסגעוואַקסן אַ גרופּע דעמאָנסטראַנטן, און אָט אין אַ צווייטער גאַס. די „רעוואָלוציע" און פּריסטאַוו זענען געשטאַנען פאַר רעגירונגס־געביידעס. דער „ערשטער אויסשטאַנד" איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַרסענאַל, אָבער הינטער זייערע פּלייצעס האָבן געהענגט אויפרופן צום ערשטן מאַי.

דער ערשטער מאַי!

אַ לויטערער טאָג, אַ מילדער ווינט, אַ בלויער הימל, שטיל איז אויף די וועבער־הויפן, בלויז דאָ און דאָרט הערט זיך אַ שוואַך קלאַפּן פון אַ וועב־שטול. די פּאָנען זענען גרייט, ייִנגלשע הערצער קלאַפּן האַסטיק און פּלאַטערן ווי שוואַלבן. היינט גיי איך נישט אין תלמוד תורה. קעציש, אויף די שפּיץ־פינגער, שאַר איך זיך אַרויס פון הויז. מיר זענען אַ גרופּע פון אַכט קינדער, מיט אַ דערוואַקסענעם פאַרשטייער.

מיט אונדז גייט אַ פּויליש ייִנגל, יוזעף. מיר רופן אים „יונה". ער רעדט ייִדיש צוגלייך מיט אַלע קינדער פון גאַס, האָט רויטלעכע קוטשע־

ראַווע האָר, איז מוטיק, געוואַגט, פּערצן יאָר ערשט, אָבער געזונט און הויך, ווי דער אַכצן־יאָריקער בעריש דעם קצבס.

יוזעף האָט אַ שוועסטער אַנדזשאַ. מיר רופן זי „היגדע“, זי טראָגט אַ קורץ סיצן־קלייד, מיט געפלאָכטענע לאַנגע צעפּ, דינט ביי אַ פּאַבריקאַנטל אין קרעמערס הויף, זאָגט מיט די קינדער יעדן פרימאָרגן „מודה אני“ און פאַרענדיקט מיט: „אַ ברכה הצלחה אויף מיין קעפּעלע, אמן סלה“...

אויך אַנדזשאַ אַרבעט מיט אונדז אין געהיים. מיר האָבן זי אַלע ליב ווי אַ שוועסטער.

די גאַסן הייבן אָן ברויזן, עס באַווייזן זיך באַריקאַדן. די שיסעריי ווערט געדיכטער. פערדישע פּאָדקאָוועס מיט רייטער, וועלכע האַלטן לאַנגע, לעדערנע, געפלאָכטענע בייטשן ווערן חוצפּהדיקער. די געפאַר ווערט גרעסער און מיר דאַרפן נאָך אַריינדרינגען אין „קראַמערס הויף“... אַרויפציען די רויטע פאָן אויפן שפּיץ דאַך...

יונה־יוזעף האָט אַ פּלאַן:

אין גאַס ווינט אַ קוימענקערער, וועלכער גייט איבער די הויפן און שרייט: „אויס־קער־רן!“

די קוימענקערער האָבן מיט זיך געטראָגן אַ לייטערל, אַ **שווער** רונדיק אייזערנעם געוויכט מיט אַן אויער צו וועלכן ס'איז געווען אָנגעבונדן אַ לאַנגער, שווערער שטריק, אַריינצולאָזן אין קוימען אויסצוקערן. נאָענט צום געוויכט איז געווען פאַרקניפּט אַ דאַר, קורץ בעזימל. דער קוימענקערער מיט זיין „געצייג“ איז געווען ווי פון איין שטיק גלאַנציקער סמאָלע...

איינס און צוויי איז יוזעף געווען אָנגעטאָן אין אַ פּאַלנעם אָנצוג.

יוזעף האָט פאַרוואָרפן זיין געצייג אויפן אקסל ווי אַ געניטער קוימענקערער. מיר האָבן נישט געלאַכט, ווען מיר האָבן אים דערזען. ער איז געווען סאַזשע־שוואַרץ. בלויז זיינע גרויסע פינקלדיקע אויגן האָבן געלויכטן. יוזעף איז געווען ערנסט אין זיין מיסיע.

אָט שפּאַנט ער אַריין אין קראַמערס הויף, ווי אַן אמתער קוימענקערער און שרייט: „אויס־קער־רן!“

די ווייבער כאַפּן שנעל אראָפּ די טעפּ פון אויוון, בורטשען: „מיצקע דרינען אַזאַ „אָנשיקעניש“.

און — אָט שטייט שוין יוזעף ביים קוימען אויפן שפּיץ דאַך, לאָזט אראָפּ דעם שטריק מיטן בעזימל אין קוימען. אונדזערע יונגע הערצלעך

קלאַפּן, ס'בלוט אין די אַנדערן זידט, לויפט שנעלער. מיר היטן אים פון די אַרומיקע הויפן: „ס'זאָל נאָר אַ שאָס ניט פאַלן“.

פלוצעם הייבט אָן רעגענען מיט פראָקלאַמאַציעס. זיי פליען איבער די גאַסן ווי טויבן. אַ מהומה צווישן דער פּאָליציי. טירן פאַרהאַקן זיך, טויערן ווערן פאַרריגלט אויף פרענטעס, קאָזאַקן יאָגן זיך איבער די גאַסן, אַ רויטע פאָן פלאַטערט פון שפּיץ קוימען אין קראַמערס אָפּיצינע...

איבער די גאַסן טראָגט זיך אַ ליד:

„נאַ באַריקאַדי... טשערוואָני שטאַנדאַר... דאָ גורי וזניעש...“

רפאל פאָזנער בוך־קאָמיטעט

מיין אויפריכטיקן דאַנק דער עקזעקוטיווע, ספּאָנסאָרס, אָרגאַני־זאַציעס און לייענער אין לאָס אַנדזשעלעס, איבערן לאַנד און אויסלאַנד פאַר דערמעגלעכן אין אַרויסגעבן דאָס בוך „חיים און וועלט“.

דוד בערגעלסאָן — לייען־קרייז

טשענסטאָכאָווער און אומגעגנט הילפס־פאַריין

מיד־טאַון עמאַ לאַזאַרוס פרויען־קלוב

עמאַ לאַזאַרוס סאָטאָ־קלוב

י. א. ראָנטש לייען־קרייז

ל. שאַפּיראָ לייען־קרייז

שיקאַגער קולטור־קלוב

וועסט עדעמס קולטור־קלוב

וועסט עדעמס עמאַ לאַזאַרוס פרויען־קלוב

זווהילער און אומגעגנט — לאַנדסמאַנשאַפטן אין לאָס אַנדזשעלעס

לאָס־אַנדזשעלעס:

יעקב און נעלי אשפיז

איוואַ ארקין אין אָנדענק פון איר מאַן איזידאָר

קלאַראַ און לואי ברוקס

מאַניע בענדער,

חברים באָטעק

אידיט און מעקס בענק

איוואַ בילאָוויץ אין אָנדענק פון איר מאַן חיים

חיים בוקרינסקי און פרוי

ענאַ בעסקין

ד. ביונאָוו

אייזיק גאָלדפאַרב אין אָנדענק פון זיין פרוי הענדל

א. און ש. גאָלדווין

איטשע און איטע גאָלדבערג

מעי און הערי גראָסמאַן

אהרן גראָסבערג

מעקס און בלימע גראָסבערג

גודמאַן און גרעיס גערטלער

מאָריס און פערל געלער

שרה גאָלדוואַלד

בען און גינאַ גאָלין

געיטן און מערי גאַרפילד

זשאַק און סעראַ גוטפריינט

אידיט גאָרעליק

מאיר און ראָזע גאָלדין

מלכה און סעם דארדיק

חברים דוואָרין

ליזבאַ הורוויץ אין אָנדענק פון איר מאַן נעיטן

מערי האַלפּער
נייטן וויזאַנסקי
פּאַאולין ווייטמאַן
טשאַרלי און סערע וועקסלער
לייבל און ש. טשאָלראָן
אַלעקס און מיני טאַרגאָן
גאָלדע טשערניצקי
שמעון און מאַלי טרייבוש
סאַאול און לינאַ טעמני
דזשעק און אַנזשי טשאַרני
כ. יוטין
רחל און א. ליבערמאַן
נעיטן ליזשאַק
פרידאַ און מאָרים לעוויט
רבקה לון
נאַדיע לון
עמנואל ליזשעק און פרוי
בעסי לערמאַן אין אָנדענק פון
איר מאַן דעיוו
ראַביל ליסט
העלען און יעקב לאַנין
ראָז מאַרקוס
יוצי מאָרדען און פרוי
אסתר מילער
בען מאַיערס
חברים מיימען
בערל מעלאַמעד
ראָז סטיינפעלד
צוועלין אַלעקסאַנדער
מיני סמאָלער
אברהם סמיטה אין אָנדענק פון
זיין פרוי אסתר

גיטל סעידער אין אָנדענק פון
איר מאַן משה
דזשוליאוס און ס. סניידער
פרידאַ סנאַו
אָלגאַ און היימי ערענבערג
מיני פאָלער אין אָנדענק פון איר
מאַן מעקס
ראָז פרימאַק
בענטשע פרימאַק
שרה פאָזנער
יאַניע פאָלאַנסקי
דזשעק פאַלמער
וויליאַם פרידמאַן און פרוי
נתן און פייגע פורעמבערג
שמואל און איוואַ פראַנצבלאַו
חברים פינקלשטיין
מעקס פריידענטאַל אין אָנדענק
פון זיין פרוי
מ. פיש
מרום פייערמאַן = לעווין
קירטמאַן אהרן
פ. קרייצער און פרוי
ענאַ קרופין אין אָנדענק פון איר
מאַן נחמן
פרידאַ קינג
חברים קיימען
סאָניאַ קאַראַבעלאָ אין אָנדענק
פון איר מאַן יוסף
לינאַ קלאַפּערמאַן
יאָסל און לילי קאָרן
אייב קאָרן אין אָנדענק פון זיין
פרוי רוט
אברהם קאָזאָוואַו
מענדל און בעסי קענטאָר

רעגינאַ קאַטלער
אברהם קרעמער
מ. קאַפּלאַן
אַנאַ מענדעלמאַן
אַ. קריגער
ליאָן און כאַנקע קושינסקי
י. און ז. ראַבינס
נ. און מ. ראָזענפעלד
אהרן און בעסי ראטבלאַט
מערי ריטשמאַן און אָנדענק פון
איר מאַן דוד
שמחה און חייקע ראָטענבערג
מעקס און מאַניע ריטש
חוה און אהרן ראָזען
אָסקאַר און מירל ראָטבלאַט
י. אַ. ראַנטש
דייוו און מאַניע שאַפּיר
משה און פייגע שטראַסבורגער
חיים און רות שווארץ
דזשוליוס און עלסי שולמאַן
גיטל און א. שייפער

ניו־יאָרק:

אברהם ביק
אברהם דזשענאָווסקי
רחל סאַפּרין
שרה קינדמאַן־מעסטל

וואַשינגטאָן:

דזשיסלאַוו לודוויטשאַק

קאַנאַדאַ:

פייגעלע זוכמער
אייזיק עטלין

פּעטערסאָן ניו־דזשורזי:

ראַלף און סילוויאַ פּאָזנער
און אָנדענק פון זייער מוטער
און פאָטער
מעקס און סעידי פּאָזנער

מילוואָקי וויסקאָנסין:

בעסי און גערטרוד לעטווין

מיאַמי פלאָרידאַ:

משה ראַהינסקי.

באָסטאָן:

ד"ר ה. ב. סטעלער

אַרגענטינאַ:

מיניאַ סטיר — בוענאָס איירעס
רעגינאַ בערי —
בוענאָס איירעס

פּאַריז, פראַנקרייך:

דזשאָרזש און בערט פּאָזנאַ
יאָסל און זאָפיע גראַנאַס

אָוקלאַנד, קאַליפאָרניאַ:

טשאַרלס פרידמאַן און פרוי
וויליאַם קאַפּלאַן און פרוי
דוד ראָזען און פרוי.

נאָרט האָליוואָוד:

חברים אָראַטאָוסקי
חברים אַקין.
חברים בערנשטיין

גיטל ביזער.
אסתר באָן־פאַסטאָף.
חברים גאָלדבערג.
חברים דרעזנין.
אַדאָלף האָפמאַן.
חברים סטיין.
סאָניע סאָקאָל.
חברים פאַראָווסקי.
אַלעקס פאַראָווסקי.
דוד רובין.

שיקאַגאָ:

ב. לעפקאָוויטש.
טשאַרלס מעלער.

ווענים און סאַנטאַ מאָניקאַ:

דאָרע ביירעק.
האַרי בעקער.
א. בראַון.
נאַדיע בעל.
ב. און עלקע דאַנסק
אייב און עלקע ווילמאַן
חוה וויינשטיין.

טשאַרני און לילי נאַרום.
ליזאַ נייטענסאָן
סאַול און לאָראַ לין.
ביטריס סטאָלאַר
לילי און הערים סווערדלאָף.
טעד פרימאַן.
ענאַ קעסטינאָ־שעפּראָ.

עלסינאָר, קאַליפאָרניע:

משה און לאה בלום.
שולמית הארצין.
נתניאל מאַימאָן.
מרדכי סויפער און פרוי.
עני פלאַום.
טייבל קאַלווער.
סעם ראַטינאָו און פרוי.
שמואל שוואַרץ און פרוי.

סיטי טערעס:

חברים בערנסטיין.
נעיטין געלעס.
הערשל און ענאַ גאָלדפאַרב.
חברים סטיינהאַרט
לואי סימינאָוו

אַ דאַנק מיין פרוי, שרה פאָזנער, פאַר העלפן מיר אין דעם בוך „וועלט און היים“, אַ דאַנק דעם סעקרעטאַר בערל מעלאַמעד, פרידאַ קינג טרעזשורער, אידיט גאָרעליק — פאָרזיצער.

אינהאַלט:

אַריינפיר . . . 9

נסיעות און אימפּרעסיעס

פרילינג און שניי . . . 18
ניו־יאָרקער מיניאַטורן . . . 21
„אין סאָבוועי“ . . . 24
„טאַימס סקווער“ . . . 26
אַ רייזע אין דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט . . . 28
אַ דייטשקע און אַ דייטש . . . 30
ווי ע ר אַ . . . 33
אין בערלין — פאַר פאַריז . . . 37
פאַריז — אַ ביסל געשיכטע . . . 40
דאָס גאָלדענע שעפּסעלע . . . 43
די פראַנצויזישע קלאַסיק, ליטעראַטור און קונסט, וויקטאָר הוגאָ . . . 46
טשאַרלס דיקענס און וויקטאָר הוגאָ . . . 49
פאַריז, מאָנמאַרטר און פּער לאַשעז . . . 51
צ ו ר י ק ב ל י ק . . . 55
פראַנקרייך — אַלט און ניי אין אָרלעאַן . . . 58
אין פאַריז — 1961 . . . 61
אוי, גאָט איז מיט אייך... . . . 64
דער גרויסער סוד . . . 67
אַ מעשה פאַרן אייניקל . . . 71
פאַר די קינדער אין פּוילן . . . 75
ווען איך בין געווען קליין . . . 77
פאַרט אַ ייד קיין ישראל . . . 79
נ ע אַ פּ אָ ל . . . 85
אין מדינת ישראל 1961 . . . 90
אַ בלומען־בוקעט אין וואַלד אויף די הרי יהודה וירושלים . . . 103
אין אַ קאַפע . . . 106

דער יידן=מערדער אייכמאַן האָט פּלאַנירט צו פאַרטיליקן עלף מיליאָן יידן. 108
בײַם אייכמאַן=משפּט... 110
„ווי גאָוואָריטיע פּאַ רוסקי?...“ 116
אַזוי האָט זיך עס אָנגעהויבן... 119
„קאַמיעניע קשיטשאָן“ — שטיינער שרייען 129
אַן אַלבאָם פון נאַציִשע רציחות אין פּוילן 133
וועגן גרשון מינקאָוויטשעס בוך „פון ביטען ביז ירושלים“,
האַוואַנאַ, קובאַ — 1955 137
דער וועג צוריק איבער איטאַליע אויף דער שיף מיט דייטשן 142
„ש יי ן א י ז מ יי ן ל אַ נ ד“ 147
דער צויבער פון סאַן פראַנציסקאָ 151

ליכט און שאָטן אין האָליוווּד

איבער קליינע געסלעך אין האָליוווּד 163
וווּנדער פון האָליוווּד 166
בילדער פון האָליוווּד 170
אַ גאַס אין האָליוווּד 173
אַ בלומען=גן=עדן אין קאַליפאָרניע 178
מאַהאַטמאַ גאַנדי 180
ק ר י ס ט י נ אַ 184
ק ע ט ר י ן 187
„אָסקאַר“ האָט געפונען דעם טאַטן... 192
אַ מ ת נ ה... 195
צ וו יי ה יי ז ע ר 200
„שעלטערס“ אויף מיין גאַס 209
בײַם ברעג פון פּאַציפישן ים 214
דאָס נייע פּנים פון האָליוווּד 217
אָרעמקייט און נויט 220
„וווּ איז מאַמע און פּאַפּאַ?“ 222
די ריוויערע בײַם פּאַציפישן ים 225

עפּייען וועגן שרייבער

באַוועד פּאַוועד — אַזוי זע איך אים 231
משה לייב האַלפּערן 235
מ. אָלגין אין קעמפּ 239
ז. וו יי נ פּ ע ר 245
קלמן מרמר — דער „מיטברודער פון מענטשן“ 253
אפרים קאַגאַנאָווסקי 264

אהרן גאָרעליק 269
שלום אַש 272
ראובן זאַלצמאַן 281
אברהם רייזען 285
אברהם פּאָלאַנסקי, דער פאָלקס־קינסטלער און לאָדזשער לאַנדסמאַן . . 289
גינאַ מעדעם — איר „לעבן און שאַפן“ 292
משה ווײַנשטיין — דער דיכטער און פאָלקס־מענטש 297
דער דיכטער ל. גאָרעליק 301
יוסף קאַראַבעלאָ — זיין נאָמען געבליבן 305
„אין אונדזער גאָרטן בליען בלומען“ 313
נחמן קרופּין 317

זכרונות — רעטראָספּקאָפּ

צוריקגעקומען פון יענער וועלט... 325
הערשל דער פילאָזאָף... 330
שבועות אין חדר 335
שבועות אין דער אַלטער היים 338
חנוכה אַמאָל, אין לאָדזשער „באַלוט“ 345
תשעה־באב אין לאָדזש ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה 350
ערשטער מאַי אין אַמאָליקן לאָדזש 355